STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05083

OYSGEVEYLTE SHRIFTN

Aaron David Gordon

Permanent preservation of this book was made possible by Herman & Gertrude Gross

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ד. גארדאָן

אויסגעוויילטע שריפטן

„יסודות" — ארויסגעגעבן פון דער מחלקת „החלוץ"
ביי דעם ועד הפועל פון דער הסתדרות אין ארץ־ישראל

כל הזכויות שמורות
נדפס בארץ־ישראל
Printed in Eretz-Israel
דפוס „דבר", תל־אביב



אהרן דוד גורדון

* * *

די „אויסגעוויילטע שריפטן פון א. ד. גאָרדאָן” זיינען אַן איבערזעצונג פון דעם בוך „קיצור כתבי א. ד. גורדון בכרך אחד”, וואָס איז צונויפגעשטעלט און רעדאגירט געוואָרן פון נ. ת ר ד י ו ן, ביי דער מיט־ארבעט פון א ל י ע ז ר ש ו ח ט. די שריפטן זיינען איבערגעזעצט געוואָרן דורך א. ש. ש ט י י ן.

אינהאלט:

שטריכן צו דער לעבנס־געשיכטע פון א. ד. גאָרדאָן — יוסף אראַנאָוויטש 7
פון זיין לעבן אין ארץ ישראל — יעל גאָרדאָן 30
*** (דער עליה־טרוים) — 55

א. פאלק — מענטש:

יסודות 57
דער יחיד און די מאסע 66
צווישן פאָלק און פאָלק 72

ב. נאציאנאליזם און סאציאליזם

צו דער אויפקלערונג פון די באגריפן 77
אינערלעכע אייניקייט 88
דער שווערפונקט 90

ג. ארבעט

דער הויפט־עיקר 95
דער פשוטער אמת 102
די אויפלעבונגס־ארבעט אין גלות 106
דאָס שאפן און דאָס מאכן 110
פיזישע ארבעט 112
נאטירלעכע שותפות 114

ד. מאטעריע און גייסט

כלומרשטע קעגנזאצן 118
לייענענדיק 123
די שרייבער און די ארבעטער 127
דער אויסדרוק וואָס פעלט 136

ה. בריוו פון ארץ ישראל

ערשטער בריוו 139
צווייטער בריוו 142
דריטער בריוו 146

ו. אונזער חשבון מיט זיך אליין

שוואכקייט אין דער גבורה 156
מיינונגס־קאמף 161

ז. דער מענטש און די נאטור

אייל פאר באלייכטונג 169
באוווסטזיין און איבערלעבונג 178
די אלוועלטלעכע פראגע 196
וועגן דער שיינקייט 208
ליבע און שאפונג 218
צוקונפטס־געמיט 225

ח. באטראכטונגען

דער קאָנגרעס 230
קולטורעלע פארשקלאפונג 233
געדאנקען וועגן מיליטער 236
צום אָנדענק 240
די אספת הנבחרים 243
ארום די תקנות פון מושב עובדים 249
שפאצירן אויף די כבישים 252

ט. בריוו און לעצטע נאטיצן

צו נ. ב. 255
צו דגניה 259
„ „ 260
„ „ 261
יום כפור 262
די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה 265
לעצטע באטראכטונגען 269

יוסף אראָנאָוויטש

שטריכן צו דער לעבנס־געשיכטע פון א. ד. גאָרדאָן

גאָרדאָנס משפחה שטאַמט פון ווילנע. די דאָזיקע משפחה האָט געהאַט א יחוס־טראַדיציע פון דורות, און אין ווילנע האָט מען זי געהאַלטן אַלס איינע פון די עלטסטע און מיוחסדיקסטע משפחות. גאָרדאָנס זיידע, וואָס נאָך אים הייסט ער: אהרן דוד, איז אריבער פון ווילנע קיין שקלאָוו. ער איז געווען א באַרימטער למדן און אַן אויסערגעוויינלעכער בעל־מידות. ער האָט איבערגעלאָזן אין כתב־יד פאַרשיידענע ווערק פון רעליגיעז־תלמודישן אינהאַלט. זיינע שטאָט־לייט האָבן אים פאָרגעשלאָגן א רבנות־שטעלע, ער האָט אָבער ניט געוואָלט זיך מפרנס זיין פון דער תורה, מאַכן זי פאַר „א קרדום לחפור בה", האָט ער געצויגן די חיונה פון קלייט, וואָס די ווייב האָט געהאַלטן.

דער זון אורי, א. ד. גאָרדאָנס פאָטער, איז געווען אַ ייד אַ תמים, געווען פאַרטאָן טאָג און נאַכט אין תורה, זייער אַ פרומער און אָפּגעהיט יעטוועדער מצוה ווי קליין און גרויס, ממש ביז מסירת־נפש, מקיים צו זיין „ייהרג ואל יעבור", און גלייכצייטיק איז ער געווען גאַנץ ווייט פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם. די עצם מידה פון קנאות האָט זיך אין זיין סביבה באַרעכנט אַלס „חסידישע" מידה, און ער איז „א מתנגד" געווען.

זיין ווייב דבורה, די מוטער פון א. ד. האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר חכמה און וווּנדערבאַרע פייאיקייטן, מיט איר גוטהאַרציקייט און מאָראַלישקייט. אין אירע קינדער־יאָרן פלעגט מען אויף איר זאָגן: ווען זי ווערט געבאָרן אַ מאַנסביל, וואָלט זי זיכער געווען אַן „עילוי". די דאָזיקע פרוי האָט אין איר סביבה פאַרנומען דעם אויבנאָן, און זייער אָנגעזעענע מענטשן פלעגן זיך צו איר ווענדן נאָך עצות אין גאַנץ פאַרפּלאָנטערטע ענינים.

בעת אורי און זיין ווייב זיינען נאָך יונג געווען, האָט זייער קרוב באַראָן יוסף גינזבורג — זיי און אנדערע זייערע קרובים — אריבערגעפירט קיין פּאָדאָליע, ווו ער האָט ארענדירט דעם „אַקציז" (ד. ה. דאָס איינקאַסירן די מלוכה־צינזן אויף בראָנפן). עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָט אורי גאָרדאָן געאַרבעט ביים באַראָן אין

„אַקציז", דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער שטעלע און האָט אויף זײַן אײגענעם חשבון אַרענדירט אַ גרויסן דאָרף אין דרום־פּאָדאָליע, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַן אַנטוויקלטע און פֿילפֿאַרביקע ווירטשאַפֿט. דאָס דאָרף האָט געהייסן טראַיאַנאַ. אָנצופֿירן מיט אָט דער גרויסער ווירטשאַפֿט האָט אויף זיך גענומען זײַן ווײַב, און ער אַלײן האָט זיך אַרײַנגעלאָזן אין לערנען און יראת־שמים. די דאָזיקע משפּחה איז אין דער גאַנצער סביבה באַרימט געוואָרן אַלס גאַסטפֿרײַנדלעכע און האַרציקע מכניסי־אורחים, און אַזוי אַרום האָבן זיי נושׂא חן געווען ניט בלויז בײַ ייִדן, נאָר אויך בײַ די אוקראַיִנישע פּויערים. אין אָט דעם דאָרף איז שבֿועות פֿון יאָר תרט"ז געבאָרן געוואָרן זייער זון אַהרן־דוד, נאָך דעם ווי זייערע ערשטע פֿיר קינדער זײַנען געשטאָרבן נאָך גאָר עופֿ׳לעך. א. ד. איז פֿאַרבליבן אויף זייער גאַנצן לעבן אַ בן־יחיד, זיי האָבן אויך קײן טעכטער ניט געהאַט. עס איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, אַז זייער אײנציקן טרייסט אין לעבן האָבן זיי געפֿונען אין אָט דעם אײנציקן זון, און זיי האָבן איבער אים געציטערט און געפּלאַטערט אָן אַ מאָס און אָן אַ סוף. אַזוי ווי דאָס רוב אויסגעצערטלטע קינדער — איז אויך ער געווען אַ שוואַך קינד און ניט אַרויס פֿון דאָקטוירימשע הענט; זיי האָבן דורכויס געפּאָדערט — און די עלטערן האָבן געמוזט נאָכגעבן, אַז ביז זיבן יאָר זאָל מען דאָס קינד גאָרנישט לערנען, אַפֿילו ניט צו לייענען.

אַז ער איז געוואָרן זיבן יאָר אַלט, האָבן זײַנע עלטערן אײַנגעלאַדן צו זיך אַהיים אַ מלמד פֿאַר זייער בן־יחיד. אָט דער דאָזיקער מנהג אײַנצולאַדן אַ ספּעציעלן מלמד פֿאַר זייער קינד האָט זיך געצויגן עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד, ביז דאָס ייִנגל איז אונטערגעוואַקסן און דענסטמאָל האָט מען אים גענומען שיקן לערנען אין דער פֿרעמד, פֿריער אין נאָענטן שטעטל גאַלובינסק, דערנאָך קיין אַבאַדאָווקע, וווּ עס האָבן געוווינט זייערע קרובֿים — פֿאַמיליע טאַרטאַקאָוו. אַז דאָס ייִנגל איז אַלט געוואָרן פֿערצן יאָר, האָבן זײַנע עלטערן אים „פֿאַרשיקט" אין אַ מקום־תורה, קיין ווילנע. זײַן מאַמע פֿלעגט דערציילן, ווי שווער דאָס איז איר אָנגעקומען, ווי אַזוי זי האָט זיך געראַנגלט, ביז זי האָט באַשלאָסן צו ברענגען אַזאַ קרבן לכּבֿוד דער תּורה: אָוועקצושיקן פֿון זיך איר אײנציק קינד אין אַזאַ ווײַטן פּלאַץ. אין ווילנע האָט א. ד. געלערנט נאָר אײן יאָר און איז צוריק געקומען אַהײם. צו יענער צײַט האָבן זײַנע עלטערן אים פֿאַרקנסט מיט דער טאָכטער פֿון זײַן טאַטעס שוועסטער, פֿייגל טאַרטאַקאָוו, און אים אָוועקגעשיקט קיין האָשטשעוואַטע צום באַוווּסטן למדן, ר׳ הערשקע, וואָס איז געווען דער מלמד בײַ די שטעטלשע גבֿירים. דאָרט האָט ער געלערנט ביז צוויי יאָר.

דערווײַל האָט זיך געענדערט די לאַגע פֿון זײַנע עלטערן, עס האָט זיך געענדיקט דער טערמין פֿון אַרענדע־קאָנטראַקט, און זיי האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן דעם דאָרף. אַהרן דוד איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו זײַן געבורטס־דאָרף און פֿלעגט אים מיט גרויס בענקשאַפֿט דערמאָנען. עס איז זיך לײַכט פֿאָרצושטעלן, אַז אים איז

געוועז זייער שווער צו שיידן זיך מיט אים. צו זיין גליק האָבן זיך זיינע עלטערן אויסגעפונען אַן עסק אין אַ וואלד, וואָס איז געווען גאַר נאָענט צו זייער דאָרף, און זיי האָבן אהינצו אַראָפּגעבראַכט דעם זון, און צום זון האָבן זיי אַראָפּגעבראַכט אַ מלמד, וואָס האָט חוץ גמרא מיט אים געלערנט תנ״ך און דקדוק. אין אָט דער תקופה, זייענדיק זיבצן יאָר אַלט, האָט אין אים אויפגעוואַכט אַ גוואַלדיקע תשוקה צו לערנען שפּראַכן און וויסנשאַפטן, און ער האָט זיך מיט גרויס פלייס גענומען לערנען. די עלטערן האָבן אים ניט געשטערט צו לערנען וועלטלעכע לימודים, זיי האָבן אָבער ניט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַזוי וויכטיק, דאָס מען זאָל דאַרפן אָנקומען צו לערערס. ער אַליין האָט אויך ניט פאַרלאַנגט קיין הילף, בלויז צופעליק האָט ער זיך אַ קורצע צייט געלערנט רוסיש מיט דער הילף פון אַ לערער. דאָס איז געווען אַ רוסישער סאָלדאַט, וואָס איז מגולגל געוואָרן אין זייער וואלד. פון אים האָט ער זיך אויסגעלערנט אין משך פון אַ חודש צו לייענען רוסיש און די גרונט־כּללים פון דער רוסישער גראַמאַטיק. דאָס איז דער איינציקער לערער, וואָס ער האָט געהאַט פאַר דער צייט, וואָס ער האָט געלערנט וועלטלעכע לימודים. פיר יאָר האָט זיך געצויגן אָט די דאָזיקע תקופה פון זיין לערנען. זיין פלייס איז געווען גוואַלדיק. אָט פאַר דער צייט האָט ער זיך אויסגעלערנט העברעאיש, רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש, געלייענט ביכער אין אַלערליי געביטן און געלערנט אויף אויסווייניק לידער אין די אַלע פיר שפּראַכן. אין פאַרלויף פון אָט דער צייט האָט ער זיך דערוואָרבן ידיעות אויף פאַרשיידענע וויסנשאַפטס־געביטן ביז אַ פולן קורס פון אַ מיטל־שול. זיין פלייסיקייט און אַרבעטזאַמקייט טאָג און נאַכט האָבן אים דערמידעט, און די עלטערן האָבן מורא געהאַט פאַר זיין געזונט; היות אָבער ווי זיי האָבן גוט געקענט זיין פעסטן כאַראַקטער, האָבן זיי אפילו ניט געפּרוּווט זיך אים צו שטערן אין לערנען. ווען זיי האָבן זיך דערנאָך דערוווּסט, ווי ווייט ער איז מצליח — האָבן זיי אים פאַרגעלייגט אַריינצוטרעטן אין אוניווערזיטעט און לערנען מעדיצין. זיי זיינען געווען זיכער, אַז ער וועט זיך פירן יידישלעך אויך זייענדיק אַ דאָקטאָר, ער אין אָבער ניט געווען גענויגט צו מעדיצין און האָט ניט געוואָלט אַריינטרעטן אין אוניווערזיטעט.

ווי אויבן געזאָגט, האָבן זיינע עלטערן אים נאָכן קומען פון ווילנע, פאַרקנס׳ט מיט זיינער אַ קוזין, און ווען ער איז אַלט געוואָרן אכצן יאָר, האָבן זיי געוואָלט אים חתונה מאַכן מיט איר. ער האָט אָבער דערקלערט, אַז ער וועט ניט חתונה האָבן, איידער ער וועט גערופן ווערן צו מיליטער־דינסט. די עלטערן זייענדיק זיכער, אַז אלס אַ בן־יחיד וועט ער זיך זיכער באַפרייען, האָבן געהאַט פיל פאַרדרוס פון זיין זיך פאַרעקשנ׳ען און זיך געמיט מיט אַלערליי דרכים צו משפיע זיין אויף אים. דאָס האָט זיי אָבער ניט געלונגען: זיינע באַשלוסן אין פּרינציפּיעלע ענינים זיינען זינט ער איז געקומען צום שכל תמיד געווען פעסטע, און עס איז ניט געווען קיין כוח אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיי קענען בטל מאַכן. אז עס איז געקומען די צייט, ווען ער האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום „פּריזיוו״, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין אָט דעם

קרייז זיינען פאראן זייער פיל „פאַרשווונדענע", ווי דער שטייגער איז, און עס איז געווען אַ גרונט מורא צו האָבן, אַז די פעסטגעשטעלטע נאָרמע פאַר די געראופענע צו מיליטער־דינסט וועט ניט אויסגעפילט ווערן, און מען וועט מוזן אָננעמען אויך „בן־יחיד'ס". די עלטערן זיינען זיינע גרייט געווען אויסצוגעבן אַ סך געלט, כדי צו ראַטעווען זייער זון פון דער דאָזיקער „סכנה", א. ד. האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זיין, אַז מען זאָל פאַר אים אָנקומען צו שוחד, ווייל די פאָלגן פון געבן שוחד זיינען לרעה פון די יעניקע וואָס מען נעמט זיי צו אויפן חשבון פון דעם שוחד־געבער, און אַזאַ עוולה, אַז עמיץ זאָל גיין דינען אַנשטאָט אים — האָט ער אפילו אויפן זין ניט געקענט ארויסברענגען. עס איז לייכט פאָרצושטעלן זיך, וויפיל פיין און יסורים זיין „עקשנות" האָט פארשאפט די עלטערן. עס האָבן אָבער ניט געהאָלפן זייערע בעטעניש און איינריידעניש. ער איז פעסט געבליבן ביי זייניקס און געשטאנען אויף דער וואך, מען זאָל אין דעם דאָזיקן ענין גאָרנישט טאָן. פון פחד טאָמער נעמט מען אים צו אין סאָלדאטן — איז זיין מוטער קראנק געוואָרן, און זיינע עלטערן האָט ער שטארק ליב געהאט און אים איז געווען פיינלעך צוצוקוקן זיך ווי זיי ליידן צוליב אים. די גערעכטיקייט איז אָבער שוין דענסטמאָל געשטאנען ביי אים העכער פון אלץ, אפילו פון עלטערן־ליבע, און האָט ער ערגיץ געזען, אז די גערעכטיקייט קען פארלעצט ווערן — האָט ער אויף דער קלענסטער זאַך ניט מוותר געווען. ער האָט זיך געשטעלט צו מיליטער און איז צוליב זיין שוואכן געזונד פארבראקירט געוואָרן. און אין אַ האלב יאָר ארום נאָכן פריי ווערן פון מיליטער, האָט ער חתונה געהאט און זיך באזעצט אין אבאדאָווקע, ווו עס האָבן געוווינט זיין ווייבס עלטערן. מיטן וואלד האָט ער זיך צעשיידט אויף אייביק, ווייל אויך זיינע עלטערן האָבן פארלאָזן דעם וואַלד און אריבער אין דאָרף מאָהילנע, דער גוט פון באראָן גינזבורג. דאָרט איז זיין פאָטער אָנגענומען געוואָרן אלס באַאמטער.

א. ד. גאָרדאָן האָט זייער פיל געוווסט צו דערציילן מכוח זיין לעבן אין וואלד. בכלל האָט די דאָזיקע תקופה, ביזן צוויי און צוואנציקדיקן עלטער — צוערשט אין דאָרף און דערנאָך אין וואלד — איבערגעלאָזן אויף זיין גאנצן לעבן די טיפסטע איינדרוקן אין זיין נשמה. דער דאָזיקער פרט פון זיין לעבנס־געשיכטע וואַרפט אַ שיין אויף זיין וועלט־באנעם, און פארלייכטערט צו פארשטיין דעם גאנצן וועזן פון זיין פריידיגן צו לעבן אין דער נאטור, און העלפט אונז אריינצודרינגען אין זיין פילאָזאָפישן סיסטעם מכוח דער געמיינזאמקייט פון מענטש און נאטור. אין קעגנזאַץ צו אלערליי פריידיגער פון דעם אַרט, וואָס זייענדיק איבערזעטיקט מיט שטאָטישער קולטור ביז צו איבערדריסיקייט, הויבן זיי אָן אַבסטראַקט צו פארהערלעכן די נאטור — האָט גאָרדאָן געצויגן זיין יניקה פון גאָר אנדערע, גאנץ פאָזיטיווע קוועלן, פון דירעקטן באריר מיט דער נאטור און טיפער באציאונג צו איר. און צוליב דעם טאַקע איז אים לחלוטין פרעמד געווען די פילאָזאָפיע מכוח דער פארדאָרבונג און אַנטאַרטונג פון דער קולטור, און אַז עס איז דורכויס נויטיק זיך אָפּצוזאָגן פון איר

און זיך צוריקקערן צו דער לאגע פונעם אורמענטש, צום פרימיטיוון לעבן. אדרבא, ער האָט די קולטור פאַרהערלעכט און האָט געזען די הויפּט־אויפגאבע פון מענטשן אין איר אנטוויקלונג און פאַרשריט. ער האָט אָבער געגלויבט, אַז דער אמתער פּאַרשריט פון דער מענטשלעכער קולטור וועט נאָר דענסטמאָל מעגלעך זיין, אויב זי וועט זיין אַ פועל־יוצא פון מענטשנס ארבעט אין דער נאטור און פון לעבן אין איר.

דאָס רוב שריפטן זיינע זיינען איבערפולט מיט פאַרשיידענע איינצעלהייטן פון אָט דער לערע זיינער, און ניט דאָ איז דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן אויף זיי. דאָ איז אָבער דער פּלאַץ צו באַצייכנען, אַז א. ד. גאָרדאָן האָט לויט זיינע זיטן און פעסטן כאַראַקטער געדינט אַלס גלענצענדער ביישפּיל פאַר אָט דעם יעניקן סינטעז פון הויכער קולטור און ארבעט אין דער נאטור, וואָס ער האָט אים תמיד געפּריידיקט און זיך באמיט אויפצוקלערן זיין באַטייט די מענטשן פון זיין דור.

ארום צוויי יאָר האָט ער געלעבט אין זיין ווייבס געבורט־שטעטל, אָבאַדאָווקע. ער האָט אָבער אויך פאַר דער קורצער צייט אַ סך זיך אָנגעליטן און אָנגעפּלאָגט. דאָרט האָט ער זיך דאָס ערשטע מאָל אָנגעשטויסן אויף דעם חסידישן פאַנאַטיזם, און טראָץ דעם, וואָס ער האָט אָפּגעהיט אלע דינים און מצוות ווי אַ פרומער ייד, האָבן די חסידים אים געהאַלטן פאַר אַן אפּיקורס. בכלל האָט ער אנערקענט די פּאָזיטיווע זייטן פון חסידות, ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז זי פאַרטושט די אייגנטימלעכקייט פון מענטשן, איז מבטל זיינע געדאנקן און מיינונגען צוליב די מיינונגען פון עמיץ אַן אנדערן, פון אַן אויטאָריטעט, און זאָל דער אויטאָריטעט זיין ווער ער זאָל זיין, און מחמת דעם איז ער געווען קעגן חסידות. אלס אזא איינער וואָס האָט געפּאָדערט פון מענטשן אייגנטימלעכקייט — האָט גאָרדאָן ניט געקענט דולדן די הכנעה צום רבין, זאָל עס זיין אַ חסידישער צי אַ משכילישער רבי. אין אָט דער חסידישער קליינשטעטלדיקער סביבה האָט מען לײדער אים ניט פאַרשטאַנען, מען האָט אים געהאַלטן פאַן אַן אפּיקורס און זיך געקריגט מיט אים. פון דער אַנדער זייט אָבער, האָט ער זיך איינגעשאַפט פריינט און פאַרערער צווישן דעם יונגן דור, וואָס האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט, אין זייער געזעלשאַפט פלעגט ער פאַרברענגען די צייט, שפּאַצירן, שמועסן, ביכער לייענען, און פיל פון זיי זיינען פאַרבליבן זיינע פריינט און צוגעבונדן צו אים אַ סך יאָרן.

אָפּזייענדיק אַ קורצע צייט אין אָבאַדאָווקע, האָט ער באַקומען אַ שטעלע אין באַראָן גינזבורגס גוט מאַהילנע, וווּ עס האָט געאַרבעט זיין פאָטער, און ער איז אַריבער אהינצו ארבעטן. ער האָט אין מאַהילנע געאַרבעט, מיט אויסנאַם פון אייניקע איבעררייסן, ארום דריי און צוואנציק יאָר, ביז אַ יאָר בערך פאַר זיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל. אָט די לעבנס־תקופה זיינע איז געווען שווער און פּיינפול, הגם זיין מאַטעריעלע לאגע אלס הויכער באַאַמטער איז געווען ניט שלעכט.

פון זיינע זיבן קינדער זיינען פינף געשטאָרבן קליינערהייט, און דער טויט פון איטלעכן קינד האָט איבערגעלאָזן טיפע ראַנצן און ווונדן אין זיין נשמה. אַ יאָר נאָך

דעם ווי ער האָט איבערגעפירט זיין פאַמיליע קיין מאָהילנע, האָבן געטראָפן די באַוווסטע מאַי־געזעצן, און מען האָט ארויסגעשיקט זיין משפחה פון דאָרף אין נאָענטן שטעטל האָשטשעוואַטע. ער אליין פלעגט צייטנווייז רואיק אָפּאַרבעטן די וואָך און קומען אהיים בלויז אויף שבת. עס האָט אָבער גאַנץ אָפּט פּאַסירט, דאָס מען פלעגט אים צווינגען יעדן אָוונט נאָך דער ארבייט צו פאַרלאָזן דעם דאָרף, און אפילו אין די שווערע ווינטער־נעכט פלעגט מען אים ניט דערלויבן צו נעכטיקן אין דאָרף. מיט גרויס שתדלנות פלעגט אים אַ מאָל געלינגען צו באַקומען פאַר דער משפחה אַ דערלויבעניש זיך צוריקצוקערן אין דאָרף. אָבער ניט אויף לאַנג האָט עס געגאָלטן, אַפּגעזעסן אַ שטיקל צייט דאָרט און ווידער ארויסגעטריבן. אזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל.

א צוגאָב צו דעם אלעמען און ערגער פון דעם אלעמען איז געווען די עצם שטעלע, וואָס האָט כּלל ניט אנטשפּראָכן זיין גייסט, און די סביבה פון די אַנדערע אַנגעשטעלטע וואָס איז אים געפאַלן צו לאַסט. זייענדיק אַ טעמפּעראַמענטפולער מענטש, דורכגעדרונגען מיט א שטאַרקן ווילן און שטרעבן צו שאַפונגס־ארבעט, און פיינט האָבנדיק תכלית שנאה מעכאַנישע ארבעט — האָט ער טראָץ דעם געמוזט אין משך פון יאָרן פאַרנעמען דעם אַמט פון קאַסיר, וואָס איז צוליב דעם מעכאַנישן כאַראַקטער זיינעם אים שטאַרק נמאס געוואָרן. און די אַנגעשטעלטע מיט וועלכע ער האָט פאַרקערט, דער עיקר׳שט די העכערע פון זיי, זיינען דאָס רוב געווען קליינלעכע מענטשן, אָן שום אידעאַלן, „פרייזיניקע” אין רעליגיעזן זין, — דאָס הייסט, אז אויך אין דעם הינזיכט זיינען זיי געווען אדורך פּוסט און לער. און שרעקלעך איז געווען זיין לאַגע צוליב דעם, וואָס ער האָט פשוט ניט געזען פאַר זיך קיין אויסוועג. ער איז געווען קעגן געשעפטן און האנדל. בלויז דער געדאַנק, דאָס עס קען מעגלעך זיין, אז ער זאָל ווערן א סוחר אָדער אַ קרעמער, האָט אויפגעשוידערט זיין גאַנצן וועזן. ער האָט על כן קיין אנדער ברירה ניט געהאַט, ווי צו זיין אַן אַנגעשטעלטער, און ער האָט דאָס אייגן לייב געגעסן און זיך געהאַלטן ביי דער שטעלע. אין משך פון די יאָרן, וואָס ער האָט געאַרבעט ביים בראָן, האָט ער צייטנווייז געהאַט צוזאַמענשטויסן מיט די העכערע אַנגע־שטעלטע, וואָס האָבן אים ניט געקענט מוחל זיין זיין יושר און תקיפותדיקן פּאַרטיי־דיקן די גערעכטיקייט אָן קיינע פשרות. אָט אַזעלכע קאָנפליקטן האָבן אים ניט איינמאָל געצוווּנגען איבערצורייסן די ארבעט אין קאָנטאָר. עס האָט פּאַסירט, אז ער האָט איבערגעריסן די קאָנטאָר־ארבעט אויף אַ גאַנץ יאָר, און האָט געאַרבעט צוזאַמען מיטן בראָן דוד גינזבורג אין זיין ביבליאָטעק. אַן אנדערש מאָל איז ער אנגעקומען אלס אַנגעשטעלטער אין א זעג־מיל. עס האָט אָבער אויך פּאַסירט, אז ער האָט קיין שום ארבעט ניט געפונען און געבליבן אָן שום לעבנס־מיטלען. און איטלעכער מאָל, וואָס ער פלעגט צוריק אָנהויבן ארבעטן אין קאָנטאָר, איז אים אנגעקומען מיט גרויס פּיין און צער. עס איז אָבער אין אָט דעם דאָזיקן טרויער־בעכער געווען אויך

א טראָפּן טרייסט: די ארבעטער און די יונגע אָנגעשטעלטע האָבן אים שטארק ליב געהאט און אים געהאלטן פאר זייער באשיצער און גייסטיקן לערער.

אין אָט דער דאָזיקער תקופה פון זיין לעבן האָט גאָרדאָן זיך פארטון אין דערציאונגס־ארבעט אין ברייטסטן זין פון וואָרט. זיין נאָענטסטע ציל איז געווען, פארשטייט זיך, די דערציאונג פון זיינע אייגענע קינדער — זיין זון און טאָכטער. די בעסטע צייט זיינע האָט ער פארטון אויף לייענען ביכער איבער דערציאונגס־פּראָבלעמען, אויף באראטן זיך מיט די לערער און שאפן פּראָגראמען פאר די לימודים, אויף אויספלוגן און געשפּרעכן מיט די קינדער. ער האָט זיך אָבער דערמיט אליין ניט באנוגנט. דאָס שטרעבן צו דער יוגנט־דערציאונג האָט אים ביסלעכווייז פארוואנדלט אין דעם גייסטיקן פאָטער פון די בעסטע יוגנטלעכע אין די ביידע מקומות, ווו ער האָט געוווינט: אין דאָרף מאהילנע און אין שטעטל חאָטשעוואטע.

ער האָט אויך געהאט א גרויסע השפּעה אויף די עלטערן: ער פלעגט פאר זיי האלטן שבת אין שול רעדעס איבער דערציאונג, נאציאָנאלע אויפלעבונג, חיבת־ציון און אלערליי געזעלשאפטלעכע טעמעס. ווי נאָר מען פלעגט אים זען אין א שבתדיקן טאָג גייענדיק אין שול אריין צו רעדן, אזוי באלד פלעגט די שול פול ווערן פון עק ביז עק. באַזונדערס באליבט איז ער געווען ביי די בעלי־מלאכות און פשוטן המון, וואָס האבן א סך מער געפילט דעם אינהאלט פון זיינע רייד ווי זיי פארשטאנען.

אלס זיין הויפּט־אויפגאַבע האָט אבער גאָרדאָן געהאלטן די טעטיקייט צווישן די יוגנטלעכע. זיין הויז האָט זיי געדינט אלס זאמל־פּונקט: אהינצו פלעגן זיי קומען לייענען צייטונגען און ביכער, דאָרט פלעגן זיי איינאָרדנען לויט גאָרדאָנס פּראָגראמען און אונטער זיין אויפזיכט — אָוונטן, פאָרטראגן אויף כלערליי טעמעס, פאָרלעזונגען און וויכּוחים. עס האָט אויך ניט געפעלט קיין כאָר. לייען־אָוונטן פלעגט גאָרדאָן אָפט איינאָרדנען אויך אין דאָרף אפילו אין מיטנוואָך, און אזוי ווי דאָס שטעטל איז געווען נאָענט, פלעגן זיינע שטעטלשע תלמידים קומען אייך אויף די דאָרף־אָוונטן. די הויפּט־אָוונטן פלעגן אָבער איינגעאָרדנט ווערן אין שטעטל ביי אים אין שטוב מוצאי־שבת. אהערצו פלעגן אויך קומען די מאהילנער יונגע אָנגעשטעלטע און זיי פלעגן באהויפּטן, אז דאָס גייסטיקע כּארגניגן, וואָס זיי געניסן אָט דאָ אין איין אָוונט, גיט זיי כוח צו ארבעטן אַ גאַנצע וואָך. אין מאהילנע האָט גאָרדאָן געגרינדעט אַ ביבליאָטעק פאר די אנגעשטעלטע און ער אליין האָט מיט איר אָנגעפירט. און היות ווי דאָרט זיינען געווען אָנגעשטעלטע פון דריי פעלקער: יידן, רוסן און פּאָליאַקן, האָט מען זיך שטארק מתווכח געווען מכוח דעם, וואָס פאר א שפּראַך קומט די בכורה. אַ סך פון די לייענער האָבן ארויסגעוויזן א שטארקע נטיה צו דער רוסישער ליטעראטור, ווייל זי קען דאָך דינען אלעמען. גאָרדאָן האָט זיך באמיט צו זיין

אָביעקטיוו און גערעכטיק בנוגע צו אלע דריי שפּראכן, ער האָט אָבער באַזונדערס זיך געמיט, עס זאָלן ניט פאַרלעצט ווערן די רעכט פון דער העברעאישער ליטעראַטור.

אינטערעסאַנט, וואָס ער דערציילט ווי אַזוי ער האָט זיך אין יענער תקופה באַצויגן צו דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור. אין דער יוגנט, ווען ער האָט נאָר אָנגעהויבן זיך צו פאַרטאָן אין וויסנשאַפט און לייענען ליטעראַטור אין פאַרשידענע שפּראַכן, האָט ער זיך קודם־כל אַנגעשטויסן אויף „השׂכּלה"־ליטעראַטור פון אַ געוויסן מין, און עס האָט אים געעקלט פון איר. זי האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אין איר פולער בטלנות, געשמאַקלאָזיקייט און אומקול־טורעלקייט, און ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון איר. „די דאָזיקע ליטעראַטור איז פאַר מיר געווען דער סימבאָל פון אונזער שאַנדע און ירידה, און מיט אַ ווייטאָק אין האַרצן האָב איך זיך פון איר דערווייטערט". ווען ער איז דערנאָך געוואָרן דער לייטער פון ביבליאָטעק און געקעמפט פאַר די רעכט פון דער העברעאישער ליטעראַטור, האָט ער דערשפּירט, אַז אייגנטלעך איז ער זיך אַליין סותר, ווייל ער איז מחוייב צו פאַרשאַפן די לייענער ביכער, וואָס ער אַליין באַציט זיך צו זיי נעגאַטיוו און זאָגאַר אַזעלכע ביכער, וואָס ער האָט זיי אַפילו ניט געלייענט און האָט קיין אנונג ניט פון זייער אינהאַלט. ער פלעגט זיך באַמיען אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון אָט דער דאָזיקער סתירה, האַלטנדיק דאָס רוב לייענער זיינע מעשה קינדער, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין גוי'ישע הענט און מען מוז זיי דערנענטערן צו יידישקייט אויף וואָס פאַר אַן אופן עס זאָל ניט זיין. עס איז אים אָבער ניט געלונגען צו פאַרענטפערן די דאָזיקע אינערלעכע סתירה, וואָס האָט אים פאַרשאַפט גרויס פיין. אַז די העברעאישע ליטעראַטור האָט זיך פאַר דער צייט אינגאַנצן געענדערט — האָט ער כלל ניט געוווּסט, ווייל ער האָט, נאָכן אַרויסטראָגן אויף איר זיין גזר־דין, זיך אַנטשיידן פון איר דערווייטערט. און אַז עמיצער האָט אים געבראַכט אַלס מתנה דעם ערשטן באַנד „על פּרשת דרכים" פון אחד־העם, האָט ער עס העפלעך צוגענומען, אַפילו ניט באַמיט זיך אים אויסצופּאַקן פונעם פּאַפּיר און ערגיץ פאַרשטעקט. בלויז אין אַ האַלב יאָר אַרום, אַז איינער פון זיינע שילער האָט פון אים געפאָדערט איבערצולייענען אחד־העם'ס אַן אַרטיקל אין „השלח", האָט ער פלוצים דערקענט ווי ווייט ער האָט זיך טועה געווען, און עס האָט זיך פאַר אים אַ גאַנץ נייע וועלט אַנטפּלעקט. „איז דען אַזאַ איבערקערעניש אין אונזער ליטעראַטור פאָרגעקומען, און איך האָב געשלאָפן חוני המעגל'ס שלאָף און גאָרנישט געוווּסט!" — האָט ער צעהיצט און התלהבותדיק אויסגערופן. ער איז באַלד אהיים אוועק, צוריק אויסגעגראָבן דעם „על פּרשת דרכים" און אין משך פון צוויי טעג נאָכאַנאַנד ניט צעשיידט זיך מיט אים. זינט דענסטמאָל האָט ער אינגאַנצן געביטן זיין באַציאונג צו דער העברעאישער ליטעראַטור און זיך

אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט אַלץ וואָס איז איר טוט זיך. אמת, אז ביז יענסטמאָל איז ער אויך געווען אַ פלאַמיקער חובב ציון, געפריידיקט חיבת ציון, געלד געזאמלט לטובת דער באוועגונג. ער האָט אבער איבער דער דאָזיקער אידיי גאָרנישט געלייענט, ווייניק וואָס געוווּסט וועגן אירע פארשידענע שטרעמונגען און אירע הויפּט־וואָרטזאָגער אין דער ליטעראַטור.

כדי צו פארשטיין אָט די דאָזיקע באַציאונג זיינע צו דער השכלה־ליטעראַטור, דארף מען געדענקען, אז גאָרדאָן איז כלל ניט געווען ענלעך צו דאָס רוב משכּילים פון זיין דור, און אז ער האָט זיך דערצויגן אָן שום קריזיסן, ער האט פאר זיין בילדונג ניט געקעמפט מיט עלטערן און רביים. ער האָט ניט פארזוכט דעם טעם פון „מים גנובים", פון פארבאָטענעם פרוכט, וואָס זייענדיק פארבאָטן ווייזן זיי זיך אויס זיס צו זיין אויך דענסטמאָל, ווען זיי זיינען דורכויס ביטער. ער איז קיינמאָל ניט נתפקר געוואָרן. ער האָט אָן שום שטערונגען געלערנט וועלטלעכע לימודים לשמם, פונקט ווי ער האָט גלייכצייטיק געלערנט תורה לשמה. און דאָס וואָס ער האָט אין זיינע פריערדיקע לימודים, אין דער אלטער ליטעראטור געפונען: מאָראַלישע געדאַנקען, טיפע באַטראַכטונגען, פּאָעזיע און שיינקייט, — דאָס זעלביקע האָט ער געזוכט אויך אין דער נייער ליטעראטור. ער האט עס אבער גאנץ אומזיסט געזוכט אין דער נייער העברעאישער ליטעראטור, ווייל דאָרט איז קיין זכר פון דעם אַלעמען ניט געווען .ער האט עס אבער גאנץ לייכט געפונען אין די ליטעראטורן פון אנדערע פעלקער.

און דאָס וואָס ער האָט אזוי פארעקשנט אויסגעמיטן צו אונטערזוכן וואָס עס קומט פאָר אין אונזער ליטעראטור, און צי זיינען פאר דער צייט דאָרט גייסטיקע ענדערונגען פאָרגעקומען, איז ניט געווען קיין רעזולטאט נאָר פון זיין עקסטרעמיטעט. באַלד ווי ער האָט נאָר אין אונזער ליטעראטור אריינגעקוקט, אזוי האָט ער זיין אורטייל, וואָס האָט בארוט אויף אַ קלאָרן לאָגישן אויספיר, ארויסגעטראָגן: ביי יידן אין גלות קען ליטעראטור נאָר דאן זיין וויכטיק, כל זמן זי פארנעמט זיך מיט אַבסטראקטע געדאנקען, מיט מאָראַל, מיט הימל־זאכן און ציט איר יניקה פון אוראלטע קוואלן. ווי נאָר אָבער זי ווארפט פון זיך אראָפּ דעם קדושה־מאַנטל און וויל זיך פארנעמען מיט וועלטלעכע זאכן, אזוי באַלד פאלט זי אריין אין א פרעמדער וועלט און פארלירט דאָרט הענט און פיס. מיר פארמאָגן נישט קיין באָדן אונטער די פיס, קיין אייגענעם זעלבסטשטענדיקן לעבן. אונזער אויסקומעניש איז אפּהענגיק פון פרעמדער ארבעט, פון אַ לעבן וואָס אנדערע שאפן פאר אונז, פון די באַציאונגען וואָס זיי אליין באשטימען — און אָן א זעלבסט־שטענדיקן לעבן קען קיין זעלבסשטענדיקע ליטעראטור ניט עקזיסטירן. עס איז מעגלעך בלויז נאָכצומאכן אנדערע. און נאָכמאכן, ווי מען זאָל דערביי ניט מצליח זיין — איז בלויז א דרויסנדיקע דערשיינונג און פארמאָגט גאָרנישט פון דער נשמה און פונעם אינהאלט פון די יעניקע, וועמען מען מאכט נאָך. און דאָס

אַלץ קען זיך ניט ענדערן, כל זמן עס וועט אונזער לעבן זיך גרונטיק ניט ענדערן — איז למאי נאָכשפּירן און זוכן ענדערונגען צום גוטן, אויב דאָס איז אוממעגלעך?

אָבער אויך נאָך דער ערשטער התפּעלות, וואָס ער האט באקומען פון די ענדערונגען צום גוטן, וואָס זיינען פארגעקומען אין אונזער ליטעראטור בנוגע צו געשמאַק און פאָרם, און נאָך פיל לייענען און זיך פארטיפן אין די נייע ווערק — האָט ער ווידעראַמאָל גענומען דערשפּירן אין איר אזעלכע טענער, וואָס זיינען אים אויסגעקומען אומנאטירלעך. באזונדערס האָט זיך זיין דערהער פארשארפט אין ארץ־ישראל, ווי נאָר ער האָט דערשפּירט דעם באָדן אונטער די פיס. „אז איך לייען לערמאָנטאָוו׳ס ליבע־לידער, פיל איך די ליבע זיינע און גלויב אים. און אז איך לייען אבער די ליבע־לידער פון א באַטרעפענדיקן העברעאישן דיכטער, איבערצייג איך זיך טאקע, אז ער קען פארפאסן א ליבע־ליד, איך פיל אָבער גאָרנישט אין זיין ליבע און גלויב אים נישט״.

און צוליב דעם טאקע האָט ער זיך אזוי הארציק באצויגן צו דער ליטעראטור, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שאפן אין ארץ־ישראל עטלעכע יאָר נאָך זיין עליה. די דאָזיקע ליטעראטור האָט ניט פארמאָגט קיין אויסדרוק־קראפט, זי האָט אנגעהויבן שטאַמלענדיק, — איר אויסדרוק־שטאָף איז אָבער געווען אייגנטימלעך, געליפערט פון א זיך שאפנדיקן אייגנטימלעכן לעבן, און עס איז געווען א גרונט צו גלויבן, דאָס ווי ווייט עס וועט זיך אנטוויקלען און פארפולקומען דאָס דאָזיקע לעבן, פונקט אזוי וועט זיך אויך אנטוויקלען און פארפולקומען זיין אויסדרוק — די ליטעראטור. „דאָס איז א נאטירלעכער פּראָצעס, וואָס בלויז די יעניקע, וועלכע לעבן מיט אים און באטייליקן זיך אין אים, זיינען מסוגל אים געגוי צו אנערקענען״. די אבער וואָס לעבן אויסערהאלב דעם דאָזיקן פּראָצעס, דער עיקרשט שרייבער וואָס האָבן אונטערזוכט די דאָזיקע זיך שאפנדיקע ליטעראטור בלויז פון ליטעראַרישן געזיכטס־פּונקט — אָט די אלע, אדער דאָס רוב פון זיי — האָבן אויף דער דאָזיקער קינדערשער ליטעראטור געקוקט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, און גאָרדאָן האָט געהאלטן, אז עס איז נישטאָ קיין גרונט זיי צו באשולדיקן און האבן טענות, ווייל עס איז דאָך נישטא וואס צו פארלאנגען פון דער זקנה, וואָס האָט ניט קיין חוש פארן זיך שאפנדיקן לעבן.

גאָרדאָן האָט פארטון פיל ענערגיע און כוחות אויסצובעסערן די שולן, און ער איז געווען דער ערשטער אויפן געביט פון אויסגלייכן די מיידלשע דערציאונג מיט דער יינגעלשער. זיין טאָכטער האָט ער געלערנט העברעאיש און יידישקייט און האָט קיין אונטערשייד ניט געמאכט צווישן טאָכטער און זון. זיין טאָכטער און אירע א חברטע האבן מיט גאָרדאָנס אקטיווער שטיצע געגרינדעט מיידל־קורסען פאר העברעאיש און אנדערע וויסנשאפטן. די דאָזיקע קורסן האבן זיך ביסלעכווייז אנטוויקלט און פארוואנדלט געוואָרן אין

א העברעאישער מיידל־שול, ווו די יידישע לימודים האָבן פארנומען דעם הויפּט־פּלאַץ. די שילערינען פון דער דאָזיקער שול זיינען געווען פון פארשיידענעם עלטער, און גאָרדאָן האָט זיך באַטייליקט אין דער דערציאונגס־ארבעט פון די מיידלעך מיט דעם זעלביקן אינטערעס וואָס ער האָט ארויסגעוויזן בנוגע דער דערציאונג פון זיינע אייגענע קינדער. העברעאיש איז דורך דער דאָזיקער שול געוואָרן א פליכט־לימוד פאר א סך יידישע טעכטער אין שטעטל, און אויך די יעניקע, וואָס האבן צוליב מאנגל אין פלאץ ניט געקענט באזוכן די שול — האבן זיך באמיט צו לערנען העברעאיש אויסערהאלב דער שול. אַז די דאָזיקע פליכט צו לערנען העברעאיש איז אין שטעטל פארבליבן אויך נאָך דעם, ווי די דאזיקע שול האט זיך געשלאָסן. די לעצטע פאַר יאָר פאר זיין עליה האָט ער פיל אָנשטרענגונגען געמאכט צו פארוואנדלען העברעאיש אין אַן אומגאנגס־שפּראַך צווישן דעם יונגן דור, און עס האט אים אין דער הינזיכט גאָר א סך געלונגען.

עס איז גאר קיין ספק ניט, אז גארדאָן איז געווען פּעדאַגאָגיש אויסערגע־וויינלעך באגאבט, און עס זעט אויס, אז די אייגענע סיבה, צוליב וועלכער זיין זיידע האט נישט געוואָלט אננעמען קיין רבנות־שטעלע, כדי נישט צו לעבן אויפן חשבון פון דער תורה און זי נישט צו מאכן א „קרדום לחפור" — האָט אויך אָפּגעהאלטן גאָרדאָנען אינגאנצן אָפּצוגעבן זיך — טראָץ זיינע פּעדאַגאָגישע פייאיקייטן און איבערלעכע נייגונגען — דער דערציערישער און דידאקטישער טעטיקייט. א גרונט פאר דער דאָזיקער השערה קענען מיר געפינען אין זיין באציאונג צו האָנאָראר — ביז דעם לעצטן טאָג זיינעם האָט ער זיך שטרענג אָפּגעהיט מאַטעריעל צו געניסן פון זיין שרייבן. און אז ער האָט אַמאָל באקומען פון דייטשן חודש־שריפט „דער יודע" האָנאָראר פאר זיין ארטיקל — האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט דעם דאָזיקן האָנאָראר פאר זיך נעמען און האט דאָס געלט אָפּגעגעבן דער אדמיניסטראציע פון „הפועל הצעיר".

איבער זיין מאהילנער תקופה איז נאך כדאי צו באצייכנען זיין באציאונג צו דער באוועגונג פאר דער ארגענטינע־איינוואנדערונג. באַראָן גינזבורג איז אין רוסלאנד געווען איינער פון די הויפּט־טוער פאר דער דאָזיקער באוועגונג און האָט אין מאהילנע געעפנט א ספּעציעלע ביוראָ פאר די עמיגראנטן פון די ארומיקע דערפער און שטעטלעך. גאָרדאָן האָט זיך פארהאלטן צו דער דאָזיקער באוועגונג גאנץ פּאָזיטיוו, ער האָט דערין ניט געפונען קיין שום סתירה און קעגנזאץ צו דער חובבי־ציון באוועגונג. חיבת־ציון איז פּאַרמאָסטן אויף א דורות־לאַנגער ארבעט און באצוועקט גרונטיק צו ענדערן דעם גאנצן סדר פון אונזער לעבן און זייער צענטער, און ארגענטינע איז בלויז איינער פון די צאָלרייכע צייטווייליקע מיטלען, וואָס מיר פלעגן אין אונזער לאנגער גלות־געשיכטע אָנווענדן, כדי וויפיל־ניט־איז צו פארלייכטערן אונזערע וויטאָקן און פּיין. עס

איז לכן קיין שום דמיון צווישן זיי נישט פאראן און קיין שום צוזאמענהאנג, און עס איז קיין יסוד נישטאָ צו זען אין ארגענטינע א וועלכע ניט־איז קאָנקורענץ מיט חיבת־ציון. אמת, אז דער באַראָן האָט איט פאָרגעלייגט צו באגלייטן די עמיגראנטן קיין ארגענטינע, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, ער האָט אָבער מיטן גאנצן האַרצן געוואָלט, אז די דארטיקע באוועגונג זאָל מצליח זיין. בינו לבינו האָבן זיך אריינגעוואָרפן אין דער דאָזיקער עמיגראַציאָנס־באוועגונג א סך אידעאליסטיש געשטימטע יונגעלייט פון גאָרדאָנס קרייז, וואָס האָבן באטראכט די עמיגראציע קיין ארגענטינע אלס נאַציאָנאַלע איבערקערעניש און אָנגעהויבן צו ארבעטן אויפן דאָזיקן געביט ווי פאר א גרויסן נאַציאָנאַלן אידעאַל. אָט די דאָזיקע אידעאַלי־זירונג פון ארגענטינע האט גאָרדאָן ניט געדולדעט, ער האט עס געהאלטן פאר אַ מין „עבודה־זרה", און געהאלטן פאר זיין חוב זי צו באַקעמפן. א סך פון אָט די יונגעלייט זיינען באמת געווען אידעאליסטן און האבן דערביי געהאט די ריינסטע כוונות. זיי האבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אונזערע נאציאנאלע קנינים, גראָד אומגעקערט: זיי האבן אלס איינעם פון די עיקרים אין זייער פּראָגראַם אריינגענומען די אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך, צונויפגעזאמלט אלע דעברעאישע לידער, וואָס האָבן פארמאָגט אַ שטיקל רמז אויף ערדארבעט, זיי האָבן פאר דער באוועגונג פארפאסט ספּעציעלע לידער, און מיט קרוינען באצירט אירע אָנפירער אלס פאָלקס־אויסלייזער, זיי האָבן אויך ארויסגעלאָזן אַ העברעאישן לערבוך פאר ערדארבעט, זיי האָבן אפילו אנגעהויבן צו העברעאיזירן זייערע פאמיליע־נעמען. אָט די אלע שיינע גוטע זאכן, וואָס האָבן זיכער פארמאָגט פיל פּאָזיטיווס, האָבן צוליב זייערע אידעאליסטישע נאָכשלעפּעניש באומרואיקט גאָרדאָנען, און ער פלעגט טעג און נעכט פאלעמיזירן מיט די אָנפירער פון דער דאָזיקער ארגענטינע־באוועגונג און זיך באמיט אויפצוקלערן זייערע טעותן, און דאָס אליין איז פאר אים געוואָרן אַ שטארקע טרייב־קראפט צו ווידמען מער צייט און ענערגיע פאר דער פּאָזיטיווער שאפנדיקער חבת־ציון־ארבעט.

אין יאָר תרס"ג איז מאָהילנע פארקויפט געוואָרן און אריבער אין אנדערע הענט. איז גאָרדאָן געבליבן אָן ארבעט, עס האָט זיך פאר אים אין פולער שארפקייט אוועקגעשטעלט די פראגע: וואָס טוט מען ווייטער? ער איז ארויס פון מאָהילנע און אריבער מיט דער גאנצער פאמיליע — טאַטע־מאַמע און ווייב און טאָכטער — קיין אָבאָדאָווקע, פון וואנען זיין ווייב האָט געשטאמט. זיין איינציקער זון האָט דענסטמאָל געלערנט אין אַ ליטווישער ישיבה. אגב: צווישן טאַטן און זון זיינען געווען חילוקי־דעות, וואָס האָבן ביידן פארשאפט עגמת־נפש. דער זון איז געווען פאנאטישער פארן טאַטן, ער איז געווען אין גאנצן פארטאָן אין לערנען און אין פרומקייט און האָט דורכויס געוואָלט זיין אַ ישיבה־בחור; דער טאַטע ווידער האָט אויך נאטירלעך געוואָלט, אז זיין זון זאָל זיין באהאוונט אין תורה און יידישקייט, ער איז אָבער געווען קעגן דעם, אז ער זאָל פאָרן אין

אַ ישיבה, און זיך באמיט אים צו איבערצייגן, אז מען קען אויך לערנען חוץ דער ישיבה. די אַמפּערניש און וויכוחים האָבן קיין שום פּעולה ניט געהאַט. דער זון, וואָס איז לויט זיין פּאַרעקשנטער נאַטור, געווען שטאַרק ענלעך צום טאַטן, איז געבליבן ביי זייניקעס און איז אוועקגעפאָרן אין אַ ישיבה. און פון דענסטמאָל ביז זייער טויט — דער זון איז געשטאָרבן אין רוסלאַנד נאָך פאַרן טאַטן — זיינען זיי געבליבן איטלעכער ביי זיינע אַנשויאונגען און גייסטיק צעשיידט. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט זיי צו זיין אין גאַנץ האַרציקע פאַמיליען־באַציאונגען. זיי האָבן ביידע געליטן פון דאָזיקן גייסטיקן פּירוד, זיי האָבן ביידע ניט פאַרמאָגט די מידה פון נאָכגעבן אין פּרינציפּיעלע ענינים, אין ענינים פון אַנשויאונגען און איבערצייגונגען, און בשום אופן ניט געקענט פאַרטושן דעם אינערלעכן ריס, וואָס האָט זיי ווי צעשפּאָלטן.

אין אבאַדאָווקע האָט גאָרדאָן אָנגעהויבן צו באַטראַכטן זיין לאַגע און זוכן אַ וועג פאַר זיין ווייטערדיקן לעבן. ער אַליין איז געווען גענייגט אויסצונוצן די געלעגנהייט פון איצטיקן קריזיס זיינעם, כדי צו מאַכן אַ סוף מיט דער פאַרגאַנגענהייט, עולה זיין קיין ארץ־ישראל און אָנהויבן אַלץ פון דאָס ניי, — וואָס וועט אָבער זיין מיט זיינע פליכטן לגבי דער משפחה? אים אַליין איז גאַנץ קלאָר געווען, אז אויב ער איז עולה כדי פיזיש צו אַרבעטן, — הייסט דאָס, אז ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם גאַנצן יאָך בנוגע דער משפחה, האָט ער דען מאָראַלישע רעכט דערויף? דאָ האָבן זיך שטאַרק צוזאַמענגעשטויסן צוויי מאָראַלישע פּרינציפּן: זיינע פליכטן לגבי דער משפחה און זיינע פליכטן לגבי זיין אינערלעכן באַוווסטזיין, און עס איז אומפאַרמיידלעך, דאָס איינער זאָל ניט סותר זיין דעם אַנדערן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַראומערטער און ניט געקענט מכריע זיין. חוץ דעם אינערלעכן געראַנגל זיינעם האָט ער זיך אויך אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד די עלטערן און דער ווייבס קרובים. די עלטערן זיינע האָבן בשום אופן ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אז זיי שטייט פאַר צו צעשיידן זיך מיט זייער איינציקן זון און בלייבן „אויף דער עלטער פאַרלאָזענע יתומים" (פון דער מאַמעס אַ בריוו צו אים). דער ווייבס קרובים ווידער האָבן געהאַט פאַר אים אַלערליי אָנבאַטעניישן אויף געשעפטן און פּרנסות, און ניט געקענט באַגרייפן, למאי ער מוז זיך דאָס אוועקלאָזן וואַנדערן אין מרחקים. עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד האָבן זיך געצויגן זיינע וואַקלענישן און אינערלעכע ראַנגלענישן. דערווייל זיינען טאַטע־מאַמע אוועקגעשטאָרבן. ווי נאָר עס זיינען אריבער די טרויער־טעג און גאָרדאָן איז אויפגעשטאַנען פון „שבעה" — אַזוי באַלד האָט ער זיך ערנסט גענומען טראַכטן מכוח זיין לאַגע, אַ סוף מאַכן מיט דער וואַקלעניש און איינמאָל פאַר אַלעמאָל עפּעס באַשליסן. עס איז אויך אַרויסגעשוווּמען אַ פאָרשלאַג צו פאָרן קיין אַמעריקע, ווייל עס איז געווען אַ גרונט צו האָפן, אז דאָרט וועט ער פאַרדינען גענוג און וועט זיין ביכולת מפרנס צו זיין די פאַמיליע. בנוגע אַמעריקע האָט אים דאָס ווייב

ארויסגעהאָלפן: אויב עס איז שוין באשערט צו פאָרן, אין זי פאר ארץ־ישראל און איז גאנץ אנטשיידן קעגן דער נסיעה קיין אמעריקע.

אין ווינטער פון יאָר תרס״ד, אומגעפער אין שבט, האָט גאָרדאָן דאָס לעצטע מאָל אונטערגעפירט דעם סך־הכל פון זיין חשבון: די טאָכטער איז זיך זעלבסטשטענדיק און דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען, זי לערנט אליין און לערנט מיט אנדערע, און עס איז צו האָפן, אַז זי וועט נאָך קענען העלפן דער מאַמען. דער זון איז אויך אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש און קען אויסקומען אָן די עלטערן. חוץ דעם האָט גאָרדאָן געהאַט אָפּגעשפּאָרט פון די צייטן, וואָס ער האָט געאַרבעט אין מאַהילנע און אפשר אויך פון ירושה עטלעכע הונדערט רובל, דאָס וועט ער איבערלאָזן דער ווייב, אזוי ארום וועט די פאמיליע זיינע אַ געוויסע צייט קענען עקזיסטירן ווי געהער צו זיין, און ווייטער ארום איז דאָך ניט אויסגעשלאָסן, אַז ער זאָל זיין ביכולת זי אראָפּצובּרענגען קיין ארץ־ישראל. ער האָט זיך אָפּגעזעגנט פון זיין פאמיליע און טראָץ דער אומצופרידנקייט פון דער ווייבס קרובים, וואָס האָבן אים ניט מוחל געווען — איז ער אין חודש אדר אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

מיט זיין עליה אין ארץ־ישראל הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין זיין לעבן, זיין אייגנטימלעכן זעלבסטשטענדיקן לעבן, וואָס ער האָט זיך באמת געבן אים אויסדרוק אין זיינע שריפטן. און זיינע שריפטן אליין בילדן ניט זיין לעבנס־ווערק, על כל פנים ער אליין האָט ניט באטראכט זיי אלס זיין הויפּט־אויפגאַבע; זיי זיינען בלויז אַ פירוש אויף זיין אויפגאַבע, און דער אויפגאַבע אליין — איז דער באשלוס צו שליסען אַן אייביקן בונד מיט דער ארבעט און דאָס פארעקשנטער באשטיין אויף דעם דאָזיקן באשלוס אין משך פון 18 יאָר ביז זיין לעצטן טאָג. 48 יאָר איז ער אַלט געווען בעת ער האָט עולה געווען. מיט פיזישער ארבעט האָט ער זיך קיינמאָל ניט פארנומען, און זיין קערפּער־געבוי, זיין דערציאונג און לעבנס־געוואוּנהייטן — האָבן אים כלל ניט צוגעגרייט צו פיזישער ארבעט און צו די לעבנס־באדינגונגען פון אַן ארבעטער. עס האָט אָבער אין די טיפעניש פון זיין נשמה געלעבט דאָס באוואוּסטזיין, אַז בלויז ארבעט איז דער הויפּט־באַרוף ניט נאָר פון אַ יידן אין ארץ־ישראל, נאָר פונעם מענטשן בכלל, פון איטלעכן מענטשן אויף דער וועלט. עס האָט אים באהערשט דער גלויבן, אַז די ארבעט אלס אזעלכע איז גוט אי פאַרן גוף און אי פאַר דער נשמה, און ניט די ארבעט איז שווער, נאָר די דורותדיקע געוואוינהייטן פארשווערן זי. דאָס ניט פארשטיין און ניט פארטיפן זיך אין איר מהות, די אָפּוועזנהייט פון פאסיקע באדינגונגען און אָרדנונגען פאַר אַן ארבעטס־לעבן — שטערן איר אנטוויקלונג, און עס איז גאנץ מעגלעך גובר צו זיין אָט די אַלע שטערונגען אויב עס איז נאָר פאראַן דער ווילן דערצו. מיטן כוח פון די דאָזיקע דריי אייגנשאַפטן:

באוווסטזיין, גלויבן און ווילן — איז גאַרדאָן צוגעטראָטן צו דערווייַזן למעשה אַט די דאָזיקע אַרבעטס־מעגלעכקייט. זיין שריפטלעכע אויפקלערונג האָט זיך דערנאָך אָנגעהויבן — צוערשט פאַר זיך אַליין, כדי צו פאַרטיפן די יסודות, אויף וועלכע זיין אויפטו האָט זיך געהאַלטן, און דערנאָך, אַזוי דרך־אגב — אויך צו פרייידיקן דאָס אַנדערע.

און זאָל אַט דער דאָזיקער אמת פאַרצייכנט ווערן — פאַר זיין לעבן, אַלעפאַלס אין די ערשטע יאָרן פון זיין ארץ־ישראל־תקופה, האָט זיין שטומע פּריידיקעריי, זיין עצם אַרבעט און זיין לעבן אַלס אַרבעטס־מענטש — אָן אַן ערך מער באַווירקט ווי זיין שריפטלעכע פּריידיקעריי. זיינע אַרטיקלען האָבן די ערשטע צייט באַקומען זייער ווערט ניט צוליב דעם „וואָס" זייערן, נאָר צוליב דעם „ווער": האָט עס גאַרדאָן געשריבן, איז שוין דעריבער אַליין היילִיק איטלעכס וואָרט, ווייל ער איז דאָך געווען דער איינציקער מענטש, וואָס איז פאַלקאָם מקיים אויף זיך אַליין דאָס וואָס ער פאַרלאַנגט פון אַנדערע. נאָר אין אַ שטיק צייט אַרום האָבן זיך איינגעפונען לייענער, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו לעגן אַכט אויך אויף דעם באַזונדערן „וואָס" פון זיינע שריפטן, אויף זיין אייגנטימלעכן געדאַנקן־גאַנג, און אָפּגעשאַצט זיי אָן־און־פאַר־זיך אָן שום שייכות צום מחבר.

און אויך דאָס מוז באַצייכנט ווערן: גאַרדאָן האָט געדינט אַלס ביישפּיל, און אַט אַזאַ מין ראָל איז אים ניט געווען צום הארצן. ער האָט געמאַכט אויף זיך די גרעסטע גייסטיקע אָנשטרענגונגען כדי אויסצולייטערן זיין באַוווסטזיין פון פסולת, און איז געווען טיף איבערצייגט, אַז מיט זיין פיזישער אַרבעט דערפילט ער אַן אָנגענעמע פליכט, אַז די אַרבעט גיט זיין גוף און נשמה פיל מער ווי ער גיט איר. און אַז ער האָט דערשפּירט, אַז אַנדערע שטעלן אים אַלס מוסטער פון אַ מענטשן, וואָס איז זיך מקריב צוליבן אידעאַל — האָט ער דערין איינגעזען אַ מין פאַרשוועכונג פון זיין אַרבעט און ניט ווייניק זיך מצער געווען דערפון.

אמת, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען ער האָט זיך איבערצייגט ווי גרויס עס איז זיין איינפלוס אויף די אַרבעטס־מאַסן אין ארץ־ישראל און אויפן יונגן דור אין חוץ־לארץ, האָט ער באַוווסטזיניק איינגעשטימט אויסצונוצן — אויף ווי ווייט דאָס זאָל ניט פאַרלעצן זיין גייסט — זיין השפעה־קראַפט און אַרויסטרעטן אין דער עפנטלעכקייט אַלס בעל־השפעה. די ערשטע צייט אָבער פון זיין אַרבעט אין לאַנד פלעגט ער זיך באַמיען צו זיין אין שאָטן, מעשה נחבא אל הכלים, הגם אין חוץ־לארץ איז ער געווען אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש און תמיד זיך באַמיט צו ווירקן אויף דער געזעלשאַפט. אַזאַ פענאָמענאַלן מענטשן ווי דאָס איז געווען גאַרדאָן, און אין עלטער וואָס רוקט זיך צו דער זקנה, האָט געדראָט די סכנה פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַן אַבזיכטלעכן פענאָמען, דאָס הייסט — אַ מענטש פון אַ פּאָזע. אַט פאַר דעם האָט גאַרדאָן תמיד מורא געהאַט, און מיט אויסערגעוויינלעכער אַנאַליטישער פייאיקייט זיך אָפּגעהיט ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן נישט אַריינצופאַלן און

נישט געשטרויכלט צו ווערן דורך די געלעגנהייטן, וואָס דאָס לעבן אין לאַנד האָט אים געגעבן.

די ערשטע צייט נאָך זיין אָנקומען אין לאַנד האָט ער זיך גענומען זוכן אַרבעט אין די קאָלאָניעס, און מען האָט אים אומעטום אָפּגעזאָגט. אין יענע צייטן איז בכלל ניט לייכט געווען צו קריגן אַרבעט ביי אַ קאָלאָניסט. און שווערער איז עס אָנגעקומען גאָרדאָנען, אַ שוואַכער און אין די יאָרן; קיין שום אַרבעטס־געבער האָט נישט געגלויבט, אַז ער טויג אויף עפּעס אַן אַרבעט. דערווייל האָט מען אים אָנגעבאָטן אַ באַאַמטן־שטעלע אין אַן אַנשטאַלט, ער האָט אָבער אפילו הערן נישט געוואָלט מכוח שטעלעס. די אויפלעבונג פון פאָלק און מענטש מוז זיך אָנהויבן מיט פיזישער אַרבעט, דער עיקר'שט ערדאַרבעט, און דאָס איז אַ מוז, דאָ דאַרף ער זיין פון די אָנהויבער. אַ דאַנק זיין עקשנות און געדולד האָט ער סוף־כל־סוף באַקומען אַרבעט אין פּתח־תקוה. דאָס איז געווען טאָג־אַרבעט מיט דער טוריע.

זיינע בריוו צו דער פאַמיליע האָבן דענסטמאָל געאָטעמט מיט פרייד און אויפבריוו. „צי קענט איר זיך גאָר פאָרשטעלן, אַז אייער טאַטע וועט זיין אַן אַרבעטער״? „איך בין איצט ווי אַ ניי־געבאָרן קינד, איך בין פון דאָס ניי געבאָרן״. „די אַרבעט איז אַ שווערע לאַסט אויף דעם גוף, זי גיט אָבער גאָר אַ סאַך, גאָר פיל דער נשמה״. ער פלעגט מיט גרויס התלהבות שרייבן מכוח די יונגעלייט, וואָס קומען קיין ארץ־ישראל אַרבעטן און ער לעבט און ער אַרבעט מיט זיי צוזאַמען. ער פלעגט זיך טיילן מיט זיין משפחה מיט אַלע זיינע איינדרוקן, אַנטפּלעקן אַלע פלאָגן פון ישוב, די „עבודה זרה״ פון דער אַראַבישער אַרבעט, די פעלערן פון דער דערציאונג א. א. וו. נאָר איין זאַך פלעגט ער פאַרשווייגן — זיין מאַטעריעלע לאַגע. דער עצם פאַקט, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו העלפן זיין פאַמיליע — האָט אים פאַרביטערט דאָס לעבן. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ זינדיקן, פאַר אַ מענטש, וואָס דערפילט ניט זיין פליכט. און טאַקע צוליב דעם האָט ער זיך געלאָזן זוכן אַן אַרבעט וואָס באַצאָלט זיך בעסער, הגם זי איז שווערער און איבער זיינע כוחות. אַזוי אַרום איז ער אין סעזאָן פון טרויבן־שניט אַריבער קיין ראשון־לציון צו אַרבעטן אין יקב. פון אָט דער אַרבעט איז אים געלונגען עפּעס אָפּצושפּאָרן און שיקן אַהיים אַביסל געלט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אים פאַרשאַפט גרויס פרייד. נאָר וואָס דען, די דאָזיקע אַרבעט זיינע האָט זיך געענדיקט מיט גאַנץ ביטערע פאָלגן, ווי דאָס וועט קלאָר ווערן ווייטער. נאָר קודם־כל איז כדאי צו דערמאָנען אַ פאַל, וואָס האָט גורם געווען, אַז גאָרדאָן זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער אַרבעט אין יקב.

ראשון־לציון איז דענסטמאָל געווען אַדורך אָנגעזאָפּט מיטן טעריטאָריאַליסטישן גייסט. די ווערטער „אוגאַנדע״ און „טעריטאָריאַליזם״ פלעגן אין איטלעכער מסיבה און באַגעגעניש ניט אַראָפּ פון די ליפּן. איין מאָל מיטאָגצייט אין אַ רעסטאָראַן האָט זיך איינער פון די ראשון'ער אכרים באַרימט, אַז אין ראשון־

לציון זיינען פאַרקויפט געוואָרן 72 טעריטאָריאַליסטישע שקלים, און אַ סאַך פון זיי האָבן געקויפט די אַרבעטער פון יקב. איינער פון די חשובע יקב־אַרבעטער, וואָס האָט עס געהערט ווי אַזוי דער אכר באַרימט זיך, האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט און אַ זאָג געטאָן: וואָס איז דען צו שטוינען דערויף, די טעריטאָריאַליסטישע פירער זיינען דאָך די יקב־באַאַמטע וואָס פאַרצייכנען די אַרבעטס־שעה'ן, זיי האָבן אַ גרויסן כוח און די אומבאַוווסטזיניקע אַרבעטער זיינען אַזוי אונטעריאָכט פון אָט דעם כוח, אַז זיי נעמען אפילו ביי די פקידים שקלים. דאָס איז באַלד אוועקגעטראָגן געוואָרן די פקידים, און מען האָט דעם „בעל העזה" גערופן אין ביוראָ אויף אַן אויספאָרשונג. ער האָט גאָרנישט געלייקנט; איינער אַ פקיד האָט דערקלערט, אַז פאַר אַזעלכע דיבורים איז ער ווערט פעטש, און אַ צווייטער פקיד האָט עס גלייך מקיים געווען. דער דאָזיקער אַרבעטער האָט זיך פאַרמאָסטן צו געבן חזרה, זיינען אים באַפאַלן די פקידים מיט קלעפּ. דער דרייסטער אַרבעטער איז באַלד אַנטזאָגט געוואָרן פון דער אַרבעט, און אין דעם זעלביקן אָוונט האָט זיך אַלס פּראָטעסט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט אין יקב אויך גאָרדאָן. די פאָלגן פון גאָרדאָנס אַרבעטן אין יקב זיינען, ווי געזאָגט, געווען גאָר ביטערע. צוליב דער שווערער אַרבעט און שלעכטע לעבנס־באַדינגונגען איז ער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און זיין גוף האָט פאַרלאָרן דעם ווידערשטאַנדס־כוח קעגן די מאַלאַריע־באַצילן, און ווי נאָר ער איז אוועק פון יקב, איז ער באַלד קראַנק געוואָרן, אָפּגעלעגן דריי וואָכן אין קראַנקן־הויז. זייענדיק פיזיש צערואינירט, האָט ער אויך נאָכן אַרויס פון קראַנקן־הויז ניט געקענט אַרבעטן און איז דריי חדשים נאָכאַנאַנד אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט. ער האָט זיך צוריק געקערט קיין פתח־תקוה, געפּרוּווט עפּעס טאָן און קיין כוח ניט געהאַט. קיין „קופּת־חולים" איז נאָך דענסטמאָל אין לאַנד נישט געווען, און איז אַן אַרבעטער קראַנק געוואָרן, האָט ער נאָר דורך אַ נס זיך געקאָנט ראַטעווען פון הונגער־טויט. און אויך מיט גאָרדאָנען איז געשען אַ נס. דער אַרבעטער רוטשקין, אַליין אַ פאַמיליע־מענטש, וואָס האָט בדוחק מיט זיין אַרבעט די אייגענע פאַמיליע באַשפּייזט, און וואָס ביי אים פלעגט עס גאָרדאָן עסן בעת ער האָט געאַרבעט אין פתח־תקוה, האָט אים צו זיך אין שטוב אַריינגענומען, מיט גרויס האַרציקייט זיך צו אים פאַרהאַלטן, זיך מיט אים מיטן אָרעם שטיקל ברויט געטיילט. און ווער עס האָט געוווסט ווי ווייט גאָרדאָן איז געווען אָפּגעהיט פון עמיצן שטיצע צו נעמען, וועט שוין אַליין פאַרשטיין, אויף וואָס פאַר אַן איידעלן אופן די דאָזיקע פשוטע מענטשן האָבן אים געהאָלפן, און ווי פיין און צאַרט דאָס איז געמאַכט געוואָרן, אויב גאָרדאָן האָט איינגעשטימט די דאָזיקע הילף צו באַקומען.

אַז ער איז אין אַ שטיקל צייט אַרום געזונט געוואָרן און אָנגעהויבן אַרבעטן — האָט זיי גאָרדאָן פאַר אַלץ באַצאָלט, און דעם גאַנצן לעבן זיינעם האָט ער ניט פאַרגעסן, ווי איידל און פריינטלעך די דאָזיקע איינפאַכע אַרבעטס־מענטשן זיינען זיך מיט אים באַגאַנגען.

אין יאָר תרס״ה, בעת׳ן באַיקאַט אויף יידישע ארבעטער אין פתח־תקוה, אַז איך בין צו אים אהיים געקומען, כדי פערזענלעך מיט אים זיך צו באַקאַנען (נאָך זייענדיק אַ ייִנגל האָב איך זיך אָנגעהערט מיט פיל מעשיות מכוח זיין לעבן און ראַנגלעניִשן אין מאהילנע, וואָס איז גאָר נאָענט צום דאָרף ווו איך בין געבאָרן, וועגן זיינע עקסטרעמע מיינונגען, זיינע אויפטוען אויפן געביט פון דערציאונג פון יונגן דור און פארשפרייטן העברעאיש, און איך גערעדנק גאַנץ גוט פון וועלכע מקורות עס האבן געשטאַמט אַט די אלע ריידערייען איבער אים. עס איז מיר אָבער אומבאַוווסט אַט דער יעניקער מקור, פון וועלכן איך האָב זיך, אין א צייט ארום און זייענדיק ווייט פון דער היים, דערוווּסט וועגן זיין עליה אין ארץ־ישראל און אויך אַלץ וואָס איז געשען פאַר זיין עליה. איך געדענק על כל פנים, אז ווען מיין עליה קיין ארץ־ישראל האָט בלויז געשוועבט אין מין דמיון — האָט צווישן אלע אנדערע זאכן וואָס האָבן אהין געצויגן און געפּישופּט — פארנומען א גאָר היבשן פּלאַץ אויך גאָרדאָן. זיין מהות האָט צוליב וועלכע־ניט־איז משונה־דיקע צוזאמענהאנגען פון די קינדער־יאָרן אין מיין דמיון נישט אָנגעטון קיין לבוש פון אַ מענטשן, נאָר פון א געגנשטאַנד, א מין „כותל מערבי״. און אזוי ווי איך האָב זיך ניט צוגעאיילט צו זען דעם „כותל מערבי״, אזוי האָב איך מיר ניט געאיילט צו זען גאָרדאָנען. נאָר אין עטלעכע חדשים נאָך מיין עליה, ווען עס האָט זיך אין מיר דערוועקט דער רצון צו הערן פון אים אליין זיין מיינונג מכוח דעם באַיקאָט, בין איך געקומען צו אים קיין פתח־תקוה צו באַקאַנען זיך מיט אים פּערזענלעך). איך האָב אים געפונען אין א שווערן געמיט און באַליידיקט ביז די טיפעניִשן פון דער נשמה פונעם מצב אין פתח־תקוה. דער צער זיינער איבער די ארבעטסלאָזע און הונגעריקע בחורים איז געווען פיל קלענער פאַרן צער איבער דער מאָראַלישער ירידה פון די באַיקאָט־מאַכער. דער באַיקאָט איז אַ באליידיקונג נישט פאַר די ארבעטער, נאָר פאַרן געדאַנק פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. די דאָזיקע אכרים זיינען דאָך די חלוצים פון פאָלק און אויף זיי דאַרף זיך האַלטן דער גאנצער בנין זיינער אין דער צוקונפט. און אויב זיי באַציען זיך אזוי צו די יעניקע, וואָס זיינען באַרופן פאַרצוזעצן דאָס, וואָס זיי אליין האָבן אָנגעהויבן, איז וואָס קען מען פון זיי דערוואַרטן און האָפן, און ווער קען אונז גאַראַנטירן, אז די פאַרזעצער אליין, וואָס זיינען איצט אין דער מדרגה פון חלוצים, וועלן זיך אויך מיט דער צייט ניט באַציען בעסער צו די וועלכע וועלן נאָך זיי קומען. ער האָט דענסטמאָל געדעדט מיט אַ גוואַלדיקן יאוש, ער איז אבער תמיד געשטאַנען ווי אַ העלדישער קאָמאַנדיר אויף דער וואַך פון זיין גייסט און ניט דערלאָזן, אַז דער יאוש זאָל אים איינגאַנצן באַהערשן. ער האָט זיך מיטן גאַנצן האַרצן באַמיט צו פארשטיין די שטימונג פון די קאָלאָניסטן, צו אַנאַליזירן די באַציאונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן צווישן זיי מיט די ארבעטער, אויסגעפינען די פאַקטאָרן וואָס האָבן די

דאָזיקע באַציאונגען געשאַפן און אזוי ארום עטוואָס לינדערן די דאָזיקע נאַציאָנאַלע שאַנדע, וואָס האָט געלאַסטעט אויף די באַיקאָט־אָנפירער און העצער. ער איז דורכויס געווען קעגן די יעניקע ארבעטער וואָס דערלויבן עפנטלעך פרייהייט אין רעליגיעזע אנגעלעגנהייטן. ער האָט עס באַטראַכט אַלס קולטור־לאָזיקייט און דערין געזען איינעם פון די פאַקטאָרן, וואָס האָבן פארשארפט די באַציאונגען. און ווי ער האָט זיך געמיט צו זיין אָביעקטיוו, האָט עס ניט געהאָלפן, און ער האָט בשום אופן ניט געקענט באַרעכטיקן אפילו אין דער קלענסטער מאָס די אויפפירונג פון די אכרים. ווייל מינדערווערטיק און נעבעכדיק זיינען אָנשויאונגען און איבערצייגונגען, וואָס מען קעמפט פאר זיי מיטן כוח פון פויסט, דורך אויסמיידן צו געבן ארבעט און אויסהונגערן. אזוי ווי תמיד, אַז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אזעלכע טרויעריקע דערשיינונגען פון מענטשלעכער ירידה, אזוי אויך דאָס מאָל — האָט ער געזוכט אַנטרונען צו ווערן פונעם דאָזיקן ברענענדיקן באַליידיקונגס־געפיל נאָר אין זיין אייגענעם איין־און־איינציקן געצעלט, ווו ער האָט געהאָפט צו מילדערן דעם צער פון דורות: מען מוז אָנהויבן אַלץ פון דאָס ניי, פארבעסערן דעם פעלערהאַפטן מענטשן אין אונז פון גרונט־אָן, באַנייען אים דורך ארבעט, און דענסטמאָל וועט שוין ממילא אויך אויפלעבן דער ייד אין אונז.

סוף יאָר תרס״ט זיינען צו אים אַראָפּגעקומען די משפחה פון רוסלאַנד, דאָס הייסט ווייב און טאָכטער. גאָרדאָן האָט דענסטמאָל געארבעט אין רחובות, און פאַרן אָנקומען פון דער פאמיליע זיינער האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אריין פון רחובות קיין יפו. אויפן וועג פון ראשון־לציון קיין יפו זיינען אים באַפאַלן אַראַבער, און אים געשאָסן און אים געשטאָכן מיט מעסערס. ער איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן און עס האָט אים געדראָט א סכנה צו שטאַרבן, ער האָט אבער אויסער די גרויסע פיזישע ווייטאָקן, נאָך מער געליטן מאָראַליש, ווייל עס איז דערביי פארשוועכט דער מענטשלעכער כבוד. ער האָט אַ לאַנגע צייט ניט געקענט פארגעסן אָט דעם דאָזיקן טרויעריקן פאַל. אַז עס איז צו אים געקומען די משפחה, האָבן זיי זיך באזעצט אין עין־גנים, אין אַ קליין געדונגען שטיבל. ער האָט פאָרגעזעצט צו ארבעטן ביי די פתח־תקוה׳ער אכרים, עס איז אָבער נישט געווען גענוג ארבעט און ניט אלע טאָג האָט ער געאַרבעט, אזוי אַז די מאַטריעלע לאַגע זיינע איז געווען גאָר א שווערע. פיר חדשים נאָכן אָנקומען פון דער פאמיליע איז גאָרדאָנס ווייב געפערלעך קראַנק געוואָרן און איז אין אַ פאָר טעג ארום אוועקגעשטאָרבן. אויך זיין טאָכטער איז שווער קראנק געוואָרן און אָפּגעלעגן צוויי חדשים אין שפּיטאָל. אָט די אלע אומגליקן, וואָס האָבן איינס נאָך אנדערס אויף זיין קאָפּ זיך אַלאָז געטון, וואָלטן צעבראָכן דעם שטארקסטן מענטשן, גאָרדאָן איז אָבער באשאַנקן געווען מיט אָט יענער „העכערער גבורה״, וואָס ער האָט געפאָדערט פון אַנדערע, און ווען עס זאָל

דערביי דערלויבט זיין צו באַנוצן זיך מיט באַגריפן פון מאָס און וואָג, וואָלט מען געקענט פעסטשטעלן, אַז אַנשטאָט די וואָג וואָס ער האָט פאַרלאָרן קערפּערלעך, איז אים דאָפּלט צוגעקומען גייסטיק, און ער איז געבליבן פעלזן־פעסט אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ. בכלל איז צו באַמערקן, דאָס איינע פון די וווּנדערלעכסטע דערשיינונגען אין גאָרדאָנען איז געווען זיין אומאויפהערלעכע גייסטיקע אַנטוויקלונג. און אויך אויף דער עלטער איז ער געבליבן גייסטיק פריש ווי אַ בחור פון אַכצן יאָר. לויט דער וואַכקייט פון ווילן, פעסטקייט פון טעמפּעראַמענט און פאַרטיפונג פון געדאַנק, וואָס האָבן זיך וואָס אַ יאָר אַלץ מער אַנטוויקלט — האָט מען תמיד געהאַט דאָס געפיל, אַז גאָרדאָן האָט נאָך דאָס לעצטע וואָרט ניט געזאָגט, און אַז עס איז פון אים צו דערוואַרטן גרויסעס און דערהויבענס. אַז זיין טאָכטער איז פון דער קראַנקייט אויפגעשטאַנען, האָט זי זיך באַזעצט מיט אים צוזאַמען אין עין־גנים. ער האָט פאַרגעזעצט צו אַרבעטן אין פעלד, און זי האָט געקראַגן עטלעכע פּריוואַטע לעקציעס.

אַריבערהיפּנדיק איבער דער עין־גנים־תקופה זיינער, וואָס איז, קענטיק געווען אַ גאָר אינטערעסאַנטער קאַפּיטל אין זיין לעבן און ניט באַרירנדיק אויך די צען יאָר לעבן זיינס אין גליל (תרע״ב—תרפ״ב) וויל איך נאָר, פאַרן ענדיקן די דאָזיקע נאָטיצן, צוגעבן אייניקע שטריכן.

אין משך פון די 18 יאָר, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן מיט גאָרדאָנען אין ארץ־ישראל, זיינען אין זיין געזיכטס־אויסדרוק קיינע פאַרענדערונגען ניט פאָרגעקומען: ער איז תמיד געווען פאַרטון אין זיך, געלעבט אַן אינטענסיוון געדאַנקען־לעבן. אויף זיין פּנים איז אַן אומעט געווען אויסגעגאָסן, און פון זיינע אויגן האָט דער וועלט־צער אַרויסגעקוקט. און גלייכצייטיק איז ער אויך געווען, אַמווייניקסטן אין דער ערשטער העלפט פון זיין ארץ־ישראל־תקופה, אַ „פריילעכער״ מענטש, אָדער אפשר ריכטיקער געזאָגט, אַ מענטש וואָס איז משמח אַנדערע, ווייל מיר איז ווייט ניט קלאָר, צי איז דערלויבט צו באַצייכנען זיין געמיט און שטימונגען אַלס פריילעכקייט. אין זיין ריקוד איז געווען מער עבודת הבורא ווי פריילעכקייט. דאָס איז געווען לויט דער חסידישער טערמינאָלאָגיע אַ מין העכערע, דערהויבענע שמחה. על כל פּנים האָט זיך דער אומעט פון זיין פּנים קיינמאָל ניט אָפּגעטון בעתן ריקוד. — אדרבא, ער פלעגט זיך נאָך בולטער אַנטפּלעקן אין איטלעכן שטריך, באַוועגונג און אויסדרוק זיינעם. אין יענער צייט פלעגט ער ניט אויפהערן צו באַנוצן דאָס וואָרט „פריילעך״ און קנאַקן דערביי מיט די פינגער און פּאַטשן מיט די הענט, מעשה „כל עצמותי תאמרנה״. נאָר אַרויסקלינגען פלעגט פון זיין מויל דאָס וואָרט „פריילעך״, ווי עס וואָלט זיך פריער טובל געווען פערציק טבילות אין ים פון יאוש. ער האָט אויך צוגעפּאַסט צו די ריקודים לידער און מעלאָדיען אין יידיש און העבּרעאיש, וואָס מען פלעגט זיך מיט זיי באַנוצן די ערשטע יאָרן, נור ביסלעכווייז זיינען

זיי פארגעסן געוואָרן. איינער פון אָט די לידער איז, דוכט מיר, גענומען פון וואַרשאַווסקי, האָט זיך אזוי אָנגעהויבן:

כאָטש איך בין מיר אַן אָרים יידל
און עס דאַרט מיר גאָר דער מוח,
אין ארץ־ישראל זינג איך אַ לידל
און איך מאַך דערצו אַ טענצל אויך.
אוי, אוי, אוי
פריילעך אָט אזוי...

און די מעלאָדיע איז געווען דער עיקרשט, ווען ער האָט עס געזונגען אזוי אומעטיק, אז אַנשטאָט טאַנצן האָט זיך געגלוסט וויינען. איך האָב תמיד געהאַט דעם איינדרוק, אַז אָט די דאָזיקע „שמחה״־אויסברוכן זיינען אָדער אַ פּועל־יוצא פון אינערלעכן שווערן געראַנגל מיט דעם יאוש, וואָס האָט איט געעגבערט דאָס הארץ, אָדער אַ מיטל צו פארטרייבן דעם יאוש פון אנדערנס הערצער. ער איז אָבער קיין בכוונה־דיקער „אַגיטאַטאָר״ נישט געווען, און דעריבער איז די ערשטע השערה אַ סך נענטער צום אמת. און אַ באַוויז, אַז די דאָזיקע השערה איז ריכטיקער איז צו זען פון פאַקט, אז די דאָזיקע „פריילעכקייטס־אויסברוכן״ זיינען מיט די יאָרן געוואָרן אַלץ וויניקער, ווייל זיין לערע מכוח ארבעטס־רעליגיע איז געוואָרן אַלץ קלערער און לויטערער, און זיין גלויבן אינעם זיג אירן איז וואָס אַ טאָג אַלץ שטאַרקער געוואָרן.

אין די ערשטע יאָרן פון גאָרדאָנס עליה איז ער געווען רעליגיעז. עס איז שוין פריער אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אז צווישן אים און זיין זון זיינען געווען מיינונגס־פארשיידענהייטן אין צוזאמענהאנג מיט רעליגיעזע אַנגעלעגנהייטן. עס איז פון דעם צו דרינגען, אַז ער האָט געהאַט גאַנץ אַנדערע באַגריפן איבער רעליגיע, וועלכע זיינען לויט זייער מהות געווען אַנדערש פון די אָנגענומענע. און אויב איך זאָג, אַז ער איז געווען רעליגיעז — איז דאָס געמיינט אַנטקעגן די שאַבלאָן־סימנים פון רעליגיעזע אַנגעלעגנהייטן. ער פלעגט אלע טאג דאווענען, אָפּהיטן אלע מצוות ווי געהער צו זיין. זיין אינערלעכע באַציאונג צו רעליגיע פלעגט ער אין זיינע געשפרעכן ניט ארויסווייזן.

די נאָך־מלחמה׳דיקע געשעענישן: די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, דער פּאָגראָם אין ירושלים, דער חורבן פון משקים אין גליל העליון און די תל־חי קרבנות, די קרבנות פון די אומרוען אין 1921 אין יפו און ברענער בתוכם, זיין פערזענלעכער אומגליק, דאָס שטארבן פון זיין איינציקן זון אין רוסלאנד — דאָס אלץ האָט אים דערשלאָגן, צעווונדעט, דערשיטערט זיינע נערוון און צעשטערט זיין געזונט ביזן גרונט. צום דעם אלעמען האָט ער זיך שטאַרק מצער געווען צוליב דעם פּירוד, וואָס איז געוואָרן אין ארבעטער־לאַגער נאָך דער איחוד־

קאָנפערענץ אין פּתח־תּקווה; דער דאָזיקער פּירוד איז געוואָרן זיין פּערזענלעכער אומגליק, און ער האָט אים ביזן לעצטן טאָג זיינעם פאַרשאַפט גרויסע שמערצן.

אומגעפער אַ יאָר פאַרן טויט האָט גאָרדאָן אָנגעהויבן שפּירן בעתן עסן אַ דרוק אין ושט. ער האָט זיך געלאָזט אונטערזוכן פון אַ דאָקטאָר, נאָר ער האָט ניט געקענט שטעלן דעם דיאַגנאָז פון דער קראַנקייט, ער האָט דאָס אויך ניט גענומען ערנסט. גאָרדאָן האָט פאָרגעזעצט צו אַרבעטן. ער האָט אָבער געשפּירט, אַז זיין גוף ווערט אַלץ שוואַכער, און אַז די כּוחות נעמען זיך אים אויס (דאָס איז געווען אַ קרעבס־קראַנקייט, וואָס ער האָט קענטיק געליטן פון איר שוין אַ לענגערע צייט). גאָרדאָן האָט געמיינט, אַז די שוואַכקייט נעמט זיך פון אַלטקייט און איז געוואָרן צעשראָקן: ווער ווייס וויפיל עס קען זיך אָט די זקנה ציען, און ער וועט נישט קענען אַרבעטן און וועט פאַלן אַנדערע צו לאַסט. דאָס האָט אים שטאַרק דערשראָקן. „דער עצם טויט שרעקט מיך לגמרי ניט. פאַר וואָס איך האָב יא מורא, דאָס איז די איבערגאַנגס־צייט, אָט דערין, אין דער איבערגאַנגס־צייט צווישן לעבן און טויט, שטעקט דאָס שלעכטס און ניט אין טויט אליין". „ווען איך וואָלט געקענט אַרבעטן ביזן לעצטן טאָג, וואָלט איך צום טויט מיט שמחה געגאַנגען". און ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז די שוואַכקייט זיינע נעמט זיך פון זקנה, האָט ער זיך באַמיט זי צו גובר זיין און פאָרגעזעצט צו אַרבעטן. נאָר אַ האַלבע יאָר פאַרן טויט, אַז די קראַנקייט זיינע האָט זיך אַנטוויקלט ביז דער לעצטער שטופּע, האָט ער אויפגעהערט אַרבעטן און אַוועק־געפאָרן קיין צפת היילן זיך. ער האָט זיך דאָרט געהיילט אַ שטיקל צייט און קלאָר אַז אָן פאַרבעסערונג. זיין דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט דעם דיאַגנאָז און גוט געוווּסט, אַז די קראַנקייט איז אומהיילבאַר, דאָך האָט ער געראָטן אים צו שיקן קיין ווין, צו היילן אים מיט רענטגענס־שטראַלן, וועלכע פאַרלייכטערן די ווייטאָקן און אפשר פאַרלענגערן עטוואָס דאָס לעבן.

מען האָט אים אין ווין אַ שטיקל צייט געהיילט, און עס האָט זיך געדוכט, אַז עס איז אים עטוואָס לייכטער געוואָרן. נאָר ד״ר רובינזאָן, וואָס איז איבערגעגעבן און וואַרעם אַרום אים אַרומגעגאַנגען און זיך צו אים באַצויגן ווי אַ תּלמיד־חכם צום רבי׳ן, האָט ניט געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק, דאָס מען זאָל פון אים אויסבאַהאַלטן דעם ביטערן טראַגישן אמת, אַז די קראַנקייט זיינע איז אומהיילבאַר, און אַז עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון טויט. און אויב ער וויל שטאַרבן אין ארץ־ישׂראל, דאַרף ער זיך צואיילן און צוריקקערן זיך אַהיים. אָפּזייענדיק צוויי חדשים אין ווין, איז ער צוריקגעקומען קיין דגניה, און אין אַ חודש אַרום איז ער נפטר געוואָרן. פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין קראַנקייט האָט ער זיך לעבהאַפט אינטערעסירט מיט אַלע צייט־פראַגן, חברים בריוו געשריבן איבער פאַרשיידענע אַלגעמיינע ענינים, זיך מיט אַלץ אינטערעסירט און אויף אַלץ און אַלעמען נאָכגעפרעגט, אפילו דער סאָרט פּאַפּיר, אויף וועלכן

מען דרוקט דעם „הפועל הצעיר" האָט אים אינטערעסירט, און עקשנות'דיק געפּאָדערט מען זאָל אים צוזאָגן אויסצוגעפינען אַ בעסערן סאָרט פּאַפּיר. צום טויט האָט ער זיך פאַרהאַלטן פאַלקאָם רואיק, ער האָט ניט געדולדעט די טרויעריקע פּנימ'ער פון זיינע באַזוכער, זיך געסטאַרעט מיט זיי צו שמועסן איבער פאַרשיידענע לעבנס־ענינים, געפרעגט און געפאָרשט בלויז איבער דעם וואָס קומט פאָר אין לעבן אַרום. „דער טויט איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג און מען מוז זיך צו אים באַציען ווי צו אַ נאַטירלעכע דערשיינונג". מיט וואָס פאַר אָנשטרענגונגען ער האָט די דאָזיקע רואיקייט דערגרייכט, און וואָס איז אין זיין נשמה דענסטמאָל פאָרגעקומען — ווייס קיינער פון אונז נישט. ער האָט דאָך שטיל אַזוי נישט קיין קול אויפגעהויבן בעת מען האָט אים אָפּערירט, ער האָט אַזוי פיל כוח זיך געמאַכט צו שווייגן, קיין קרעכץ נישט טאָן בעת מען האָט אים פאַרשאָפּט די שוידערלעכסטע ווייטאָקן. צי הייסט עס, אַז ער האָט טאַקע קיין ווייטאָק ניט געליטן? מעגלעך, אַז ער האָט אויך געוווּסט דעם סוד ווי אַזוי איינצושטילן דעם טויט־שטורעם און שטאַרבן אַ גבורה־טויט, פּונקט ווי ער האָט געלעבט אַ גבורה־לעבן. און עס איז קיין ספק נישט, אַז אויך דאָס איז געווען אָפּהענגיק מער פון זיין כאַראַקטער ווי פון באַוווסטזיין. עס איז נאָך ניט באַשאַפן געוואָרן די יעניקע פילאָזאָפיע, וואָס זאָל זיין ביכולת צו רעכטמאַכן דעם טויט און מיט אים שלום מאַכן. נאָר די אויסדערוויילטע, די אַזוי־גערופענע „יחידי סגולה", וואָס זיינען באַשאָנקען מיט „העכערער גבורה" — די קענען אויך טראָץ דער פילאָזאָפיע שטאַרבן ווי גבורים.

עטלעכע טעג פאַר זיין טויט איז פאַרטיק געוואָרן דער בריק אויפן ירדן, ער האָט דעם דאָזיקן בריק געוואָלט זען מיט זיינע אויגן. „פון נאָכן חורבן איז דאָך דער ערשטער בריק וואָס יידן אַליין האָבן עס געבויט אין ארץ־ישראל און אויפן ירדן". און היות ווי עס איז שוין פאַר אים קיין שום מעגלעכקייט ניט געווען צו זען דעם בריק, האָט ער נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן אים און איטלעכע מאָל פרעגן אויף אים. דער דאָזיקער בריק איז געוואָרן פאַר אים אַ מין ילד־שעשועים.

אין די גאָר לעצטע טעג זיינע — איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זיין אַן עדות פון דריי טעג פאַר זיין טויט — זיינען געווען מאָמענטן פון גוואַלדיקער אויפוואַכונג און אויסערגעוויינלעכע פרייד־אויסברוכן, וואָס האָבן פּשוט אַרויסגערופן גרויס שטוינונג. די דאָזיקע מאָמענטן צו שילדערן איז ביכולת בלויז אַ קינסטלער פון גאָטס־גענאָד. נאָר ווען איך וואָלט אפילו אימשטאַנד געווען זיי צו שילדערן, וואָלט איך געווען געצוויגט צו דערקלערן די דאָזיקע דערשיינונג פּונקט ווי איך האָב מיר דערקלערט זיינע פרייד־אויסברוכן און ריקודים פון פריערדיקע צייטן: דענסטמאָל איז דאָס געווען געצילט צו פאַרטרייבן די יאוש־שטימען, וואָס האָבן געשטיקט און געפּרעסט און זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון האַרצן, און איצט זיינען דאָס געווען טויט־אָפּהילכן, ווייל דער טויט האָט פון די

טיפּענישן געשריען און באַרויבט די רוּ. נאָר דאָס זיינען געווען בלויז זיך דורכטראַגנדיקע און פאַרשווינדנדיקע שטורמען. דער אַלגעמיינער טאָן איז געווען: שטילקייט, ישוב־הדעת, לייכטע פילאָזאָפישע אויפקלערונג איבער דעם מהות פון טויט, איבער דאָס נאַטירלעכע וואָס שטעקט אין אים. און שטיל, מיט לייכטע גסיסה־צאַפּלען, איז ער איינגעשלאָפן. ער איז געשטאָרבן כ"ד שבט פון יאָר תרפ"ב. צוויי טעג פאַרן טויט האָט ער זיך מיט אַלעמען אָפּגעזעגנט, געבעטן איבערגעבן אַלעמען זיין שלום — און זיין שטויב.

יעל גאַרדאָן

פון זיין לעבן אין ארץ־ישראל

[אַ בינטל פראַגמענטן פון מיינע זכרונות און זכרונות פון פאַרשידענע חברים, וועלכע האָבן באַוויליקט אונז זיי איבערגעבן פאַר דער ביאָגראַפישער רשימה]

י"א אדר תרס"ד איז דער טאַטע געקומען אין ארץ ישראל. פּתח תקוה איז געווען זיין ערשטער אַרבעטס־פּלאַץ. נישט לייכט איז אים געווען צו באַקומען אַרבעט, צוליב זיין עלטער און שוואַכן אויסזען. אָבער אַ דאַנק זיין עקשנות און אויסדויער איז אים געלונגען גובר זיין אַלע שטערונגען, און ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַרבעט. וועגן אָט די טעג דערציילט די חברה ת. ל.:

„איך האָב געצווייפלט, צי איז דאָס מיין ריכטיקער וועג. ווייל איך האָב געהערט די אַרבעטער ריידן: זי וועט עס זיין אַן אַרבעטערין? האָב איך געזוכט אַ מענטש, וואָס זאָל מיר באַשטעטיקן מיין ריכטליניע. עס איז געווען צווישן אונז אַ חבר, עלטער פון אונז אַלע. ער איז תמיד געווען לוסטיק און פריילעך, ער פלעגט פאַרפאַסן לידלעך אין יידיש און זינגען זיי — און מיר אַלע פלעגן זינגען מיט אים. ער האָט געפאַנגען מיין האַרץ, איך האָב אָבער נישט געוואַגט צוגיין צו אים — און ער אויך ער איז נישט צוגעגאַנגען צו מיר. אָבער ווען ער האָט איינמאָל מיך געזען זיצנדיק פאַרטראַכט, איז ער פאַרבייגעגאַנגען נעבן מיר און מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— וואָס ביסטו פאַרטרויערט, האָסט־דען חרטה פאַרוואָס דו ביסט געקומען אין לאַנד? גיב אַ קוק, איך בין אַלט און תמיד פריילעך!

און איידער כ'האָב באַוויזן אים ענטפערן, איז ער שוין געווען ווייט פון מיר...

איינמאָל איז ער געקומען צו מיר אין צימער אריין. כ'האָב אים דערציילט, אַז

שוין דריי טאָג בין איך אַרבעטסלאָז. ער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אין זיין קליינעם צימער, ער האָט לאַנג מיט מיר געשמועסט און מיך דערמוטיקט.

אין אַ פּאָר טאָג אַרום האָב איך באַקומען אַרבעט ביים קטיף (אָראַנזשן־שניט). כ'האָב געאַרבעט צוזאַמען מיט אים, און ער האָט מיך דערצויגן אין דער אַרבעט" — — —

ש. מ. געדענקט, ווי גאָרדאָן אין געווען טעטיק בעתן באַיקאָט אין פּתח תקוה (בעת די פּרדסים־אייגנטימער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער). ער איז געווען מער עקסטרעם און תקיפות'דיק אין זיין שטעלונג בנוגע די אכרים (פּרדסים־אייגנטימער) ווי אַלע יונגע. ער האָט געפאָדערט נישט איינצוגיין אויף קיין שום פּשרה. און ווען עס איז דאַן געקומען פון יפו אַ דעלעגאַציע פון די וויכטיקסטע כלל־טוער, וועלכע האָבן — נאָכן אויסהערן די טענות פון די קאָלאָניסטן, זיך געווענדעט צו די אַרבעטער — איז גאָרדאָן געווען זייער הויפּט־פאַרשטייער און געטענה'ט אין זייער נאָמען. ביים סוף פונעם שמועס האָבן די דעלעגאַציע־מיטגלידער גערעדט צווישן זיך, אַז „אַזעלכע אַרבעטער דאַרף מען שעצן מער ווי גאָלד" און נישט פאַרטרייבן זיי פון דער קאָלאָניע. גאָרדאָן האָט דאַן געאַרבעט ביים קטיף אינם פּרדס פון ד"ר מזא"ה. דעהערנדיק וועגן דעם באַיקאָט איז ד"ר מזא"ה געקומען קיין פּתח תקוה און הערנדיק גאָרדאָנס אויפקלערונג וועגן ענין, געהייסן דעם לייטער פון פּרדס איבערלאָזן אַלע אַרבעטער ביי דער אַרבעט און נישט לייגן קיין אַכט אויף דער אויפרעגונג פון די קאָלאָניסטן.

אונטערן דרוק פון דער געשאַפענער לאַגע האָט אָבער גאָרדאָן דאָך פאַרלאָזן פּתח תקוה, און איז אַריבער אַרבעטן אין ראשון לציון. דאָרט האָט ער געאַרבעט אין ווייַן־קעלער (יקב) ביים אויסאַרבעטן ספּירט. צומיינסט האָט ער געאַרבעט אין די נעכט. נישט איינמאָל פלעגט ער זיצן אינמיטן נאַכט ביים גרויסן אויוון און שרייבן אַ בריוו צו זיין משפּחה אין חוץ לארץ, וועגן דער דורכויסיקער רוהיקייט אין אָט די מאָמענטן, און ווי־אַזוי דאָס אַלץ דערמעגלעכט אַ פולע גייסטיקע קאָנצענטרירונג. ער האָט דאַן געשריבן, אַז ער וווינט צוזאַמען מיט נאָך זיבן חברים אין איין צימער.

אין ראשון לציון האָט ער לאַנג נישט געאַרבעט, און ער האָט פאַרלאָזן דעם אָרט אַלס פּראָטעסט קעגן די באַאַמטע פון ווייַן־קעלער, וועלכע האָבן באַליידיקט אַן אַרבעטער. אַ קורצע צייט נאָך זיין אוועקגיין פון ראשון לציון האָט ער געאַרבעט אין מקוה ישראל, פון דאָרטן געקומען אין רחובות. דאָ האָט ער געלעבט אַ זייער וואָכזאַם גייסטיק לעבן. די קאָלאָניסטן פון רחובות האָבן זיך נאָך דאַן געהאַלטן נאָענט צו די אַרבעטער, באַזונדערס איז דער יונגער דור, די יוגנט, געווען באַפריינדעט מיט די אַרבעטער. און די אַרבעטער פון רחובות — דאָס איז געווען דאָס בעסטע פונעם דאַמאָלסטיקן אַרבעטער־צבור. עס זיינען פאָרגעקומען געמיינזאַמע געשפּרעכן און שפּאַצירן. ברויזענדע און שטורמישע דיסקוסיעס וועגן כיבוש־העבודה (אַרבעט־דעראָבערונג). דיסקוסיעס צווישן „פּועלי־ציון" און „הפּועל הצעיר".

און דער לעבעדיקער נערוו אין אַט די אַלע דיסקוסיעס איז געווען גאַרדאַן.

אין די פרייע שעהן האָט ער אַ סאַך געלייענט. ער פלעגט לייען ביכער ביי מ. ס. — און דערונטער „קאַפּיטאַל" אין אָריגינאַל. גאָרדאָן האָט געלייענט דאָס בוך מיט גאַר גרויסער אויפמערקזאַמקייט און גרינטלעך.

וועגן יענער עפּאָכע אין רחובות דערציילט צ. ס.:

באַשיידן איז ער געווען (אד"ג), אַן עניו און פריינטלעך צו אַלעמען; פלעגט ביי יעדן זוכן די גוטע זייטן, זייער חבריש. ער האָט געלעבט אין דורכויסיקער פשטות און געאַרבעט מיט אַלע כוחות פון גוף און נשמה. געאַרבעט אַן וועלכע־עס־איז חשבונות צו שאַפן פאַר זיך אַ צוקונפט, אַזוי־ווי נאָר כדי צו דערווערבן זיך אַ נייעם אַרבעטס־געפיל. זיין אַרבעט איז געווען ווי אַ מין תפילה זכה, נישט געלייגט קיין אַכט אויף קיין שום זאַך אַרום אים, נישט אויפן בעל בית און נישט אויף קיינעם אַנדערן. ער האָט געאַרבעט בדחילו ורחימו, די הענט הויבן זיך אויף און לאָזן זיך אַרונטער מיט קראַפט, און ביי יעדן קלאַפּ מיט דער לאַפּעטע האָבן אַ סך שווערע טראָפּנס שווייס געטריפט אויף זיין גרייז־גרויע באָרד און זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט עפּעס אַ בעזונדער פייער, אַ הייליק פייער! באַזונדערס אינטערעסאַנט זיינען געווען זיינע אָפּרו־מינוטן בעת דער אַרבעט. זיין פּנים־אויסדרוק האָט מיר יעדעס מאָל דערמאָנט דעם באַקאַנטן, לויטערן, רוהיקן און באַרויקנדיקן פּנים־אויסדרוק פונעם יידן יום כפור צו „נעילה", ווען ער טראַכט, אַז גאָט האָט זיך צוגעהערט צו זיין תפילה....

און אַט אַרבעטן מיר ביים אויסוואָרצלען יבלית (אַ ווילד־גראָז וואָס זיצט טיף אין באָדן). ווי צו להכעיס שטעקט די יבלית גאָר טיף אין באָדן, אַ מעטער, אַנדערהאַלבן מעטער; מיר, די אַרבעטער וואָס אַרבעטן צוזאַמען מיט גאָרדאָנען, גראָבן טיף כדי צו דערגרייכן די יבלית, און וואַרפן זי דאַן אַריין אין די נעבן אונז שטייענדיקע קוישן ווי אַ מיאוס פויל צווייג. אַנדערש אָבער טוט גאָרדאָן: ער שפּרייט אויס פאַר אונז די אויסגעוואָרצלטע יבלית אין איר גאַנצער לענג, ווייזט אָן אויף איר און קוקט אויף איר מיט אַ געפיל פון נצחון ווי איינער זאָגט: „קוקט, איך האָב אויסגעוואָרצלט אַט דעם פּאַראַזיט".

אָדער מיר גראָבן גריבער צום פלאַנצן מאַנדל־בוימער. אַ סאַך אַרבעטער געפינען זיך אין ווייגאָרטן. עס איז שטיק־אַרבעט און דער בעל הבית באַצאָלט אונז פאַר יעדן גרוב. יעדן אַרבעטער ווערט צוגעטיילט אַ ריי גריבער, און ער גראָבט שנעל און ענערגיש כדי צו פאַרדינען וואָס־מער מאַטליקן (אַ טערקישע מטבע פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה). און אַט האָבן אייניקע אַרבעטער געענדיקט זייערע רייען און זיי לויפן, די לאַפּאַטעס אויף די פּלייצעס, צו פאַרכאַפּן נייע רייען. אין אַ געוויסער צייט אַרום לויפן אויך די יעניקע אַרבעטער וועלכע האָבן זיך פאַרשפּעטיקט צו פאַרכאַפּן נייע רייען — אָבער זיי האָבן שוין פאַרשפּעטיקט: די ערשטע האָבן שוין פאַרכאַפּט אַלע רייען אין ווייִן־גאָרטן און עס איז מער נישט פאַרבליבן. עס ברעכט

דאַן אויס אַ שאַרפע קריגעריי צווישן די ערשטע און די אַנדערע. צופעליק הויבסטו־ אויף דיין בליק און דו זעסט — אין איינער פון די ערשטע רייען שטייט זיך גאָרדאָן און ער גראָבט זיינע גריבער מיט אַ כוונה, יעדער גרוב — אַ קונסט־שטיק, די ווענט אויסגעהובלעוועט, גלייך, וווּנדערשיינע גריבער. גאָרדאָן הערט זיך ניט צו צו דער גאַנצער קריגעריי, ער איז פאַרטאָן אין זיין אַרבעט. אַ חרפה־געפיל באַפאַלט דיך, און דו גייסט גלייך אַוועק פון דער גרופּע אַרבעטער וועלכע קריגן זיך...

יעדע אַרבעט וואָס גאָרדאָן האָט געאַרבעט האָט ער באַהויכט מיט זיין גייסט, און די אַרבעט האָט ווי באַקומען אַ נייעם און באַנייטן אינהאַלט. אַ געוויסע צייט האָט ער געאַרבעט ביי ספּירט־אויסאַרבעטונג אינם אַלטן וויין־קעלער פון דעם ווייַנגערטנער־פאַרבאַנד אין רחובות, און זיינע חברים אַרבעטער פלעגן קומען אים באַזוכן בעת דער אַרבעט. אין דער ספּירט־אויסאַרבעטונג איז נישט פאַראַן קיין שום ספּעציעלע כוונות — אָבער ווער עס האָט געזען גאָרדאָנען אַרבעטנדיק ביי דער אַרבעט, ווער עס האָט זיך צוגעקוקט צו זיין פּנים וואָס איז געווען באַלויכטן אין דער נאַכט־פינצטערניש דורכן שייטער־הויפן, וואָס מיט זיינע העלצער האָט ער געהייצט דעם גרויסן אויוון — האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז עפּעס אַ מיסטיש־רעליגיעזער כשוף־מאַכער שטייט פאַר אים. און ער האָט געמוזט מודה זיין אין דער ריכטיקייט פון זיינע ווערטער, אַז די דאָזיקע אַרבעט איז אַ מין עבודת שמים.

גאָרדאָן, ווי געזאָגט, האָט זיך געפירט גאָר איינפאַך אין זיין לעבן, ער האָט כמעט נישט געלאָזט פילן זיין עקזיסטענץ, ער האָט זיך נישט באַמיט און נישט געוואָלט משפּיע זיין אויף קיינעם. ער איז געווען קאָנצענטרירט אין זיך אַליין, און וואָס ער האָט געטאָן איז עס געווען נאָר כדי צו באַפרידיקן זיינע אייגענע גייסטיקע באַדערפענישן. ער האָט געפאָדערט פון זיך אַליין די מאַקסימאַלסטע פאָדערונגען, וועלכע זיינען געווען אַריבער זיינע כוחות. מען דאַרף, דעריבער, נישט מקנא זיין דעם אינערלעכן קאַמף וואָס איז געווען פאַרבאָרגן אין זיין נשמה. מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז דער סוד פון גאָרדאָנס גרויסקייט און דאָס האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ סימבאָל פאַר אַלע וועלכע האָבן אים געזען. די דאָזיקע שטומע השפּעה האָט גערעדט צו אונזער האַרץ אַ סך מער ווי די געלונגנסטע אויפקלערונגען. ניט־ווילנדיק פלעגסטו אין אַ סך פאַלן זיך אַליין פרעגן, וואָס וואָלט גאָרדאָן געטאָן אין דעם אָדער אַנדערן פאַל".

איך געדענק, עס איז געווען דער טאָג פון מיין קומען אין ארץ־ישראל, אלול תרס"ח. דער טאַטע האָט נאָך געאַרבעט אין רחובות. ווען ער איז אַרויף אויף דער שיף צו טרעפן זיך מיט מיר, האָט מיך דערשטוינט די גרויסע ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין אויסערלעכקייט פאַר די יאָרן זינט מיר האָבן זיך צעשיידט. ער האָט זיך שטאַרק פאַרעלטערט, זיינע האָר זיינען ווייס געוואָרן און זיינע קליידער שטאַרק פאַרעלטערט. אָבער זיין גאַנצער פּנים־אויסדרוק און לויכטענדע אויגן האָבן מיר תיכף געמאַכט פאַרגעסן דעם ערשטן איינדרוק. דער טאַטע האָט צוזאַמענגענומען מיין באַגאַזש אין שיפל. און ווי מיר זיינען אָנגעקומען צום ברעג, האָט ער מיר

פֿאַרגעשטעלט פאר זיינע חברים אַרבעטער וועלכע זיינען אויך געקומען צו דער טרעפונג. פון ים־ברעג זיינען מיר גלייך אוועק צו חיים־ברוך׳ס האָטעל *). אין האָטעל זיינען געווען אַ סאך אַרבעטער; אין יפו זיינען דאַן פאַרגעקומען פאַרזאַמלונגען פון „הפועל הצעיר״ און „פועלי ציון״ — און אַלע האָבן געגעסן אינם האָטעל. מיטאָג־צייט האָט דער טאטע באַמערקט, אַז דער שפייז שמעקט מיר נישט, און ער האָט מיר אַ זאָג געטאָן:

— אין ארץ ישראל דאַרף אַלץ זיין גוט און אַנגענעם, דאָ איז נישט פאַראַן קיין אויסוואַל...

ווען עס האָט זיך פאַרענדיקט די פאַרזאַמלונג פון „הפועל הצעיר״, זיינען מיר אוועק זוכן אַ דיליזשאַנס כדי צו פאָרן אין רחובות, אָבער יענעם טאָג איז דער דיליזשאַנס נישט געפאָרן (ער פלעגט נישט פאָרן טאָג־טעגלעך אין רחובות). מיר האָבן געטראָפן אַ קאָלאָניסט פון נס ציונה, וועלכער האָט אונז פאָרגעשלאָגן צו פאָרן מיט זיין וואָגן. פון נס ציונה זיינען מיר געגאַנגען צו־פוס קיין רחובות.

אויפן וועג האָבן מיר א סך גערעדט. ער האָט פאַר מיר געשילדערט דעם כאַראַקטער פון אַ סך זיינע חברים אַרבעטער. מיר זיינען אָנגעקומען אין האָטעל צו פרישטיק און נאָך געטראָפן דאָרט אַרבעטער, צווישן זיי פ. וועלכער האָט באַשלאָסן פאַרלאָזן די אַרבעט און פאָרן לערנען. דער טאטע האָט מיט אים לאַנג דיסקוטירט וועגן כיבוש העבודה, וועגן יאוש אינם אַרבעטער־לאַגער און וועגן דעם פאַרברעך פון פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

מיר זיינען געקומען אין טאטנס צימער. עס איז געווען א זייער קליינער צימער, אָבער ער איז געווען אויף א צווייטן שטאָק, אויף א הויכן בערגל פון וועלכן עס האָט זיך אנטפּלעקט א וואונדער־שיינע פּאַנאָראַמע פון דער גאַנצער אומגעגנט, און דעריבער האָט דער טאטע שטאַרק ליב געהאַט דעם צימער.

איך דערמאָן זיך יענעם ביטערן טאָג, ווען דער טאטע איז פאַרוואונדעט געוואָרן אויפן וועג פון רחובות קיין יפו, גייענדיק באַזאָרגן דאָקומענטן פאַר דער מאַמען אין צוזאַמענהאַנג מיט איר קומען קיין ארץ ישראל. עס זיינען אים אַנטקעגן געקומען דריי באַוואָפנטע אַראַבישע רייטער מיט פאַרשטעלטע פּנימער. זיי האָבן אים אָפּגע־שטעלט און געפרעגט וווהין ער גייט. ער האָט זיי מיט פולער זעלבסטאַכטונג געענט־פערט, אַז ער גייט אין אַ זייער נויטיקן אָרט. אינם זעלבן גייסט האָט ער זיי געענט־פערט אויך אויף אַלע איבעריקע פראַגן. דאַן זיינען זיי אים באַפאַלן ווי חיות, געשאָסן אויף אים און געשטאָכן מיט מעסערס; זיי האָבן פון אים אַראָפּגעצויגן די אויבערשטע קליידער (ער איז געווען אָנגעטון אין אַ גוטן פוטערנעם מאַנטל וואָס ער האָט גע־בראַכט פון רוסלאַנד) און זיינען פאַרשוווּנדן — און ער איז געבליבן ליגן אָפּגייענדיק אין בלוט און כמעט אָן באַוואוסטזיין. אַזוי איז ער געלעגן אַ געווויסע צייט, און דאַן

*) אַן אַרבעטער־אַכסניה אין יפו בעת דער צווייטער עליה.

אַגעשטרענגט זיינע לעצטע כוחות און געפּרוּווט גיין. און אַט האָט זיך באַוויזן פונ־דערווייטנס אַ מענטש וואָס האָט זיך דערנענטערט. דאָס איז געווען מיכאל האַלפּערין. האַלפּערין האָט אים צוגערופן פונדערווייטנס: „שלום, גאָרדאָן!“ — דערויף האָט אים דער טאַטע געענטפערט מיט אַ ביטערער איראָניע: ”עס איז גאָר נישט אַזוי שלום!“... אויפצומאָרגנס האָט מען אים איבערגעפירט אין יפו’ער שפּיטאָל. דאָרט איז ער אָפּגעלעגן אַ צוואַנציק טאָג, אין גאָר אַ שווערן צושטאַנד. נאָכן פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל איז ער געווען זייער שוואַך, און איז געווען געצוווּנגען צו בלייבן אַ צוויי מאָנאַט אין יפו און פאַרדינען אויף זיין קיום מיט איבערזעצונגס־אַרבעט.

יענעם ווינטער איז געקומען אין ארץ ישראל ברענער. און גלייך איז ער געקומען זיך באַקענען מיטן טאַטען. יענעם טאָג האָבן זיי ביידע פאַרבראַכט אין אַ לעבעדיקן און געמיטלעכן שמועס ביז שפּעט ביינאַכט.

קורץ פאַר מיין מאַמעס קומען אין ארץ ישראל, סיון תרס״ט, האָט דער טאַטע געפונען אַרבעט אין פתח תקוה און געדונגען אַ דירה (אַ באַראַק פון איין צימער מיט אַ גאָר קליינע קיך און וועראַנדע) אין עין גנים. די תקופה פון עין גנים איז געווען אַ גאָר אינטענסיווע און אינטערעסאַנטע צייט אין זיין לעבן. באַזונדערס דעם ערשטן זומער. דאַן האָבן געוווינט אין עין גנים ברענער, בערל כּאַצנעלסאָן און שמעונוביטש. דער לעצטער האָט געאַרבעט מיט אים אין איין פּרדס. אין שכנות מיט אונז האָבן געוווינט, אויך אין אַ קליין באַראַק, עטלעכע פּריינט אַרבעטער, און זייער באַראַק פלעגט יעדן אָוונט זיין פול מיט געסט, אַרבעטער און אַרבעטערינס: מען פלעגט זינגען, טאַנצן און שמועסן. דער טאַטע איז געווען אַן אָפטער גאַסט אינם שכנותדיקן באַראַק און פלעגט זיך אַקטיוו באַטייליקן אין די דאָזיקע מסיבות. אָפט פלעגן די מסיבות אַריבער צו אונז, באַזונדערס אין די פרייטאָג־צו־נאַכטסן. אַ באַזונדערן איינדרוק האָבן תמיד געמאַכט די ויכּוחים צווישן אים און ברענערן, אין וועלכע עס פלעגן זיך אָפט אַריינמישן אויך בערל כּאַצנעלסאָן און שמעונוביטש. במשך פון דער גאַנצער צייט פון ויכּוח, וואָס פלעגט זיך פאַרציען שעהן, איז נישט אַרונטער דער גוטער און גוטהאַרציקער שמייכל פון ברענערס מויל. אויך די חברים פון עין גנים פלעגן זיך צוהערן. זיי האָבן דאַן געאַרבעט אין פתח תקוה און געווען חברים פון דער „הפועל הצעיר“ פּאַרטיי. בכלל האָט דער טאַטע געלעבט אין גוטער פריינטשאַפט מיט די מענטשן פון עין גנים און זייערע משפחות. די קינדער זיינען געווען צווישן זיינע שטענדיקע באַזוכער.

ט. חשון תרע״ה איז נאָך אַ שווערע קראַנקייט געשטאָרבן מיין מאַמע, און איך בין געווען געפערלעך קראַנק און וואָכן־לאַנג זיך געראַנגלט צווישן לעבן און טויט. גאַנצע טעג פלעגט דער טאַטע זיצן אין שפּיטאָל און צוזאַמען מיט די קראַנקן־שוועסטער אויפגעפּאַסט אויף מיר. ער פלעגט זיצן ביי מיין בעט אויך די נעכט. ער האָט אַזוי פיל געליטן און געהאָרעוועט יענע טעג, ביז ער איז קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע. און ווען איך האָב פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל, האָט ער נאָך געדאַרפט

א סך אויפפּאַסן אויף מיר, און נישט איין נאַכט איז ער נאָך געזעסן ביי מיין בעט. ער איז געווען שטאַרק אויפגעטרייסלט פון דעם וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט, אָבער ער האָט זיך באַהערשט און נישט אויפגעהערט צו זיין וואַכזאַם אין אַלע ענינים פון ישוב און באַזונדערס פון אַרבעטער ציבור, און פאַרגעזעצט צו שרייבן זיין ווערק „דער מענטש און די נאַטור״.

אין טעג פון אַרבעטסלאָזיקייט — אין עין גנים — פלעגט ער פאַרזעצן זיין איבערזעצונגס־אַרבעט פאַרן פאַרלאַג פון די וויסנשאַפטלעך־פּאָפּולערע בראָשורן „לעם״,און ער פלעגט א סך לייענען.

אַן עפּיזאָד פון איין טאָג אין יענער תקופה: מיטאָג־צייט. אינדרויסן א גוס־רעגן. מיר ענדיקן עסן מיטאָג. עס קומט אריין בערל כאַצענעלסאָן. ביידע הויבן אָן א שמועס. לאַנגזאַם אַנטוויקלט זיך דער שמועס צו א שטורמישן און אינהאַלטס־רייכן ויכוח, ווי עס געשעט תמיד ווען זיי טרעפן זיך צוזאַמען, און דער רעגן גיסט אינדרויסן און די צייט גייט פאַרביי. עס איז געוואָרן אָוונט, ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן פינצטער און זיי שמועסן. אָבער ווי נאָר כ׳האָב אָנגעהויבן גרייטן דעם טיש צו אָוונט־ברויט — האָבן זיי ביידע ווי דערוואַכט און אויסגערופן פאַרוווּנדערט: „א האַלבן טאָג האָבן מיר אַזוי אָפּגעשמועסט און נישט געפילט ווי די צייט איז פאַרביי!״

מ. ח. שטרייכט אונטער אין זיינע זכרונות נאָך אייניקע מאָמענטן פון יענער תקופה:

„ער האָט געוווינט צופוסנס פונעם בערגל אין עין־גנים, אין אַ קליין איין־צימערדיק הייזל, וואָס האָט אויסגעזען ווי א ווייסער, פיר־עקיקער ציגל־קאַסטן. אינעם צימער: א בעט און א טיש, א שטול און א לאָמפּ. דער צימער דינט בעצם נאָר צום שלאָפן. אלס אויפנאַם־ און עס־צימער דינט דער „זאַל״ — דאָס איז א קליין פּלעצל אין פראָנט פונעם „הויז״. קעגנאיבער אים, מזרח־צו זעט מען פונדערווייטנס די אייג־זאַמע פּאַלמען־בוימער פון אראַבישן דאָרף פּעדזשאַ און נאָך ווייטער — די בלויע יהודה־בערג.

— נו, וואָס זאָגסטו, „פּריץ״, אויף אָט דעם זאַל? — און די פראַגע איז באַ־גלייט מיט א איידל־צאַרטן אויסשטרעקן פון די הענט אין דער ריכטונג פון די בערג. ער זיצט אויפן באָדן, די פּלייצע אָנגעשפּאַרט אויפן וואַנט פון שטוב.

עס הויבט אָן דעמערן. דער אָרימער וועגעטאַריאַנישער מאָלצייט, וואָס חזרט זיך איבער כמעט טאָג־טעגלעך אָן וועלכער־עס־איז ענדערונג, ווערט באַגלייט מיט אַ שמועס וועגן דער ליטעראַטור און דעם שרייבן בכלל, דעם שרייבן אלס ציל, אלס עיקר אין לעבן...

— מען שרייבט און מען שרייבט און מען שרייבט. מענטשן האָבן פאַרגעסן לעבן. עס איז אָפּגענומען געוואָרן דער טעם פון לעבן, דער אור־אַפּעטיט צום לעבן... און דער־עיקר ווי־אַזוי מען שרייבט. ניין, דער נייער מענטש וועט נישט שרייבן א סך, נאָר א ביסל. עס וועט זיין דער תמצית, אָט אויפן שפּיץ מעסער — און ער

ווייזט דערביי אויפן שפיץ מעסער, וואָס בלאַנקט אין זיינע הענט אינם שיין פון דער אַ־יפגייענדער לבנה.

עמיצער א פאַריאַושטער, אָן איינזאַמער, קאָרטשעט זיך שוין אייניקע טעג און נעכט אין מאַלאַריע ביי זיך אין צימער, אין עין־גנים וואָס איז ווי אַן אָאַזיס אין מדבר. א געוויסן אָוונט קלאַפּט ע ר אָן אין טיר און גייט אריין אין צימער. זיין רוהיק, באַזאַכט דערשיינען האָט תמיד אין זיך עפּעס פלוצימדיקייט... ער שטייט א מינוט אינמיטן צימער, ווארפט בליקן אהער און אהין, און זאָגט:

— יאָ, א געננוג באַקוועמער צימער, און זע נאָר, זע, פיר טירן... און אין א מינוט ארום: — אָבער שטויב איז דאָ פאַראַן אַ סאַך. און ער נעמט דעם בעזים, וואָס וואָלט גראָד אינעם ריכטיקן מאָמענט ווי באַשאַפן געוואָרן און געקומען אונטער די הענט, און ער קערט אויס דעם צימער אין דער לענג און דער ברייט, נישט אויפ־הערנדיק מורמלען, האלב ערנסט האלב אין שפּאַס:

— נו, נו, אָט דיר ארץ ישראל... נו, נו, וואָס וועט איר זאָגן אויף אזא ארץ ישראל ?...

פאַרענדיקט די ארבעט, דערנענטערט ער זיך צום קראַנקן און זעצט זיך צו אויף זיין בעט.

— ובכן, פריץ, וואָס מאכסטו ?

— אזוי־זיך.

— „אזוי־זיך, אַלץ ביי אונז איז „אזוי־זיך"...

*

„איך זאָג: איך בין א שלעכטער שרייבער, און אנדערע זאָגן, אז איך בין א שלעכטער ארבעטער, און איר וועט זאָגן: די און די זאָגן ריכטיק און אמת".

און זיין פּנים שיינט...

קיינמאָל וועסטו אויף זיין פּנים נישט זען קיין צייכן פון א פאַראַכטונגס־געפיל, אדער אַן אנדער געפיל, וועסטו אויך נישט הערן קיין שום פּליטת־פּה זייענדיק אויפ־געברויזט, תמיד יענע אינערלעכע פעסטקייט, יענע טיף־אינערלעכע קאָנצענטרירונג.

וועגן אַלטע בחורים אזוי־ווי וועגן נזירים רעדט ער תמיד מיט כעס, מיט ביטול, מיט א ביסל פאַראַכטונג, און ווען ער זעט א יונג פּאָר וואָס פּאַסן זיך מער־ווייניקער קעגנזייטיק, סיי אויסערלעך און סיי אינערלעך, לייכט זיין פּנים אויף ווי ביי א גוטן ייִדן.

*

זיין אומגאַנג מיטן קינד און זיין שמועס מיט אים, איז דורכגעדרונגען תמיד מיט עפּעס א באַזונדערער איידלקייט, וואָס גרעניצט זיך כמעט מיט יראת הכבוד. עס איז נישט פאַראַן קיין סימן און זכר פון יענער כאַראַקטעריסטישער זיסקייט, פון

יענעם אונטערשטרייכן פון דער כלומרשטער „קינדישקייט" וואָס מען מערקט ביי „גרויסע" אין זייער שמועס מיט אַ קליינעם פּאַרטנער; דו זעסט פאר זיך צוויי מענטשן, וועלכע פירן צווישן זיך אַ פריינטלעכן שמועס, איינער אַ הויכער און דער צווייטער אַ נידעריקער... און די גאַנצע לויטערע און העלע ערנסקייט פון דער קינדהייט קוקט דאַן אַרויס פון זיינע אויגן.

*

תמיד: אָדער ערנסט ווען ער איז איינזאַם, אָדער פייערלעך ווען ער געפינט זיך אין אַ געזעלשאַפט (אויב עס איז נישט געשען עפּעס ערנסטעס וואָס פאַרשאַפט אַ באַזונדער זאָרג), ער רעדט קיינמאָל נישט וועגן זיין פריוואַטן לעבן, הערט זיך צו געדולדיק ווען מען דערציילט אים וועגן אַ צווייטנס לעבן, קוקט זיך נישט אום אויף צוריק און דערמאָנט נישט אַמאָליקע זאַכן — אויב עס האָט נישט קיין דירעקטע שייכות צום עצם „געדאַנק" — תמיד ניי, תמיד באַנייט — — —

*

אין די עין־גנים צייטן איז עס געשען, אַז אחד־העם האָט געפּאָדערט אָפּשטעלן די אונטערשטיצונג פאַרן דער צייטונג „הפּועל הצעיר" צוליב דעם באַקאַנטן אַרטיקל פון ברענערן*. דאַן איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אחד־העם׳ס אַרטיקל „תורה מציון". עס זיינען פאָרגעקומען שטורמישע פאַרזאַמלונגען אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, אין דער טאַטע איז געווען צווישן די וועלכע האָבן אויסגעדריקט זייער שאַרפסטע קעגנערשאַפט און צומיינסט עקסטרעם און אַקטיוו פּראָטעסטירט קעגן דער אויפ־פירונג פון „אָדעסער קאָמיטעט" (פון חובבי ציון) און פון אחד־העם.

נ. ח. דערציילט וועגן די עין גנים יאָרן:

„זומער תר"ע אין אויסגעבראָכן אַ שאַרפער סכסוך צווישן אונז, די אַרבעטער אין דער קרן קיימת פאַרם אין בן שמן און צווישן דער לייטונג פון דער פאַרם. דער־דאָזיקער סכסוך, ווי אַלע ענלעכע סכסוכים אין יענער תקופה, איז פאַרשאַרפט געוואָרן דורך צוויי פאַקטאָרן וועלכע האָבן דאַן נישט ווייניק משפּיע געווען אויף דעם נייעם געזעלשאַפטלעכן לעבן וואָס האָט זיך געשאַפן אין לאַנד: פון איין זייט דער געפיל פון שותפות און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יעדן שאַפונגס־פּרווו אויפן געביט פון קאָלאָניזאַציע, און פונדאַנען אַן איבערגעטריבענער אַריינמישן־זיך פון די אַרבעטער אין די ענינים פון דער לייטונג, צוזאַמען מיט אַ נישט געענוגנד־גרינטלעכן און נישט־דערפאַרענעם צוגאַנג — און פון דער צווייטער זייט: דער שטאַרקער ווילן פון אייניקע חברים מיט אַ רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט אין חוץ־לאָרץ, צו זען סוף סוף אין ארץ ישראל דעם אויסגעאַרטן קלאַסן־קאַמף. דידאָזיקע צוויי פאַקטאָרן האָבן

* הפּועה"צ 3, תרע"א.

פאַרשאַרפט און צוגעשפּיצט דעם סכסוך אין בן־שמן, וואָס האָט זיך ענדלעך פאַר־ענדיקט — ווי עס פלעגט זיך דאַן פאַרענדיקן די מערהייט סכסוכים פון דעם מין אין די נאַציאָנאַלע אָדער האַלב־נאַציאָנאַלע פערמעס: מיט אַ דעמאָנסטראַציע פון פאַרלאָזן דעם אָרט דורך די אַרבעטער.

מיט אונזערע אָרימע מטלטלים זיינען מיר אוועק צופוס פון בן־שמן אין פּתח תקוה. מיד און פאַרמאַטערט און אויפגערעגט צוליב דעם דאָזיקן „גלות״ און פון אַלעם וואָס איז פאָרגעקומען פאַר דעם, — זיינען מיר פאַרנאַכט אָנגעקומען אין עין גנים. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ פּוסטן און פאַרלאָזענעם פּלאַץ, באַוואַקסן מיט דערנער. דער חבר וואָס איז געגאַנגען נעבן מיר האָט מיר שטיל אַ זאָג געטון: דו ווייסט? אָט דאָ וווינט א. ד. גאָרדאָן.

אַזוי ווי מיר רעדן, און פון באַראַק איז אַרויס גאָרדאָן, מיט זיין לויכטענדן פּנים און דורכדרינגענדע קלאָרע אויגן (ביזאַיעצט האָב איך נאָר געהערט וועגן אים און איצט האָב איך אים צום ערשטן מאָל געזען) — און פול מיט דאגה און זאָרג האָט געפרעגט:

— פונוואַנען קומט די גאַנצע מחנה און וואָס איז געשען?

אייניקע צעהיצטע חברים האָבן אים דערציילט דעם גאַנצן ענין און אונטער־געשטראָכן די רשעות פון דער בן־שמן־לייטונג. גאָרדאָנס פּנים האָט זיך באַדעקט מיט צער און טרויער: ווי־אַזוי? איז עס טאַקע מעגלעך? ער האָט אָפן אויסגעדריקט זיינע ספקות אין דער גערעכטיקייט פון אונזער טאַט, און צי האָט מען טאַקע מיט אַזאַ לייכטזין געדאַרפט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, אפילו ווען מיר זיינען געווען גערעכט.

עס איז שווער געווען צוקוקן זיך צום ווייטאָג וואָס דער נישט־פּאַרזיכטיק איבעראיילטער עסק ביי האָט אים פאַרשאַפט. אָבער פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט: איר זייט דאָך מיד, הונגעריק און דורשטיק. און ער איז שנעל אַריין אין צימער, צוגעגרייט און דערלאַנגט אַלעמען טיי, אויך אַ שטיקל ברויט האָט ער געפונען — מן הסתם זיין גאַנץ אָונטברויט — און איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו אונז מיר זאָלן עסן. מיר זיינען געווען געצווונגען כּאַטש טועם זיין פון זיין ברויט, כּדי אים נישט נאָכמער מצער זיין. ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען נעבן אונז און אונז באַדינט, און האָט זיך באַמיט אונז דערמוטיקן און דערפרייען — אָבער דער צער און טרויער זיינען נישט אַראָפּ פון זיין פּנים.

אַ לאַנגע צייט איז זיין געשטאַלט פאַרבליבן אין מיין זכרון, און ביז היינט האָב איך נישט פאַרגעסן אונזער ערשטן צוזאַמענטרעף.

•

דעם זעלבן זומער. דער שווערער און פאַרצויגענער אַרבעטס־טאָג האָט זיך פאַרענדיקט. ערב שבת. מידע, אָרומגעוואַשענע און אָנגעטוענע אין לייכטע שבת־קליידער האָבן די יונגע אַרבעטער געטומלט אינם באַקאַנטן האָטעל פון ר. עסנדיק

מיט אָפּעטיט דעם אָרימען שבת־מאָלצייט. די חברה מ. האָט מיר פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן אין אָונטש באַזוכן גאָרדאָנען. „שוין זינט אַ צייט ווי מיר זיינען זיך נוהג, אַ טייל חברים, צו באַזוכן אים אין די פרייטאָג־צו־נאַכטסן. קום מיט און איך בין זיכער, אַז דו וועסט נישט באַדויערן".

זיינען מיר אַוועק אין עין־גנים, און אין קליינעם ענגען צימער האָבן מיר געטראָפן אַ צאָל חברים, וואָס זיינען געזעסן אין ענגשאַפט צוזאַמען מיטן צימער־אייגענטימער בכבודו ועצמו פאַרטון אין אַ שמועס. דער שמועס האָט זיך געפירט אַרום די יאוש־שטימונגען וועלכע זיינען דאַן אַריינגעדרונגען אין די הערצער, וועגן די אַנטוישונגען ביים כיבוש העבודה, וועגן דעם פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וועגן דעם צי האָט אַן אַרבעטער אַ מעגלעכקייט צו פירן אַ פאַמיליע־לעבן אָדער נישט א.אז.וו.

גאָרדאָן הערט זיך־צו צו די רייד פון די חברים וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט פאַרביטערונג און יאוש, און צו די ענטפערס פון זייערע קעגנער — די „אַף על פי כן"־לייט. אויך אין די רייד פון די וואָס זיינען פול מיט האָפנונג און גלויבן, פילט זיך מער אַן אינסטינקטיווער אויפברויז און שטורעם צום ציל, ווי אַן אינערלעכע זיכערקייט און אַ טיפע און גרינטלעכע אידיישע קלאָרקייט. גאָרדאָן הערט זיך־צו צו די רייד, מורמלענדיק פאַר זיך אַליין עפּעס אַ שטילן ניגון. און אָט מישט ער זיך אַריין אין שמועס. ער טראָגט אַריין דעם מאָטיוו פון טיפן גלויבן אין „איך", אין דער באַנייאונג און דערהויבונג פון יחיד, אין דער גרויסער קראַפט פונם באַוווסטזיניקן און ווילנס־שטאַרקן יחיד. אַ נייער גייסט האָט דורכגעדרונגען די מסיבה. וויפל מוט און כוח האָט ער איינגעפלאַנצט אין אונז. ווי לייכט עס איז געוואָרן אויפן הארצן!

במשך פונם גאַנצן שמועס האָט גאָרדאָן נישט גערוט. מיט אַ יוגנטלעכער געשיקטקייט האָט ער באַדינט די צונויפגעזאַמלטע, יעדן איינעם פון אונז ווו ער האָט זיך געפונען דערלאַנגט אַ גלאָז טיי — דעם איינעם ביים קלענטשינקל טישל און די אַנדערע אין די ווינקלען פון צימער, אין די הענט אַריין וואָס האָבן גענדינט אין דעם פאַל פאַר אַ טיש. און אָט מאַכט גאָרדאָן אַ פאָרשלאַג: היות ווי עס איז אונז ענג דאָ דער אָרט, לאָמיר אַריבערגיין אין גרויסן רחבותדיקן זאַל. אַלע האָבן זיך אויפ־געהויבן און אַוועק צום טיר, — און איך, דער רעקרוט, בין צעטומלט געוואָרן, נישט־וויסנדיק ווו עס געפינט זיך אָט דער גרויסער זאַל וועגן וועלכן ער רעדט. אָבער אין אַ מינוט אַרום איז מיר די זאַך קלאָר געוואָרן: דאָס אין געווען אינדרויסן, אינעם ברייטן אומענדלעכן חלל וואָס האָט זיך פונאַנדערגעשפרייט פאַר אונז פון קליינעם בערגל אויף וועלכן מיר זיינען געשטאַנען. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן באָדן. עס איז געווען סוף חודש .אומצייליקע שטערנס האָבן געלויכטן און געציטערט אין די הימלען. אונזער ערנסטער שמועס האָט זיך איבערגעריסן. גאָרדאָן האָט געבעטן איינעם פון די חברים ער זאָל זינגען. יענער האָט זיך אַנטשולדיקט, אַז ער קען נישט קיין העברעאישע לידער, נאָר יידישע.

— עס מאכט נישט אויס — האָט אים גאָרדאָן געמוטיקט — זינג אונז א. רייזין׳ס „דער מתמיד״.

דער בחור האָט געזונגען די ווערטער וואָס זיינען אָנגעזאַפּט מיט צער און טרויער, און גאָרדאָן זינגט מיט פון מאָל צו מאָל שטילערהייט. פון דעם ליד זייַנען מיר אריבער צו העברעאישע לידער. אזוי האָבן מיר פארבראכט ביז שפּעט אין דער נאכט.

אין די שווערע אַרבעטס־טעג וואָס זיינען געקומען נאָכן שבת, האָבן אונז באַגלייט די פרייטאָג־נאכטיקע איינדרוקן ביי גאָרדאָנען. עס איז געווען לייכטער צו ארבעטן, צו לידן, און אויך דער מוח האָט אינטענסיווער געאַרבעט.

*

אחד העם איז געקומען אויף אַ באזוך קיין ארץ ישראל. דאָס איז געווען נאָכדעם ווי ער האָט פארעפנטלעכט זיין באַרימטן „סך הכל״, אין וועלכן ער איז געקומען צום אויספיר, וואָס ער איז אים זייער באַדויערלעך, — אַז עס איז נישט פאַראַן קיין האָפענונג עס זאָל געשאַפן ווערן אַ אמתער יידישער ארבעטער, אַז עס איז נישט פאראן קיין האָפענונג מיר זאָלן אליין, מיט אונזערע אייגענע הענט, טון אונזער גאַנצע מלאכה און ארבעט. זיין „סך הכל״ איז געווען: אַ יידישער „בועז״ (גרונט־באַזיצער) וועט זיין דער אויפזעער איבער דער ארבעט פון פרעמדע ארבע־טער. צו ארבעט ממש טויגן מיר נישט !..

אין דער ארבעטערשאַפט האָט דער דאָזיקער ארטיקל ארויסגערופן אַ סאַך פארדרוס און צער. עס איז געווען נויטיק רעאגירן אויף אים. און אָט האָבן מיר זיך דערוווסט, אז אַ געוויסן טאָג וועט אחד העם קומען אויף אַן אָפיציעלן באזוך אין עין גנים. עין גנים אין דאַן געווען דער צענטער פון לעבן און אויפבלויז פון דער יונגער באוועגונג. אַ גרויסער טייל פון אונז האָט באַשלאָסן באַקאַטירן די אויפנאַמע וואָס דער קאָמיטעט פון עין גנים האָט איינגעאָרדנט פאר אחד העם׳ען. דאָס איז אויך געווען גאָרדאָנס מיינונג. און ער האָט זיין באשלוס פולשטענדיק אויסגעפירט. ער איז יענעם אָוונט געבליבן אין דער היים. אָבער אַ סאַך ארבעטער האָבן געהאלטן פאר ריכטיקער גיין צו דער פארזאמלונג, כדי צו פירן אַ ויכוח מיט אחד העם׳ען. אַ סאַך אנדערע ווידער זיינען ארומגעגאַנגען אינדרויסן ארום הויז ווו עס איז פארגעקומען די פארזאמלונג, גערעדט און דיסקוטירט.

נאָכדעם ווי אחד העם האָט פארלאָזן עין גנים און איז אוועקגעפאָרן אין יפו, האָט גאָרדאָן איינגעלאַדן אַ צען חברים, און מיט טיפער אויפרעגונג גערעדט פאר אונז וועגן דעם באַדויערלעכן פאקט, וואָס אַ מענטש ווי אחד העם באַגרייפט נישט אונזער גייסט און צוזאמען מיט די געלט־גייציקע „בועזים״ דערווייטערט ער זיך פון די יסודות פון דער אמתער אויפלעבונג. ער האָט פארגעשלאָגן שרייבן צו אחד העם׳ען אַ בריוו, וואָס זאָל אויף אַ קאָנצענטרירטן און תמצית׳דיקן אויפן אויסדריקן די יסודות

פון אונזער אויפפאסונג פון ציוניזם און פון זיין פארווירקלעכונג. זיין פאָרשלאג איז אָנגענומען געוואָרן. גאָרדאָן האָט אָנגעשריבן דעם בריוו, האָט אים פאָרגעלייענט פאר אונז און מיר האָבן אלע מסכים געווען צו אים. עס איז אויך אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז ווי־נאָר עס וועט אָנקומען אחד העם׳ס ענטפער, וועט אונז גאָרדאָן ווידער איינלאַדן.

און אזוי איז עס טאַקע געווען. אחד העם האָט זיך צוגעאיילט און געענטפערט נאָך איידער ער האָט פאַרלאָזן ארץ ישראל. זיין בריוו איז געווען איין מיספארשטענדעניש. גאָרדאָן האָט אונז צונויפגערופן אין זיין צימער און האָט אונז איבערגעגעבן זיין ענטפער. ער אליין, אינגאנצן אויפגעטרייסלט, איז אָן אויפהער אַרומגעגאַנגען אהער און אהין. אָט דער מאנגל און פארשטענדעניש האָט אים — אזוי ווי אונז אלע — שטאַרק געטראָפן און וויי געטון.

אין תרע״א איז אינם ארבעטער צבור אָנגעגאנגען אַ הייסער און שטורמישער וויכוח, צווישן די אָנהענגער פונעם פאָרשלאג צו בויען ארבעטער־הייזער מיט קרן קיימת געלטער און בכלל מיט געזעלשאפטלעכע מיטלען, כדי צו פארלייכטערן דעם יידישן ארבעטער זיין איינוואָרצלונג און פארפעסטיקונג אין דער ארבעט און אינעם לעבן פון דער קאָלאָניע — און צווישן די אָן־פשרה׳דיקע קעגנער פון יעטוועדער שטיצע, אין וועלכער־עס־איז פאָרם און פון וועלכן־עס־איז צד.

די אָנהענגער פון פאָרשלאג האָבן אים געהאלטן פאר אַ רעטונג פון דעם „יאוש״, פון דער אָפּהענטיקייט וואָס האָט דאַן ארומגעכאפט אַ סאך ארבעטער, צוליב די נישט־דערפאָלגן פון כיבוש העבודה און די אויסערגעוויינלעך שווערע באדינגונגען, אין וועלכע דער ארבעטער אין דער קאָלאָניע האָט געלעבט און געליטן. די קעגנער, דאקעגן, האָבן געציטערט פאר דער צעפוילעניש פון דער שטיצע וואָס האָט צעפרעסן די מענטשן פון דער ערשטער עליה, און האָבן אנטשיידן געקעמפט קעגן דעם אריינדרינגען פון אָט דער נגע אין אונזער מחנה.

גאָרדאָן איז געווען צווישן די עקסטרעמע קעגנער. ער האָט געפרווט, אין שריפט און אין וואָרט, משפיע זיין אויף די אָנהענגער.

נישט קוקנדיק אויף דער קעגנערשאַפט, איז די בויאונג פונעם ארבעטער־הויז אין פתח תקוה דאָך דאַן רעאליזירט געוואָרן — און אַ סאך פון די קעגנער האָבן דערקלערט אַ באָיקאָט קעגן דעם הויז, און זיי האָבן זיך נישט צוריקגעהאַלטן אָנרופן אים מיט די באליידיקענדסטע אויסדרוקן. אָבער גאָרדאָן האָט אנדערש געהאנדלט: היות ווי דאָס הויז איז אויפגעבויט געוואָרן און איז פארוואנדלט געוואָרן אין אַן ארבעטער־צענטער, האָט ער אָנגעהויבן פון צייט צו צייט אים באזוכן — צום טיפן באדויערן און פארביטערונג פון די קעגנער, וואָס צוזאמען מיט זיי האָט ער פריער געפירט אַן אויפקלערונגס־טעטיקייט קעגן אָט דעם הויז. „דאָרט וווּ עס געפינט זיך דער צבור —דאָרט איז מיין אָרט, אויך דאַן ווען ער גייט נישט אין אלעם אויפן וועג וואָס איז מיר צום האַרצן״.

ניסן תרע״ב האָט גאָרדאָן באַשלאָסן פאַרלאָזן עין גנים און אַריבער אין גליל.

אַ דריטהאַלבן מאָנאַט האָט ער געאַרבעט אין מגדל — און האָט זי פּאַרלאָזט אין פּראָטעסט קעגן דער געמיינער און באַליידיקענדיקער באַציאונג פון דעם פאַרם־לייטער צו איינעם פון די אָרטיקע אַרבעטער. דאָס איז געשען אינדערפרי, גלייך נאָכן גלאָק־קלונג, ווען די אַרבעטער האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אויפן הויף כדי צו גיין צו דער אַרבעט. ווען דער טאַטע האָט געזען די דאָזיקע באַציאונג און געהערט די באַליידיקונגס־רייד, איז ער צוגעגאַנגען צום פאַרוואַלטער און אים געזאָגט אויפן קול, אין דער אָנוועזנהייט פון אַלע אַרבעטער: „איך בין פאַרביטערט אויף אַזאַ באַליידיקענדיקע באַציאונג צו אַן אַרבעטער, און אַלס פּראָטעסט פאַרלאָז איך גלייך מגדל!".

זומער תרע"ב האָט דער טאַטע געאַרבעט אין סעדזשערע, וווּ עס האָט געאַרבעט אַ גרופּע אַרבעטער .אין דער קבוצה פלעגט קומען חברים פון כנרת, באַזונדערס אין דער צייט פון שניט, ווען מען האָט זיך געניוטיקט אין הילף.

איך געדענק אַ טאָג, ווען דער טאַטע האָט זיך געפילט שלעכט און נישט געקענט גיין אַרבעטן. אין שפּעטן מאָרגן איז ער ווי־עס־איז אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעהויבן אַרומגיין אין דער סביבה פאַרזונקען, ווי תמיד, אין געדאַנקען. ער איז דערגאַנגען ביז מסחה, פאַרגעזעצט זיין וועג ביז ער איז אַרויף אויפן באַרג תבור. אַרויפגייענדיק אויפן באַרג — האָט ער מיר געזאָגט — זיינען דורכגעלאָפן דורכן מוח גאַנצע קאַפּיטלען פון שירת דבורה. און אָט דערגייענדיק צום שפּיץ באַרג — דערזעט ער אַ קריסטלעכן מאָנאַסטיר... עד האָט „דערפילט אַ שאַרפן שטאָך אין האַרצן: „עד כמה נחלתנו נהפכה לזרים!" — („אָט אַזוי איז עס אונזער נחלה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אייגנטום פון פרעמדע") — האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין מויל אַ וויי־רוף. אין אַ שפּעטער שעה האָט ער זיך אומגעקערט אין סעדזשערע, נישט נעמענדיק יענעם טאָג קיין ביסן אין מויל.

פון סעדזשערע איז ער מיט דער גאַנצער קבוצה אַריבער אין כפר אוריה. די קבוצה האָט איבערגענומען דאָרט דאָס באַאַרבעטן דעם באָדן. דאָ האָט זי געוווינט אין אַן אַלטן צוויי־שטאָקיקן הויז פון אַן עפענדי, מיט אַ שיינעם און פאַרנאַכלעסיקטן, אָבער גאָר אָנגענעמען גאָרטן אַרום אים. דער טאַטע האָט געוווינט אין אַ קליין צימערל אויפן צווייטן שטאָק. דאָס איז געווען איינע פון די אָנגענעמסטע צייטן פון זיין לעבן אין לאַנד. די חברים זיינען געווען ווילע בחורים, שטאַרק פאַרברידערט צווישן זיך. און דער טאַטע האָט געלעבט מיט זיי — ווי אַ טאַטע מיט זין.

כפר אוריה איז געווען אַן איינזאַם פּראַכטפול ווינקל. אַ סאַך חברים פון דער סביבה און אויך פון יפו פלעגן קומען אַהין פאַרברענגען אין אַן אָנגענעמען שמועס און הנאה האָבן פון דער נאַטור־שיינקייט.

ל. דערציילט:

דאָס איז געווען דאָס ערשטע יאָר נאָכן זיין קומען אין ארץ ישראל. ער איז דאַן געווען אַ לערער־אָנפאַנגער. איינמאָל אַ שבת איז ער געקומען אין כפר אוריה

צוזאמען מיט עטלעכע סעמינאריסטן אויף אַ שמועס מיט גאָרדאָנען. גאָרדאָן האָט געפירט אַ הייסן ויכוח מיט די בחורים. ער האָט זיך באמיט זיי אויפקלערן, אַז זיי דאַרפן גיין ארבעטן, ווייל לערער האָבן מיר גענוג, אָבער ארבעטער דאַקעגן פעלן אונז. דער דאָזיקער ויכוח האָט אויף ל. געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז אויב ביז דאַן האָט ער זיך געקווענקלט, צי בלייבן אַ לערער אָדער צו גיין ארבעטן — איז אין יענעם מאָמענט רייף געוואָרן ביי אים דער באשלוס צו גיין ארבעטן.

זייענדיק אין כפר אוריה איז דער טאַטע דערוויילט געוואָרן אלס דעלעגאַט צום 11־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין. תחילת האָט ער זיך געראַנגלט מיטן געדאַנק, צי פאָרן צום קאָנגרעס אָדער נישט. ווייל ער האָט נישט צוגעשריבן קיין שום וויכטיקייט צו זיין באַטייליקונג אין קאָנגרעס. ענדלעך האָט ער באשלאָסן און איז געפאָרן.

קומענדיק צוריק פון ווין האָט ער אָנגעשריבן זיין אַרטיקל וועגן קאָנגרעס.

פון כפר אוריה איז ער אָנפאַנג תרע״ד אריבער מיט דער קבוצה אין כנרת. די קבוצה האָט איבערגענומען דיווירטשאַפט פון דער כנרת־פאַרם אויף די זעלבע באַדינגונגען, וואָס „די קאָמונע פון חדרה״ האָט איבערגענומען די ווירטשאַפט „אום דזשוני״ — דגניה.

אין כנרת האָט ער געהאַט אין זיין רשות אַ קליין צימערל. דאָרט איז ער געזעסן און „געארבעט פאַר זיך״ — ווי עס האָט ביי אים געהייסן, — ד. ה. געליינט, געשריבן.

באלד נאָכדעם ווי די קבוצה איז געקומען אין כנרת, האָט איר געטראָפן אַ שוידערלעכער אומגליק: אַראַבער האָבן דערמאָרדעט דעם טייערן און לויטערן חבר יוסף זאלצמאַן, וואָס דער טאַטע איז געווען צוגעבונדן צו אים בלב ונפש. דער אומגליק האָט אים אויפגעטרייסלט. אַ דערדריקטער איז ער געשטאַנען אויף זיין קבר און געזאָגט „קדיש״.

אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף קעגן דעם קוראַטאָריום פון חיפה׳ער טעכניקום, וואָס האָט געוואָלט איינפירן דייטש אלס אונטערריכטס־שפּראַך. דער טאַטע איז געווען זייער אקטיוו אין אָט דעם קאַמף, געשריבן מעמאָראַנדומס און פּראָטעסטן אין נאָמען פון די גליל־ארבעטער צום קוראַטאָריום פון טעכניקום און צו דער לערער־צענטראַלע און זיי פאַרעפנטלעכט אין „הפועל הצעיר״.

אין יענער צייט איז ער ארומגעגאַנגען מיט אַ שווער געמיט צוליב ברענערס ארטיקל „הערכת עצמנו בשלושת הכרכים״ (אונזער זעלבסט־אָפּשאַצונג אין די דריי בענדער פון מענדעלעס ווערק). דאָס האָט אים באַזונדערס ווי געטון, ווייל ברענער איז אים געווען נאָענט צום הארצן, ער האָט אים געאַכט און שטאַרק געגליבט אין אים. אין אָט דער פראַגע האָט דער טאַטע געשריבן זיין ארטיקל „זעלבסט־אָפּשאַצונג״, וואָס איז פאַרבליבן ביי אים אין דער פאָרם פון אַ מאַנוסקריפּט און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן ערשט נאָך זיין טויט אינם דריטן באַנד פון זיינע געזאַמלטע שריפטן. דער

מאַנוסקריפּט פלעגט וואַנדערן פון אָרט צו אָרט און די חברים פלעגן באהאנדלען זיין אינהאלט.

אין תרע״ה האָט ער געארבעט אין דגניה.

די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען, ווי באַקאַנט, געווען גאָר קריטישע פארן ישוב. דער טאטע איז געווען אינגאנצן פאַרטון אין קהלשע זאָרגן. דאַן האָט ער געשריבן זיינע בריוו אין גלות. ער האָט אויך געליטן און שטאַרק געוויטאָגט די ירידה־אנטפלעקונגען וואָס האָבן זיך דאַן באוויזן אויך אין דעם אים נאָנסטן און טייערסטן צבור, אינעם ארבעטער־צבור.

אָנפאנג תרע״ו איז ער אריבער ארבעטן אין שרונה. דאָס איז געווען אַן אמעריקאנער גוט אין גליל. נאָכדעם ווי אמעריקע אין אריין אין קריג, האָט זיך די מאטעריאלע לאגע פון שרונה זייער פארערגערט.

מ. און צ. ט., וואָס האָבן דאַן געארבעט מיטן טאטן אין שרונה, דערציילן:

עס איז געווען אַ גאָר קאלטער ווינטער. בעט־דעקן איז נישט געווען אין אַ גענוגענדער צאָל און גאָרדאָן האָט געליטן קעלט, אָבער ווען עמיצער פון זיינע חברים האָט אים געוואָלט געבן זיין צודעק, האָט ער בשום אופן נישט מסכים געווען דערצו. אויך די באשפייזונג איז געווען אַ נעבעכדיקע (ווייל פון אמעריקע האָט מען אויפגעהערט שיקן געלט פאַר דער פארם). ער האָט בשום אופן נישט מסכים געווען צו באקומען א ספעציעלע שפייז. ער האָט געארבעט ביי א ל ע ארבעטן, דערונטער אויך — ביים גראָבן טיפע גריבער פאר נייע פלאצונגען. אין שרונה האָט דאַן גע־ארבעט אויך אַ קבוצה ארבעטערינס ביי גרינס־צוכט. עס זיינען פאָרגעקומען גע־מיינזאמע שמועסן צווישן די אַרבעטער און ארבעטערינס ביי גאָרדאָנ׳ס וואַכזאמער און אקטיווער באטייליקונג. די חברים און חברות האָבן אויך געפירט מיט אים פער־זענלעכע שמועסן. ער האָט גענומען אַ לעבעדיקן אָנטייל אינם גורל פון יעדן איינעם. די חברים האָבן אים געקויפט א קליין לעמפּעל, און יעדן מאָנאַט פלעגן זיי אים קויפן אַ פלאש נאפט און פּאפּיר (ווייל אין אלגעמיין פלעגט מען זיך דאַן באנוצן נאָר מיט אַן „אויל־לאָמפּ״ צוליבן מאנגל אין נאָפט). ווי זיין שטייגער איז, פלעגט ער זיצן אין די נעכט און שרייבן. צייטנווייז פלעגט ער זיך דערלויבן בלייבן נאָכמיטאָג אין דער היים און שרייבן.

דער קאמף קעגן „עזרה״, דער קאמף פאר דער העברעאישער שפראך, איז דאַן געווען אין זיין גאַנצן ברען. און דער טאטע איז געווען אינגאנצן פאַרטון דערין.

שרונה האָט ער פארלאָזן ערשט דאַן, ווען די פאָרם האָט כמעט אויפגעהערט עקזיסטירן צוליבן מאנגל אין מיטלען. פאַרן פארלאָזן שרונה האָט ער זיך, דורך דער פארמיטלונג פון ב. געווענדעט צו דער לייטונג פון דער „קאָאָפּעראציע״ אין מרחביה מיט דער פראגע, צי קען ער קומען אַהין ארבעטן. דער ענטפער איז געווען אַ נעגאטיווער.

די חברה ש. מ. דערציילט:

צוזאמען מיט אַ קבוצה פון חברות אַבסאָלווענטינס פון חנה מייזלס פאַרם־שול אין כנרת, האָט זי דאַן געאַרבעט אין מרחביה. גאָרדאָן פלעגט פון מאָל צו מאָל קומען פון שרונה זיי באַזוכן. איינמאָל האָט אים ש. דערציילט, אַז סוף יאָר האַלטן זיי ביים פאַרלאָזן דעם אָרט. ער האָט עס געהאַלטן פאַר נישט ריכטיק, און אין אַ לאַנגן שמועס האָט ער זיי אויפגעקלערט און ווידער־אַמאָל אויפגעקלערט, אַז צוליב דעם נוצן פון אָרט טאָרן זיי נישט פאַרלאָזן. און עס איז אים געלונגען זיי קלאָר מאַכן די מאָטיוון, וועלכע באַווייזן די נויטווענדיקייט פון זייער בלייבן אויפן אָרט; זיינע רייד האָבן געהאַט אַ דעצידירנדיקע ווירקונג — און זיי זיינען פאַרבליבן נאָך אַ יאָר אַרבעטן אין דער „קאָאָפּעראַציע".

אין יענער צייט האָב איך געאַרבעט אין פוריה. אויף דעם אָרט האָב איך געהאַט אַ סאַך שוועריקייטן: אַ סאַך פון די דאָרטיקע אַרבעטער זיינען געווען אומדערטרעגלעך, און דאָס געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענלעבן מיט זיי איז געווען שווער. יעדעס מאָל וואָס דער טאַטע פלעגט קומען מיך באַזוכן, פלעג איך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר אים —און זיינע קלוגע און רוהיקע תשובות פלעגן מיר גאָר אַ סאַך געבן און אַזוי דערמוטיקן, אַז עס איז מיר לייכטער געוואָרן. מיטן כוח פון אָט די שמועסן איז מיר געלונגען אַלץ גובר זיין; און אויב עס פלעגט זיין אַ באַזונדערס שווערער מאָמענט, איז געווען אַ טראַכט צו טון, אַז אָט וועט דער טאַטע מיך קומען באַזוכן, אָדער איך וועל קומען צו אים זיך אָראָפּריידן פון האַרץ — און עס איז לייכטער געוואָרן.

איינמאָל איז ער געקומען צו מיר אינגאַנצן אויפגעטרייסלט און צעוויטאָקט: „די אַרבעטער אין די פּתח־תקוה׳ער פּרדסים אַרבעטן הונגעריקערהייט..." (די אויסן־מערק זיינען דאַן געווען געשלאָסן און די קאָלאָניסטן האָבן נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן די אַרבעטער זייער לוין אין מזומן. האָט מען געצאָלט מיט באָנעס, וואָס זייער דעקונג האָט געזאָלט קומען אין אַ צייט אַרום. און אויב מען פלעגט באַקומען אַ קליינע סומע, האָט זי נישט געגוגט אויף ברויט). „איך קען נישט עסן דאָ ברויט צוזאַט, ווייסנדיק, אַז אין יהודה אַרבעטן די אַרבעטער הונגעריקערהייט! איך וועל אויך גיין אין פּתח תקוה אַרבעטן און הונגערן צוזאַמען מיט זיי". ווען איך האָב אים געענטפערט אַז דאָס איז אויסגעשלאָסן, אַז ער טאָר עס נישט טון, האָט ער געזאָגט: „איך האָב אַזוי באַשלאָסן, אַנדערש קען איך נישט". האָב איך אָנגעשטרענגט מיין גאַנצע איבערצייגונגס־קראַפט און איך בין נישט מיד געוואָרן אים אויפצוקלערן, אַז אויב ער וועט באמת גיין אַרבעטן אין פּתח תקוה, ביי די איצטיקע באַדינגונגען, וועט ער די הונגעריקע נישט זאַט מאַכן, אָבער אַליין וועט ער קראַנק ווערן צוליב זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד און עלטער — און וועט, חלילה, פאַלן צולאַסט אויף דער געזעלשאַפט. ביז עס איז מיר געלונגען אים אָפּוועגדן פון זיין באַשלוס.

נאָכן פאַרלאָזן שרונה, האָט ער זיך אויף אַ געוויסע צייט אומגעקערט אין

כנרת. ער האָט געאַרבעט ביים אויסוואָרצלען יבלית אין חנה מייזל׳ס פאַרם־שול. אויסער דער קבוצה פון כנרת און פון דער פאַרם־שול, זיינען אין כנרת געווען אַ סאַך אַרבעטסלאָזע וואָס די הסתדרות חקלאית (הסתדרות פון לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער) האָט זיי איינגעאָרדנט ביי אַרבעט. און אַזוי האָט מען זיי טאַקי גערופן — די „הסתדרות אַרבעטער״. זייערע מאַטעריעלע באַדינגונגען זיינען געווען ביז גאָר שווער.

אין יענער צייט האָט די טערקישע רעגירונג איינגעפירט צוואַנגס־אַרבעט („סוכראַ״) ביים לייגן דעם מיליטערישן שאָסיי פון טבריה קיין צמח, און מען איז געווען געצוווּנגען צו שיקן אַהין אויף אַרבעט אויך מענטשן פון די קבוצות און פון צווישן די „הסתדרות אַרבעטער״, צווישן זיי אויך דעם טאַטן. מען האָט דאָרט איינגעאָרדנט צוויי אַרבעטער־קיכן, איינע פון דער ״הסתדרות״ און די צווייטע פון די קבוצות. דער טאַטע האָט געגעסן אין דער הסתדרות־קיך, הגם מען האָט אים געבעטן ער זאָל עסן מיט די חברים פון די קבוצות.

פון די זכרונות פון חבר ח. כּ.:

„דאָס איז געווען אין האָסאַן בעק׳ס *) צייטן אין כנרת. אין הויז פון איינעם פון די קאָלאָניסטן האָט מען צוזאַמענגענומען די „פּאָליטישע״ אַרעסטירטע. דער צימער אין געווען פול מיט מענטשן. עס איז נישט געווען קיין פּלאַץ צו באַוועגן אַ האַנט, און אין צווייטן צימער — שלאָגט מען. פון מאָל צו מאָל פירט מען אַריין אַן אַנדער מענטש אין „יענעם״ צימער. מען האָט שוין געשלאָגן מ. ר. און א. ז. זיי האָבן געשוויגן באַקומענדיק די „פאַליקעס״ (קלעפּ אין די פוס פּיאַטעס). פון הינטער דער טיר האָבן זיך געהערט געשרייען — מען שלאָגט ח. מ... די בחורים שווייגן, קיינער רעדט קיין וואָרט נישט. אַלע פילן, אַז עס איז געקומען דער סוף. איצט וועט געחתמעט ווערן דער גורל פון ישוב אין ארץ ישראל. אין אַלעמענס אויגן — יאוש.

צווישן די אַרעסטירטע געפינט זיך אויך גאָרדאָן. איז ער אַרעסטירט געוואָרן, אָדער געקומען אַליין? די בחורים ווייזט זיך אויס, אַז אָט נעמט מען אויך אים אַהין אין יענעם צימער אַריין. מען ווילט אויס גראָד די אַלטע און אָנגעזעענע צום שלאָגן...

אָבער אָט הויבט זיך אויף גאָרדאָן, שלאָגט זיך דורך אַ וועג אין דער ענגשאַפט, און הויבט אָן זינגען:

„אַז מען צאַפּט פון מיר דאָס בלוט אַרויס
מען מוטשעט מיך פּאַמעלעך,
לאָך איך מיך זיך גוט פון מיינע שונאים אויס
און זינג מיר גאָר אָפּ אַ פריילעכס״.

---

*) אַ גרויזאַמער טערקישער אַדמיניסטראַטאָר אין די מלחמה־יאָרן.

די אויגן פון די יונגע מענטשן ווענדן זיך צום זינגענדיקן גאָרדאָן. אַ ציטער איז אַלעמען אַדורך...

סוף תרע״ז איז ער אוועק ארבעטן אין דער „השומר״־קבוצה אין תל עדשים. ער האָט געלעבט מיט די חברים אין גרויס פריינטשאַפט. ווען איך פלעג קומען אים באַזוכן, פלעג איך אים צומיינסט טרעפן ארבעטנדיק אין גרינס־גאָרטן. אויך דאָ האָבן די חברים געזאָרגט דערפאַר, אַז ער זאָל האָבן נאַפט פאַר זיין לאָמפּ און פּאַפּיר צום שרייבן.

אין דער צייט פון זיין ארבעט אין תל עדשים איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער וואָפנשטילשטאַנד אין דער מלחמה. די ענגלענדער זיינען אריין אויך אין גליל, נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין געווען אַ צען מאָנאַט אין יהודה.

דער טאַטע האָט אָנגעהויבן צו באַקומען אַ סאַך בריוו און ליטעראַטור, וואָס מען האָט צו יענער צייט ארויסגעגעבן אין יהודה.

אין יענע טעג איז צונויפגערופן געוואָרן אין כנרת אַ מאַסנהאַפטע און לעבהאַפטע פאַרזאַמלונג געווידמעט דער פראַגע פון דער פרייוויליקער מאָביליזאַציע צום לעגיאָן. דער טאַטע האָט אָנגעשטרענגט זיין גאַנצע איבערצייגונגס־קראַפט, כדי אויפצוקלערן זיין קעגנערישע שטעלונג.

אין אייר תרע״ט האָט ער פאַרלאָזן תל עדשים.

די סיבה פון זיין פאַרלאָזן איז געווען דער פאָלגענדער צופאַל:

אייניקע טעג פאַרן ערשטן מאַי האָט דער טאַטע צוגעהערט זיך ביים טיש צו אַ שמועס וועגן דעם אָנקומענדיקן יום־טוב, און איינער פון די חברים האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ווער עס וועט נישט פייערן דעם ערשטן מאַי האָט נישט קיין אָרט אין דער קבוצה. די איבעריקע חברים האָבן געשוויגן.

דער טאַטע האָט באַשלאָסן פאַרלאָזן דעם אָרט, הגם ער איז געווען צוגעבונדן צו דער קבוצה און אַ סאַך חברים האָבן אים געבעטן ער זאָל נישט לייגן קיין אַכט אויף די דערמאָנטע רייד.

ער איז אוועק פון תל עדשים, אָבער זיינע פאַרבינדונגען מיט די חברים זיינען נישט איבערגעריסן געוואָרן.

פון דאָרט איז ער אוועק אין דגניה, זיין לעבנס־היים און זיין לעצטער אַר־בעטס־אָרט. אין דגניה איז ער געוו׳ען זייער באַפריינדעט מיט אַלע חברים. צוגע־בונדן מיט די קינדער. אַקטיוו אָנטיילגענומען אין אַלע קבוצה־פראַגן.

אַ געוויסע צייט איז ער ארומגעגאַנגען איבער די לאַגערן פון די שאָסיי־אַרבעטער. ער איז געגאַנגען פון לאַגער צו לאַגער, ארבעטנדיק אין יעדן אָרט אייניקע טעג און ער פלעגט אָנטייל נעמען אין די שמועסן און פאַרזאַמלונגען פון די ארבעטס־לאַגערן. אַזוי ארום האָט ער זיך באַמיט דערקענען די חלוצישע יוגנט, די פון דער דריטער עליה, זיך צוקוקן פון־דער־נאָענט צו זייער לעבן, פאַרשטיין זייערע שטרעבונגען, געדאַנקען און שטימונגען.

אַ סאַך פון דער יוגנט פלעגן אים באַזוכן אין דגניה, באַזונדערס פון „השומר הצעיר".

אין יענער צייט איז ער געפאָרן אין פּראַג, צו דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער „התאחדות".

וועגן דעם דערציילט די חברה מ. ז.:

ביי סוף פון איינער פון די זיצונגען אין הויז פון דער יידישער קהלה־פאַרוואַלטונג אין פּראַג איז גאָרדאָן געשטאַנען אין קאָרידאָר פונם הויז. ער איז אַזוי געשטאַנען מיט דער פּלייצע צו דער מאַסע וואָס האָט געשטראָמט אַרויסגייענדיק פונם באַראַטונגס־זאַל,ביידע הענט אין די קעשענעס פון זיין וואַרימען, גרויען פּויערים־מאַנטל, און געשמועסט מיט איינעם פון די דעלעגאַטן. אָבער פון מאָל־צו־מאָל פלעגן זיינע העל־בלויע אויגן וואַנדערן, ווי דרך אגב, איבערן פּנים פון די יונגע, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אים. און אַ סאַך גוטסקייט איז געווען אין די דאָזיקע אויגן. ער איז פאַר אונז געוואָרן אַ דערשיינונג — אַ יקר המציאות. מיט זיין פּשוטער, ביי אונז אַזוי אומגעווײנלעכער אויסערלעכקייט, מען מעג אפילו זאָגן מיט אַט דער אָרימקייט, האָט ער פאַר אונז פּערזאָניפיצירט אַ וועלט, וועגן וועלכער מיר האָבן פאַרמאָגט בלויז נעפּלהאַפטע באַגריפן, הגם דאָס איז געווען די וועלט צו וועלכער מיר האָבן געשטרעבט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר געמאַכט מיט גאָרדאָנען אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט פּראַג. מיר האָבן פאַר אים אַנטפּלעקט די גאַנצע שיינקייט פון דעם הראַדשין־געגנט, די געסלעך פון די גאָלד־שמידער א. אז. וו. דאָס איז געווען שבת, און ווייל ער איז שבת נישט געפאָרן מיטן טראַמוואַי, זיינען מיר געגאַנגען צופוס יענעם גאַנצן לאַנגען וועג פון דער קעניגסהיפער־גאַס, אַ נעבעכדיקע געגנט, — ביז צום הראַדשין. ווען גאָרדאָן האָט, אָנשפּאַרנדיק זיךביים מויער וואָס רינגלט אַרום דעם פּאַלאַץ, באַטראַכט די גרויסע שטאָט וואָס איז געווען אַ ביסל איינגעהילט אין נעפּל, האָבן מיר זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, כדי נישט שטערן אים זיין באַטראַכטונג. מיר האָבן געוואַרט וועלנדיק הערן וואָס וועט ער זאָגן וועגן אַט דער אונז באַליבטער פּאַנאָראַמע. אַ לאַנגע ווייל האָט ער געקוקט שטילשווייגנדיק אונטן, און דאַן האָט ער אַ זאָג געטון מיט שמייכלענדיקע העל־בלויע אויגן, וואָס אַ יונגע נשמה האָט אַרויסגעקוקט פון זיי:

„איר פאַרמאָגט דאָך דאָ כלל קיין הימל נישט. הוי, דער ארץ־ישראל'דיקער הימל!..” מער האָט ער נישט צוגעגעבן פון בענקשאַפט, און מיין באַגריף וועגן דעם אויסגעצאַרטן לאַנד איז באַרייכערט געוואָרן מיט זוניקע וווּנדערלעכע הימלען.

דאַן, אויף די בערגלעך פון הראַטשין, האָב איך נישט געאַנט, אַז אַ האַלב יאָר וועל איך מיט אים וווינען טיר קעגנאיבער טיר, עסן מיט אים ביי איין טיש און גראָבן אין איין און דעם זעלבן באָדן.

קומענדיק אין דגניה האָט מיך באַזונדערס פאַרוווּנדערט דאָס, וואָס גאָרדאָן, דער אַלטער, דער דענקער און פילאָזאָף, וואָס אַרבעט צוזאַמען מיט די יונגע (און דאָס האָט מיך נישט פאַרוווּנדערט), פלעגט וווינען, אַזוי־ווי אַלע איבעריקע נישט־פאַרהייראַטע בחורים מיט נאָך דריי חברים אין אַ צימער; און גענוי אַזוי־ווי זיי האָט ער אויפגעהיט אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין אַ שטרויענעם קויש אונטערן אייזערנעם בעטל; און נישט נאָך וואָס ער האָט נישט פאַרלאַנגט פאַר זיך קיין שום באַזונדערע רעכט, נאָר האָט ענערגיש פּראָטעסטירט קעגן יעטווידן אויסטיילן אים צום־גוטן.

מיר, די מיידלעך, האָבן געוווינט צו פיר אין אַ צימער, פּונקט קעגנאיבער דעם צימער אין וועלכן עס האָט געוווינט גאָרדאָן מיט נאָך דריי בחורים. עס פלעגט געשען אַ מאָל, ווען מיר זיינען שוין געגאַנגען שלאָפן, אַז פונעם צימער פון די בחורים האָט זיך צו אונז דערטראָגן א הויך געלעכטער. מיר האָבן געוווּסט, אַז אין יענע אָוונטן דערציילט גאָרדאָן זיינע אויסגעצייכנטע פאָלקס־מעשהלאַך, וואָס אַ סאַך פון זיי האָט ער אויפגעהיט אין זיין זכרון און ער האָט פאַרשטאַנען אַזוי געלונגען זיך באַנוצען מיט זיי ביי יעדער געלעגנהייט.

אָבער גאָר אָפט, און באַזונדערס אין די קאַלטע ווינטער־נעכט, ווען די פּאַלמעס האָבן גערוישט הינטער די פענצטער און שווערע רעגן־טראָפּנס האָבן געשמיסן אויף די פענצטערס, און מיר פלעגן זיך איינוויקלען אין די וואַרימע קאָלדרעס, — דאַן פלעגט געשען, אַז אַרום דריי אַ זייגער אינמיטן נאַכט האָט זיך אינעם קאָרידאָר וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם צימער פון די מיידלאַך פונעם צימער פון די בחורים — אָנגעצונדן דאָס נאַפט־לעמפּל און עס האָבן זיך געהערט טריט פון שווערע שטיוול. אין אָט דער קאַלטער פרימאָרגן־שעה פלעגט גאָרדאָן זיך נוהג זיין אויפשטיין און שרייבן. איינמאָל האָב איך שטילערהייט אַ עפן געטון די טיר — עס איז געווען דריי פאַרטאָג, אַלץ איז געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף — און כ׳האָב אַריינגעבליקט אין קאָרידאָר. קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסן דאָס בילד וואָס איך האָב געזען. דאָס קליינע בלויע גלאָז־לעמפּל, באַדעקט מיט אַ גרינעם אַבאַזשורל, האָט באַלויכטן דעם מיט גרינעם לעש־פּאַפּיר באַדעקטן טיש. אַ בלאָקנאָט מיט אַ סאַך געגצלעך פאַרשריבענע בלעטער, און איבער זיי גאָרדאָן, איינגעבויגן אין טיפער פאַרטראַכטונג, זיין קאָפּ אָנגעלענט אויפן רעכטן האַנט ווייט אויפן טיש... אַזוי האָט ער געשריבן זיינע אַלע אַרטיקלען. ער, דער אַלטער, פלעגט אויפשטיין באַגינען מיט אַן אומגלויבלעכער ענערגיע, אין קאַלטע ווי אין הייסע נעכט. איינער אַליין, איינזאַם איז ער דאַן געווען, ווייל קיינער אויסער אים איז דאַן נישט געווען מיט אים — אַלע זיינען דאָך געווען אין אַ וועלט פון אומבאַוווּסטזיין — אַזוי, אין שווער־דעראָבערטער איינזאַמקייט, האָט ער געשאַפן זיינע גייסטיקע ווערק.

מיט פרימאָרגן אָבער, אָנגעטון אין זיין בלויע און הויכע שטיוול, פלעגט ער אַרויס צוזאַמען מיט די חברים צו דער אַרבעט, און זיין בליק איז תמיד געווען פריי

און ווארעם. עס זיינען געווען ארבעטן וואס ער האט זיי שטארק ליב באקומען. ער האט מער ליב געהאט ארבעטן אליין אין פעלד, ביי אַ ארבעט וואס פאָדערט אַ סאך געדולד און אויסדויער ווי, למשל, ביים אויסוואָרצלען ווילדע גראָזן. די לאָפּאַטע אין די האנט, פלעגט ער שטיין אַ גאנצן טאָג אין גרוב און אויסהאַקן פּאַרזיכטיקערהייט די מעטער־לאנגע יבלית־וואָרצלען און זיי צונויפזאמלען אין אַן אַראַבישן קויש. איך געדענק נאָך אַ קליין שטיק פעלד נישט ווייט פון די ווירטשאפטס־געביידעס, וואס ער אליין האט אים פארוואנדלט אין אַ שייער. ווי אַ מוראזשקע האט ער געשלעפּט סנאָפּ נאָך סנאָפּ, און זיי צונויפגעזאַמלט אין איין הויפן. אָפּט אָבער זיינען געווען ארבעטן, וואס די חברים פלעגן זיך פרייוויליק מאָביליזירן צו זיי, ווי, למשל, צו דער ארבעט ביים אָפּרייניקן פון שטיינער אַ פארלאָזענעם פעלד א. ד. גל. — און דאן איז גאָרדאָן נישט געווען, נאטירלעך, קיין אויסנאם, צוזאמען מיט אלעמען איז ער געגאנגען אין דער ריי, און אויך דאָ איז ער געווען אין דער קאָמפּאניע, דער לעבהאפסטער און דער פריילעכסטער, און לוסטיק געמאַכט די חברים מיט זיינע דערציילונגען. אָבער גאָר אָפּט פלעגט ער ארויסזאָגן טיפזיניקע געדאנקען, רעדן וועגן קינסטלער און קונסט, וועגן לעבן...

מ. ב. שילדערט איין מאָמענט פון גאָרדאָנ׳ס לעבן אין דגניה, וואס איז פארבליבן איינגעקריצט אין איר זכרון ביזן היינטיקן טאָג:

דאָס איז געווען סוף תר״פ. גאָרדאָן האט זיך געזעצט עסן מיטאָג, און אָט דערלאנגט מען אים אַ בריוו. ער האט אים געלייענט מיט אַ גרויסער ערנסטקייט און קאָנצענטרירונג. געענדיקט לייענען איז ער פארבליבן אייניקע מינוטן אויף זיין אָרט זיך נישט רירנדיק. א טיפער צער און טרויער האט ארויסגעקוקט פון זיינע אויגן. ער האט נישט אָנגערירט דאָס עסן. ער האט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, אוועק צו זיך אין צימער און דאָרט אָפּגעלעגן, אַ קאָנצענטרירטער און שווייגענדיקער, ביז מען האט אָנגעהויבן גיין צוריק צו דער ארבעט. דאן איז ער אויפגעשטאנען, גענומען די לאָפּאַטע, און ארויס צו דער ארבעט...

די חברים האָבן אָנגעהויבן מיט זאָרג פאָרשן די סיבה פון זיין מצב. און עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז ייענער בריוו האט אים געבראכט די בשורה וועגן דעם טויט פון זיין איינציקן זון...

און נאָך איין כאראקטעריסטישער מאָמענט האט זיך איינגעקריצט אין איר זכרון:

דאָס איז געווען זומער תרפ״א, ווען די גרויזאמע קראנקייט האט שוין צעפרעסן זיין קערפער. פרימאָרגן. גאָרדאָן גייט ארויס צו דער אָרבעט מיט דער לאָפּאַטע. און אָט איז צו אים צוגעגאנגען ח., ארויסגענומען די לאָפּאַטע פון זיינע הענט, און אים געבעטן ער זאָל זיך אומקערן אהיים, זיך רעכנענדיק מיט זיין קראנקייט. ער האט נישט מסכים געווען אוועקגיין פון דער ארבעט און האט געזאָגט, אַז ער וועט ווייטער ארבעטן ווי־לאנג ער וועט נאָר קענען...

תמוז תרפ״א האָבן די דאָקטוירים באשלאָסן אים שיקן קיין צפת. דאָרט זיינען דאָן געווען גוטע דאָקטוירים. אין צפת איז ער פארבליבן אַ פיר מאָנאַט. ער האָט דאָן געשריבן אַ סאך בריוו אין דגניה. זיין שטימונג איז אָפט געווען זייער שווער. ער האָט געפילט, אַז זיין היילונג האָט נישט קיין דערפאָלג און ער האָט שטאַרק באדויערט, „וואָס ער ברענגט אויס אומזיסט געלט פון דגניה" — לויט ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. ער האָט אָבער אויך דורכגעלעבט מאָמענטן פון דערמונטערונג. ער פלעגט אַ סאך שפאצירן אין דער געגנט פון צפת, און די נאטור־פראכט אין אָט דער סביבה פלעגט אים פאַרגיטיקן און באַרויקן. איינמאָל האָט ער שפאצירט אין די קאָלאָניעס און קבוצות פון גליל. איז ארויף אויפן בארג עצמון.

מיט זיינע באזוכער פלעגט ער אַ סאך רעדן וועגן גורל פון צפת, אז אָט ווערט זי אויסגעליידיקט פון אירע יידישע איינוווינער. די ציוניסטישע לייטונג און אנדערע אינסטיטוציעס באגייען, לויט זיין מיינונג, אַן עוולה, וואָס זיי זאָרגן נישט פאר דער פארבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאגע פון צפת.

דאָן פלעגט ער רעדן וועגן דער נויטיקייט פון צוזאמענרופן אַן אלוועלטלעכן יידישן קאָנגרעס פאר ארץ ישראל. אויך די אראבישע פראגע האָט זייער אַ סאך באשעפטיקט זיין מוח, און ער פלעגט אַ סאך רעדן וועגן דעם מיט זיינע באזוכער. ער פלעגט אויפקלערן ווי ערנסט און טיף די דאָזיקע פראגע איז; ווען ער פלעגט זיך באקלאָגן, אז אונזערע אינסטאנצן באשעפטיקן זיך נישט מיט איר אין דער געהעריקער מאָס — און דאָס קען זיך נוקם זיין אין אונז.

אין תשרי תרפ״ב איז ער געפאָרן אין ירושלים מיטן צוועק צו מאַכן אַ רענטגען שטראַלן־קור, און ער איז דאָרט געווען אין אַ סאנאטאָריע. ל. — וואָס פלעגט אים דאָרט באזוכן — דערציילט:

מיר פלעגן רעדן וועגן די חלוצים. גאָרדאָן האָט געזאָגט, אַז אין דער חלוצישער באוועגונג זעט ער עקבתא דמשיחא. ער האָט גערעדט וועגן דער ריזיקער דערציערישער ארבעט, וואָס מען דאַרף פירן צווישן דער יוגנט. ער האָט זיך באקלאָגט אויפן מאַנגל פון אַ געהעריקער ארבעט און זאָרג פאר דער אין ארץ ישראל געבוירענער יוגנט, באזונדערס צווישן די ישיבה בחורים און דער יוגנט פון די מזרח עדות, וואָס פון זיי קען אנטשטיין אַ דור פון פארווירקלעכער, איינגעוואָרצלט פון געבורט־אָן אין לאנד; און דאָן וועט אויך די חלוצישע יוגנט, וואָס קומט פון חוץ לארץ, געפינען דאָ אַן אנטשפרעכנדיקע אטמאָספער פאר איר וווקס און אנטוויקלונג.

חשון תרפ״ב איז דער טאטע געפאָרן אין ווין זיך היילן אין סאַנאַטאָריום פון ד״ר ראָבינזאָן.

די חברה פ. מ. דערציילט:

ווען די חברים וועלכע זיינען דאָן געווען אין ווין האָבן זיך דערוווּסט פון די דאָקטוירים, אַז עס איז מער נישט פאראן קיין אויסזיכט ער זאָל בלייבן לעבן, האָבן

אלע פאַרשטאַנען אַז מען דאַרף מיט אים רעדן וועגן זיין מצב, כדי ער זאָל זיך אומקערן אַהיים. דעם דאָזיקן שווערן שמועס האָב איך גענומען אויף זיך.

ער האָט גלייך פון ערשטן ווונק פאַרשטאַנען אַלץ, אָבער ער האָט אויפגענומען די זאַך מיט רוהיקייט און איינפאַכקייט. אויפן וועג צוריק קיין ארץ־ישראל האָט ער גערעדט וועגן זיין מצב ווי וועגן עפּעס א זייטיקן ענין און ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט געוווּסט אַז ער וועט גאָר אינקירצן שטאַרבן, וואָלט ער געפאָרן דירעקט אין דגניה, אָבער ער האָט מורא, אַז דאָס וועט זיך נאָך ציען לאַנג און ער וויל נישט באַשווערן די לאַגע פון דגניה. עס איז אפשר כדאי, אַז ער זאָל בלייבן אין יהודה.

אינם זעלבן טאָג וואָס ער האָט זיך אומגעקערט קיין ארץ־ישראל, איז ער אוועק זען די ציגל־פאַבריק „סיליקאַט" וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין זיין אָפּוועזנהייט פון ארץ־ישראל. ער איז אויך געגאַנגען אין בית העולים זיך טרעפן מיט חלוצים.

אין א קורצער צייט ארום זיינען געקומען חברים פון דגניה און אים גענומען אַהיים.

אויך אין זיין האָפנונגסלאָזן מצב האָט ער אַסאַך געלייענט און געשריבן. מיט טיפער וואַכזאַמקייט נאָכגעפאָלגט די פּרעסע. איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט: „עס איז א גוטער סימן פאַרן מענטשן, — אָט ווייס איך, אַז איך האַלט ביים שטאַרבן און די צוקונפט געהערט שוין נישט מיר, און דאָך אינטערעסיר איך מיך מיט אַלץ און איך לעב אין אַ געשפּאַנטער דערוואַרטונג פון אַלעם וואָס געשעט און וואָס האַלט ביים געשען"...

עס זיינען מיר איינגעקריצט אין מוח מיינע זכרונות וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט זיינע לעצטע לעבנס־טעג, בעת ער איז געווען פאַרטיפט און האָט געשריבן זיינע לעצטע פאַרצייכנונגען. דעם קווינטעסענץ פון זיין געדאַנק האָט ער דאַן אויסגעדריקט פאַר מיר, אין שמועסן וועלכע זיינען פאַרגעקומען אין עטלעכע פאַרזעצינגען, בערך אַזוי:

א טאָג וועט קומען און דער מענטש וועט זיך פאַרטיפן אין זיין אייגענער נשמה, וואָס איז עד היום געבליבן כמעט ווי פאַרבאָרגן פון אים, — ווייל זיין דענקען איז אָפּגעווענדעט געוואָרן צו דער נאַטור וואָס געפינט זיך אויסער איר; אין איר, אין אָט דער נאַטור, האָט דער מענטש קאָנצענטרירט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און ענערגיע און האָט אַנטדעקט — באַזונדערס אין די לעצטע דורות — אוּמ־באַשרייבלעכע זאַכן, וווּנדערלעכע און ריזיקע דערפינדונגען אויפן געביט פון דער וויסנשאַפט און טעכניק; און דאַן וועט דער מענטש אַנטדעקן אויך אין זיין אייגענער נשמה פאַרבאָרגענע מעכטיקע כחות, וועלכע וועלן באַרייכערן דאָס מענטשלעכע לעבן און ברענגען א ריזיקן פאָרשריט אין זיין אינערלעך־גייסטיקער קולטור, וואָס וועט זיך אויסגלייכן מיט דעם וויסנשאַפטלעכן און טעכנישן פּראָגרעס. ער האָט אין דער הינזיכט צוגעגליכן די מענטשהייט צום איינצעלנעם מענטש, וואָס קודם כל

דערקענט ער, אין זיין לעבנס־פּרימאַרגן די אויסערלעכע וועלט וואָס רינגלט אים אַרום און ווענדעט אָפּ זיין אויפמערקזאַמקייט פון זיין אינערלעך־פּערזענלעכער וועלט; ערשט אויף די עלטערע יאָרן, ווען ער האָט זיך דערוואָרבן דערפאַרונג אין דעם אויסערלעכן ווירקלעכן לעבן וואָס רינגלט אים אַרום, הויבט ער אָן ווענדן זיין אויפמערקזאַמקייט אויך אויף זיין נשמה, אויף זיין אינערלעכער וועלט... מיט גרויסער לעבהאַפטיקייט פלעגט ער שילדערן פאַר מיר די דערהויבענע צוקונפט פונעם מענטש ווען ער וועט אַנטדעקן און אויסגראָבן די פאַרבאָרגענע אוצרות פון זיין אייגענער נשמה, און ווי־אַזוי דאָס פאַרבאָרגענע ליכט וועט אַרויסשטראַלן, באַלויכטן און שיין מאַכן די מענטשלעכע באַציונגען ביז זיי וועלן דערגרייכן די מדרגה פון „אַ נייען הימל און אַ נייער ערד"... צום סוף האָט ער צוגעגעבן:

אויב מיר גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַזאַ גרויסן פאָרשריט פונעם מענטשלעכן גייסט אין דער צוקונפט, דאַרפן מיר אָנהויבן פון היינט־אָן צו ריכטן אונזער לעבן צו אָט דער גרויסער צוקונפט...

דאָס זיינען געווען, צווישן אַנדערן, זיינע לעצטע רייד אין דער נאַכט פון זיין טויט. ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז ער לעבט שוין, ווייזט־אויס, זיינע לעצטע מאָמענטן. דער טאָן — רוהיק און איינפאַך, אַזוי־ווי עס וואָלט געווען אַ געוויינטלעכער טאָג־טעגלעכער שמועס. און נאָך האָט ער געפּרוּווט דאָס לעצטע מאָל זיך אויפהויבן און עפּעס אויסדריקן, אָבער די ווערטער זיינען שוין נישט געווען קלאָרע און איך האָב נישט געקענט זיי פאַרשטיין. ער האָט עס דערקענט לויט דעם אָנגעשטרענגטן אויסדרוק אויף מיין פּנים; ער האָט געזאָגט, אַז ער איז שוין מער נישט אימשטאַנד אויסדריקן זיין געדאַנק... זיין קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן קישן און ער איז איינגעשלאָפן אויף אייביק...

***

הער זיך צו, ברודער מײַנער, און אויך דו שוועסטער מײַנע, און איר וועט זיך דערמאָנען, אַז אויך איר האָט געטרוימט ווי איך.

אין מײַן חלום — אָט קום איך אין לאַנד אַרײַן, און דאָס לאַנד איז פֿאַרלאָזן און וויסט און ליגט אין פֿרעמדע הענט. דער חורבן פֿאַרפֿינצטערט דאָס ליכט פֿון איר פּנים און פֿאַרדאַרבט איר גײַסט, ווײַט און פֿרעמד איז מיר דאָס לאַנד פֿון מײַנע אבֿות, און אויך איך בין איר ווײַט און פֿרעמד. און די אײנציקע פֿאַרבינדונג וואָס פֿאַרבינדט מײַן נשמה מיט איר, דער אײנציקער אָנדענק וואָס דערמאָנט מיר, אַז זי איז מײַן מוטער און איך בין איר זון, באַשטײט דערין, — וואָס אויך מײַן נשמה איז וויסט אַזוי־ווי זי, ווײַל אויך זי האָבן פֿרעמדע הענט חרובֿ געמאַכט און פֿאַרדאַרבט. און איך פֿיל דעם חורבן און זע די חורבות אין אַלע ווינ־קעלעך פֿון מײַן נשמה, אין אַלע רמ״ח אבֿרים און שס״ה אָדערן מײַנע... און אַ בת־קול לאָזט זיך הערן פֿון די חורבות און זאָגט:

„קוק־זיך־צו, דו מענטש, צו אָט די חורבות, און קוק־זיך נאָך מער צו, און פֿאַרבאָרגט נישט דײַן אויג פֿון זײ! און דו וועסט געוווּיר ווערן און דו וועסט נאָך מער פֿאַרשטײן, אַז דער חורבן — דאָס איז דער חורבן פֿון דײַן נשמה, און דער משחית — דאָס איז דער משחית פֿון דײַן לעבן, וואָס דו האָסט געלעבט אין פֿרעמדע לענדער און וועלכע האָבן זיך אין דיר צוגעקלעפּט ביז איצט. געדענק, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דײַן אײגענעם גורל!

און אַז דו וועסט זיך נאָך מער צוקוקן און פֿאַרטיפֿן, וועסטו דערזען, אַז אונטער די חורבות צאַנקט נאָך אַ פֿאַריתומט פֿײַערל. וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין די פֿאַרבאַהעלטענישן, און דער גײַסט פֿון לאַנד בלאָזט אין אים כּדי אים אויפֿצולעבן. און אַז דו וועסט אינגאַנצן פֿאַרלאָזן יענעם לעבן וואָס אַנדערע האָבן געשאַפֿן, אַזוי־ווי דו האָסט פֿאַרלאָזט זײער לאַנד און דו ביזסט געקומען אַהער שאַפֿן פֿאַר זיך אַ נײַ לעבן. אַ לעבן פֿאַר זיך אַלײן — וועט אויך דאָס פֿײַערל ווידער אויפֿלעבן און ווערן אַ גרויסער פֿלאַקער, און דאַן וועסטו און דײַן פֿאָלק און דײַן לאַנד ווידעראויפֿלעבן״...

און איך דערוואַך קרעפּטיק, און וואַרף אַראָפּ פֿון זיך און פֿון מיר

אינעווייניק יענץ לעבן. און איך הויב אָן אַלץ פון דאָס ניי. איך הויב אָן פון אלף־בית. און די ערשטע זאַך, וואָס צעעפנט גלייך אין אָנפאַנג מיין האַרץ צו אַ לעבן וואָס איך האָב ביז איצט נישט געקענט זיין גלייכן — איז די אַרבעט. נישט אַרבעט צוליב פּרנסה און נישט אַרבעט לשם מצוה, נאָר אַרבעט צוליבן לעבן — אַרבעט, וואָס איז באַלויכטן מיט אַ נייעם שיין, וואָס איך האָב זי געזען און זי איז איינער פון די עלעמענטן פון לעבן, איינער פון זיינע טיפסטע וואָרצלען. און איך אַרבעט...

און טיף און ביז גאָר וווּנדערבאַר איז די זאַך, וואָס איך טו. און שווער איז דער וועג, וואָס איך האָב אויסגעווײלט און ווייט און פאַר־באָרגן פון די אויגן. און א סך שושקען זיך און א סך באַדויערן מיך און האָבן אויף מיר רחמנות, און א סך רופן מיר צו פונווייטנס:

„וואָס וועט זיין מיט דיר, דו, אומגליקלעכער! דיין וועג איז דאָך אַ וועג פון פינצטערניש, ווירוואַר און אומאָרדנונגען! אָדער אפשר ווילסטו גאָר ענדערן דעם גאַנג פון דער וועלט, איבערשרייטן די אומאיבערשרייט־באָרע אייביקע געזעצן! נישט־שוין־זשע ווערסטו זאָגן דעם מענטש: אַ גאָט ביסטו און נישט קיין מענטש, נישט פון מאַטעריע ביסטו געשטאַלטעט געוואָרן! זע, ביסט דאָך איינזאַם, און איינזאַם־אַליין ווערסטו פאַלן א קרבן אין געוועב פון דיינע פאַנטאַזיעס און חלומות״...

און איך קוק מיך צו ווייטער, אַזוי־ווי עס האָט מיר געבאָטן דאָס ליכט פונם פייערל וואָס לויכט אַלץ מער אויף. און וואָס איך טו מיך מער מיען און ליידן — יעדער טראָפּן פון מיין בלוט, יעדער קווינט פון מיין כוח, פון מיין מוח, גייען נישט פאַרלוירן אומזיסט; ווייל יעדער טראָפּן בלוט — איז א שליאַך פון פייער, און יעדער קווינט פון כוח און מוח — א לויכטענדיקער פונק פאר מיין אויפלעבנדיקער נשמה. נאָך אַ ביסל, און אָט ביסטו אויך, ברודער מיינער, צוזאמען מיט מיר, אַרבעסט און לעבסט ווי איך. און ענדלעך — אָט איז מיט אונז אויך אונזער שוועסטער, וואָס איך האָב זי נישט געזען זינט דאָס פאָלק ישראל האָט דערוואַכט. און אַז איך האָב אייך ביידע דערזען, ווי איר אַרבעט און לעבט צוזאמען — האָט אויפגעלעבט מיין גייסט.

און איך האָב געזאָגט: איר וועט אויפבויען דאָס הויז פון ישראל, איר וועט געפינען דעם וועג צו אַלעם וואָס מיר האָבן געגאַרט, צו אַלעם וואָס דאָס פאָלק ישראל האָט געגאַרט אין די אַמאָליקע צייטן און צו וואָס עס האָט געטרוימט אין דער צוקונפט — איר וועט לעבן דאָס לעבן פון פאָלק ישראל, און דאָס לעבן וועט זיין ווי א מעין המתגבר און ווי אַ שטראָמענדיקער טייך. און זיי וועלן אָן אויפהער זיך באַנייען, שטאַרקן און שטראָמען אַלץ ווייטער און ווייטער...

א. פ א ל ק ־ מ ע נ ט ש

יסודות

א

דער געדאַנק, לויט זיין אינהאַלט, איז: די אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל. דאָס וואָס עס נויטיקט זיך אין אויפקלערונג, איז די פאָרם פונעם געדאנק: אין וועלכער פאָרם שטעלן מיר זיך פאָר די דאָזיקע אויפלעבונג.

קודם־כל דאַרף זיין קלאָר, אַז אונזער נאַציאָנאַלע אויפלעבונג איז אַ שאַפונג, און זי איז נישט באַגרעניצט אויף געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען און נישט אויפן גייסט פון דער געזעלשאַפט. איר פאַרנעם איז אָן אַ שיעור גרעסער און איר באַנעם — אָן אַ שיעור טיפער. זי הויבט זיך אָן מיטן עצם קוואַל פון לעבן, פונעם נאַטור־און קאָסמישן לעבן, און זי פאָדערט אַ גייסט און אַן אָרדנונג וואָס איז באַהויכט פונעם דאָזיקן לעבן אליין.

אין גרונט פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון מענטש — חי פון יעדן אנדערן לעבעדיקן וועזן — ליגט, לויט דער נאַטור אליין — די פאַמיליע; פון דאָרט, פון דער באַשרענקטער פאַמיליע, האָט זיך אַנטוויקלט די גרויסע פאַמיליע, דאָס פאָלק. דאָס מיינט, אַז דער איינצלנער — וואָס אויך ער איז צוזאַמענגעשטעלט פון קעמערלעך און גלידער, האָט זיך פאַרייניקט מיט אַ סך איינצלנע ווי ער און געשאַפן דאָס פאָלק, (אַ העכערער מין קערפּער), וואָס שאַפט זיין קאָלעקטיוו לעבן, אַזוי ווי דער איינצלנער שאַפט זיין פּערזענלעך לעבן. ביז איצט — דער ערשטער סדר פונעם קאָלעקטיוון לעבן; פונדאַנען און ווייטער — אַ נייער סדר.

דאָס פאָלק, די קאָלעקטיווע פּערזענלעכקייט, שליסט זיך צוזאַמען און פאַרייניקט זיך מיט אנדערע פעלקער צו אַ נייעם צוזאַמענשלוס — די מענטשהייט. דאָס קעמערל, אָדער דער גליד אינעם קערפּער פון דער מענטשהייט איז אַזוי אַרום, דאָס פאָלק; דאָס פאָלק — און נישט דער

איינצלנער, דער יחיד, וואס אין באצוג אויף דער מענטשהייט איז ער נישט מער, בערך, ווי דער אַטאָם פון אַ פיזיאָלאָגישן קעמערל אין באצוג אויפן מענטשלעכן קערפּער. אַזוי איז דער סדר פון דער וועלט אין אַלעם, און באזונדערס אין דער לעבעדיקער נאַטור. איינצל־איינזאמע אַטאָמען פאַרייניקן זיך נישט צו אַ העכערער אייניקייט אָן אַ פאַרמיטלונג, אָבער זיי שליסן זיך צוזאמען אין מאָלעקולעס, קעמערלעך, גלידער, אַ קערפּער. און די קערפּערס ווידער שליסן זיך צוזאמען צו אַ קאָלעקטיוון קערפּער. דער דאָזיקער העכערער צוזאמענשלוס גילט נישט נאָר צווישן מענטשן, נאָר אויך אין יעדן אָרט ווו עס איז פאַראַן אַ קאָלעקטיוו לעבן און אַ קאָלעקטיוו שאַפן, ווי צום ביישפּיל, ביי בינען, מוראשקעס, א. דגל. די באַנייונג פונעם קאָלעקטיוון לעבן, פונעם מענטשלעכן לעבן בכלל, און באזונדערס די באַנייונג פון אונזער אייגענעם לעבן, וואָס איז אָפּגעשניטן פון יעדער נאַטור און פון וועלכן־עס־איז נאַטירלעכן לעבן, קען, אַזויאַרום, פאַר־ווירקלעכט ווערן נאָר אויפן יסוד פון דער באַנייונג פון פאָלק, אויפן יסוד פון דער באַנייונג פון משפחה־וועזן, וואָס איז באַהויכט מיטן גייסט פון קאָסמישן לעבן.

די אַרבעט פאַר דער באַנייונג פון לעבן, מיינט אַרבעט פאַרן גרינט־לעכן תיקון פון מענטש, אַרבעט פון זעלבסט־דערציונג אין באצוג אויף אַלע אַרבעטנדע און שאַפנדע פון יעדן פאָלק, פון דער גאַנצער מענטשהייט, וואָס דער עיקר אין איר — אין אַט דער דערציונג — באַשטייט אינם אַנטוויקלען דעם באוווסטזיין פון דער פּערזענלעכקייט, אינם אַנטוויקלען דעם געפיל פון אַרבעט און שאַפונג און דעם געפיל פון העכערער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער פּערזענלעכקייט צו יעדן לעבן און שאַפונג, סיי זיין אייגענע און סיי פון אַנדערע.

דער דאָזיקער וועג איז טאַקי אַ שווערער און אַ לאַנגער און פאָדערט אַן אַנדער באַציונג צום לעבן, אַן אַנדער אופן פון דער לעבנס־אַרבעט און פון לעבנס־קאַמף, — אָבער קיין אַנדערער וועג איז נישט פאַראַן.

ב

אַלע פּרוּוון צו באַנייען דאס מענטשלעכע לעבן דורך נייע סאָציאַלע איינריכטונגען, נישט אָנהויבנדיק אַלץ פונדאַסניי, פונעם יסוד, זיינען נישט מער ווי פּאַליאַטיוון, וואָס זיינען מסוגל אפשר צו פאַרהיילן די קראַנקייט אויף אַ געוויסער צייט, אָן אויבערפלעכלעכע און פּאַרפירנדע היילונג, וואָס ווענדעט אָפּ דעם געדאַנק פון דעם יסוד פון דער קראַנקהייט; די פאָרם וועט זיך טאַקע ענדערן, אָבער דער אינהאַלט וועט בלייבן ווי געוועזן, ווייל דער מענטש וועט דאָך בלייבן ווי געוועזן. די שקלאַפעריי, די

עקספּלאָטאַציע, דער שקר, די מאוסקייט, דער גאַנצער אומגליק און באַליידיקונג פון דער מענטשהייט וועלן אויף אַ האָר נישט פאַרמינערט ווערן, כל זמן עס וועט בלייבן די הויפּט־סיבה פון זייער עקזיסטענץ...

עס איז נאַטירלעך די שטרעבונג פון מענטש (ווי פון יעדן לעבנדיקן וועזן) צו אַלעם אין וואָס ער געפינט פאַרגעניגן און נחת־רוח, צי דאָס הייסט גליק, אָדער גוטס, אָדער ליכט. דאָס וואָס ברענגט אין פאַרלעגנהייט איז, — וואָס דער מהות פון אָט דעם דאַזיקען גוטס אדער גליק איז נישט סטאַביל און דוירהאַפט, נאָר ענדערט זיך מיטן וווקס פונם מענטשלעכן גייסט, אַזוי ווי עס ענדערט זיך די קערפּערלעכע שפּייז מיטן וווקס פון דעם קערפּער. זעלבסט־פאַרשטענדלעך איז עס נישט נאַטירלעך, צו שפּייזן אַ קערפּער פון אַ דערוואַקסענעם מיטן שפּייז פון אַ זויגלינג, און דאָס מוז גורם זיין שווע־רע שעדיקונגען. די נאַרמע וואָס הייסט עגאָיזם, די נאַרמע פון באַפרידיקונג דורך פּוסטע קערפּערלעכע תאוות, און אויך דורך תאווה פון כבוד, פון מאכט א. דגל„ איז נישט קיין וועזנטלעכע מידה פון לעבן. דאָס איז די לעבנס־נאַרמע פון דער מענטשלעכער יוגנט. ווער עס לעבט אַזוי, לעבט אפשר מער אין די נידעריקע ספערעס, און אין בעסטן פאַל — אין די מיטעלע ספערעס, אָבער נישט אין די העכערע ספערעס פון זיין אייגענעם איך. ער לעבט זיין אייגענעם איך נישט מער, נאָר אַ סך ווייניקער ווי, למשל, דער יעניקער וואָס האָט ליב מוזיק, באַשעפטיקט זיך מיט איר און שאַפט אויף דעם געביט, און ער געניסט פון איר אַ סך מער ווי ער קען געניסן פון אַ סך פּוסטע תאוות.

אַ וועזנטלעכע נאַרמע פון לעבן איז דאָס אויסלעבן זיך אַליין אינגאַנצן, און איבער דער גרעניץ פון זיך אַליין, אין אַלעם וואָס לעבט און עקזיסטירט, אין דער אומענדלעכקייט. אָט דידאָזיקע העכערע נאָרמע פון לעבן איז נישט קיין זאַך פון פאַנטאַזיע אָדער אידעאַל — זי עקזיסטירטווירקלעך אין דער לעבעדיקער נאַטור. ווען די מוטער, די מוטער פון אַלעם לעבעדיקן, אָפּפערט איר לעבן כדי צו ראַטעווען איר קינד, טוט זי דאָך עס נישט לויט אַ מאָראַלישע פליכט און נישט צוליב אַ אידעאַל, נאָר ווייל זי לעבט דורך דער טאָט איבער די גרעניצן פון זיך זעלבסט, זי לעבט אין דער נשמה פון איר קינד, וואָס איז איר טייערער ווי איר אייגענער לעבן.

ביי אַ קנאַפּער באַטראַכטונג אַנטפּלעקט מען אין דער נשמה פון מענטש אָט די צוויי קעגנגעזעצטע און ווידערשפּרוכנדיקע בייגונגען: פון איין זייט, די אָפענע נייגונג צו אַ לעבן פון הנאה, פון באַפרידיקן די תאוות, וואָס דאָס איז די גרעסטע באַשרענקטקייט, די נייגונג צו טעמפּער אייגננוי־ציקייט, וועלכע אַנערקענט בלויז זיך אַליין; און פון דער צווייטער זייט — אַ פאַרבאָרגענע קעגן־נייגונג, אַ טיפע בענקשאַפט צו אַ גייסט־לעבן, וואָס באַשטייט נישט אין הנאה, וואָס שטייט העכער פון הנאה.

אַלערליי פאַרגעניגנס, פון דעם צומייסט גראָבן און נידעריקן ביז צו דעם לויטערסטן און דערהויבנסטן — זיי אַלע באַזיצן דאָך בעצם איין אייגנשאַפט, נאָר אין פאַרשידענע פאַרמען; אָדער זיי קענען אַלע געגליכן ווערן צו איין מוזיקאַלישער גאַמע, און דער אונטערשיד צווישן זיי איז נישט מער ווי דער אונטערשיד צווישן די פאַרשידענע טענער אין דער מוזיק; און אָט דער גאַנצער אונטערשיד באַשטייט נאָר אין אויפהויבן אָדער אַראָפּנידערן די שטים, קאָמבינירט דורך די פאַרשידנאַרטיקסטע שטימען־פאַרבינדונגען (און אַ סימן דערפאַר איז — דאָרט וווּ עס איז פאַראַן אַ וועזנטלעכע נייגונג פאַר עסטעטישן גענוס, פאַרן גענוס פון שאַפן, דאָרט איז, צומייניסט, פאַראַן אויך אַ וועזנטלעכע נייגונג צו געשלעכטלעכער ליבע און געשלעכטלעכער תאווה).

דערדאַזיקער ווידערשפּרוך אין דער נשמה פון מענטש, צווישן דער נייגונג צו אַ לעבן פון באַשרענקטקייט און אַ לעבן פון צעשפּרייטקייט, איז אַזוי ווי ער וואָלט אויסן געווען אונז צו לערנען, אַז דאָס אויסגעאַרטע מענטשלעכע לעבן, דאָס לעבן וואָס די מענטשלעכע נשמה שטרעבט צו אים און ווערט געשטויסן צו אים, — באַשטייט אין דער צונויפשמעלצונג פון אָט די צוויי מינים לעבן אין איין העכערע האַרמאָניע. דער ווידערשפּרוך איז נישט מער ווי באַוועגקראַפט, — אַזוי ווי יעדע קראַפט וואָס רופט אַרויס אַ באַוועגונג, אַנטהאַלט אויך זי, די זאַך און איר קעגנזאַץ. דער מענטש, די לעבעדיקע נאַטור אויף איר העכערער מדרגה, געפינט זיך אַזוי־צו־זאָגן אויפן גרעניץ צווישן דעם לעבן פון באַשרענקטקייט און דעם לעבן פון צעשפּרייט־קייט, דאָרט וווּ די הימלען און די ערד באַרירן זיך קעגנזייטיק. זיין נשמה איז צעעפנט אין דער ריכטונג פון ביידע וועלטן, וועלכע דערגענצן זיך קעגנזייטיק: צו דער וועלט פון דער אומענדלעכער באַשרענקטקייט און צו דער וועלט פון דער אומענדלעכער צעשפּרייטקייט, וואָס דער קרייז־לויף פון איינער צו דער צווייטער רופט אַרויס אין דער נשמה איר העכער ליכט.

ג

אַזוי איז עס די שטרעבונג פון דער נשמה. מען קען, נאַטירליך, נישט פאַרויסזאָגן, ווי־אַזוי זי וועט זיך אַנטפּלעקן אין אונזער אויסגעאַרטן לעבן. עס האַנדלט זיך דאָך וועגן אַ שאַפונג, וואָס נאָר דאָס לעבן אַליין קען זי ברענגען צום אויסדרוק. מען קען נאָר אָנצייכענען אין אייניקע אַלגעמיינע שטריכן די ריכטונג פון דער לעבנס־אַרבעט, וועלכע שטייט פאַר אונז, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט און בפרט פאַרן יידישן פאָלק.

די אויפגאַבע איז — די באַנייונג פון דער מענטש־נאַטור (הטבע האנושי) דורך דער וועלט־נאַטור (הטבע העולמי).

די וועלט־נאַטור

כמעט ווי מען מעג באַהויפּטן, אַז די עצם וועלט־נאַטור אַליין איז פאַרשוועכט און פאַרקריפּלט געוואָרן דורכן מענטשלעכן לעבן. די נאַטור. וואָס גרענעצט זיך מיט מענטשלעכן לעבן: דאָס פעלד, דער גאָרטן, דער וואַלד, דאָס געוויקס, דער בעל־חי, די נאַטור פון שטאָט און דאָרף, — וואָס האָט דער מענטש פון זיי געמאַכט, וואָס זוכט ער אין זיי, און וואָס זאָגן זיי אים? — אַזויפיל און אַזויפיל מאָס תבואה, גרינס, פּרוכטן, געהילץ, פליש, לעדער, פעדערן, אַרבעטס־קראַפט — וואָס זיינען ווערט כך וכך געלט; אַזויפיל און אַזויפיל מאָסן באָדן, רוים פאַר בויען אַ קראָם, אַ פאַבריק א. אז. וו. וואָס האָט דעם ווערט פון כך וכך געלט. אַ נייע באַציונג אָבער, מיינט, אַ גרינטלעכע באַנייונג פון אַלע לעבנס־פאָרמען אין היניזיכט פון זייער באַציונג צו דער נאַטור. אָנהויבנדיק מיט באַקליידונג, וווינונג, אַרבעטספּלאַץ און פאַבריק, שול, שטאָט, דאָרף, וואָס דאַרפן זיך געשטאַלטן אַזוי, אַז דער מענטש זאָל תמיד זיין אַריינגעטון אין דער נאַטור; און פאַר־ ענדיקנדיק מיט באַשפייזונג פון מענטש און אַלע זיינע מעשׂים און אויפטונגען — אַלץ דאַרף דינען ווי אַן אויסדרוקס־אינסטרומענט פאַר אָט דער נייער באַציאונג. אַלץ וואָס דער מענטש זייט, פלאַנצט, בויט, גראָבט, טויכט, אַלץ וואָס ער טוט מיטן אויבערפלאַך פון באָדן דאַרף נישט פאַר־ מינערן, נאָר מוסיף זיין צו דער דערהויבענער שיינקייט און פּראַכט פון דער נאַטור. דאָס מיינט — באַנייונג פון דער וועלט־נאַטור דורך דער באַנייונג פון דער מענטש־נאַטור.

דער יחיד

עס קען נישט זיין קיין באַנייונג פון דער מענטש־נאַטור אָן אַ באַנייונג פונם יחיד. אויך דאָ איז נויטיק — אַ גרינטלעכע רעוואָלוציע. נישט איינצלנע יחידים, הערשער, פירער, לערער, העלדן, נביאים, העכערע פּערזענלעכקייטן, מענטשהייטס־באַגליקער, און די איבעריקע — די מאַסע, אַ מאַטעריאַל פאַר באַהערשונג, אינסטרואירונג, באַגליקונג, פילאַנטראָפּיע, צדקה א. אז. וו.; אַלץ וואָס טראָגט דעם נאָמען מענטש דאַרף זיין אַ מענטש, דאַרף זיך אויסלעבן אין זיין אייגענער וועלט. די מאַכט און די דערציונג, דאָס דערווערבן לעבן און די קראַפט צו לעבן, — דאָס אַלץ דאַרף אַריבער אין רשות פון יעדן פּרט, אין דער פאָרם פון זעלבסט־קראַפט און זעלבסט־ דערציונג; און פונדאַנען אַרויס, פון אַלע יחידים, — זיך צוזאַמענגיסן אין איין העכערע האַרמאָניע. די מערהייט פון דער אויפריכטיקער מענטשהייט איז שוין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַ מענטש מיט געפיל קען זיך נישט אויסלעבן אין זיין מאַטעריעלן רייכטום, כּל זמן עס זיינען פאַראַן מאַטעריעל

אַרימע מענטשן. די זיך באַנייענדיקע מענטשהייט דאַרף קומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַ מענטש מיט געפיל קען זיך נישט אויסלעבן אין זיין גייסטיקן רייכטום, כל זמן עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט גייסט־אַרימע.

דער מענטש אין זיין באַגרעניצטער וועלט איז געגליכן צו אַ וואָרעם אין כריין, וואָס זעט נישט פאַר זיך קיין גרעסערע און בעסערע וועלט ווי דער לאָך פון כריין. דער מענטש אָבער דאַרף זען מיט אַ ראיה פון לעבן, אַז עס איז נאָך פאַראַן אַ גרויסע וועלט ביז צו אומענדלעכקייט, וואָס גייט אים אָן, וואָס ער האָט מיט איר אַ חשבון, נישט אַן אַבסטראַקטן מוח־און געפילס־חשבון, אַן „אַפּלאַטאָנישן" — נאָר אַ לעבעדיקן, אַ ממשותדיקן, אַ חשבון פון לעבן, וואָס כל זמן מיר האָבן זיך מיט אים נישט פאַרנומען, וועלן מיר אים נישט וויסן. דער מענטש דאַרף זיך באַפרייען פון דער מוח׳ישקייט, פון דער מעכאַנישקייט, און זיך אומקערן צו דער נאַטור, צו פרייען און ברייטן רוים, צו דער אומענדלעכקייט, אָבער נישט ווי אַ געבונדענער שקלאַף נאָר ווי אַ העַר, אַזוי ווי עס קערט זיך אום אַ גרויסער זון צו דער היים פון זיין מאַמען אַנטיילצונעמען אין דער הויז־אַרבעט. דידאַזיקע אַרבעט, — דאַרף מען אָננעמען — וועט אין אים אַנטוויקלען אין א העכערער מאָס דעם באַוווּסטזיין פון זיין אייגענעם־אייגענטלעכן ווערט אלס אַן העכערן אויס־דרוק פון לעבן און פונעם זיין.

די משפחה

דאָס נאַטירלעכע קאָלעקטיווע לעבן הויבט זיך אָן פון דער משפחה. דאַ געפינען זיך אַלע קערפּערלעכע און זעעלישע, מאַטעריעלע און גייסטיקע פאַרבינדונגען, וועלכע זיינען נויטיק פאַר דעם פולקאָמענעם קאָלעקטיוון לעבן. דאָ זיינען עס לעבעדיקע פאַרבינדונגען, נישט נאָר צווישן יחידים פון איין דור, פונעם לעבענדיקן דור, נאָר אויך צווישן דעם לעבענדיקן דור און די פאַרגאַנגענע דורות פון איין זייט און די צוקונפטיקע דורות פון דער צווייטער זייט. פונדאַנען טאָקע דאַרף זיך אָנפאַנגען די מענטשלעכע באַנייונג. די קערפּערלעכע און זעעלישע פעלערן פונעם דור — אפשר מער ווי די מאָראַלישע פעלערן — זאָגן וועגן דעם עדות און פאָדערן עס מיט דער גאַנצער אַנטשידנקייט. די מאָראַלישע באַנייונג און פאַרפולקאָמונג מיינט, אייגנטלעך, קודם־כל די היילונג פון קערפּער און נשמה אין העכערן זין. קודם כל דאַרף די פיזיאָלאָגיע פון מענטש זיין מאָראַליש, דאָס הייסט, געזונט. דער מענטש פון אונזער צייט איז פונעם שטאַנדפונקט פון זיין פיזיאָלאָגיע און פאַרגאַנגענהייטס־ירושה געגליכן, אין אַ געוויסער מאָס, צו א שיכור, וואָס קען שוין מער זיך נישט באַהערשן און אָפּהאַלטן פון טרינקען און וועלכער איז געצוווּנגען, אין א געוויסער הינזיכט, טרינקען לויט דער עצם פאָדערונג

פון זיין פיזיאָלאָגיע. די דערציונג פונעם נייעם דור, וואָס מיינט, קודם־כּל דאָס געזונט־מאַכן דעם נייעם דור, דאַרף זיך אָנהייבן מיט דער זעלבסט־דערציונג פון די עלטערן, און קודם כּל אין דער הינזיכט פון זייער פאַמיליען־לעבן. מען דאַרף אָנהייבן מיט אַ העכערער אויפפירונג פון די עלטערן, מיט אַ העכערער באַציונג צווישן מאַן און פרוי און, נאַטירלעך, מיט אַ העכערער באַציונג פון יעדן איינעם פון זיי צו זיך אַליין, מיט באַציונגען וועלכע זיינען גאַנץ אַנדערש פון די, וואָס הערשן ביים היינטיקן טאָג אין אָט דער ספערע פונם מענטשלעכן לעבן.

די גאַנצע סטרוקטור פון דער פרויס נשמה און איר אויסזען, — אַזוי־ווי די סטרוקטור פון איר קערפּער און זיין פאָרם, און אַלע אירע באַזונדערע, פון־דער־נאַטור־אַליין אייגנטלעכע אויפגאַבן, גיבן־צו איר פּערזענלעכקייט אַ באַזונדערע חשיבות אַלס איינע פון די הויפּט־שותּפים אינם אויפבוי פון דער משפּחה און אין דער אַנטוויקלונג פונם נייעם דור. דערין איז וויכטיקער דער כּוח פון דער פרוי פונעם כּוח פון מאַן, ווייל זי שוואַנגערט דאָך און געבוירט, זי טראָגט אויס די יסורים פון דער באַשאַפונג און וווקס פונעם קינד, זי איז אַ מוטער. דערין ליגט, טאַקע, איר העכערע פרייהייט און איר העכערער זכות. דאָס האָט זי נאָך נישט דערגרייכט, זי האָט נאָך זיך אַליין נישט געפונען. זי איז נאָך ביז איצט אַ תּלמיד פון מאַן, און אין זיין לעבן זעט זי אַ מוסטער און ביישפּיל פאַר איר אייגענעם לעבנסוועג, און דעם ווערט פון אירע רעכט — אין דעם וואָס זיי זאָלן זיין ענלעך צו די רעכט פונם מאַן; ווייל אַזוי אַרום באַקומט זי דאָך די מעגלעכקייט אָנטיילצונעמען אין אַלע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן פון מאַן. דערין מערקט זיך, אין אַ געוויסער מאָס, דער צייט־גייסט, די שטרעבונג אַריינצוברענגען דעם גייסט פון דער משפּחהדיקייט אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָבער דווקא כּדי די פרוי זאָל באַפרייט ווערן פון דעם מאַנ׳ס תּורה, כּדי זי זאָל באַגרייפן, אַז איר אייגענע תּורה, לעבנס־וועג, טעטיקייטס־קרייז, רעכט און פליכטן זיינען אַנדערע; אַז דער גאַנצער געביי פון איר וועלט — אַזוי־ווי דער גאַנצער געבוי פון איר קערפּער און נשמה, איז אַן אַנדערער; דווקא כּדי זי זאָל עס אַליין באַגרייפן פון איר אייגענעם לעבן און דערפאַרונג אַרויס און פון אירע אייגענע דורכפאַלן, דאַרף מען נישט אוועקנעמען ביי איר די פולע פרייהייט און איר רעכט אָנטיילצונעמען אין אַלע פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע לעבנס־ענינים. דאָס איז אַ גענוג קלאָרע זאַך, וואָס בּויטיקט זיך נישט אין איבעריקע דערקלערונגען. געוווּנשענע באַציונגען צווישן מאַן און פרוי, באַציונגען וואָס אַנטשפּרעכן זייער מענטשלעכער, העכערער קאָסמישער אויפגאַבע, קענען געמאָלט זיין נאָר דאַן, ווען סיי דער מאַן און סיי די פרוי וועלן פאַרשטיין אויסצולעבן זייער גאַנצן

אייגענעם איך, ווען יעדער איינער פון זיי וועט זיך אויסלעבן אין זיין אייגענער און אייגענארטיקער וועלט און וועט, אזוי אַרום, פארטיפן און רייכער מאכן זיין אייגענעם איך דורכן אייגענעם איך פון זיין שותף אינעם משפחה־לעבן. דאָס איז דאָך, אייגענטלעך, דער סוד פון דער העכערער ליבע צווישן מאַן און פרוי, דער סוד פון דער קעגנזייטיקער צוציונג צווישן צוויי אזוי־פארשידנאַרטיקע וועלטן וואס דערגענצן און באנייען זיך אַזוי. דורך דער ריינער קעגנזייטיקער צוציונג דארפן זיי, סיי ער און סיי זי, באַגרייפן, אַז זייער גליק און באלויכטונג איז אין דער דערהויבונג וואס זייער פערזענלעכקייט ווערט דערהויבן אין דער געשטאלט פונם קינד, וואָס ווערט זיי געבוירן.

דאָס פאָלק

דאָס קאָלעקטיווע נאטירלעכע לעבן דערגרייכט זיין פולקאמענעם אויסדרוק אינעם פאָלק, אין דער גרויסער משפחה. דאָס פאָלק האָט, ווי אויבן געזאָגט, געשאַפן די מענטש־נאטור און דאָס מענטשלעכע לעבן. אָבער אָט וואס: דוקא דאָס פאָלק איז פארבליבן אין זיין אַנטוויקלונג אויף דער מדרגה אויף וועלכער עס איז געשטאנען דער אור־מענטש. נאכמער: אָט דער נעבעכדיקער מצב פון פאָלק האָט נישט דערוועקט קיין געדאנק וועגן דאָס שלעכטע דערפון. דער יחיד, אויף וויפל עס זאָל אים נישט פעלן פולקאמנ־הייט, לעבט דאָך אין אים לכל הפחות דאס באוווסטזיין פון זיין אומפאָלקאָ־מענהייט און די באדערפעניש פון שטרעבן צו שלמות. אבער דאָס פאָלק, די הויפט־קראַפט ביים שאַפן די נאַטור און דאָס מענטשלעכע לעבן, איז כלל נישט קיין אָביעקט פאר אַנטוויקלונג און פארפולקאָמונג. מען זאָגט: דאס פאָלק שטייט העכער פון אלעם, און דאס וואס איז פארבאָטן דעם יחיד, ווי מאָרד, רויב, גניבה, אָפנאַרעריי, כל מיני ליגנס, מאוסקייט, עקל, — נישט נאָר וואָס דאס איז דערלויבט דעם פאָלק, נאָר עס רעכנט זיך אפילו פאר העלדנטום און פראַכט; דאַקעגן זעען אנדערע אינעם פאָלק — באזונדערס אין דער נייער צייט — אַן איבערבלייבניש פון אלט־פארגאנגענע צייטן, וואָס איז אַ שטערונג פאר דער מענטשלעכער דערלייזונג, וואס יעדער מענטש מיט גייסט דאַרף אַרויסרייסן אירע וואָרצלען פון זיין האַרץ און זי אויסראָטן פון דער וועלט.

מיר, וואס אונזער פאָלק האָט, פון איין זייט, געליטן מער ווי אלע פעלקער און איז אויסגעוואָרצלט פון זיין לאַנד און אָפגעריסן, ווי קיין שום אנדער פאָלק, פון דער נאַטור; און וואָס פארמאָגט, פון דער צווייטער זייט, גענוג עקזיסטענץ־קראַפט, אז אלע פורעניותן פון דער וועלט במשך פון קרוב 2 טויזנט יאָר האָבן אים נישט געקענט צווינגען צו ענדערן זיין גלויבן —

מיר, שטרעבנדיק צו פולער אויפלעבונג, האָבן נישט קיין אנדער וועג ווי אויפבויען אונזער אויסגעגאַרט לעבן אויף זייער אבסאָלוט נאַטירלעכן יסוד: אויף דעם פולן אומקער צו דער נאַטור, — אויף דער ארבעט און אויף דער שאַפונג און אויף דעם משפּחהדיק־נאַציאָנאַלען סדר און גייסט. מער ווי אנדערע מוזן מיר, און עס איז אונזער געבאָט און אויפגאַבע, צו זאָרגן פאַרן תיקון פונם פאָלק, ארויספירן אים אויפן אַנטוויקלונגס־וועג פונם מענטשלעכן גייסט, אויפן וועג פון דער שטרעבונג צו אמת און גערעכטיקייט אין באַצוג אויף אלע פעלקער און פון יעדן מענטש. מיר מוזן אומקערן אונזער פאָלק זיין אַמאָליק־ערשטן כוח. אונזער נאַציאָנאַלע אויפלעבונג איז נישט נאָר קיין נאַציאָנאַלע זעלבסטבאפרייונג און באַנייונג אַליין — אונזער נאַציאָנאַלע אויפלעבונג איז געגליכן צו אַ תחיית המתים ממש, אַ נייע שאַפונג וואָס האָט נישט צו זיך קיין גלייכן. וואָס שייך שאַפונג בכלל און אָט דער שאַפונג בפרט, גילט דער כלל: תפסת הכל — תפסת, לא תפסת הכל — לא תפסת כלום (אָדער מען דערגרייכט אַלץ, אָדער גארנישט). די שאַפונג און אויסבילדונג פון מענטשלעכן גייסט האָט זיך נאָך נישט פאַרענדיקט. דער מענטשלעכער גייסט דאַרף וואַקסן אין דער מאָס וואָס איז געוואַקסן דער מענטשלעכער באַוווסטזיין. און דאָס וועט נישט דערגרייכט ווערן אָן אַ גרינטלעכער אויפלעבונג פון פאָלק. דאָס פאָלק איז געגליכן צו אַ לייקע, וואָס דורך איר ברייטער עפענונג נעמט זי אויף אין זיך דאָס גאַנצע אומענדלעכע זיין; און פון איר ענגער עפענונג, דורך איר צענטראַלן רער, פירט זי אריין אַלץ אין דער נשמה פון יחיד. דאָס פאָלק איז, אַזוי ארום, דער כוח וואָס שאַפט דעם גייסט פון מענטש און דער רינג, וואָס פאַרמיטלט צווישן דעם לעבן פון יחיד און דעם לעבן פון דער מענטשהייט און וועלט בכלל.

עס איז נישט פאַראַן קיין שפּרונגען אין דער נאַטור. דער קאָסמישער סדר פון דער אויסשפּרייטונג פון לעבן איז פאָלגענדער: פונם יחיד צו דער משפּחה און צום פאָלק, און פון פאָלק — צו דער ראַסע און מענטשהייט.

דאָס איז דער גרונט־יסוד פון אונזער געדאַנק, דער געדאַנק פון אונזער אויפלעבונג און דערלייזונג, און דאָס איז דער יסוד פונם פאָלק־מענטש געדאַנק. ווען עס איז נישט פאַראַן קיין פאָלק־מענטש איז אויך נישט פאַראַן קיין מענטש־מענטש, קיין יחיד־מענטש, און ווער נאָך ווי מיר יידן דאַרפן זאָרגן וועגן דעם? פאַרן פּרייז פון אונזערע ליידן וואָס האָבן נישט קיין גלייכן צו זיך אין דער וועלט, האָבן מיר געקויפט דאָס רעכט צו זיין די ערשטע אין אָט דער שאַפונג. די פּורעניותן און גיהינום־יסורים האָבן מיר פאַרוואַנדלט אינעם פאַרבראָגענעם ליכט — אור גנוז, און אָט דאָס ליכט וועלן מיר ברענגען צו אַנטפּלעקונג.

דער געדאַנק איז, נאַטירלעך, אַ צוקונפטס־געדאַנק, און ווער קען זאָגן ווי־ווייט איז אָט די צוקונפט. אָבער אַלס אַ וועג־ווייזנדער שטערן, וואָס באַלויכט אונזער וועג דאַרף ער אונז לייכטן — פונעם ערשטן מאָמענט פון אונזער אַרבעט פאַר אונזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און דערלייזונג.

מען וועט זאָגן: דער גאַנצער געדאַנק איז נישט מער ווי אַן אילוזיע. אפשר. איך וועל נישט דיסקוטירן. ווער קען דעם גייסט פון מענטש, צי דערהויבט ער זיך הויך אָדער נידערט ער אַראָפּ אונטן? בלויז דאָס וועל איך זאָגן: דער ספק אין מיינע אויגן באַשטייט, בעיקר, נישט אין עצם געדאַנק — דער ספק איז, צי דערהויבט זיך דער גייסט פון מענטש. מיר איז לכל־הפּחות קלאָר, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין אַנדער וועג פאַר דער באַנייאונג פון לעבן און פאַר דעם תּיקון פון מענטש. עס איז נישט פאַראַן.

אונזער אויפלעבונג נויטיקט זיך אין אַ גייסט פון אויבן, פון אַלע פיר עקן וועלט, אַ מעכטיק געדאַנק, וואָס דרינגט דורך דעם גאַנצן מענטש און פילט אָן זיין גאַנץ וועזן; אַ קראַפט פון אַ רעליגיעזן געדאַנק וואָס רעוואָלוציאָניזירט די וועלט פונם מענטש און באַנייט דעם מענטשלעכן גייסט.

דער יחיד און די מאַסע

א

וואָס איז דער עיקר אין אונזער אויפלעבונגס־אַרבעט? יעדער איינער פון אונז דאַרף עס קלאָר מאַכן פאַר זיך אַליין. אויב דער עיקר באַשטייט אין דער אויפלעבונג פונעם לעבן, דאַן מיינט דאָך עס: די אויפלעבונג פונעם פּרט און די אויפלעבונג פונעם כּלל. איך וועל מיך דאָ נישט פאַרנעמען מיט דער אויספאָרשונג, ווער איז וויכטיקער, דער פּרט צי דער כּלל, אָדער להיפך; אָדער איז עס אפשר בכלל נישט קיין באַזונדערס טיפע פראַגע — די אויפלעבונג פון אונזער כּלל וועט דאָך זיכער נישט קומען אַנדערש, ווי נאָר דורך דער אויפלעבונג פונעם פּרט.

די אינדיווידואַליטעט פונעם פּרט איז געווען אַנטוויקלט ביי אונזער פאָלק אין אַלע צייטן. ביי אַ פאָלק וואָס יעדער איינער פון זיינע זין איז אַ וועלט פאַר זיך — האָט געקענט דער נביא שטרעבן צום געדאַנק: מי יתּן והיה כּל עם ד׳ נביאים! (הלוואי זאָל דאָס גאַנצע פאָלק זיין נביאים!), — דאָס מיינט, אַז יעדער איינער זאָל געפינען פאַר זיך אַ ברייטן שליאַך ווי ברייט און ווייט עס זיינען די הימלען, און פון זיין אייגענעם שליאַך זאָל ער ציען און געצויגן ווערן, באַאיינפלוסט און באַאיינפלוסן ווערן צווישן זיינע

חברים, גרויס און פריי ווי ער אַליין איז. דידאַזיקע אייגנשאַפט צו פאַרבינדן אָפּגעזונדערטע וועלטן מיט בעגדער וואָס האָבן כלל קיין האַלט נישט איז, אַזוי ארום, אַ נאַציאָנאַלע אייגנשאַפט. אונזער נאַציאָנאַלע אויפלעבונג וועט, דעריבער, קומען נאָר אויף דעם וועג, דאָס הייסט דורך דער אויפלעבונג פון פּרט און נאָר דורך דערהויבענע מענטשלעכע אידעאַלן. יעדנפאַלס איז קלאָר, אַז אויף דעם געביט דאַרף יעדער איינער פון אונז וואָס זוכט זיין וועג אין דעם וועג פון זיין פאָלק, — זוכן קודם־כל מיט אַ קלאָרן באַוווּסטזיין זיין אייגענע אויפלעבונג און דאָס ווידעראויפלעבן פון זיין אייגענעם לעבן.

אָבער אויב איך זוך אַ באמת ניי לעבן, דאָס הייסט, אויב עס איז נישט קיין פוסטע פראַזע, דאַן מוז איך דאָך קודם־כל זיך אָפּזאָגן פון דער אָנגענער־מענער אויפפאַסונג וועגן די באַדערפעניִשן פון לעבן, זיינע פאַרגעניגנס, זיין אויסברייטונג — וועגן דעם טעם פון לעבן. אויב עס האָט זיך ביי מיר נישט געענדערט דער טעם פון לעבן, דאַן האָב איך נישט צו זוכן אַ ניי לעבן, ווייל איך וועל עס נישט געפינען. אַ ניי לעבן מיינט דאָך, קודם כל, אַ נייער טעם פון לעבן.

יעדנפאַלס מוז דאָך דער ארבעטער זיך קלאָר מאַכן, וואָס וויל ער: אַרבעטן און דאַן — לעבן? אָדער: איך וועל ארבעטן — און די אַנדערע (דער כלל אָדער די קומענדיקע דורות) זיי זאָלן לעבן? איך צווייפל צי דידאָזיקע געדאַנקען ברענגען דער וועלט עפּעס גוטעס. דידאָזיקע געדאַנקען ווענדן אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון מענטש פון חיי שעה, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך אויך חיי עולם, אויף וויפל זיי אנטהאַלטן אין זיך באַנייונג פון לעבן. דער ארבעטער וואָס שטרעבט צו א ניי לעבן פאַר זיך, זוכט דאָך עס נישט אין הימל און אין דער לופט, נאָר אינעם דאָזיקן לעבן וואָס ער וויל אים באַנייען, אין דערדאָזיקער אַרבעט און באַדינגונגען אין וועלכע ער ארבעט און לעבט, אין דיעניקע מיטלען צום לעבן וואָס ער זוכט, אין יענער אָנשטרענגונג זיינער אָפּצורוימען שטערונגען פון זיין וועג, אין יענע נייע וועגן וואָס ער קלויבט זיך גיין אין זיי. דאָס אַלץ האָט אַ זין אין זיינע אויגן, דאָס אַלץ אנטהאַלט אַ געדאַנק, אין דעם אַלעמען איז פאַראַן אָרט פאַר געדאַנקען, געפילן, מעשים און לעבן. ווייל אַזוי ארום ארבעט ער דאָך אויפן פעלד פון דער אויפלעבונגס־ארבעט — זיין אייגענער און זיין פאָלקס — דורכן לעבן.

אָבער דעריעניקער וואָס זוכט „חיי עולם" — צו וואָס דאַרף ער דאָס אַלץ? אָט זוך איך חיי עולם — און בין דער קרבן אויפן מזבח! אָדער — זאָל איך זיין די כפרה פון עם ישראל! דאָס הייסט, אַז איך זאָג מיך אָפּ פון מיין אייגענער חיי שעה, דאָס הייסט — איך לעב נישט, און מען זעט דערין גבורה. אין דער אמתן אָבער ליגט דערין אַ געוויסע פאַסיווקייט,

אַן אויסדויער קראַפט פון אַ באַשלוס וואָס איז אַמאָל געפאַסט געוואָרן. גבורה איז אַקטיוו. און אַ ניי לעבן פאָדערט אומאויפהערלעכע אַקטיווקייט. דעריבער טאַקע איז בכלל אַזוי קנאַפּ די צאָל פון די יעניקע, וועלכע שטרעבן צו אַ ניי לעבן בפועל ממש, הגם עס איז, לפי ערך, נישט קנאַפּ די צאָל פון די „קרבנות" און הגם עס זיינען פאַראַן אַ סך, פאַרהעלטניסמעסיק, וועלכע זוכן אַ ניי לעבן בלויז אין געדאַנק אַליין. אַזאַ פּאַסיווקייט וועט קיינמאָל נישט ברענגען קיין אויפלעבונג. להיפך, זי איז גורם אַפּהענטיקייט און, ענדלעך, גייסטיקע ירידה.

מען זאָגט, אַז דער יונגער מענטש דאַרף דאָ (אין ארץ ישראל) זיך אָפּזאָגן פון געוויסע געדאַנקען. אין פלוג דאַרף מען אָננעמען, אַז די גאַנצע חשיבות פון אונזער לעבן דאָ באַשטייט דאָך דערין, וואָס דאָ קען דער ייד זיך באַפרייען נישט נאָר פונם אויסערלעכן גלות, פון דער וועלט פון פרעמדע, נאָר אויך פונעם אינערלעכן גלות, פון זיין אייגענעם יאָך; דאָס הייסט, דאָ איז דאָך דעם ייד נישט נויטיק צו געדענקען תמיד, אין יעדער צייט און יעדער שעה, זיין יידישקייט, טאַפּן יעדע רגע זיין יידישקייטס־טאַש, זיין אַ ייד „באהלו" (אינם געצעלט) אָדער „בצאתו" (אינדרויסן), אדער איןביידע צוזאַמען. דאָ איז ער קודם־כל אַ מענטש און אַ באַשטימטער פּרט, און אַלס מענטש און אַלס באַשטימטער פּרט באַזיצט ער די פרייהייט און דעם געהעריקן רוים צו לעבן, צו דענקען און צו פילן ווי עס ווילט זיך און גלוסט זיך אים, — ער איז דאָך במילא א ייד. די גרויסע געדאַנקען פון די נביאים, וואָס אַדאַנק זיי האָבן זיי זוכה געווען צו אייביקייט זיינען נישט דיעניקע וועלכע באַציען זיך נאָר אויפן יידישן פאָלק, נאָר גראַד די אַלגעמיין־מענטשלעכע געדאַנקען. זייער געדאַנק האָט זיך באַשעפטיקט מיט גאָט, וועלט, מענטש, לעבן א. אז. וו., און נאָר ווייל זיי זיינען געווען יידן, רופן מיר אָן זייער'ע געדאַנקען יידישקייט. און דאָס זעלבע גילט אויך בנוגע דער אויפלעבונג פון יידנטום. אויב דער נייער ייד וועט אין דער נאָנטער אָדער ווייטער צוקונפט דענקען און האָבן וואָס צו זאָגן בנוגע אַלע העכסטע וועלט־פּראָבלעמען — דער־עיקר אויב ער וועט באַזיצן עפּעס אייגענעס — דאַן וועט עס הייסן יידישקייט, נישט אַריינטראַכטנדיק זיך קיין סך, צי וועלן דידאָזיקע געדאַנקען אַנטשפּרעכן אין אַלעם דער אַלטער יידישקייט, אָדער נישט.

אַזוי זעט עס אויס אין פלוג. און לויט דעם טאָר נישט, ווי עס שיינט, יעדער איינער וועלכער קומט אהער מיטהעלפן אונזער נאַציאָנאַלער אויפלע־בונג מוותר זיין אויף אַ האָר פון זיין מענטשלעכער אויפפאַסונג — אויב עס האַנדלט זיך טאַקע וועגן אַן אויפפאַסונג, וואָס האָט נישט אַלס אַזעלכע קיין שום פּסול. און אויב אונזער אויפלעבונגס־אַרבעט אַנטשפּרעכט נישט אַט

דערדאַזיקער כּשרער אויפפאַסונג, דאַן איז עס אַ פּסולע אַרבעט און איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי אַ מענטש מיט געפיל קען זיך מיט איר באַשעפטיקן.

ב

און אַט זאָגט מען: דאָס איז אַ געדאַנק נאָר פאַר יחידים. יאָ, אין אָנפאַנג איז עס אַ געדאַנק בלויז פאַר יחידים. אָבער ווייסטו דען דעם כּוח פון די יחידים אַלס יחידים? זיינען דאָך אַלע גרויסע באַוועגונגען פון דער מענטשהייט, די סאָציאַלע באַוועגונג אייַנגעשלאָסן, געשאַפן געוואָרן אין זייער אָנפאַנג דורך יחידים. אונזער גאַנצע נאַציאָנאַלע צרה באַשטייט נישט אַזוי דערין, וואָס די „מאַסע" גייט נישט פאָרויס אָדער הינטער אונז, נאָר ווייל מיר פאַרמאָגן נישט קיין יחידים. און נאָך עפּעס וועל איך צוגעבן: דערין וואָס עס פעלט אונז פאַרצווייפלטע.

דער יחיד, און באַזונדערס דער פאַרצווייפלטער יחיד, וואַרט נישט אויף דער גאולה, וואַרט נישט אויף די חסדים פון דערווירקלעכקייט און גאָרט נישט נאָכן כּוח פון דער מאַסע. ער אַליין איז דער דערלייזער, דאָס הייסט ער שפּרינגט אַליין אין ים אַריין, ער מאַכט נישט קיין חשבונות, ער קוקט זיך נישט אום אויף אַלע זייטן. זאָל זיין, וואָס עס וויל! דעריבער איז ער דאָך אַ פאַרצווייפלטער, דעריבער האָט ער דאָך פאַר זיך נאָר צוויי וועגן: אָדער „אויסלייזן" זיך אַליין פונם לעבן אָדער אויסלייזן דאָס לעבן, דאָס הייסט, זיך פאַרנעמען מיט דער דערלייזונג פון לעבן, — קיין אַנדערן וועג האָט ער נישט.

גיט אונז יחידים! גיט אונז פאַרצווייפלטע! גיט אונז יחידים וועלכע גרינגשעצן זיך נישט און דעזערטירן נישט פון פראָנט. גיט אונז פאַרצווייפלטע וואָס פאַרוואַנדלען זייער פאַרצווייפלונג אין אויפבוי, אין איין אויפבוי! און דאַן וועט איר זען און זיך איבערצייגן, וואָס פאַרצווייפלטע יחידים, יחידים אין אַלגעמיין, אַפילו נישט קיין באַזונדערע אויסנאַמען, זיינען מסוגל צו שאַפן אין אַט דעם ארץ ישראל. קורץ, יחידים קענען דאָ שאַפן אַ קראַפט וואָס זאָל דערוועקן דאָס פאָלק, דאָס גאַנצע פאָלק, אַז עס זאָל זיך אַרומקוקן, וווּ עס שטייט אין דער וועלט און זוכן אַ וועג פאַר זיין אויפלעבונג און אויפריכטונג, זוכן אַזוי ווי עס קען אַ פאָלק, וואָס דערוואַכט צום זוכן. און דאָס איז דאָך דער עיקר.

און פון איין ענין צום צווייטן — אין דערזעלבער אַנגעלעגנהייט. די אַרבעט דעראָבערט נישט דעם איר געהעריקן אָרט, נישט נאָר צוליב די גרויסע שטערונגען און שטערער, וואָס שטייען איר אויפן וועג, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס אירע קעמפער זיינען נישט גענוג שטאַרק און זיי גרייפן

נישט אָן אַלע צושטאַנדן מיט זייער גאַנצן כוח, מיט גבורה, מיט בטחון, און זיי זיינען נישט געניגנ אנטשלאָסן כדי אָפּצוהיטן סיסטעמאַטיש זייערע דעראָבערונגען. און אויך דאָרט ווו עס איז פאַראַן אין אַ געוויסער מאָס, אַזאַ גייסט פון גבורה און בטחון ווי, למשל, אין די קבוצות, אויך דאָרט דעראָבערט מען לאַנגזאַם איין דעראָבערונג נאָך דעם אַנדערער.

עס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען דער גייסט ביי די אַרבעטנדע, און דעריבער דערהויבן זיי זיך נישט, נאָר נידערן אַרונטער. דאָס זעסטו באַזונדערס אין יהודה.

און די זאַך איז גאָר איינפאַך.

די אַרבעט האָט איצט דערגרייכט אַ פּונקט, וואָס פונדאַנען דאַרף זי אָננעמען אַ נייע ריכטונג, אַ ברייטע, אַ ריכטונג פון אַ לעבעדיקער באַוועגונג. אָבער דער איבערגאַנג איז זייער אַ שווערער, און די שוועריקייט באַשטייט דאָ נישט בלויז אין דער פּראַקטישער הינזיכט נאָר אויך אין הינזיכט פון געדאַנק — און אפשר אין אַ גרעסערער מאָס. דער געדאַנק אַלס אַזעלכער דאַרף זיך באַנייען, אויסברייטערן דעם אומפאַנג־קרייז, כדי ער זאָל זיין מסוגל ווידער אָנצופילן די אַרבעטנדע מיט אַ גייסט פון לעבן, מיט אַ גייסט פון גבורה און בטחון.

מיר האָבן שוין יוגנטלעכע בחורים און אויך מיידלעך וועלכע האָבן תופס געווען די גאַנצע טיפקייט פונם אַרבעטס־געדאַנק, די גאַנצע אַרבעטס־און שאַפונגס־טיפקייט פון דער אַרבעט. אָבער עס פעלט נאָך אַ גרויסער עיקר: די אַרבעט איז נאָך אין אַ צושטאַנד פון אַ געשפּאַלטענעם קערפּער. אויף דעם האָט מען נישט געלייגט קיין אַכט אויך אין די איבעריקע ערטער, דאָרט ווו די מענטשן האָבן געפּרוּווט אַרבעטן נאָר צוליב דער אַרבעט אַליין, און דעריבער האָבן זיי נישט געהאַט קיין דערפאָלג.

דער געדאַנק פון אַרבעט איז דאָך אויסן צו שאַפן דאָס לעבן ווי אַ נייע שאַפונג. טויזנטער יאָרן האָט מען געלערנט דעם מענטש, אַז דאָס לעבן איז געגליכן צו אַ נעסט פון מוראַשקעס, וואָס אין אים איז באַגרענעצט זיין גאַנצע וועלט. די שטאָט — דאָרט געפינסטו אַלץ: אַלע מענטשלעכע פאַרגעניגנס, אַלע זיינע גייסט־שאַפונגען, אַלע ספערעס, אַלע וועלטן. אַלץ וואָס עס געפינט זיך אויסער דער שטאָט איז באַשטימט נאָר כדי איר צו דינען: דער באָדן — צו שאַפן מאַטעריעלע שפּייז פאַר דער שטאָט, די נאַטור — גייסטיקע שטאָף — מאַטעריאַל פאַר וויסנשאַפט, פּאָעזיע, קונסט. ווער עס לעבט אויסער אָט דער וועלט, דאָס הייסט אויסער דער שטאָט, איז געגליכן צו אַ נידעריק באַשעפעניש, וואָס נויטיקט זיך נישט און איז אויך נישט מסוגל אויפצונעמען אַסך פון דעם וואָס עס געניסן אָט די־ייניקע מיוחסים — פון דער וויסנשאַפט, פּאָעזיע, קונסט א. אז. וו., און דאָס האָט גורם

געוועז דערצו, אז יעדע פעאיקייט און יעדער גייסטיקער כוח שטרעבט פון זיער נאטור צו דער שטאַט, און אויסער איר איז גאָרנישט נישט פאַראַן, אָדער עס איז פאַראַן אַ „קנעכט פון באָדן" א. דגל. און אזוי האָבן מיר דערלעבט, אז אין דער מאָס, וואָס עס שטייגט דער גייסט פון מענטש, אין דערזעלבער מאָס ווערט ער דערשטיקט אין דער שטאַט. און אָט איז געקומען דער ארבעטס־געדאנק און וואַגט ארויסרייסן דעם מענטש פון זיין וועלט, ער וואַגט צושטערן זיין מוראשקעס־נעסט און אריינפירן אים אין חיי עולם. נאָכמער, ער וויל באפרייען אויך די רייכטימער פונם מענטשלעכן גייסט — די וויסנשאפט, פאָעזיע, קונסט פון זייער געפענגעניש און זיי אריינפירן אין חיי עולם.

אָבער דער ארבעטס־געדאנק פאָדערט אַ סך פון מענטש — ער פאָדערט אַלץ, דאָס גאנצע אַלטע לעבן פאַרן פרייז פונם נייעם. אויב דער מענטש גיט אים נישט אַוועק אַלץ, דאן גיט ער גאָרנישט דעם מענטש, וועלכער פארלירט נאָך דאָס, וואָס ער האָט אים געגעבן. די ארבעט איז אין דער הינזיכט בבחינת „זכה — נעשה לו סם־חיים, לא זכה — נעשה לו סם־מוות" (האָט ער זוכה געווען — איז עס פאר אים אַ היילונג, ווען נישט — אַ טויט־גיפט). האָט ער זוכה געווען — איז ער אַ שותף צו מעשי בראשית און חיי עולם, ווען נישט — אַ שקלאַף פון באָדן און אַ לעבנס־פארשטויסענער.

דאָ זיינען נויטיק כוחות, דאָ זיינען נויטיק יחידים, חלוצים וועלכע זאָלן קומען און ארבעטן און זוכן אין דער ארבעט לעבן, זוכן ביז זיי וועלן געפינען. אַזעלכע זאכן דערגרייכט מען דאָך נישט לויט טעאָריעס און לויט אַ פון־פאָרויס־באשטימטן פראָגראם, זיי ווערן געשאפן דורכן לעבן אליין.

אָבער אויפן גרונט פון דעם אלעם וואָס איז געזאָגט געוואָרן קען מען על פי טעות אָנעמען, אז איך טראכט ווי דיעניקע וועלכע מיינען, אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געוואָרן נאר פאר יחידים, פאר די אויסדער־וויילטע, פאר די דערהויבענע. ניין! איך בין אַ ייד, אַ זון פונם פאָלק, וואָס האָט געשאפן די „מאָראַל פון די שקלאַפן", און די נשמה פונם „שקלאַף" איז מיר טייער, די נשמה פונם „קליינעם מענטש" און פונם קלענסטן אפשר נישט ווייניקער ווי די פונעם גרויסן, ווייל עס איז מיר טייער די נשמה פונם מענטש און פון יעדן לעבעדיקן. און בכלל איז מיר פרעמד און איך לייד נישט אָט די גאַנצע איינטיילונג פון מענטשן אויף אַ „המון" און דערהויבענע, אויף „פוטער־מילך" און „סמעטענע", וואָס באַהויכט מיט איר שכינה דאָס „פוטער־מילך", די גרויסקייט וואָס הויבט זיך אַרויס דער־עיקר דורך דער קליינקייט פון אנדערע — וואָס פאַראַ קליינקייט איז זי!

אָבער איך זע אין די יחידים אָט דיעניקע וועלכע גייען צוערשט און קומען די ערשטע צו יענער פאָלקס־פארזאמלונג, וואָס דאָס גאנצע לעבן

פון פאָלק איז פון איר אָפּהענגיק; איך זע אין די יחידים דיעניקע, וואָס זייער פליכט איז צו בלייבן אויפן אָרט פון דער פאַרזאַמלונג אפילו ווען זיי זעען נישט די וועלכע קומען נאָך זיי צו זייער אָרט; דיעניקע וואָס זייער פליכט איז צו נעמען אויף זיך די אלע פּייניקונגען און ליידן פון דער איינזאַמקייט, נאָך דעם ווי זיי האָבן זוכה געווען צו זיין די ערשטע. אָט די דאָזיקע פליכט צו בלייבן אויפן אָרט איז חל אויף יעדן יחיד וואָס קומט נאָך זיי, הגם אַ סאַך קערן זיך אום צוריק גלייך ווי זיי זיינען געקומען. נאָר אזוי־ארום איז פאַראַן אַן אויסזיכט, אז דאָס פאָלק זאָל זיך סוף סוף צונויפזאמלען, ווייל וואָס גרעסער עס וועט זיין די צאָל פון די וועלכע וועלן בלייבן אויפן אָרט פון דער פאַרזאַמלונג, אלץ לייכטער וועט עס זיין פאַר די ביי־געקומענע צו פאַרבלייבן. אָבער אויב די ערשטע וועלן זיך איינציקווייז אומקערן און צוגיין, אזוי ווי זיי זיינען געקומען, דאַן וועלן זיי דאָך טראָגן די גרעסטע שולד דערפאַר, אויב די פארזאמלונג וועט נישט צושטאַנדקומען.

און ווען דו ווערסט זיך צוקוקן פון אָט דער פערספּעקטיוו צום גורל פון מענטש בכלל, אָדער צום גורל פון דער מענטשהייט, ווערסטו איינזען, אז דער כוח פון די יחידים איז גארנישט אזוי קליין; ווייל זיי פארמאָגן אַ גרויסע קראַפט צו ריכטן דעם שטראָם פון דער מענטשהייט צום אויסגעגאַרטן פלאַץ, צום אויסדערוויילונגס־הויז. אבער די מערהייט פון די דאָזיקע יחידים, פון די ערשטע, באַגנוגט זיך מיט לערנען אנדערע און אַליין גייען זיי נישט אויפן וועג אויף וועלכן זיי דאַרפן גיין.

און ווען דו קוקסט זיך צו ווייטער צו אָט דער ביינוגג, דאַן ווייזט זיך דיר אויס, אז דער געדאַנק באַהערשט נישט דאָס נעבעכדיקע מענטשלעכע לעבן נישט דערפאַר, ווייל די אינסטינקטן זיינען שטארקער ווי ער; נאָר ווייל די טרעגער פונעם געדאַנק ווילן גיין מיט זיין כוח פאָרויס און גלייכצייטיק קוקן זיי אויף צוריק, צום וועג פון דער מאסע.

צווישן פאלק און פאלק

אַ גרויסע נאַציאָנאַלע דערוואַכונג, וועלכע אנטהאלט אין זיך א גרויסן געדאַנק און אַ גייסט פון אַ מעכטיקער אייגנארטיקייט, — אזוי ווי דערוואַכונג פון די יידן בעת יציאת מצרים אדער פון די אראבער אין דער צייט פונעם נביא פון איסלאַם, — פאַרמאָגט אַ גרויסע קראַפט וואָס ווירקט נישט נאָר אינערלעך, נאָר אויך אויסערלעך. דעם אויבן־אָן פארנעמט דא נישט די פויסט, דא ווירקן אנדערע כוחות, כוחות וועלכע באַזיצן אַ קאָסמישן טעמבּער און אַ קאָסמישע גבורה. זייערע רייד געפינען אַן אָפּקלאַנג באַזונדערס דאַן,

ווען זיי אנטהאלטן אַ קאָסמישן אמת; און דאס איז דער עיקר פאר אונז; דער גרונט־אמת פון אונזער לעבן. איינפאך איז דער אמת, אָבער זיין כוח וועגט איבער דעם כוח פון אלערליי לאָזונגען וואס ווערן אויסגעקריצט אויף פענער. און נישט נאָר אין באצוג אויף די באציונגען צווישן מענטש און מענטש פארמאָגט דערדאָזיקער אמת א גרויסע קראַפט, נאר אויך אין באצוג אויף די באציונגען צווישן פאָלק און פאָלק. מיטן כוח פון אָט דעם אמת וועלן מיר געפינען אַ וועג צו אַ געמיינזאַמען לעבן און ארבעט מיט די אַראַבער, וואָס וועט זיין אַ ברכה פאר ביידע צדדים. אָבער דער אמת הויזט נישט צוזאמען מיט דער שוואכקייט, ער איז נישט קיין שרייענדיקער און קאָקעטירנדיקער. מיר נויטיקן זיך אין גבורה, אין מענטשלעכער גבורה, וועלכע וויס זיך אויפצופירן מיט העכערע נאָרמעס. אויך דאן ווען די־באַציונג פונעם צווייטן צד איז נישט קיין געוווּנשענע; און נישט קיין אויפ־פירונג פון שוואכקייט, וואָס פאַרמאָגט נאָר קליינלעכע נאָרמעס. מיר האָבן נישט נויטיק און עס פאַסט נישט פאר אונז, זיך אראָפּנידעריקן פאר די אראבער און זיך האלטן גרויס קעגנאיבער זיי. מיר דארפן זיין מענטשן פון אמת און גערעכטיקייט צוליב זיך אליין און נישט צוליב זיי. יעדעס פריידיקן פון אַ גוטער באַציונג צו די אראבער צוליב אַ געוויסן ספּעציפישן „מיין" — איז נישט אויפן אָרט. מיר דאַרפן האָבן אַ גוטע און גערעכטע באציונג צו יעדן מענטש. און מיר דארפן תמיד, אין אלע אונזערע דרכים און מעשים, אַכט לייגן דערויף. מיר דארפן זיך תמיד פאַרטיפן אינעווייניק, און נישט אויסערלעך. מיר וועלן דאס אונזעריקע טאָן — און דער אמת וועט אונז לערנען דעם וועג. און אויב זיי וועלן גיין אויף אנדערע וועגן, אויב זיי וועלן זיך באנוצן מיטן כוח פון פויסט און שקר, קענען זיי טאקע אונז ברענגען שאָדן, אָבער אַראָפּפירן אונז פון וועג וועלן זיי נישט קענען, און מיר וועלן אויך נישט אראָפּ פון וועג. מער פון אלעם וועלן זיי ברענגען שאָדן זיך אַליין.

דאָ בעצם ליגט די גרונט־לייזונג פונעם פּראָבלעם פון די באציונגען צווישן אונז און די אראבער.

די אראבער זיצן אויפן באָדן און מיר דארפן נישט באַרויבן זייער רעכט און זיי ארויסשטויסן. אבער אויך זיי דארפן נישט באַרויבן אונזער רעכט אויפן באָדן אויף וועלכן מיר זיצן און באַארבעטן. אמת, מיר זיינען די מינדערהייט, אָבער יענער באָדן וועלכן מיר האָבן דערוואָרבן מיט אונזער אייגענער ארבעט איז אונזערס, און קיין שום מערהייט אויף דער וועלט איז נישט אימשטאנד באַרויבן אונזער רעכט אויף אים און צונעמען ביי אונז דאָס וואָס מיר האָבן דערוואָרבן מיטן כוח פון אונזער ארבעט און שאַפונג. עס האנדלט זיך וועגן דער אויסשפּרייטונג, ווער האָט מער רעכט זיך

אויסשפרייטן אויפן באָדן וואָס איז נאָך נישט דערוואָרבן געוואָרן מיט ארבעט און שאפונג. אָבער נישט דער כמות אנטשיידעט דאָ, נאָר די איכות: דער כוח פון לעבן און וווקס און אויך דער כוח פון מסירות נפש. ווער ס'וועט מער ארבעטן, מער שאַפן, זיך מער מוסר נפש זיין, דער וועט דערווערבן מער מאָראַלישע רעכט און מער לעבנס־קראפט אין דעם לאנד. דא האנדלט זיך וועגן אַ פרידלעכער קאָנקורענץ. און דאָס רעכט אויף אָט דער פרידלעכער קאָנקורענץ גיט אונז הויפטזאכלעך אונזער היסטאָריש רעכט אויף ארץ־ישראל. און דערין דארף מען צורעכנען צו אונז דאס גאנצע יידישע פאָלק אין אלע לענדער פון זיין צעשפרייטונג.

דא דארף מען מאכן אַ באַמערקונג לגבי איין טענה וואָס שיינט צו זיין אַ גערעכטע, וואָס מען טענהט זי מיט אַ פרומען אנשטעל אויך ביי אונז. מען זאָגט, אז מיר, קומענדיק זיך דאָ באזעצן, בארויבן די אראבער, וואס זיינען פאקטיש די בעלי בתים פון לאַנד, וועלכע זיי האָבן דעראָבערט נישט ביי אונז. אָבער וואָס מיינט עס — בעלי בתים פון לאַנד? אויב מען זאָל אָננעמען, אז דער בעל בית פון לאַנד איז דאָס פאָלק וואס באזיצט די פּאָליטישע מאַכט, דאן זיינען שוין די אראבער לאנג נישט די בעלי בתים פון לאַנד, ווייל פריער האָבן דאָ געהערשט די טערקן און איצט די ענגלענדער. און דאס מיינט, אז אויסער דעם רעכט צו וווינען און ארבעטן האבן אויך די אראַבער אַ היסטאָריש רעכט אויפן לאנד, געננוי אַזוי ווי מיר. אָבער אונזער היסטאָריש רעכט איז אָן ספק גרעסער. דאָס הייסט, אז אויך מיר נעמען אַוועק דאס לאַנד נישט ביי זיי. און וואס שייך דעם וווינונגס־רעכט, דאס רעכט צו וווינען אין לאנד און עס באארבעטן — וווינען מיר דאך אין לאנד און באַארבעטן זי. דער אונטערשיד צווישן אונז און די אראבער איז, אזוי ארום, אין דער הינזיכט, אַ קוואַנטיטאטיווער און נישט קיין קוואליטאטיווער, נישט קיין אונטערשייד פונעם שטאנדפונקט פון אָט דעם רעכט.

דאקעגן אָבער מוזן מיר זיין זייער פאָרזיכטיק אין אונזער באציונג צו די אראבער ביים דערווערבן באָדנס און אזוי ווייטער, נישט אָנרירן זייער מענטשלעך רעכט אויף אָן האָר, נישט ארויסשטויסן דיעניקע וועלכע באארבעטן פאקטיש זייער באָדן. און זאל בעסער דער באָדן אונז קאָסטן צווייפאך און דרייפאך פון זיין ווערט, לאָמיר בעסער פארגיטיקן די אמתע באָדן־באזיצער, די וועלכע זיצן אויף אים און באארבעטן אים — אויב מיר נויטיקן זיך באזונדערס אין זייער באָדן — מיט אַלערליי פאָרגיטיקונגען, וואָס קומען אָן שווער און קאָסטן אַ סך מי, ווי צום ביישפּיל באקומען פאָר זיי באָדן אויף אַ צווייטן אָרט א. אז. וו. און נישט באַרירן אויף אַ האָר זייער רעכט. פאר אונז איז נישטאָ קיין מאָס פארן פרייז פון באָדן; פאר אונז איז ער ווערט וויפל ער זאָל נישט קאָסטן.

וואָס עס איז נאָך נויטיק צו טון אויף דעם געביט, וועט קלאָר ווערן ערשט ווען מיר וועלן זיך איינוואָרצלען אין לאַנד, זיצנדיק אויפן באָדן און באארבעטנדיק אים, אין דער אינדוסטריע, אין דער קולטור. די לעבעדיק־מענטשלעכע באַציונג צווישן אונז און די אראבער וועט באשטימט ווערן אין לעבן און מיטן כוח פון לעבן. אויף וויפל מיר וועלן באשאפן אין לאנד אַ מענטשלעך לעבן, אויף וויפל מיר וועלן זיך אַליין באשאפן, די יחידים און די מאַסע — וועלן אויך אויפקומען ארום אונז אראבער, וואָס וועלן שטיין אויפן ניווא פון אַ מענטשלעך לעבן און מענטשלעכע באַציונגען. דאן וועט אויך געשאפן ווערן אַ מענטשלעכע באציונג צווישן אונז און דעם אראבישן פאָלק. און ביז דאַן, וועלן די פראָפּאגאנדע און אלע אנפאלן פון די אראבער אויף אונז, סיי מיטן מויל און סיי מיטן פויסט, אַלע מערדערייען און חורבנות, וואס זיי וועלן אונז מארדן און חרוב מאכן — נישט בייקומען דעם כוח פון דעם לעבן, וואָס וועט זיך שאפן. דאָס לעבן איז שטארקער פון יעדער צעשטערונג פון לעבן. אונזער כוח ליגט אין דער שאפונג; און אין איר, אין דער שאפונג, ליגט אויך איצט, ווי תמיד, אונזער רעכט אויפן לאַנד און די גערעכטיקייט פון אונזער פאָדערונג אויף אים. און לאָמיר נישט גרינגשעצן — נישט מיר און נישט אנדערע — אָט דעם כוח און אָט דאָס רעכט. אונזער רעכט אויף אונזער לאנד ליגט ווי ביז איצט אין דעם, וואָס דאָס לאנד און אלע, וואָס לעבן אין אים זיינען זוכה דורך אונז.

אָבער אָט די באציונג אונזערע דאַרף נישט אָפּווענדן אונזער אויפ־מערקזאמקייט פון דער אַראבישער פראגע אין איר גאנצן פארנעם, און דאס פאָדערט אַ באזונדערע אונטערשטרייכונג.

אַלע אויסטראכטענישן פון די אראבער קעגן אונז אנטהאַלטן איין מאָמענט, וועלכן מיר האָבן נישט געשאנקען די געהעריקע אויפמערקזאמקייט און אָפּשאצונג: זייער דעקלארירונג וועגן דעם רעכט פון אראבישן פ אָ ל ק אויף ארץ ישראל אַלס זייער נאַציאָנאַל לאנד און זייער אונטערשטרייכונג פון אָט דעם רעכט.

די אראבער באַזיצן אַלע אייגנשאַפטן און אַטריבוטן פון אַ לעבעדיק, אבער נישט פון קיין פריי. פאָלק. זיי זיצן אין לאנד, לעבן אין אים, באארבעטן דעם באָדן, רעדן אויף זייער נאציאָנאלער שפראך, די איינציקע שפראך פונם גאנצן פאָלק א. אז. וו. און דעריבער טראגט זייער פאָדערונג אויף דעם לאנד אַ כאראקטער און האָט א ווערט פון אַ פאָדערונג וואָס אַ לעבעדיק פאָלק שטעלט לגבי זיין נאטירלעך לאנד, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די פאָדערונג דריקט זיך אויס נישט אין אַ שיינער און קולטורעלער פאָרם. דאָ איז פאראַן אַלץ וואָס איז נויטיק. דאָ רעדט דאָס לעבן פאר זיך אַליין, ס׳ווירקט און ווערט באַווירקט פון זיך זעלבסט. מיר באשעפטיקן זיך

מיט באַהאַנדלען די פראַגע, צי איז פאַראַן אַן אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג אָדער נישט — און דאָס לעבן ווירקט מיט זיין לעבעדיקער ווירקונג. די באַוועגונג וואַקסט און אַנטוויקלט זיך, ווייל עס זיינען פאַראַן אַלע אַנטשפּרעכנדיקע באַדינגונגען פאַר איר וווּקס און אַנטוויקלונג. עס איז אַ גרויס געפאַר פאַר אונז צו פאַרזען דעמדאָזיקן לעבעדיקן פאַקט, זיך אַליין אָפּנאַרן טענהדיק, אַז מיר האָבן צו טאָן נאָר מיט אינטריגעס פון עפענדיס און נישט מער. אמת, די עפענדיס און די אינטעליגענץ בכלל זיינען טאַקע די וועקער און די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון דער באַוועגונג, אָבער נישט זיי זיינען אַלץ און אפילו נישט דער עיקר. געווי אַזוי קומט דאָך פאָר אין יעדער נאַציאָנאַלער און נישט נאָר נאַציאָנאַלער באַוועגונג. נאָר פאַרפירטע און פאַרפירער קענען אָפּנאַרן זיך און אַנדערע, אַז די אַראַבישע מאַסע, און באַזונדערס די אַרבעטנדע מאַסע, האַלט מיט אונז, אָדער וועט זיין מיט אונז קעגן די עפענדיס. מען פאַרגעסט, אַז די אַראַבישע מאַסן זיינען נישט אַן אויסגעוואָרצלטע מאַסע ווי יענער הייפל פון אונזערע פראָלעטאַריער וועלכע רופן זיך מאַסע, נאָר אַ מאַסע פון אַ לעבעדיקן פאָלק. פון דער צווייטער זייט הויבן אָן די פירער פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג צו פאַרשטיין, וואָס איז עס אַזוינס אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, און וואָס זיינען זייערע אויפגאַבן. זיי רעדן תמיד אין נאָמען פון אַראַבישן פ א ל ק און אים קעגנאיבער שטעלן זיי אַוועק די צ י ו נ י ס ט ן, די ציוניסטישע פ א ר ט י י. זיי דערמאָנען נישט דאָס יידישע פאָלק. דאָס יידישע פאָלק פאָדערט זיין רעכט אויף ארץ־ישראל — דאָס איז אַ זאַך וואָס עס וועט נישט זיין אַזוי לייכט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט אָדער באַדעקן אים מיט שטויב.

מיר האָבן באַשאַפן אַן אויסדרוק פאַר דער נאַטור פון אונזער לאַנד און געזאָגט: אַ מ ע נ ט ש בצלם אלוהים. דעררדאָזיקער אויסדרוק האָט געווירקט זיין ווירקונג אינם לעבן פון דער מענטשהייט, מיט אָט דעם וואָרט איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע וועלט. דערמיט האָבן מיר דערוואָרבן אונזער רעכט אויפן לאַנד, דאָס רעכט וואָס וועט קיינמאָל נישט בטל ווערן, כל זמן עס וועט נישט בטל ווערן דער תנ"ך און אַלץ וואָס איז מיט אים פאַרבונדן. איצט קומען מיר שאַפן פאַר אָט דער נאַטור, וואָס לעבט אין אונז, אַ נייעם אויסדרוק און מיר זאָגן: אַ פ א ל ק בצלם אלוהים. און אויך דאָס דאָזיקע וועט ווירקן זיין ווירקונג, מער ווי יעדע פויסט־קראַפט.

ב. נאציאנאליזם און סאציאליזם

צו דער אויפקלערונג פון די באגריפן

א

וואס, אייגנטלעך, ווילן מיר, אלס פאָלק, פון זיך אליין?

מיר דארפן, קודם כל, דורכקאָנטראָלירן פונדאַסניי אונזער נאציאָנאלע גרונט־שטרעבונג, אין אָנבליק פונם היסטאָרישן מאָמענט אין וועלכן מיר לעבן.

מיר לעבן איבער אַ גרויסן היסטאָרישן מאָמענט — דער דאָזיקער רוף הערט זיך פון אלע זייטן. אָבער די פראגע איז: אין וועלכער הינזיכט גרויס?

אין דער געשיכטע זיינען געווען אַ סך גרויסע מאָמענטן, וועלכע האָבן פארענדערט די מאַפּע פון לאַנד און באנייט מדינות און פעלקער. אַזעלכע מאָמענטן זיינען עס געווען אַלע עפּאָכן פון די גרויסע דעראָבערער, אנהויבנדיק מיט די אסירישע און עגיפּטישע און ענדיקנדיק מיט נאפּאָלעאָן דעם ערשטן. אָבער עס זיינען פאַראַן נאָך גרויסע היסטאָרישע מאָמענטן — און זיי זיינען גאנץ קנאַפּ אין צאָל — וועלכע האָבן געשטעלט די קולטור־מענטשהייט אויף דעם שייד־וועג און געגעבן א נייע ריכטונג דעם מענטשלעכן גייסט. עס האנדלט זיך וועגן דיעניקע מאָמענטן, ווען עס האָבן אויפגעע־שפּראָצט נייע רעליגיעס. אזא, דארף מען אנעמען, איז געווען דער מאָמענט ווען עס האָט אויפגעשפּראָצט די יידישע רעליגיע, הגם מיר ווייסן וועגן דעם נאָר אזויפיל, אויף וויפל עס איז נוגע אונז. און אַזעלכע זיינען אויך געווען די מאָמענטן, אין שפּעטערדיקע צייטן, ווען עס האָבן אויפגעשפּראָצט די קריסטלעכע רעליגיע און דער איסלאָם, וואס זייער באַוועג־קראַפט אין דער קולטור־מענטשהייט און זייער ווירקונגס־קראַפט אויפן מענטשלעכן גייסט (צי צום גוטן אָדער שלעכטן — דאָס איז אַ צווייטע פראגע) זיינען אונז גענוג באַוווסט.

די גרויסע דעראָבערונגען און ענדערונגען וואָס זיינען, אָדאַנק זיי,

פאַרגעקומען אין לעבן פון די פעלקער און מדינות האָבן, נאַטירלעך, שטאַרק געווירקט אויפן גייסט פון מענטש, אזוי ווי עס האָט אויך געווירקט, אין אַ געוויסער הינזיכט, די אויפשפראַצונג פון אַ נייער רעליגיע אויפן מצב פון די פעלקער און מדינות. אבער דער אונטערשיד איז אַ גרינטלעכער. די פארשידענע ענדערונגען און אומענדערונגען און אויך רעוואָלוציעס וואָס די גרויסע דעראָבערונגען האָבן ארויסגערופן אין לעבן פון די פעלקער, זיינען געווען פאָליטישע אדער אויך געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען. זיי האָבן געקענט באיינפלוסן דעם מענטשלעכן גייסט נאר פון זיין אויסערלעכער זייט, פון די אויסערלעכע, פראקטישע באציונגען צווישן פעלקער און לענדער און אויך צווישן מענטש און מענטש; און נאָר אומדירעקט האָבן זיי ארויסגערופן אַ יוירונג אינעם מענטשלעכן גייסט פון זיין אויסערלעכער זייט, אינעם גייסט־לעבן, און אויך דאס — הויפטזאכלעך — צווישן יחידים.

אנדערש אָבער איז דער מאָמענט ווען עס שפּראָצט אויף אַ נייע רעליגיע. דאָ האנדלט זיך וועגן אַ מענטשלעך־קאָסמישער דערוואכונג, וועגן א דורכויסיקער גייסט־רעוואָלוציע, ווען עס ווערט אויסגעמעקט דער אַלטער חשבון מיטן גאנצן לעבן און וועלט און עס הויבט זיך אָן א נייער חשבון, אַ נייע באציונג, צי מיט אַ קלאָרן באוווסטזיין אָדער נישט, צו דער עצם נאטור, צום עצם זיין, צום עצם קוואל פון קערפּערלעכן און גייסטיקן לעבן גלייכצייטיק, און דעריבער אויך ממילא — א נייע גייסט־באציונג צום מענטש. און דאָס קומט פאָר נישט אין דער פאָרם פון א יוירונג אינעם גייסט פון יחידים, נאָר אין דער פאָרם פון אַ מעכטיקער קאָלעקטיווער באַוועגונג.

צו וועלכן פון אָט די צוויי מאָמענטן דארף מען צורעכנען דעם מאָמענט וועלכן מיר לעבן איבער?

עס איז קלאָר, אז א נייע רעליגיע וועט היינט נישט אויפשפּראָצן. און נישט נאָר דאָס, — אויך אין אונזער פשוטער, מענטשלעכער באַציונג צו דער נאַטור, איז נישט פאַראַן קיין אויסזיכט אויף ענדערונגען און חידושים. טראָצדעם, אָבער אזוי ווי עס לעבט אינם מענטש אָט די זאך וואָס מען רופט נשמה, האָט זיך נאָכנישט פארענדיקט דער חשבון צווישן מענטש און נאַטור. נאכמער: אָט דאס נעבעכל, די נשמה, וואָגט צו פילן, אַז דער חשבון האָט זיך נאָכנישט אָנגעהויבן, און אז גראָד איצט, נאָכדעם ווי דער מענטש האָט שוין אזויפיל דערקענט די נאַטור, דארף ער דורכקאָנ־טראָלירן זיינע פערזענלעכע חשבונות מיט איר און אנהויבן אַ נייעם חשבון מיט איר, אַן אויפגעקלערט און לעבעדיקן חשבון גלייכצייטיק.

צי מערקט זיך עפּעס דערפון אין דער מעכטיקער (סאָציאַליסטישער) באוועגונג אינם איצטיקן מאָמענט? צי דארף מען זי האַלטן פאר א גרונט־לעכע דערוואַכונג פונם מענטשלעכן גייסט?

די פראַגע אַליין איז אַזוי ווייט פונעם גייסט פון אונזער צייט, אַז מען קען נישט זוכן קיין פּאָזיטיוון ענטפער אויף איר. איין זאַך דאַרף מען אָנמערקן: כמעט אַלע שטרעמונגען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האַלטן זיך אין דערנענטערן צום נאַציאָנאַליזם, זוכן צו מאַכן פּשרות מיט אים.

לאָמיר באַטראַכטן אָט די ביידע — דעם נאַציאָנאַליזם און דעם סאָציאַליזם — פון דער נאָענט.

דער נאַציאָנאַליזם אַנטהאַלט אַ קאָסמישן מאָמענט, ווי דו וואָלסט געזאָגט: דער גייסט פון דער נאַטור פון דעם פאָלק־פאָטערלאַנד, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן גייסט פונם פאָלק. און דאָס איז דער עיקר. דאָס איז דער קוואַל פון דעם העכערן שפע פון פאָלק, און דערין באַשטייט דער אונטערשיד צווישן אַ פאָלק — אַ קאָלעקטיוו־לעבעדיקער און שאַפעדיקער קערפּער — און צווישן אַ געזעלשאַפט — אַ מעכאַניש־זיך־באַוועגנדיקער און ווירקענדער קערפּער. אַ באַלויכטונג פון דעם, אויף וויפל דער קאָסמישער מאָמענט, איז דער עיקר אינעם נאַציאָנאַליזם, קען מען זען אין דער באַפעל־קערונג פון די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. אין פלוג האַנדלט זיך דאָך עס מכוח אַ דורכאויס זעלבסטשטענדיקע, גרויסע רייכע מדינה; אַ גרויסער, אַקטיווער, תקיפותדיקער, מענטשלעכער קיבוץ — אָבער צי איז אָט דער קיבוץ אַ פאָלק, אַ באַזונדער און אייגנאַרטיק פאָלק? עס שיינט, אַז עס איז שווער צו ענטפערן פּאָזיטיוו אויף דער פראַגע. די מלוכה פון די פאַרייניקטע שטאַטן איז זעלבסטשטענדיק אין פּאָליטישע און אַנדערע הינזיכטן, אָבער פונעם שטאַנדפּונקט פון דער נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט פון איר מענטשלעכן קיבוץ, איז זי עד היום אַן ענגלישע קאָלאָניע, טראָץ דעם לאַנגן פּעריאָד פון הונדערטער יאָרן, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט; און ווער ווייסט וויפל הונדערטער יאָרן דאַרף זי נאָך דורכמאַכן ביז זי וועט ווערן אַ באַזונדער פאָלק, פולשטענדיק אַמעריקאַניש (און דערמיט, דאַרף מען אָנעמען, איז צו דערקלערן דעם פאַקט, וואָס אינם לעבן פון אָט דעם קיבוץ איז פאַראַן אַזוי פיל מעכאַנישקייט). עס זיינען פאַראַן, זעלבסטפאַר־שטענדלעך, געוויסע און אפשר גאָר גרויסע אונטערשיידן צווישן די ענגלענ־דער און אַמעריקאַנער, אָבער נישט אָט יענער וועזנטלעכער אונטערשיד וואָס איז פאַראַן צווישן מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער, ווי, צום ביי־שפּיל, צווישן דייטשן און פראַנצויזן.

דאָס איז די קראַפט פונם קאָסמישן מאָמענט אין נאַציאָנאַליזם. אינגאַנצן אַנדערש איז דער סאָציאַליזם.

דער סאָציאַליזם איז געבוירן געוואָרן אַ דאַנק דעם וווּקס פון דער וויסנשאַפט און טעכניק פון איין זייט און פון קאַפּיטאַליזם —

פון דער צווייטער זייט. ער שטיצט זיך אינגאנצן אויף דער טעכניק און אויף דער טואונג. דער נאַציאָנאַליזם דאקעגן — אויפן לעבן און אויף דער שאַפונג. און דעריבער איז דער סאָציאַליזם אזוי קלאָר און גלאַט, און עס איז אזוי לייכט צו פאַרשטיין אַלע זיינע טיילן, אזוי באקוועם צו באנוצן זיך מיט אים און צו דערקלערן דורך אים אלץ וואָס קומט פאָר אין מענטשלעכן לעבן; אַנדערש אָבער איז עס בנוגע דעם נאַציאָנאַליזם, גענוי ווי בנוגע דעם עצם לעבן אַליין. און דעריבער טאקי האָט דער סאָציאַליזם אָפּהענגיק געמאַכט די אויסבעסערונג און באנייונג פון לעבן הויפּטזאכלעך פון דער אויסבעסערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, און נישט פון דער אויסבעסערונג און באנייונג פונם מענטשלעכן גייסט. דאָ איז פאַראַן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַ קעגנזייטיקע ווירקונג — דאָס וועט נישט אָפּלייקענען קיין שום דענקענדער קאָפּ. אָבער דער אונטערשיד באַשטייט אין דעם, וואָס שטרייכט מען אונטער מער, וואָס מאכט מען פארן עיקר. דער סאָציאַליזם האָט געמאכט פארן עיקר דאָס אויסערלעכע לעבן, די אָביעקטיווע פאַקטאָרן פון לעבן, וואָס נישט נאָר וואָס זיי וועלן פאַרפיינערן דאָס לעבן נאָר וועלן אויך אויסבעסערן דעם מענטש, און ער האָט זיך נישט גערעכנט אין אַ גענוגענדער מאָס מיט די סוביעקטיווע פאַקטאָרן פון לעבן. און דעריבער טאקי האָט דער סאָציאַליזם נישט קאָנצענטרירט זיין קאמף־פעלד קעגן קאַפּיטאליזם אינערהאלב דעם פאָלק, דאָרט ווו עס וואָלט זיך בולט אנטפּלעקט די קראפט פון דער ארבעט נישט נאר אלס עקאָנאָמישע קראפט אַליין, נאָר אַלס די לעבנס־שאפנדע־קראפט פון פאָלק בכלל; און דער קאמף וואָלט זיך אלס גאנצער און אין אלע זיינע איינצלהייטן געריכטעט נישט נאָר קעגן דער עקספּלאָאטאציע פון די ארבעטנדע, נאָר קעגן דער עקספּלאָאַטאַציע פון פאָלק, וואָס דער קאַפּיטאַל טוט מיט אים נישט וואָס עס איז צומיינסט נויטיק פאר אים, נאָר וואס עס טראָגט מער רווח פאר זיינע באזיצער. דער סאָציאַליזם האָט אריבערגעפירט דעם קאמף אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן פעלד, אויף דעם ווירקונגס־פעלד פון קאַפּיטאל און פון זיין ווירקונגס־קראַפט, און דערמיט האָט ער ווי אויסגעליידיקט די ארבעט פון איר לעבנס־נויטווענדיקן אינהאַלט, פון איר נאַציאָנאלן כוח, און זי פאַרוואַנדלט אין אַ מעכאנישן כוח, וואָס שלעפּט זיך נאָך הינטערן קאַפּיטאַל, וואָס באזיצט נישט, — ווי געזאָגט, — קיין שום נאַציאָנאלן און מענטשלעכן חשבון אויסער דעם חשבון פון דעם באזיצערס קעשענע. און נישט אומזיסט האָט מען באגרינדעט דעם סאָציאַליזם מיטן מאַטעריאַליזם און קלאַסנקאַמף. שוין דאָס אַליין, וואָס די גרינדער פון סאָציאַליזם האָבן באגרינדעט דאָס גאנצע לעבן און דעם גאנצן קאמף פון מענטשלעכן לעבן מיט איין עלעמענט, באַווייזט קלאָר, וויפל טעכנישער דענקען שטעקט דערין. און דאָך איז נישט

דער מאַטעריאַליזם דאָס אָפּשטויסענדע אינם סאָציאַליזם (עס זיינען דאָך פאַראַן אויך נישט־מאַטעריאַליסטישע שטרעמונגען), נאָר זיין מעכאַנישקייט. אָט די מעכאנישקייט פילסטו ארויס אין אלע מעשים און אין פּאָליטישן לעבן פון די אָנהענגער פון סאָציאַליזם, און אויך אין אַלעם וואָס זיי שרייבן. אָפּט ווייזט זיך דיר אויס, אַז עס איז דאָרט פאַראַן אַ ברייטער פרייער רוים, שווּנג, פּאָעזיע; אָבער קוקסטו זיך צו נענטער, דאָן זעסטו, אז דאס איז אַ פרייער רוים פון א גרויסער אויסשטעלונג, פון אַ גרויסן שלאַכט־פעלד, אָבער נישט דער פרייער רוים פון דער וועלט; דער שווּנג פון אַן עראָפּלאַן, פון אַ פארפולקאמטן צעפּעלין, מיט זיין גאנצן רויש און טומל, אָבער נישט דער שווּנג פון אַן אָדלער, און אפילו נישט פון אַ קליין פריי פויגעלע; דאָס איז אַ גראמאָפאָן־פּאָעזיע, פון אַ אויסגעצייכנטער געזאנג־מאשין, אָבער נישט קיין פּאָעזיע פון אַ לעבעדיקן מענטשלעכן גייסט.

נישט אומזיסט זיינען די ערשטע גרינדער פון סאָציאליזם געווען עקסטרעמע קעגנער פון נאַציאָנאַליזם, און געזען אין אים אן אויסגעשפּראָכענע סתירה צום סאָציאַליזם. אָבער דאָס לעבן פאָדערט אַ לאנגזאמען, נישט־שפּירבארן איבערגאנג פון סאָציאַליזם צום נאַציאָנאַליזם אין אַ נייער פאָרם, וואָס אַנטשפּרעכט דעם נייעם גייסט און דעם נייעם געדאנק פון אונזער צייט. און מען מעג אפשר זאָגן, אז דאָס איז עס די שוואַכקייט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס גייט נישט מיט אַ קלאָרן באוווּסטזיין אין אָט דער ריכטונג, נאָר שטרעבט דווקא צו גיין אויף איר פארטייאישן און מעכאנישן וועג.

ב

וועלכע פאָרם וועט אָנעמען דער נייער נאַציאָנאַליזם? דאָס קען מען, נאַטירלעך, נישט זאָגן. דאָ איז נישט פאַראַן קיין אָרט פאַר פלענער, פאַר לייגן וועגן, דאָס איז אַ זאַך פון לעבן. דאָס לעבן שטראָמט וועג־לאָז, באנייט זיך און באנייט אָן אַ־וועלכע־עס־איז פּראָגראַם. די צוקונפט וועט ווייזן. נאָר איינס קען מען, ווי ס׳שיינט, זאָגן, אַז דידאָזיקע פאָרם וועט זיין נענטער צו דער נאַטור, מער באַווירקט און באלעבט דורכן קאָסמישן מאָמענט.

מען דאַרף אָנעמען, אַז די קולטור־פעלקער וועלן פון איצט אָן שטרעבן צו קאָנצענטרירן זיך יעדער איינער אלץ מער אין אַן אייגן לאנד, זוכן זייער פרנסה און באדערפענישן הויפּטזאכלעך אינם אייגענעם לאנד, אין דער נאטור פון זייער לאַנד. מען דאַרף אָננעמען, אַז דאָס וועט דערנענטערן דעם מענטש צו דער נאַטור און וועט אים לערנען, וואָס צו נעמען ביי איר, נישט נאָר אין מאַטעריעלער נאָר אויך אין גייסטיקער הינזיכט. מען דאַרף אָננעמען, אז דער מענטש וועט געפינען אין דער נאטור אין אָט דער הינזיכט, אין הינזיכט פון לעבן, דאָס, וואָס ער האָט נישט געהאָפט צו געפינען אין איר

באַטראַכטנדיק זי פון דער באַגרעניצטער פּערספּעקטיוו פון דער וויסנשאַפט. די אייגנאַרטיקייט פון די פעלקער וועט רייכער און טיפער ווערן, — און דאס מיינט כלל נישט: עגאָאיסטישער. עס איז ממש דער היפוך דערפון. דער עגאָיזם (דער פּערזענלעכער ווי דער נאַציאָנאַלער) מיינט באַשרענקטקייט, באַשרענקטקייט פון דער אייגנאַרטיקייט און איר פאַרטעמפּונג, אַ שטרעבן רייך צו ווערן אויפן חשבון פון דער אייגנאַרטיקייט פון אַנדערע, פעט ווערן דורך פּאַראַזיטיזם, זען דאָס פּאָזיטיווע פאַר זיך אינעם נעגירן אַנדערע. די פּערזענלעכקייט אָבער, די אינדיווידואַליטעט (די פּערזענלעכע ווי די נאַציאָ־נאַלע) — איז אַ רייכע און טיפע אייגנאַרטיקייט, זי איז אוניווערסאל אין דער מאָס, וואָס זי איז אייגנאַרטיק (איינער פון אַ סך ביישפּילן, אויף וויפל דער אינדיווידואַליזם, דער נאַציאָנאַליזם און דער אוניווערסאַליזם זיינען פאַרבונדן מיט אַ לעבעדיקן בונד און אָפּהענגיק איינער פון צווייטן, קען מען זען אין די אַמאָליקע נביאים, וואָס עס איז נישט פאַראַן נאָך אַזעלכע אינדיווידואַליסטן און גלייכצייטיק אַזעלכע אוניווער־סאַליסטן ווי זיי). אין דער מאָס וואָס דאָס פאָלק וועט זיין אייגנאַרטיקער, וועט עס זאָרגן קודם כל פאַר זיין גאַנצן און פולן לעבן, פאַר זיין געזונט און דער באַנייונג פון זיין גאַנצן וועזן. עס וועט זאָרגן, אַז אַלע זיינע קינדער זאָלן זיין געזונט און שטאַרק, לעבעדיק און שאַפנדיק, און אַז איינער זאָל נישט לעבן אויפן חשבון פון די אַנדערע, זאַט און פעט ווערן דורכן בלוט און מאַרך פון אַנדערע. דער קאַמף קעגן די עקספּלאָאַטאַטאָרס און באַדריקער וועט דאַן זיין נישט אַ קלאַסן־קאַמף, נאָר אַ קאַמף פון פאָלק קעגן זיינע פּאַראַזיטן. און דאַס איז אַ גרינטלעכער אונטערשיד. און דאַן וועט דאָס פאָלק וויסן, אַז אַזוי ווי אַ פּריוואַטער מענטש דאַרף זיין אויפריכטיק, זען אין זיין חבר דעם מענטש אַ ברודער און זיך אויפפירן מיט אים מיט אויפ־ריכטיקער פריינטשאַפט, אַזוי דאַרף אויך דאָס פאָלק זיין אויפריכטיק אין זיין באַציונג צו זיינע חברים פעלקער, זען אין זיי זיינע ברידער און זיך אויפפירן מיט זיי מיט אויפריכטיקער פריינטשאַפט.

איך מיין, אַז עס איז כדאי פאַר יעדן איינעם פון אונז, קינדער פון פאָלק ישראל, און אויך אַ פליכט, אַז יעדער איינער זאָל זיך אויף אַ ווייל אָפּשליסן אין זיין ווינקל, זיך באַפרייען אויף אַ ווייל פון וועלכן־עס־איז איינפלוס, סיי פון אויסערלעכן איינפלוס און סיי פונם איינפלוס פון אונזער פאַרגאַנגענהייט, און פרעגן זיך אַליין מיט אַבסאָלוטער פּשטות, ערנסטקייט און אמת: וואָס אייגנטלעך ווילן מיר מיט אונזער נאַציאָנאַלער אַרבעט? וואָס זוכן מיר דווקא אין ארץ־ישראל? צו־וואָס זאָלן מיר זיך אָפּזונדערן פון די פעלקער, וואָס צווישן זיי האָבן מיר געלעבט אַלע יאָרן, זיך דערוויי־טערן פון די לענדער אין וועלכע מיר זיינען געבוירן געוואָרן און וועלכע

האָבן ארויפגעדריקט זייער שטעמפּל אויף אונזער גייסט? פּאַרוואָס זאָלן מיר זיך נישט באַטייליקן אוממיטלבאַר צוזאַמען מיט אַט די פעלקער אין זייער גרויסער אַרבעט פאַר דער צוקונפט פון דער מענטשהייט? פאַרוואָס זאָלן מיר זיך נישט אַסימילירן אינגאַנצן אין זיי? וואָס איז די שטערונג? די רעליגיע איז דאָך שוין נישט ביים היינטיקן טאָג אַ גרויסע שטערונג. היינט־צו־טאָג קען מען דאָך לעבן אָן רעליגיע, און דער וואָס האַלט זיך דווקא ביי דער רעליגיע מעג האָפן, אַז אין דער נישט ווייטער צוקונפט וועט אין לעבן פון די פעלקער הערשן פולע רעליגיע־פרייהייט. די טענה, אַז מיר קענען זיך נישט אַסימילירן, איז אַ פשוטער סאָפיזם. פּאַרוואָס האָבן אַלע אמאליקע פעלקער געקענט זיך אַסימילירן, און פאַרוואָס זאָלן נאָר מיר עס נישט קענען, אויב מיר וועלן עס וועלן, אויב מיר וועלן מסכים זיין דערצו, אויב מיר וועלן זיך נישט פאַרעקשנען און זיך נישט אנטשידן קעגנשטעלן? וואָס־פאַר־א סאָפּיסטישער געדאַנק איז עס, ווען מען זעט אין דער פוסטער נעגאַציע, אין דעם נישט־קענען שטאַרבן, דעם יסוד פון אונזער פאָלקס קיום.

מיר זעען טאַקע, אז די אַסימילאַציע שטאַרקט זיך, אָדער האָט זיך, לכל הפחות ביז דער לעצטער צייט, געשטאַרקט ביי אונז, נישט קוקנדיק אויף אלערליי סאָפיזמען פון דעם מין. צו וואָס זאָלן מיר, אויב אזוי, שווימען קעגן שטראָם, פאַרוואָס זאָלן מיר נישט לאָזן אז דער שטראָם זאָל אונז טראָגן וווּ־אַ־הין ער טראָגט?

מען זאָגט: נאַציאָנאַליזם. אָבער די פראַגע איז: וואָס אזוינס איז דער נאַציאָנאַליזם, און וואָס אזוינס איז אונזער משונה־דיקער נאַציאָנאַליזם, וואָס נישט ער לעבט און נישט ער לאָזט אונז שטאַרבן? וואָס איז זיין כוח? אַ לאַנד האָבן מיר דאָך נישט. שפּראַך? מיר האָבן דאָך אויך נישט אַן איינציקע לעבעדיקע שפּראַך, אָדער מיר פאַרמאָגן אייניקע נישט־נאַציאָנאַלע שפּראַכן. רעליגיע? אָבער די רעליגיע האַלט דאָך אין אונטערגיין, — און וואָס וועלן ענטפערן דיעניקע וועלכע זיינען נישט רעליגיעז? איז וואָס־זשע טויג יענע משונהדיקע עקשנותדיקע זאַך, וואָס דו קענסט זי נישט תופס זיין, וואָס וויל נישט שטאַרבן און לאָזט נישט שטאַרבן?

איך מיין, אז אַ ייד אין מאָמענט ווען ער וועט זיין אַבסאָלוט טריי זיך אַליין, וועט זיך נישט שעמען מודה זיין, אז ער פאַרמאָגט עפּעס באַזונדערס, וואָס קעמפט פאר זיין אייגענער עקזיסטענץ און זוכט אַ וועג צום אנטפּלעקן זיך אין אַן אייגנאַרטיקער פאָרם. דאָס איז אונזער נאַציאָנאַלע אייגנאַר־טיקייט — אַט יענער קאָסמישער מאָמענט וועגן וועלכן מיר האָבן גערעדט אויבן, צוזאמען מיט דעם היסטאָרישן מאָמענט — וואָס איז איינער פון די הויפּט־יסודות פונם פּערזענלעכן „איך" פון יעדן איינעם פון אונז. די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט איז ווי אַ מין באַזונדערער נוסח פון דעם צוזאמענשלוס

פון די גייסטיקע (און אויך פיזישע) קרעפטן פון מענטש, וואָס אין אים געפינט יעדער איינער פון פאָלק זיין באַזונדערן, פערזענלעכן נשמה־סטיל. דאָס איז, אין אַ געוויסער הינזיכט, ענלעך צום נאַציאָנאַלן מוזיקאַלישן נוסח אָדער סקאַלע, וואָס יעדער איינער אין פאָלק וועלכער באַזיצט מוזיקאַלישע פעאיקייטן געפינט אין אים זיין באַזונדערן, פערזענלעכן מוזיקאַלישן סטיל. דער נאַציאָנאַלער „איך" — אויב מיר זאָלן פאָרזעצן אונזער פאַרגלייך — איז ווי אַ קאָמבינירט־צוזאַמענגעזעצטע, געאייניקטע און צוזאַמענגעגאָסענע שטימע פון אַ משוררים־כאָר, ווו יעדע איינציקע שטים פאַרמאָגט טאַקע איר אייגענעם ווערט, און זי איז דער עיקר, אָבער די קאָלעקטיוו־געאייניקטע שטים ווערט נאָך דערהויבן דורכדעם, וואָס יעדע איינצלנע שטים פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן ווערט און אין דער מאָס וואָס זי פאַרמאָגט אַזאַ ווערט. אַזוי ווערט אויך דערהויבן דער ווערט פון יעדער שטים, אין דער מאָס וואָס זי גיסט זיך ווי־געהעריק צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע צוזאַמענגעשלאָסענע שטימען.

דער קאָסמישער מאָמענט פון דער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט — אָט דאָס איז עס וואָס עס פעלט אונז אין די גלות־לענדער, און דאָס זוכן מיר אין ארץ־ישראל. אין די גלות־לענדער ווירקט אין אונז בלויז דער היסטאָרישער מאָמענט, און ער האַלט אונז אויף און לאָזט אונז נישט שטאַרבן, אָבער אויך לעבן לאָזט ער אונז נישט. דאָרט, אין די גלות־לענדער, זיינען מיר געצוווּנגענערהייט אָן אַן נאַציאָנאַל לעבן און שאַפן, פּאַראַזיטן אין זין פון מאַטעריע און אפשר נאָכמער — אין גייסט. דאָרט איז אונזער נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, געצוווּנגענערהייט, איינגעשרומפן, איינגעדאַרט ביז צו פאַרדאָר־בנקייט, און נישט פאַרמאָגנדיק קיין דירעקטע יניקה פון איר לעבנס־קוואַל, זויגט זי, געצוווּנגענערהייט, אָדער פון אונזער פאַרגאַנגענהייט און ווערט אַלץ מער איינגעשרומפן ; אָדער פונם לעבנס־קוואַל פון אַנדערע, און ווערט מטושטש און אויפגעלייזט אינם גייסט פון אַנדערע. אונזער יונגער גייסט, וואָס זוכט אין לעבן אַ געוויסן אינהאַלט, נויגט זיך דאָרט געצוווּנגענערהייט מער צום סאָציאַליזם, וואָס פאַרמאָגט בכלל נישט קיין קאָסמישן עלעמענט ; און דערמיט דערקלערט זיך די אין פלוג פאַרוווּנדערלעכע דערשיינונג, וואָס דער סאָציאַליזם ארויסגעוואקסן פונם לעבן פון אַנדערע, איז מער פאַרשפּרייט, לפי ערך, און האָט מער הייסע אַנהענגער ביי אונז, ווי ביי אַנדערע פעלקער, וואָס די סאָציאַלע באַוועגונג איז א פּראָדוקט פון זייער לעבן און יעדנפאַלס פאַרמאָגט זי צווישן זיי א מער נאַטירלעכן באַדן ווי צווישן אונז.

אויף ווי־ווייט עס דערגייט ביי אונז די פאַנאַטישקייט צום סאָציאַליזם קעגן נאַציאָנאַליזם ; און אויף ווי־ווייט עס איז דערגאַנגען דער אַבסורד

פון אָט דער פאַנאַטישקייט, האָבן מיר געזען מיט אייניקע יאָרן צוריק, ווען מיר פלעגן טרעפן אין ארץ־ישראל יונגע ארבעטער וואָס האַלטן הויך די פאָן פון ציון — און זיינען קאטעגאָרישע קעגנער פון נאציאָנאַליזם. ביז עס איז געקומען דאָס לעבן פון אַנדערע, פון פעלקער, וואָס פירן אַ ממשותדיק לעבן, און האָבן געצוווּנגען דעם גרויסן בית־דין פון סאָציאַליזם צו כשרן דעם נאציאָנאַליזם, דאָס נעבעכל.

מיר זוכן אַ לעבן, נישט מער און נישט ווייניקער, אַן אייגענעם לעבן פון אונזער אייגענעם לעבנס־קוואל ארויס, פון דער נאטור פון אונזער לאַנד, צו שפייזן אונזער קערפּער און אונזער גייסט. מיר קומען אין אונזער לאַנד כדי אַבסאָרבירט צו ווערן אין אונזער נאטירלעכן באָדן, פון וועלכן מיר זיינען ארויסגעריסן געוואָרן; זויגן מיט אונזערע וואָרצלען דעם שפּייז וואָס אין באָדן און איינאָטעמען מיט אונזערע בלעטער דעם שפּייז פון דער לופט און די שאַפונגס־קראַפט פון די זון־שטראַלן. אויב אָבער די אַנדערע פעלקער וועלכע לעבן אויף זייער אייגענעם באָדן, קענען לעבן ווי־עס־איז, — מוזן מיר, וואָס מיר זיינען אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען, דערקענען דעם באָדן וואָס מיר קומען זיך איינוואָרצלען אין אים. אים צוגרייטן, לערנען און פארשטיין די באַדינגונגען פון קלימאַט, אין וועלכן מיר האַלטן ביים אויפשפּראָצן און בליען און צייטיקן פרוכט. מיר, וואָס מיר זיינען געווען די ערשטע וועלכע האָבן ערקלערט: „כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו‟ (זאָלן אַלע פעלקער גיין אין נאָמען פון זיין גאָט) — און מיר האָבן אויפגעהערט צו זיין אַ פאָלק; מיר, קומענדיק פונדאָסניי צו לייגן אונזער אייגענעם וועג אינם לעבנס־סיסטעם פון די לעבעדיקע פעלקער, מוזן וויסן ווי־אזוי צו געפינען אונזער ריכטיקן וועג; מיר מוזן שאַפן אַ ניי פאָלק, אַ פאָלק־מענטש, וואָס באַציט זיך מיט אַ מענטשלעך־ברידערלעכער באַציונג צו אַלע איבעריקע פעלקער, וואָס באַזיצט אַ העכערע באַציונג צו דער נאטור און צו אַלץ וואָס אין איר. אָבער דערין שטעקט די צעטומלעניש און די שוואַכקייט, וואָס מיר זעען נישט, וואָס עס דערוואַרט אונז און מיר גאָרן נישט צו אונזער לעבן דאָ; אונזערע אויגן קוקן אויף אַלע זייטן, אונזערע בליקן וואַנדערן איבעראַל; אונזער מוח איז פול מיט אַלערליי וועלט־אַנשויונגען (צומיינסט בראָשורן־ארטיקע), ווי צוגעפּעסטיקע מיט טשוועקעס אָדער שוועבנדיקע צווישן הימל און ערד; אין אונזער נשמה הערשט אַ תהו ובהו פון אפּפערוויליקייט, שטרעבונגען, און פאָדערונגען לויט אַ באַשטימטן שאַבלאָן; און אַ תהו ובהו פון נעגירן יעטוועדע אָפּפער־וויליקייט, אַלע שטרעבונגען, אַלע פאָדערונגען לויט אַ געוויסן אַנדערן שאַבלאָן; און פון דער אַנדערער זייט ווידער־אויפטרייסלונגען, בענקשאַפטן, שטורעמס, קרענקלעכע גייסט־פּליענישן לשם שמים; און דאָס אַלץ —

געבומען פון פרעמדע וועלטן, פון גייסטער און שטרעמונגען אינם לעבן פון אנדערע, פון זייער נאענטן אדער ווייטן איינפלוס. וואס־פאר־אַ ווערט האָבן, אויב אזוי, אָט די אלע קליינינקייטן, וואָס מיר טוען און וואָס מיר לעבן מיט זיי דאָ!

מיר זיינען געגליכן אין אַ גרויסער מאָס צו אַן ארבעטנדיקן מענטש, וואָס זיין גאנצער קערפּער איז געווענדעט אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג פון זיין ארבעט, און נאָר זיינע הענט זיינען אויסגעשטרעקט אויף הינטן־צו, אין דער ריכטונג פון זיין אַרבעט. וויפל, למשל, זיינען עס ביי אונז אזעלכע, וועלכע פילן אַ טיפע באַציונג (אויסער דער באַציונג פון אַ ווירטשאפט־איינגנטימער אָדער פון אַן ארבעטער) צום פעלד וואָס מיר באַארבעטן, צום פלאַנץ וואָס מיר פלעגן, צום געוויקס בכלל, צו דער גאנצער נאַטור (וואָס באגלייט אונז אין אונזער אָנוועזנהייט און באַטייליקט זיך מיט אונז אין אונזער ארבעט נישט אין אונזער אָנוועזנהייט), צו די בהמות וואָס מיר אַרבעטן מיט זיי און צו די בעלי חיים וואָס ארום אונז בכלל א. אז. וו. א. אז. וו.? וויפל צווישן אונז זענען פאראינטערעסירט צו באַקענען זיך פון נאָענט מיט אונזער ברודער וועלכער וווינט אין שטאָט, מיט די יונגע און אלטע; באקענען זיך מיט זייער לעבן, אנטייל נעמען אין זייער לעבן און פירן צווישן זיי אַ נאַציאָנאלע און מענטשלעכע ארבעט? און וויפל פון אונז האָבן געפּרוווט אפילו אין די קאָלאָניעס אין וועלכע מיר ארבעטן און האָבן געאַרבעט, איינפאַך אָנצוקניפּן געהעריקע באַציונגען מיט די אָרטיקע תושבים און טון אַלץ וואָס נויטיק, כדי צו דערנענטערן וועמען מען דאַרף צו אונזער געדאנק? און וואָס איז אונזער באַציונג צו די אראבער וואָס, סוף סוף, צו מיר ווילן עס וועלן צו נישט, זיינען זיי דאָך אונזערע שותפים אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן? וואָס ווייסן מיר וועגן זיי, וואָס ווילן מיר וויסן וועגן זיי מער ווי די אַנטיסעמיטן ווייסן וועגן אונז? און וואָס האָבן מיר געטון, כדי צו דערנענטערן זיך צווישן אונז, אז מיר זאָלן אַלע זיין, ווי איין פאַריין פון ארבעטער, וואָס טוען איין ארבעט? און איצט, ווען דער מאָמענט פאָדערט פאַרייניקונג, זיינען מיר מוכן ומזומן צו פאַרייניקן זיך, — אָבער אויף וועלכן יסוד? נישט חס ושלום אויף דער גאנצער איינפאכער נאַציאָנאַלער באַזע, נאָר אויף אַ סאָציאַליסטישער באזע, אָדער ווי עס ווילן אונזערע טעאָרעטיקער — אויף דער באזע פון נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם גלייכצייטיק, — אַ צענויפמיש פון צוויי פאַרשידענע מינים וואָס לאָזן זיך גאָר נישט ווי־געהעריק מזווג זיין (כדי, אָבער, צו פאַרמיידן יעדע מעגלעכקייט פון אַ מיספאַרשטענדניש איז כדאי אפשר אויפצוקלערן, — הגם דאָס דאַרף זיין זעלבסטפאַרשטענדלעך — אז אין דעם אקעגנשטעלן דעם נאַציאָנאַליזם קעגנאיבער דעם סאָציאַליזם איז נישט

פאַראַן קיין כוונה צו נעגירן דעם אידעאַל פון גערעכטיקייט אינם עקאָנאָמישן און אינם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס עס איז די שטרעבונג פון סאָציאַליזם; — דער אונטערשיד באַשטייט נאָר אין דער פאָרם פון דער געזעלשאַפט, אין וועלכער דער דאָזיקער אידעאַל דאַרף פאַרווירקלעכט ווערן, צי אינעם פאָלק אָדער אין סתם אַ געזעלשאַפט, און אין די מעטאָדן פון דער פאַרווירקלעכונגס־אַרבעט. לויט ווי עס ווערט דאָ פאָרגעשלאָגן, קען טאַקע דער אידעאַל פאַרווירקלעכט ווערן, בלויז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין דער פאָרם פון אַ פאָלק, נישט א שאָוויניסטיש פאָלק, נאָר א מענטשלעך, אַ פאָלק־מענטש).

נישט קיין ראיות פעלן דערצו און נישט קיין אַרבעט; נישט קיין רוים אויסצושפּרייטן די פליגלען און נישט קיין עלעמענטן, וואָס זאָלן שפּייזן דעם גייסט פון גבורה; דאָ פעלט אַ פשוטע פאַרשטענדניש און דער־עיקר — אַן אוממיטלבאַרער פשוטער געפיל. די דערקענטניש פון דעם ווערט פון אונזער אַרבעט און לעבן דאָ, און די דערקענטניש פון אונזער פליכט לגבי אונזער אַרבעט און לעבן דאָ. מיר זיינען באַשעפטיקט מיט אַ שאַפונג וואָס האָט נישט איר גלייכן אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע — מיט דער אויפלעבונג און אויפריכטונג פון אַ פאָלק, וואָס איז אויסגעריסן געוואָרן פון זיין וואָרצל און איז צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן, פון אַ האַלב־טויטן פאָלק. דער צענטער פון אונזער נאַציאָנאַלער אַרבעט איז דאָ, אין ארץ־ישראל. ווייל דאָ איז דער מקור פון אונזער לעבן, הגם מיר זיינען א קליינער קבוץ.

דאָ, אינעם דאָזיקן צענטראַלן פּונקט, איז פאַרבאָרגן די לעבנס־און וווקס־קראַפט פון אונזער אַרבעט. דאָ שפּראָצט און וואַקסט און גייט אויף אַ נאַציאָנאַלע אַרבעט וואָס איז ברייטער פון ברייט; נאָר זי וואַקסט און שפּרייט זיך אויס אין דער ברייט, אין דער טיף און אין דער הויך פון זיך אליין, ווי אַ בוים, וואָס שפּראָצט און וואַקסט פון זיין קערנדל, און נישט פון דרויסן. און דאָ געפינט זיך אויך — די צוציונגס־קראַפט פון אַלע איבער דער וועלט צעשפּרייטע פאָלקס־קעמערלעך, וואָס פאַרייניקן זיי אין איין לעבעדיקן קערפּער. און וואָס מער דערדאָזיקער שפּראָצנדיקער קערן וועט פאַרמאָגן לעבן, אַלץ גרעסער וועט ווערן זיין צוציונגס־קראַפט. אונזער פליכט איז, דעריבער, צו קאָנצענטרירן אונזערע כוחות, אונזער גאַנצן געדאַנק, אונזער גאַנצן גייסט אין אָט דעם צענטראַלן פּונקט, און מיר טאָרן נישט אָפּווענדן אונזער אויפמערקזאַמקייט פון אים.

מיר שטרעבן צו שאַפן אין ארץ־ישראל אַ ניי יידיש פאָלק, און נישט אַ קאָלאָניע פון דעם פאָלק וואָס איז אין גלות; נישט קיין פאָרזעצונג פון גלות אין אַ נייער פאָרם. מיר שטרעבן, אַז ארץ־ישראל זאָל ווערן די

מעטראָפּאָליע, און די יידישע קיבוצים אין די אנדערע לענדער — אירע קאָלאָניעס, און נישט אומגעקערט.

דאָס לעבן וועט ווייזן, צי עס איז פאַראַן אַ גרונט פאר אונזער שטרעבונג, אזוי ווי זי איז דאָ אויסגעדריקט געוואָרן. — דאָס לעבן וועט קלאָר מאַכן די זאך פוןביידע זייטן גלייכצייטיק: צי עס איז בכלל פאַראַן ממשותדיקעס אין דער עצם שטרעבונג צו געפינען אַ נייע באַציונג צום לעבן און צו דער וועלט און שאפן אַ פאָלק־מענטש, און צי מיר זיינען מסוגל צו פארווירקלעכן די דאָזיקע שטרעבונג.

יעדנפאלס, מיין איך, דארפן מיר טאָן דאָס אונזעריקע.

אינערלעכע אייניקייט

די שטרעבונג צו פארייניקן זיך אין דער אויפלעבונגס־ארבעט מיטן גאנצן דערוואכנדן פאָלק, אָן אונטערשיד פון קלאסן און פארטייען; צו צוזאמענשליסן און צונויפגיסן אלע כוחות פון פאָלק אין איין נאַציאָנאלן שאפונגס־כוח און זיך נישט אָפגרענצן אין קרייז פון קלאַס — דאָס דאַרף זיין דער גרונט־שטיין פון די אַלע וועלכע שטייען אויפן שטאַנדפונקט פון דער לעבעדיקער, נאַטירלעכער נאַציאָנאַלער אַרבעט. אמת, דאָס פאָלק אין זיין מערהייט איז נישט דורכגעדרונגען מיט אַ ממשות׳דיקער דערוואכונג, און די דערוואכטע ווילן מיר איינשליסן אין אונזערע רייען, אין דער ארבעט. אין דעם האַנדלט זיך עס טאקי. די וועלכע שליסן זיך אָן אין אונז, דארפן עס טון זייענדיק אינערלעך פארבונדן מיטן איבעריקן פאָלק, און דאָס איבעריקע פאָלק דאַרף זיין פארבונדן מיט זיי, כדי דער גייסט פונעם פאָלק זאָל פולשטענדיק דערוואַכן.

די סטרוקטור פון אַ פאָלק איז אנדערש ווי די סטרוקטור פון אַ געזעל־שאפט. די גרונטשטיינער דאָ, זיינען נישט די געהעריקע אָרדנונג אין עקאָנאָמישן לעבן און די גערעכטיקייט, וואָס מיר שטרעבן צו דערגרייכן אין אים. — דאָ ווערט געבויט אַ יסוד נישט נאָר פאַר אַ ניי געזעלשאפטלעך לעבן, נאָר אויך פאַר אַ נייעם נאַציאָנאַלן גייסט־וועזן. נישט וויניקער פונם געזעלשאפטלעכן צדק איז וויכטיק דאָ, למשל, די ריינע נאציאָנאלע און מענטשלעכע פריינטשאפט. די פריינטשאפט צו יעדן מענטש. עס איז וויכטיק דער אמת, דער אבסאָלוטער אמת. דער מענטש באַצוועקט דאָך סוף־סוף זיין אייגענעם לעבן. ער וויל ווי־עס־איז פאַרייניקן די מענטשלעכע ריסן אין זיין נשמה, אויסגלייכן ווי־עס־איז די סתירות אינעם מענטשלעכן

און וועלטלעכן לעבן, וואָס טרייסלען אויף און פאַרפּינצטערן זיין גייסט־לעבן. דאָס אַלץ זוכט דער יידישער מענטש, און באַזונדערס דער יוגנט־לעכער מיט גייסט, דאָרט ווו ער זעט פאַר זיך אַ צוגעגרייטן באָדן פאַר דער באַנייונג פון ייד און מענטש, פאַר דער שאַפונג פון אַ ניי וועלט. דאָרט זוכט ער דעם גרויסן „אפשר" — אפשר קען מען דערגרייכן עפּעס אַ העכערן גערדאַנק, עפּעס אַ העכער ליכט אין לעבן און אינעם זיין. ער זוכט באַוווּסט־זיניק — און נאָכמער נישט באַוווּסטזיניק. און דאָס אומבאַוווּסטזיניקע זוכן, די פאַרבאָרגענע בענקשאַפט, איז נאָכמער וויכטיק, זי איז דער עיקר, ווייל זי אַנטהאַלט אין זיך דעם עלעמענט פון העכערן גייסט־וועזן, די העכערע שטרעבונגען.

אין לעצטן סך הכל: אָט קומט דער יידישער מענטש מיט דעם גאַנצן ליידן פון זיין לעבן, מיט דעם גאַנצן צער און פּיין, צווייפלענישן און פאַר־צווייפלונג, כדי דאָס אַלץ אַריינצוטון אין אויפבוי און געבן דעם אַלעם אַן אויסדרוק דורך דער אַרבעט פון זיינע הענט, האַרץ און נשמה. דאָס אַלץ פאָדערט אַ טיפע אינערלעכע אייניקייט פון אַלע פאָלקס־טיילן, וואָס אויך דער קאַמף צווישן זיי — דער קאַמף פון מיינונגען און שטרעבונגען — דאַרף זיין אַן אינערלעכער, אָן דער אַריינמישונג פון אַ פרעמדן כוח אָדער פרעמדן איינפלוס צווישן זיי.

דאָס מיינט נישט: אָפּגעזונדערטקייט פון אַלע איבעריקע פעלקער. דאָס מיינט: אַז עס דאַרף זיין אַ קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן פעלקער אַלס גאַנצע קערפּערשאַפטן. יעדע פאַרייניקונג פון פאַרשידענע טיילן אין קעגנזאַץ צו אַנדערע טיילן פון דידאָזיקע קערפּערשאַפטן, מוז נויטווענדיקערהייט גורם זיין אַ ריס אין דידאָזיקע קערפּערשאַפטן, פּוגם זיין די גאַנצקייט פון זייער נשמה, זייער וויטאַליטעט און שווונג. אַזוי איז עס ביי אַלע פעלקער, ווי דאָס לעבן אַליין באַווייזט יעדן איינעם וואָס קוקט זיך־צו צו אים, אָן געליענע ברילן, הגם קיינער לייגט נישט קיין אַכט דערויף אין אונזער נאַציאָנאַליסטיש־רעאַליסטישן דור. אָבער אויב בנוגע די איבעריקע פעלקער דאַרף מען אין דער הינזיכט נישט זאָרגן ווייל סוף סוף זיינען זיי דאָך היינט־צו־טאָג לעבעדיק, הגם אפשר נישט אינגאַנצן געזונטע און נאַטירלעכע פעלקער, און דאָס לעבן וועט זיי ענדלעך אַרויספירן נאָך אייניקע אומוועגן און פלאָנטערן אויפן געוווּנשענעם לעבנס־וועג, — איז גאָר גרויס די זאָרג פאַר אונזער פאָלק, וואָס האָט נישט קיין באָדן אונטער זיינע פיס און וואָס וואַקסט נישט אַרויס פון זיך זעלבסט. אויפן ביישפּיל פון אונזער פאָלק זעען מיר, ווי אַזוי יעדער פרעמדער לעבנס־גייסט וואָס ווירקט אויף געוויסע טיילן פון זיין קערפּער אין קעגנזאַץ צו די אַנדערע טיילן, איז גורם אַז דידאָזיקע טיילן צערברעקלען זיך און פאַלן אָפּ פון קערפּער, און די אָפּגעפאַלענע

ברעקלעך ווערן געטראָגן דורך פאַרשידענע שטראָמען אין אַלע עקן ביז צום אָרט, פון וועלכן מען קערט זיך שוין נישט צוריק.

איך, בדרך כלל, האַלט נישט פון: „מיר — און זיי", נישט אין פּאָזיטיוון און נישט אין נעגאַטיוון זין. איך האַלט פון: „מיר", „איך", אַזוי ווי מיר זיינען, אַזוי ווי מיר קענען זיין, אַזוי ווי מיר דאַרפן זיין. איך באַשעפטיק מיך נישט מיט אַנדערע, איך מעסט נישט אונז מיט די אַנדערע, איך שאַץ נישט אונז לויטן ווערט פון אַנדערע, צי זיי שטייען העכער פון אונז אָדער נישט. דאָס פאַרמעסטן זיך מיט אַנדערע — איז אַ ענין פאַר נישט דערוואַקסענע.

איך קען נישט משלים זיין מיטן געדאַנק, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט זיך קערן אום צו זיין אַ לעבעדיק פאָלק, זאָל נישט וואַקסן פון זיך אַליין, נאָר זיך נאָכשלעפּן הינטער אַנדערע. און אויך דאָס איז מיר קלאָר: אויב עס וועט זיך נאָר נאָכשלעפּן הינטער אַנדערע, אויב אַלץ וואָס וועט דאָ געשאַפן ווערן וועט זיין נאָר אַ העברעאישע איבערזעצונג (תרגום) פון אייראָפּעאישן לעבן — וועט עס נישט האָבן קיין קיום, ווייל עס וועט נישט האָבן יענעם מעכטיקן, בויענדן און אַקטיוויזירנדן לעבנס־גייסט.

דער שווערפּונקט

מען זאָגט: קיין שום פאָלק, באַזונדערס אין אונזער צייט, קען נישט איינאָרדנען פאַר זיך אַ באַזונדערן געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס איז לחלוטין אומאָפּהענגיק פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַנדערע פעלקער; באַזונדערס איז דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון אַלע פעלקער צוזאַמענגעבונדן און צוזאַמענגעקניפּט אָרגאַניש איינער מיטן צווייטן, און באַווירקט זיך קעגנזייטיק מיט אַן אומפאַסנדער און אומאויספאַרלעכער ווירקונג. און מיר קענען נישט אַרויסנעמען זיך פונם כלל.

לאָמיר זיך נענטער צוקוקן צו דער זאַך.

קודם כל אַט דער פאַקט, וואָס נישט מיר באַשטימען און נישט מיר קענען באַשטימען זעלבסטשטענדיק אונזער שטעלונג אין ארץ־ישראל אין פּאָליטישן הינזיכט, ווייל זי ווערט באַשטימט דורך אַנדערע; שוין דערדאָזיקער פאַקט אַליין באַפרייט אונז און דערווייטערט אונז מיט קראַפט פון יעדער מעגלעכקייט צו באַשטימען פּאָליטישע באַציונגען מיט וועמען עס איז.

וויפל אונזער פּאָליטישע אַרבעט זאָל נישט זיין נויטיק און וויכטיק,

דאַרף זי און קען געמאַכט ווערן נאָר דורך די פירער פון ציוניזם. און אויב די פירער שטייען נישט אויף דער געהעריקער הויך, דאַרפן מיר זיך באַמיען אַריינפירן אין דער לייטונג נייע כוחות. אויב צווישן די אַרבעטער וועלן זיך געפינען גרויסע כוחות, וואָס זיינען מער ראוי צו שטיין אין שפּיץ פון דער לייטונג, וועלן זיי סוף סוף אויפשטייגן און זיך שטעלן אין דער שפּיץ, ווי שווער דאָס זאָל נישט זיין. אין דעם קענען מיר זיין זיכער. אָבער כדי מיר זאָלען האָבן, כדי עס זאָלן פון אונזער לעבן אַרויסוואַקסן אַזעלכע כוחות, איז נויטיק אַן אַבסאָלוט קאָנצענטרירן זיך אין דער לעבנס־אַרבעט אין ארץ־ישראל און אין אַלעם וואָס האָט אַ שייכות צו איר און חוץ־לארץ.

דורך דעם פאַרפלאָנטערן זיך אין פרעמדע באַוועגונגען וועלכע זיינען נישט אַרויסגעוואַקסן פון אונזער לעבן, און האָבן קיין שום לעבעדיקע פאַרבינדונג נישט מיט אונזער לעבן, וועלן נישט אויפוואַקסן ביי אונז קיין לעבעדיקע מענטשן, וועלכע ווירקן מיט זייער אייגענעם כוח, און זיינען אַזוי אַרום פעאיק צו אַ שאַפונגס־שוווּנג.

עס איז קלאָר, אַז מיר וועלן נישט דערגרייכן אונזער ציל אָן אַן אויסערגעוויינלעכער אָנשטרענגונג און אָן קאַמף. אָבער דאָס וועט נישט זיין קיין קלאַסן־קאַמף, נאָר אַ קאַמף קעגן פּאַראַזיטיזם מיטן כוח פון דער אַרבעט און שאַפונג, הויפּטזאַכלעך דורך דער דערציִונג פונם יונגן דור אין אַרבעטס־לעבן.

די וועלט־מלחמה האָט איבערגענוג באַוויזן, וויפל יעדעס פאָלק דאַרף זיך קאָנצענטרירן אין זיין לאַנד און זיך שפּייזן פון זיין באָדן. באַזונדערס אָבער דאַרפן די באַוווסטזיניקע אַרבעטער עפענען זייערע אויגן און זען, אַז דאָס דאָזיקע קאָנצענטרירן זיך איז נויטיק באַזונדערס פאַר זיי, פאַרן זיג פון דער געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט. זיך נישט יאָגן נאָכן קאַפּיטאַל, וואָס איז לויט זיין מהות אינטערנאַציאָנאַל, נאָר זיך קאָנצענטרירן אין דער אַרבעט, וואָס איז נאַציאָנאַל לויט איר מהות און באַקעמפן דעם קאַפּיטאַל אינעם גרעניץ פון דעם כוח וואָס די אַרבעט פאַרמאָגט, אינעם נאַציאָנאַלן גרעניץ.

אָבער דאָס פאַרפּליכטעט אויך אַן אַנדערן קאַמף־מעטאָד. דער כוח פון די קעמפער פאַר דער סאָציאַלער גערעכטיקייט ליגט אין דעם כוח פון דער אַרבעט. דאָ איז דער שווער־פּונקט. אויף וויפל די אַרבעט שאַפט די זאַכן, וואָס זיינען באמת נויטיק פאַרן לעבן פון גאַנצן פאָלק, איז זי נישט קיין קאַפּיטאַליסטישע אַרבעט, און דער קאַפּיטאַל פאַרמאָגט נישט קיין גרויסן כוח קעגנאיבער איר; אין קעגנטייל, די אַרבעט, וואָס שאַפט זאַכן אין וועלכע נישט דאָס גאַנצע פאָלק נויטיקט זיך, נאָר די רייכע, די פּאַראַזיטן, אָדער וואָס שאַפט פאַרניכטונגס־געצייג פאַר מלחמה־צוועקן, אָדער בכלל

זאכן, וואָס ברענגען נאָר שאָדן אין וועלכער־עס־איז הינזיכט, ווען דאָס פאָלק דאַרף האָבן לעבנס־נויטיקע זאכן, — אזא ארבעט איז קאַפּיטאַ־ליסטיש אויך ווען די ארבעטער ארבעטן אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון יסוד און באקומען דעם גאַנצן חלק וואָס קומט זיי.

דאָס אַלץ — פונם שטאַנדפּונקט פון עקאָנאָמיש־נאַציאָנאַלן כוח פון דער ארבעט. פון דער צווייטער זייט אָבער, אויב דער כוח פון דער ארבעט, דער כוח פון גערעכטיקייט און שאפונג וואָס אין איר, איז אימשטאַנד צוציען צו זיך נייע ארבעטער פונצווישן די וועלכע ארבעטן נישט, — גייט זי במילא איבער פון די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן אין די הענט פון די ארבעטער.

מיר זעען,אז דער סאָציאַלער געדאַנק ווערט אלץ מער פארשפרייט אויך צווישן קאַפּיטאליסטישע זין און זייערע פריינט, און אַ סך פון זיי קומען העלפן דער פארווירקלעכונג פון געדאנק און אָפּפערן זיך אים בלב ונפש. אָבער אין וואָס באשטייט זייער הילף און איבערגעבנקייט? טעאָריע, פּרעדיקעריי, אנטוויקלונג פון קלאסן־באוווסטזיין, דאָס אויפשטעלן דעם פראָנט פון קלאסן־קאמף, הילף מיט געלט א. דגל.! אָבער עס דארף סוף סוף זיין קלאָר, אז יעדער איינער וואָס זאָגט: סאָציאַלע גערעכטיקייט, הייסט עס דאָך, קודם כל, אז ער אַ ל י י ן בכבודו ובעצמו דארף פאַרלאָזן דאָס פּאַראַזיטישע אָדער דאָס לוקסוס־לעבן, וואָס איז פּאַראַזיטיש און גיין ארבעטן און לעבן פון ארבעט. ווען אָט די אלע סאָציאַליסטן־אין־גייסט, וואָס זייער צאָל איז גאָרנישט קנאַפּ און וועלכע מערן זיך, וואָלטן פשוט — אַנשטאָט זייער גאנצער גייסטיקער הילף און איבערגעבנקייט געגאנגען ארבעטן און לעבן אַן אַרבעטסלעבן, וואָלטן זיי דערמיט אליין לאנגזאם אריבערגעפירט דעם טעטיקייטס־צענטער פון גאַנצן געזעלשאפטלעכן לעבן, פונם רשות פון די קאַפּיטאַליסטן אין רשות פון די ארבעטער.

קורץ: דער זיג פון דער סאָציאַלער גערעכטיקייט מיינט זיג פון דער נאַציאָנאַלער אַרבעט אין דער הינזיכט, וואָס די ארבעט וועט שאַפן נאָר די זאַכן וועלכע זיינען נויטיק פאַרן עקאָנאָמישן און גייסטיקן לעבן פון פאָלק און אז אלע זאָלן ארבעטן. און דאָס איז אָפּהענגיק מער פונם פארשטאנד און ווילן פון די ארבעטער און זייערע פריינט, ווי פון וועלט־מאַרק אָדער אויסערן־רעגירונגען.

דער צענטער פון אונזער ארבעט און שטרעבן איז, ווי־געזאָגט, דאָ, אין ארץ־ישראל און אין פאָלק ישראל. דאָ, אין דעם צענטער, דאַרפן מיר קאָנצענטרירן אונזער גאנצע ארבעט, די מאַטעריעלע און גייסטיקע גלייכ־צייטיק, די אויפלעבונגס־און דערלייזונגס־ארבעט אלס איין ארבעט. דאָס אַליין פארפליכטעט אונז צו באמיען זיך מיט אַלע קרעפטן, צו זיין נענטער

און פארייניקטער מיטן פֿאָלק, מיטן גאנצן פֿאָלק אויף אלע זיינע שיכטן, אָן וועלכן־עס־איז אויסנאם און אונטערשיד. מיר האָבן פאר זיך מענטשן וואָס לעבן פון זייער פראַצע (אָדער גייסטיקער מי) און מיר זיינען מיט זיי; און עס זיינען פאראַן פּאַראַזיטן, וואָס לעבן פון פרעמדער פראַצע, וואָס מיר קעמפן קעגן זיי און באַקעמפן זיי אינערהאלב דעם פֿאָלק — און אויף וויפל עס וועט אונז געלינגען — צוזאמען מיטן פֿאָלק; מיר קעמפן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט קיין פויסט־קאמף, נאר מיט אונזערע אויפריכטיקע און גלייכצייטיק אַנטשידענע מיטלען ווי, למשל, מיטן כוח פון דער עפנטלעכער מיינונג, שטרייקן א. אז. וו. אלע בעסטע מענטשן פון פֿאָלק, פון אַלע שיכטן און קלאסן, פארטייען און גרופן, קענען שטיין מיט אונז אין איין פראָנט אין אַ סך ענינים, אין וועלכע עס זיינען פאַראַן געמיינזאמע באַריר־פונקטן צווישן אונז, הגם אין אנדערע ענינים קענען זיי זיין ווייט פון אונז לויט זייער מצב אַ מרחק פון מזרח ביז מערב. מיט אונזערע הויפּט־פאָדערונגען, פון באָדן און פון די ארבעטס־געצייג, קענען איינשטימען אַפילו די עקסטרעם רעליגיעזע: „והארץ לא תמכר לצמיתות, כי־לי הארץ” — איז דאָך גוזר אויף די תורה, און דאָס גילט אויך בנוגע דעם געדאנק פון נאַציאָנאַלן קאַפּאַטאַל, וואס אויך די רעליגיעזע האָבן אים געשטיצט. און אויך בנוגע דער ארבעט. נישט יעדער איינער, באַטירלעך, וואס קען, אָדער וואָס איז אפילו מחוייב זיך איינשטעלן פאר דידאָזיקע פּרינציפּן, וועט עס טאָן.

דער קאמף צווישן ארבעט און קאַפּיטאַל איז, פונם נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט, נישט קיין קלאַסן־קאַמף, און נישט נאָר אַן עקאָנאָמישער קאמף אליין, נאָר דער קאמף פון פֿאָלק קעגן זיינע פּאַראַזיטן. דער קאמף פונם לעבן קעגן פוילעניש. די ארבעט — דאָס איז דער כוח פון פֿאָלק, און פאַרן פֿאָלק איז עס וויכטיק נישט נאָר אז דער ארבעטער זאָל באקומען דעם פולן פּראָדוקט פון זיין ארבעט, נאָר אז אויך דער ארבעטס־כוח, דער כוח פון פֿאָלק, זאָל נישט פארטאכלעוועט ווערן, אז מיט זיין ארבעטס־כוח זאָל ער טאָן דאָס וואָס עס איז באמת נויטיק פאַרן גאנצן פֿאָלק, וואָס עס שאַפט באמת זיין לעבן און דעם גייסט פון זיין לעבן, — און נישט דאָס וואָס עס איז נויטיק נאָר פאר די פּאַראַזיטן אליין, אָדער דאָס וואָס ברענגט נאַציאָנאַלן און מענטשלעכן שאָדן און חורבן גלייכצייטיק.

מען דאַרף נעמען אין אַכט, אז די קאַפּיטאַליסטן און בכלל אַלע, וואָס לעבן אויפן חשבון פון פרעמדער מי, וועלכע זיינען באמת פאראינטערעסירט, אז דער פארפוילטער סדר פון דער הערשאפט פון פּאַראַזיטיזם איבער דער ארבעט זאָל עקזיסטירן, — זיינען גאָר אַ קליינער טייל אין יעדן פֿאָלק. די איבעריקע, דאָס גאנצע איבעריקע פֿאָלק, און אפילו די וועלכע ארבעטן

נישט פיזיש, נאָר זייער עקאָנאָמישע לאַגע איז נישט בעסער אָדער ערגער פון דער געוויינלעכער דורכשניטלעכער לאַגע פון דער מערהייט ארבעטער און וואָס לעבן פון זייער ארבעט; — אָט די אלע וואָס זיינען, ווי מען מעג באהויפּטן, דער פאָלקס־כלל, נויטיקן זיך לגמרי נישט אין דער עקזיסטענץ פון דער פארפוילטער אָרדנונג.

אָבער דינען אַלס אַן איבערצייגונגס־קראפט, אַלס אַ קראַפט וואָס גיט דעם פאָלקס־כלל אַ צוקונפטס־געדאנק, קען די ארבעטס־באוועגונג דינען נאָר אין איר נאַציאָנאַלער פאָרם; דאָס קען זיין נאָר אַן ארבעטס־באוועגונג, וואָס אַנטהאַלט, קודם כל, אויסער אלע העכערע אינטערעסן, אַ פּראַקטישן אוממיטלבאַרן אינטערעס פארן פאָלקס־כלל.

דער הויפט-עיקר

די אויסלייזונג פון באָדן — און די ארבעט. ווער, למשל, ווערט נישט זען דאָ צוויי זייטן פון איין זאַך? עס איז דאָך אזוי קלאָר, אזוי פשוט, און ווער, למשל, ווערט עס נישט פאַרשטיין?

אָבער חכמים האָבן דאָך שוין געזאָגט, אז דוקא די צומיינסט פשוטע זאַך לייגט זיך גאָר שווער אויפן שכל פון מענטשן. אין ארץ־ישראל זעט מען עס מיט מער אָפענע אויגן, — פאַרשטייט זיך דער וואָס האָט זוכה געווען צו האָבן אזעלכע לויטערע אויגן. דאָ האלט מען, אז די יידישע אַרבעט איז גאָר אַ שטערונג פאַר דער באָדן־אויסלייזונג. דאָ געפינען זיך אַזעלכע באָדן־אויסלייזער, וואָס זייער העכערע חכמה איז גוזר צו באַשעפטיקן פרעמדע מיטן ציל פון באָדן־אויסלייזונג.

דער געדאנקן־גאנג פון די דאָזיקע אויסלייזער איז פאָלגנדער:

כדי צו קויפן וואָס מער באָדן — איז נויטיק געלט, דאָס הייסט, עס איז נויטיק, אז עס זאָלן אַהער קומען קאַפּיטאַליסטן און קויפן וואָס מער באָדן. און כדי צוציען אהער די קאַפּיטאַליסטן דאַרף מען זיי באַווייזן, אַז עס איז פאַראַן אַ חשבון צו קויפן אַ נחלה אין ארץ ישראל, ווייל די נחלה טראָגט אַן אָנזעעווודיקן רווח. און כדי די נחלה זאָל טראָגן אַן אָנזעעוודיקן רווח איז נויטיק, אז די ארבעט זאָל זיין ביליק — און ביליקע ארבעט מיינט דאָך — פרעמדע ארבעט.

דאָס איז די שפּראַך פון חשבון, די שפּראַך פונם גראָשן־אידעאַל, דאָס הייסט, די אין ארץ־ישראל׳דיקן ישוב אומגייענדע שפּראַך. דאָס איז אַ אידעאַל וואָס לייגט זיך דאָ זייער אויפן שכל, ווייל אויסער דער פּראַק־טישער און דערהויבענער חכמה, וואָס שטעקט אין אים, פאַרמאָגט ער דאָך אויך ביי דער זייט אַ פאַרדינסט.

און פון דעם קען מען אָפּלערנען וועגן דעם איבעריקן.

מיר דאַרפן אָבער, נאַטירלעך, זיין מעסיק אין אונזער אורטייל.

וויפל מיר זאָלן נישט זיין פאַרביטערט אויף אונזערע אכּרים, אויף זייערע קעגנוווערטיקע מעשים, טאָרן מיר אָבער נישט פאַרגעסן, חלילה, וואָס זיי זיינען געוועזן און וואָס זיי האָבן אויפגעטון אין דער פאַרגאַנגענהייט. לאָמיר, חלילה, נישט פאַרזען די לערע, וואָס מיר דאַרפן אָפּלערנען פון דעם וואָס זיי האָבן געטון און וואָס איז פון זיי געוואָרן. זיינען דאָך אויך זיי, דאָס הייסט די גרעסטע מערהייט אָדער אַ באַדייטנדער טייל פון זיי, געקומען אהער מיט אידעאַלע שטרעבונגען, מיט אַ ווילן צו אַרבעט, זיי האָבן טאַקי געאַרבעט און געליטן און מַקריב געווען, אפשר מער פון אונז, וואָס מיר קומען נאָך זיי. און דאָס פאַרפּליכטעט אונז צו לערנען פון זיי. און אַזאַ גרויס ווערק ווי אונזערס ווערט אַלץ געצויגן אין חשבון: סיי דאָס ליכט און סיי דער שאָטן. סיי די גוטע און סיי די שלעכטע טאָטן פון די, וואָס זיינען געווען פאר אונז, ווערן, אין דער היגזיכט, פאַרעכנט אין אַקטיוו, און אפילו זייער ירידה און דעגענעראַציע. עס ווערן נישט געשאַפן נייע וועלטן אָן אַ פריערדיקן שבירת כלים, עס איז נישט פאַראַן קיין אויפבוי אָן אַ פריערדיק פוילן. מיר דאַרפן לייגן אַכט אויף דעם מיט וואָס זיי זיינען נכשל געוואָרן, און אזוי ארום וועט נישט פאַרלוירן גיין קיין זאַך פון דעם, וואָס זיי האָבן אריינגעלייגט אינם אויפבוי, — און אזוי ארום וועלן מיר זיי סוף סוף אומקערן דאָס וואָס עס קומט זיי און וואָס זיי האָבן פאַרדינט.

ווייל דאָס, וואָס מיר קענען לערנען דערפון איז, אַז אונזער ווונד איז אזוי טיף, אז עס איז נויטיק אַ ראַדיקאַלער אַנאַליז און אַ ראַדיקאַלע היילונג.

אַ פאָלק וואָס איז פולשטענדיק אָפּגעריסן געוואָרן פון דער נאַטור, וואָס במשך פון צוויי טויזנט יאָר איז עס געווען פאַרשפּאַרט צווישן די מויערן; אַ פאָלק וואָס האָט זיך צוגעוויינט צו אַלע מינים לעבנס און נאָר נישט צו אַן אַרבעטס־לעבן — אַזאַ פאָלק וועט נישט קענען אָן אַן אָנשטרענגונג פון זיין גאנצער ווילנס־קראַפט צוריק ווערן אַ לעבעדיק, נאַטירלעך און ארבעטנדיק פאָלק. עס פעלט אונז דער עיקר, עס פעלט אונז די ארבעט — נישט ארבעט אויס צוואנג, נאָר ארבעט, וואָס דאָס פאָלק איז דורך איר פאַרבונדן מיט באָדן און מיט זיין קולטור. אמת, אויך ביי אנדערע פעלקער זיינען נישט אַלע קיין ארבעטער; אויך ביי זיי זיינען פאַראַן אַ סך, וואָס פארמאוסן די ארבעט און זוכן זיך וועגן צו לעבן פון פרעמדער ארבעט. אָבער דער קערפּער פון אַ לעבעדיק פאָלק פונקציאָנירט אויף אַ נאַטירלעך אופן, און אויך די ארבעט איז איינע פון זיינע אָרגאַנישע טעטיקייטן. אנדערש איז עס ביי אונז. מיר אַלע פארמאוסן די ארבעט, און אפילו צווישן די ארבעטער זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס אַרבעטן אויס צוואנג און מיט דער כסדרדיקער האָפענונג צו לעבן ווען־עס־איז „אַ גוט

לעבן". מיר דאַרפֿן זיך אַליין נישט נאַרן, און זען ווי פּעלערהאַפּט מיר זײַנען אין דער הינזיכט, אויף וויפֿל איז די אַרבעט אונדז פֿרעמד געוואָרן, נישט נאָר אין פּריוואַטן נאָר אויך אין נאַציאָנאַלן זין. גענוג כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט איז דאָס ווערטל: „בזמן שישראל עושים רצונו של מקום — מלאכתם נעשית על ידי אחרים" (ווען ייִדן דערפֿילן דעם ווילן פֿון רבונו של עולם — ווערט זייער אַרבעט געטון דורך אַנדערע). דאָס איז נישט סתם אַ גלײַכווערטל. דאָס איז, באַוווּסטזיניק אָדער אומבאַוווּסטזיניק, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן בײַ אונדז אין אַ נאַטירלעך געפֿיל און אין אַ צווייטע נאַטור.

און איצט לאָמיר אָננעמען, אַז מיר פֿאַרמאָגן שוין ערגעץ־ווו אַ קאָנ־צענטראַציע פֿון ייִדן, צי וועט זיך דאָס פֿון זיך אַליין ענדערן? צי וועט פֿון זיך אַליין קומען די ענדערונג אין אונדזער גײַסטיקער נאַטור אָן אַ ראַדיקאַלער היילונג? צי וועלן נישט תמיד אונדזערע ייִדן באַפֿאָרצוגן די הענדלערײַ, שפּעקולאַציע און באַזונדערס אַזעלכע געשעפֿטן בײַ וועלכע אַנדערע וועלן אַרבעטן און זיי וועלן פֿירן דאָס געשעפֿט? און אויב דאָס לעבן וועט אפֿילו צווינגען אַ טייל פֿון זיי אַרבעטן, וועלן דאָך דיִעניקע וועלכע וועלן זײַן געצוווּנגען אַרבעטן יעדנפֿאַלס אויסווײַלן די שטאָטישע אַרבעטן, ווו מען קען לײַכטער רײַך ווערן און בכלל פּטור ווערן פֿון דער אַרבעט; און דער באָדן וועט אויך דאַן באַאַרבעט ווערן אין זײַן גרעסטן טייל דורך פֿרעמדע, און בכלל וועלן אויך דאַן די עיקרדיקע אַרבעטן געטון ווערן מיט פֿרעמדע הענט. צי איז דאָס דער נאַטירלעכער מצב בײַ אַ לע־בעדיק פֿאָלק?

און ווער טראַכט וועגן דעם? ווער פֿילט עס? עס פֿעלט אונדז אַרבעט — און מיר פֿילן כּלל נישט איר מאַנגל. מיר פֿילן עס נישט אפֿילו דאַן ווען מיר רעדן וועגן נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג. די אַרבעט פֿעלט אונדז נישט נאָר אַלס כּוח וואָס פֿאַרבינדט דעם מענטש מיטן באָדן און דערוואַרבט דעם באָדן, נאָר אויך אַלס דער וויכטיקסטער כּוח אין דער שאַפֿונג פֿון יעדער נאַציאָנאַלער קולטור. מיר האָבן נישט קיין לאַנד, מיר האָבן נישט קיין לעבעדיקע שפּראַך, מיר האָבן נישט קיין לעבעדיקע קולטור, — אָט דאָס לכל הפּחות פֿילן מיר, דאָס אָנערקענען מיר, צי מיט אַ קלאָרן אָדער אומקלאָרן באַוווּסטזײַן, מיר זוכן לכל הפּחות וועגן צו טון וואָס נויטיק און וואָס מעגלעך אויף דעם געביט. אָבער אויב עס פֿעלט אונדז אַרבעט — איז וואָס? זאָל אַרבעטן דער „גוי", און מיר — מיר וועלן שאַפֿן קולטור, מיר וועלן שאַפֿן נאַציאָנאַלע שאַפֿונגען, מיר וועלן באַקרוינען די וועלט מיטן אַבסאָלוטן צדק.

אָבער וואָס איז עס פֿאַר אַ מין קולטור, וואָס מיר ווילן שאַפֿן?

דידאַזיקע קולטור איז דאָס, וואָס מען רופט ביי אונז „אויפלעבונג פון גייסט". און דאָס מיינט, אז יענער גייסט וועלכן מיר ווילן אויפלעבן, איז נישט קיין לעבעדיקער גייסט וואָס פילט אָן דעם גאַנצן קערפּער און שעפּט לעבן פון גאַנצן קערפּער, נאָר עפּעס אַ דערהויבענער גייסט, וואָס האָט באַשרענקט זיין שכינה אויפן מוח און הארץ. דאָס וועזנטלעכע פון אָט דער קולטור איז נישט מער ווי אַ ענין פון אַנשויונגען. און וואָס שייך אַנשויונגען קען דאָך איינער זיך האַלטן ביי דער וועלט־אַנשויונג פון הערמאַן שטרוק און דעם לידער רב, און דער צווייטער — ביי דער סטאַבּילער וועלט־אַנשויונג פון דער מארכס־ענגעלס אסכּאָלע.

אין דער הינזיכט זיינען מיר עס געוווינט פארשטיין ביי אונז דעם ענין קולטור. און אָפט אויך די אויפלעבונג פון דער קולטור אין גלות. דעם אמת זאָגנדיק אָבער, האָבן מיר נישט און מיר קענען אויך נישט האָבן קיין קולטור אין גלות — אַ לעבעדיקע קולטור, וואָס דערנערט זיך פון לעבן און אַנטוויקלט זיך פון זיך אַליין. דאָס וואָס מיר האָבן אין גלות — דאָס זיינען געוויסע קולטור־רייכטימער, וואָס מיר האָבן זיי באַקומען בירושה פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס מיר פּאַסן זיי צו ווען נויטיק צום גייסט פון אָרט און צייט, דאָס הייסט אַנטשפּרעכנדיק צום לעבן, וואָס מיר זיינען געצוווּנגען לעבן לויטן לעבנס־גאַנג אין ווילן פון אנדערע און אויך לויט די ווינטן וועלכע בלאָזן אין פרעמדע וועלטן. מיר פאַרמאָגן אויך אַ געוויסע צופאַסונגס־פעאיקייט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט ביי אונז אין גלות — איבער־צואַרבּעטן די רעזולטאַטן פונם לעבן פון אנדערע, לויט אונזער אייגענעם גייסט, און מאַכן פון די פּראָדוקטן פון פרעמדער ארבעט — „מטעמים" לויט אונזער געשמאַק. אין אָט די אַלע זאַכן וועלכע מיר פאַרמאָגן זיינען מיר אָפט אַ סך מחדש, און לייגן אָפט אריין אַ סך שאַפונגס־פעאיקייט אין די־דאַזיקע חידושים. אָבער ביז אַ לעבעדיקער קולטור איז נאָך אַ ווייטער וועג.

די לעבעדיקע קולטור נעמט דאָך ארום דאָס גאַנצע לעבן. אַלץ וואָס דאָס לעבן שאַפט פאַרן לעבן — דאָס איז דאָך קולטור. די ערד־ארבעט, דער הייזער־בוי און אלערליי בנינים, דאָס לייגן וועגן א. אז. וו. — יעדע ארבעט, יעדע מלאכה, יעדער אויפטו — דאָס איז דאָך קולטור. דאָס איז דער יסוד פון דער קולטור, איר שטאָלץ. דער סדר, דער אופן, די פאָרם, ווי־אַזוי די אַלע זאַכן ווערן געמאַכט — דאָס איז די פאָרם פון דער קולטור. און דאָס וואָס עס פילן, דענקען און לעבן דיעניקע וועלכע טוען און שאַפן בשעת זייער ארבעט, און די באַציונגען וועלכע שאַפן זיך פון דעם אלעם, צוזאַמען מיט דער לעבעדיקער נאַטור, וואָס געפינט זיך אין דעם אלעמען, דאָס אַלץ — איז דאָך דער גייסט פון דער קולטור. פון דעם שפּייזט זיך די העכערע קולטור — די וויסנשאַפט, די קונסט, די מיינונגען און אַנשויונגען,

די פּאָעזיע, די מאָראַל, די רעליגיע. די העכערע קולטור, אָדער די קולטור אין איר באַגרענעצטן זין, וואָס זי הויפּטזאַכלעך מיינט מען עס, ווען מען רעדט ביי אונז וועגן קולטור, — איז דאָך די פּוטער פון דער קולטור בכלל, פון דער קולטור אין איר ברייטערן זין. צי קען מען אָבער מאַכן פּוטער אָן מילך? אָדער צי קען דען אַ מענטש מאַכן פּוטער פון פרעמדע מילך — און די פּוטער זאָלן אינגאַנצן זיין זיינע?

און וואָס זוכן מיר אין ארץ־ישראל אויב נישט דאָס, וואָס מיר קענען נישט געפינען אין קיין שום אנדער אָרט אויף דער וועלט — די לעבעדיקע מילך פון דער קולטור? נישט קיין אַקאַדעמישע קולטור ווילן מיר דאָ שאַפן היינט, אין דער צייט ווען מיר פאַרמאָגן גאָרנישט, נאָר די קולטור פון לעבן, וואָס זי אנטהאַלט עס אין זיך, אין אלע אירע אַטאָמען און קעמער־לעך, די אַקאַדעמישע קולטור; אַ קולטור פון לעבן, וואָס עס זאָל איר גאָרנישט פעלן אויסער דעם שטויסל כדי ארויסצוציען פון איר די פּוטער, — די העכערע קולטור. מיר ווילן שאַפן די מיינונגען און אָנשויונגען פון לעבן, די קונסט פון לעבן, די פּאָעזיע פון לעבן, די מאָראַל פון לעבן, די רעליגיע פון לעבן. און מען קען אויך צוגעבן: און פונדעם אלעמען — די פאַרבינ־דונג פון לעבן, אָדער די לעבעדיקע פאַרבינדונג צווישן דער צוקונפט און דער פאַרגאַנגענהייט. מיר ווילן שאַפן לעבן — אַן אייגן לעבן, אַ לעבן לויט אונזער גייסט און לויט אונזער אייגנאַרטיקן וועג.

אָבער דאָ האַלט איך פאַר מיין פליכט צו זאָגן מער קלאָרע ווערטער, הגם דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך לויט דעם פריער־געזאָגטן. מיר זיינען דאָך קינדער פון רבונו של עולם, וואָס האָט אלץ געשאַפן מיט זיין וואָרט. און אויב איך זאָג „שאַפן" לעבן — איז ווער נאָך אזוי ווי מיר „שאַפן" אַלץ דורך אַ צוויילונגס־וואָרט, מיטן קול קול יעקב. דעריבער דאַרף מען זאָגן פּשוט: אלץ וואָס מיר ווילן שאַפן אין ארץ־ישראל איז דאָך דאָס, אַז מיר זאָלן מיט אונזערע הענט ממש מאַכן אַט די אַלע זאַכן, וואָס זיי שאַפן עס דאָס לעבן; טון מיט אונזערע הענט ממש אלע ארבעטן, פון די צומיינסט חכמה־דיקע, זויבערע און לייכטע ביז צו די סאַמע גראָבסטע און מאוסע און שווערע — און פילן אלץ וואָס עס פילט דער וואָס ארבעט ביי די דאָזיקע אַרבעטן, דענקען וואָס ער דענקט — איבערלעבן דאָס וואָס ער לעבט איבער אויף אונזער אייגענעם שטייגער. דאַן וועלן מיר פאַרמאָגן אַ קולטור, דאַן וועלן מיר פאַרמאָגן אַ לעבן.

וואָס איז דאָס אלץ אונדז אויסן צו לערנען?

מיר שיינט, אַז דאָס איז אַ פּשוטע און קלאָרע זאַך. דאָס אלץ איז אונדז אויסן צו לערנען, אַז פון איצט אָן דאַרף אונזער הויפּט־אידעאַל זיין — די אַ ר ב ע ט. אָט אין דעם פּונקט ליגט עס אונזער פעלער (כ'זאָג נישט:

„מיר האָבן געזינדיקט״ — ווייל דאָס איז נישט קיין רעזולטאַט פון אונזער שולד), — און דורך דער ארבעט וועלן מיר אויסגעהיילט ווערן. מיר דאַרפן אַוועקשטעלן די ארבעט אין צענטער פון אלע אונזערע שטרעבונגען, באַזירן אויף איר אונזער גאַנצן בנין. אויב נאָר די ארבעט אַלס אזעלכע וועט ביי אונז זיין אַ אידעאל, ריכטיקער געזאָגט, אויב מיר וועלן נאָר אַנטפּלעקן דעם אידעאל פון ארבעט, וועלן מיר אויסגעהיילט ווערן פון דעם נגע, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו אונז, און מיר וועלן קענען צוריקפאַרייניקן דעם ריס פון אונזער אָפּגעריסנקייט פון דער נאַטור. די ארבעט איז אַ גרויסער מענטשלעכער אידעאל, דער אידעאל פון דער צוקונפט, — און אַ גרויסער אידעאַל איז אין דער היינזיכט אַ היילענדיקע זון. אמת טאַקע, די געשיכטע איז נישט אויסן צו לערנען יענעם, פארשפּרייטן תורה, — אָבער דער וואָס האָט אויגן קען און דאַרף זיך אָפּלערנען פון איר. און פון אונזער גאַנצן מצב אין דער פארגאַנגענהייט און אין דער קעגנוואַרט קענען מיר לערנען, אז מיר דארפן זיין די ערשטע אויף דעם געביט. מיר אלע דארפן אַרבעטן.

מיר נויטיקן זיך אין אַ נייעם גייסט פאַר אונזער אויפלעבונג.

מיר זיינען געוואוינט צו הערן ווי מען באַקלאָגט זיך, אז עס פעלט דער מענטש, אז מיר האָבן נישט קיין מענטשן פאַר גרויסע מעשים. אָבער ווו זיינען עס דיעניקע יידן וועלכע פלעגן גיין אויפן שייטערהויפן, אָדער זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן אין די טויזנטער און צענטליקער טויזנטער, אָבי נאָר נישט צו פאַראַטן זייער פאָלק און גאָט? און זאָלסט נישט זאָגן: די אַמאָליקע זיינען געווען בעסער פון די היינטיקע. ווייל אינדעראמתן זיינען זיי נישט געווען בעסער. דערזעלבער ראובן און שמעון, וואָס היינט־צו־טאָג אין ארץ־ישראל איז ער פאַרטון אין גראָשנדיקע חשבונות, און דאָס לעבן פון פאָלק וואָס הענגט אויף אַ האָר אינטערעסירט אים נישט — דערזעלבער ראובן און שמעון פלעגט עס דאַן, אין יענע שרעקלעכע טעג אין גלות, זיך אָפּפערן על קידוש השם פון פאָלק. ווייל ער איז דאַן געווען באַהויכט דורך אַן אַנדער גייסט, דאָס הייסט, דאָס גאַנצע פאָלק איז דאַן געווען באַהויכט דורך אַן אַנדער גייסט. דאָס נויטיקט זיך נישט אין קיין ווייטע באַווייזן. דער באַווייז איז גאָר נאָענט און בולט: אָט זיי אליין, ראובן און שמעון וועלכע געפינען זיך אין ארץ־ישראל, זיינען דאָך געווען גאַנץ אנדערע מיט נישט קיין סך יאָרן צוריק, זיי אליין זיינען דאָך געקומען אהער צוליבן אידעאל, זיי אַליין האָבן דאָך געשטרעבט צו ארבעט, זיי האָבן אפילו געארבעט און אַ סך געליטן און מקריב געווען. ווייל אַן אנדער גייסט האָט זיי דאַן באַהויכט. אָבער יענער גייסט איז פאַרביי.

לאָמיר אָנהויבן פונם שאַפן דעם נייען גייסט. לאָמיר אָנהויבן פונדאַנען, פונם פונקט וואָס איז צוערשט געטראָפן געוואָרן און וואָס מיר

האַלטן ביים לייגן אויף אים דעם יסוד. לאָמיר אָנהויבן — און מיר וועלן געפינען אונזער וועג.

אָט ווען מען באַהאַנדלט די פראַגע: פאַרוואָס ווערט די אַרבעט געטון נישט דורך יידן, באַשולדיקן די קאַלאַניסטן די אַרבעטער, און די אַרבעטער — די קאָלאָניסטן. די קאָלאָניסטן טענהן, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין אַרבעטער, אָדער, אַז די אַרבעטער טויגן נישט; און די אַרבעטער טענהן, אַז יידישע אַרבעטער באַקומען נישט קיין אַרבעט. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. נישט די שולדיקע און אומשולדיקע זוכן מיר דאָ, — באַזונדערס נישט די איינצלנע שולדיקע אָדער אומשולדיקע. דעם יידישן אַרבעטער קען מען דאָך זיכער נישט באַשולדיקן דערין, אַז ער וואַרט נישט ביז עפּעס אַ קאָלאָניסט וועט זיך פאַרגלוסטן אים געבן אַרבעט. בכלל, דער אַרבעטער פון זיין זייט גיט געגנוג, ער גיט אַוועק אַלץ וואָס ער קען געבן. אָבער אויך דעם קאָלאָניסט, דעם איינצלנעם קאָלאָניסט, קען מען נישט אַ סך באַשולדיקן (אין אַ געוויסער הינזיכט איז זיכער שולדיק אויך דער איינצלנער קאָלאָניסט), — ווייל ביים יחיד זיינען פאַראַן געוויסע העמונגען אין דעם געביט, וואָס עס איז טאַקע נישט שווער זיי גובר זיין, אָבער זיי עקזיסטירן. אָבער געוויס קען מען באַשולדיקן די קאָלאָניסטן אלס כלל, דעם גייסט וואָס הערשט ביי זיי. ווען עס וואָלט ביי זיי געהערשט אַן אַנדער גייסט, ווען זיי וואָלטן פאַרשטאַנען און געפילט, אַז די יידישע אַרבעט איז דער הויפּט־עיקר, אַז די אַרבעט איז דער יסוד, וואָס דער גאַנצער ישוב שטיצט זיך אויף אים, — וואָלטן זיי געפונען די געהעריקע מיטלען אַז סיי זיי אַליין און זייערע פאַמיליע־אָנגעהעריקע זאָלן אַרבעטן און אויך באַשעפטיקן יידן. יעדנפאַלס, עס וואָלט זיי דאַן זיכער נישט שווער געווען צו אַרבעטן נאָר מיט יידן. דער כלל קען אין דער הינזיכט טון דאָס, וואָס דער פּרט קען נישט. בכלל איז נישט נויטיק צו פאַרלירן דערויף אַ סך רייד. דאָס איז גאָר פאַרשטענדלעך פאַר אונזערע פּראַקטישע קאָלאָניסטן, ווען זיי וואָלטן עס נאָר געוואָלט באַגרייפן. ווען דאָס וואָלט געווען פאַר זיי די פראַגע פון כלל, דאָס הייסט אַ פראַגע, וואָס אַלע יחידים פילן, אַז עס איז די פראַגע פון זייער לעבן און פונעם לעבן פון דעם גאַנצן קאָלאָניסטן כלל.

און דערווייל קען אַ סאַך אויפטון אפילו דער ווילן פון יחידים, פון פאַנאַטישע יחידים.

מיר נויטיקן זיך אין פאַנאַטיקער פון אַרבעט — זעלבסט־פאַרשטענדלעך, פאַנאַטיקער אינם בעסטן זין פון וואָרט.

דעם, וואָס איז זיך מוסר נפש פאַרן געדאַנק דאַרף איך דאָך נישט אויפקלערן, ווי שווער עס איז, אָבער איך דאַרף דאָך אים אויך נישט אויפקלערן, ווי נויטיק דאָס איז.

דער פשוטער אמת

א

אין אונזער אלגעמיינער פעריאָדישער פרעסע זעען מיר אָפט, אז מען באהאנדלט די פראגע פון דער יידישער ארבעט און אלץ וואָס איז מיט איר פארבונדן, ווי אַ פארטיישן אָדער קלאַסן־ענין.

אַזאַ איז די באציונג צו דער פראַגע פון דער יידישער ארבעט נישט נאָר מצד די „קאָלאָניסטן", די וואָס „בויען דעם ישוב" מיט די הענט פון ארבעטער פון אַ פרעמדן פאָלק, און מצד זייערע העלפער און מליצי יושר, — נאָר אויך פון די, וועלכע פארשטייען דעם ווערט און די נויטווענדיקייט פון דער יידישער ארבעט פארן אויפבוי פון אונזער לאַנד און פאר דער אויפלעבונג פון אונזער פאָלק. ווען זיי באהאנדלען די פראגע פון דער יידישער ארבעט, אָדער איינע פון די מיט איר פארבונדענע אָנגעלעגנהייטן, פילסטו, אז זיי רעדן נישט וועגן זייער אייגענעם אוממיטלבארן ענין, וואָס איז אויך דער פערזענלעכער ענין פון יעדן איינעם פון זיי אלס קינדער פון פאָלק ישראל, — ווי, למשל, די העברעאישע שפראך. וואָס שייך דער העברעאישער שפראך פארשטייט יעדער איינער וואָס האָט מאַרך אין קאָפּ און אַ פילנדיק און וואַך הארץ, אז דאָס איז זיין אוממיטלבארע פליכט, און אז די פאראַנטוואָרטלעכקייט פאר איר אויפלעבונג ליגט אויף אים, אין הינזיכט פון זיין באנוצן זי אין וואָרט, שריפט און געדאנק, גענוי אזוי ווי אויף די וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט איר אויפלעבונג ווי פאַך־לייט. וואָס שייך אָבער דער ארבעט, איז עס דער ענין פון די ארבעטער, פון אַ באזונדערן קלאַס, און נישט דער ענין פון יעדן פרט און פרט ביי די איבעריקע קלאַסן.

און דאָס איז פארשטענדלעך. די באציונג צו דער ארבעט און צו די ארבעטער ביי אונז, און בכלל אלע באציונגען ביי אונז אויפן געביט פון ארבעט, וואָס זיינען גורם ביי אונז ספעציפישע רייבונגען און צעטומלעניש, — וואָס זיינען זיי, אויב נישט אַ פּוסטע און געפעלשטע אָפּשפּיגלונג פון די באציונגען וועלכע הערשן ביי די פעלקער צווישן וועלכע מיר האָבן געלעבט? ביי יעדן איינעם פון יענע פעלקער איז פאראן אַ קלאַס פון ארבעטער און אַ קלאַס פון קאפיטאליסטן, ארבעטס־געבער. די באציונגען צווישן די קלאַסן זיינען הויפּטזאכלעך עקאנאמישע און דער קאמף צווישן זיי — אַ עקאנאמישער קאמף. און דידאָזיקע באציונגען זעט מען, וויל מען זען אויך ביי אונז, ווילן זען אויך די וועלכע קומען אהער צו אונז, אין פלוג, נישט צוליב מאטעריעלע שטרעבונגען. דעמדאָזיקן אונטערשיד זעען נישט אלע, און נישט ווייניקע ווילן אים נישט זען. די וואָס זעען — זעען נאָר, אַז דער קלאַסן־קעגנזאַץ ביי אַ לעבעדיקן פאָלק איז אַ סאָציאַלער קעגנזאַץ, ווייל סיי די ארבעטער און סיי די ארבעטס־געבער געהערן צו איין פאָלק.

ביי אונז אבער איז עס אַ נאַציאָנאַלער קעגנזאַץ: די ארבעטס־געבער — יידן, די אַרבעטער — אַנגעהעריקע פון אַ אנדער פאָלק; אָבער מען זעט נישט, אז דער קעגנזאַץ איז אויך אַ פּאָליטישער: די ארבעטער זיינען איינגעבוירענע און די ארבעטס־געבער — פרעמדע. ווייל אויב מיר וועלן נישט באארבעטן דעם באָדן מיט אונזערע הענט ממש, וועט דער באָדן נישט געהערן צו אונז נישט נאָר אין סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן זין, נאָר אויך אין פּאָליטישן: דאָס לאַנד וועט נישט זיין אונזערס און מיר וועלן נישט זיין דאָס לאַנד־פאָלק. מיר וועלן זיין דאָ פרעמדע ממש ווי אין די גלות־לענדער, ווו עס זיינען אויך פאַראַן יידישע ארענדאַרן אָדער יידן וואָס קויפן פעלדער, גערטנער און סעדער און האנדלען מיטן ארבעטס־פּראָדוקט פון פרעמדע. נאָר אין דער מאָס וואָס מיר האָבן דאָ אין ארץ־ישראל מושבים און פאַרמעס וואָס די ארבעט אין זיי איז דורכאויס יידיש, ווערן מיר איינגעבירגערט און פאַרוואַנדלט אינם לאַנד־פאָלק. מיר וועלן דאָך לאַנג נישט קענען זיך אַליין נאַרן, אז דאָס אריינלייגן געלט אין אַ געשעפט, דאָס לייטן מיט אַרבעט אדער אַנפירן אַ געשעפט — דאָס איז עס די עצם ארבעט, די עצם נאַציאָנאַלע שאַפונג, וואָס דורך דעם וועלן מיר דערווערבן דאָס רעכט אויפן לאַנד.

און נאָך אַ באַוווסטע זאַך זעט מען נישט און מען וויל נישט איינזען: מיר פאַרמאָגן נישט קיין אַרבעטער־קלאַס. ווייל אויך אונזערע ארבעטער, די וואָס ארבעטן אויס נויט, אין אַמעריקע אָדער אין אנדערע לענדער, די וואָס מען רופט ביי אונז כלומרש „פּראָלעטאַריאַט", שטרעבן זייער גאַנץ לעבן צו פאַרלאָזן די ארבעט און „מאַכן אַ לעבן", און די מער פעאיקערע דערגרייכן טאַקע זייער ציל.

אין אַזאַ לאַגע באקומט די פראַגע פון דער ארבעט גאר אַן אנדער פּנים. ביי אַ לעבעדיק פאָלק, וואָס איז אויך דאָס לאַנד־פאָלק און וואָס פאַרמאָגט אַן ארבעטער־קלאַס, אַ קלאַס פון פּויערים און ארבעטער, קענען די נישט־ארבעטנדיקע זיך פאַרנעמען מיט פירן העכערע פּאָליטיק, האַלטן זיך פאַר דערהויבענע פון פאָלק, פאַר דעם אויבערשטן פון שטויסל. אָבער ביי אונז, וואָס ערשט איצט האָבן מיר אָנגעהויבן זיך איינשאַפן אַ סטאַבילן האַלט, וואָס מיר פאַרמאָגן נישט קיין ארבעטער־קלאַס, נישט קיין סטאַבילע פּויערים און ארבעטער, — ביי אונז באַשטייט די פראַגע קודם כל דערין: ווער דאַרף ארבעטן, ווער דאַרף עס דערווערבן דאָס לאַנד דורך ארבעט? אונזערע ארבעטער שטאַמען דאָך אויך פון די קרייזן פון וועלכע עס שטאַמען אויך די נישט־ארבעטנדיקע; און אויך זיי, די ארבעטנדיקע, אַ סך פון זיי זיינען מסוגל — לויט זייערע פעאיקייטן, און אַ סך לויט די געלט־מיטלען פון זייערע עלטערן — צו זיין גוט־באַזיצער, אינדוסטריעלער,

סוחרים, באאמטע, געזעלשאפטלעכע טוער, מענטשן פון אינטעליגענטע פראפעסיעס א. אז. וו. און פארוואס ליגט דוקא אויף זיי די פליכט צו ארבעטן און זיין אַ שטערונג פאר אלע די וואס בויען דעם ישוב מיט פרעמדע הענט, — צי נאָר דערפאר, ווייל זיי באציען זיך צום לעבן בכלל און צו דער ארבעט פון אונזער נאַציאָנאַלן לעבן בפרט, נישט מיט אַ באַציונג פון ספאָרט און פאָליטיק, נאָר מיט אַ באציונג פון אמת, סיי פון אמת פון דער נשמה און סיי פון אמת פון לעבן גלייכצייטיק; ווייל זיי האַלטן, אז ווער עס האָט געזאָגט „מען דאַרף״ — הייסט דאָך עס, אז ער מיינט דערמיט „איך דאַרף״, און ערשט דאַן איז ער באַרעכטיקט צו זאָגן אויך „דו דאַרפסט״ און „ער דאַרף״. און ווער דאַרף נישט? צי איז דעריעניקער וואָס באציט זיך מיט אַ אמת־באַציונג צו אונזער נאַציאָנאַלער ארבעט, פריי צו זאָגן, אז ער איז נישט פאַרפליכטעט צו ארבעטן?

אָבער נישט אלע ווילן פאַרשטיין דעם פשוטן און קלאָרן אמת, אז דאָ אין ארץ־ישראל טראָגט די ארבעט אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן און נישט קיין נאַציאָנאַל־סאָציאַלן כאַראַקטער. צווישן דיעניקע וועלכע געפינען זיך מחוץ דעם ארבעטס־קרייז זיינען בכלל נישט פאַראַן קיין סך וואָס ווילן פאַרשטיין אַזעלכע זאכן, אָבער אויך טאַקע צווישן די ארבעטער ווילן נישט אַלע דאָס פאַרשטיין. און פונדאַנען שטאַמט די גאנצע צעטומלעניש.

ב

וואָס איז טאַקע דער יסוד פון דער פראגע פון דער יידישער ארבעט? ווער איז טאַקע הויפטזאַכלעך פארפליכטעט צו באארבעטן דעם באָדן?

דער ענטפער איז פשוט און קלאָר פאַר יעדן איינעם, וועלכער וויל באמת און אויפריכטיק אים פארשטיין. קלאָר, אַז באארבעטן דעם באָדן איז פארפליכטעט קודם כל דער, ווער עס פאַרמאָגט באָדן אין ארץ־ישראל, ווער עס דערנערט זיך פון באָדן, — ער איז פארפליכטעט צו ארבעטן אליין און אויך זיינע פאמיליע־אָנגעהעריקע, אויב ער איז אַ בעל משפחה. נאָר דערפאר ווייל מער דאַרף נעמען אין אכט, אז נישט תמיד געזוגט די ארבעט פונעם באָדן־אייגנטימער און פון זיינע פאמיליע־אָנהענגער, — באזונדערס נישט דערווייל, כל זמן די זאך איז נישט רעגולירט לויט דער הויפט־פאָדערונג, — דאַרף מען דערלויבן דעם באָדן־באזיצער, צייטווייליק, צו באשעפטיקן אַנדערע ארבעטער און, זעלבסטפארשטענדלעך, יידן. דאָס איז די אמתע הויפט־פאָדערונג. און דאָס פאָדערן טאַקע הויפטזאַכלעך אויך די וואָס קומען אהער ארבעטן. נישט אַ קלאַס פון יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ארבעטער און נישט קיין קלאַס פון יידישע ארבעטער בכלל ווילן זיי דאָ שאַפן, נאָר קודם כל יידישע פויערים (און דערנאָך יידן אינדוסטריע־שעפער), — ווייל

ווער עס באַרבעט נישט זיין באָדן אַליין און מיט זיינע פאַמיליע־אַנגעהעריקע — איז נישט קיין פּויער. דאָס איז זייער הויפּט־פאָדערונג לגבי די היינטיקע קאָלאָניסטן (יידישע ארבעט איז נאָר אַ קליינער פּאַראַגראַף פון אָט דעם גרויסן עיקר), און דאָס איז אויך זייער הויפּט־שטרעבונג געווענדעט צו זיך אַליין — צו זיין זעלבסטשטענדיקע ארבעטער, צו ווערן אַליין פּויערים, צי אין מושב עובדים אָדער אין קבוצות א. דגל. און בכלל לעבן פון זעלבסטאַרבעט; זיי זיינען נאָר מוסיף — אַלס דירעקטע קאָנסעקווענץ פון זייער הויפּט־פאָדערונג, — אַז דער באָדן בכלל דאַרף זיין נאַציאָנאַל, אזוי ווי גאַנצע אינדוסטריע דאַרף זיין נאַציאָנאַל. און עס דאַרפן נישט זיין קיין אויסניצער און אויסגעניצטע, נאָר יידן וואָס ארבעטן און לעבן פון זייער ארבעט. און נאָר דערוויל און געצווונגענערהייט באַשעפטיקן זיי אויך ארבעט פון אנדערע.

די פראַגע איז באמת, אזוי ארום, קודם כל די פראַגע פון יידישן פּויערטום און דאַן פון יידישע אינדוסטריע — אין נישט פון יידישע ארבעטער.

אזוי דאַרף מען שטעלן די פראַגע. און ווען די פראַגע וואָלט טאַקע אזוי געשטאַנען, וואָלט אויך די לייזונג אַנגענומען לגמרי אַן אנדער פאָרם און עס וואָלט נישט געווען אזוי שווער זי צו פאַרווירקלעכן, אויף אין עקאָנאָמישען זין.

צוליב דער קאָמערציעלער באַציונג, וואָס הערשט אין אונזער יידישער וועלט, איז נישט קיין ווונדער, אז אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז פאַראַן אַ נייגונג צו „גיטער", „פּריוואַטע איניציאַטיוו" און בכלל צו געלט־געשעפטן, מער ווי צום נאַציאָנאַליזירן דעם באָדן און די אינדוסטריע און צו זעלבסטאַרבעט, צו קבוצות און מושבי עובדים. און דאָרט ווו עס הערשט אַזאַ באַציונג דאָרט פעלט נישט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַרשידנאַרטיקע בעלי־בתּישע טעמפּקייט, כל המינים „ארבעטס־אויפזעעריי" פון איין זייט; ארבעטס־אָפּגעלאָזנקייט און בלעריי „פּראָלעטארישע" פאָדערונגען פון דער צווייטער זייט. פונדאַנען קומען — כל מיני שטרייקן, סיי ווען נויטיק און סיי ווען נישט. איך מיין נישט דעם אָדער יענעם שטרייק און איך דערלויב מיר נישט צו אורטיילן וועגן דעם, וואָס איך האָב נישט געזען מיט מיינע אייגענע אויגן און פעסטגעשטעלט דירעקט פון לעבן. און בכלל בין איך נישט קעגן שטרייקן, ווייל דאָס איז דאָך דער איינציקער מיטל, וואָס דער ארבעטער פאַרמאָגט צו פאַרטיידיקן זיך פאַר זיין אויסניצער. אָבער דאָס וואָס איך האָב געזען — האָב איך מיט מיינע אייגענע אויגן געזען. עס האָט דערין אַ חלק די בעלי־בתּישע טעמפּקייט, „ארבעטס־אויפזעעריי" און אויך — די פאַרנאַכ־

לעסיקונג אין דער ארבעט און די פּראָלעטארישע באַציונג. און אויך דאָס האָב איך געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, אז אין די קבוצות זיינען זיך נוהג נישט צו פארנאכלעסיקן די ארבעט דיעָניקע וואָס זיינען זיך נוהג אזוי צו האנדלען אין אנדערע ערטער, און מען באַציט זיך אויך, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אנדערש (צו דער ארבעט).

אייניקע מסקנות פון דעם אויבן־געזאָגטן.

די פראגע פון דער יידישער ארבעט אין ארץ־ישראל איז נישט קיין פראגע פון יידישע אַרבעטער, נאָר א פראַגע פון יידישן פויערטום און יידישער אינדוסטריע, און בכלל די פראַגע פון פאָלק און לאַנד.

עס איז נישט פאַראַן אין ארץ־ישראל קיין אָרט פאר פּריוואַט־אייגנטום אויף באָדן און פאר באַדן־באַזיצער, אויב מיר שטרעבן צו אויסלייזונג פון לאַנד און אויפלעבונג פון פאָלק.

אונזערע אויפריכטיקע און אקטיווע כוחות, וועלכע זיינען אימשטאַנד צו זיין שאַפונגס־כוחות, דערוועקנדיק אין פאָלק א שטרעבונג צו זעלבסטארבעט אויפן נאַציאָנאַלן באָדן אין דער פאָרם פון קבוצות, מושבי עובדים א. אז. וו. — דאַרפן נישט פרעדיקן און אויסטרעטן אַ וועג צו „גיטער", „פריוואט־איניציאטיוו" א. דגל. — אויב אונזער נאַציאָנאַלע קאסע פאַרמאָגט נישט גענוג געלט, לאָמיר זיך באַגנוגענען דערווייל דערמיט, וואָס מיר וועלן נישט פאַרמאַכן דעם וועג פאר׳ן פריוואטן קאַפּיטאַל, וואָס וועט סיי־ווי־סיי געפינען זיין וועג אויך אָן אונז, אזוי ווי ער געפינט זיך אומעטום, אָבער לאָמיר נישט ווידמען אונזערע פּאָזיטיווע כוחות, וואָס זיינען אונז אַזוי נויטיק פאַר אונזער פּאָזיטיווער ארבעט.

די אויפלעבונגס-ארבעט אין גלות

די ארבעט פאר ארץ־ישראל אין די גלות־לענדער איז א חלוצישע ארבעט, א ארבעט פון פאַרבאַרייטן דעם מענטשן־מאַטעריאל און צוגרייטן די נויטיקע מיטלען פאַר א כסדרדיקע קאָלאָניזאציע אין ארץ־ישראל. אבער עס איז פאראַן אַן אויפלעבונגס־ארבעט אויך אין די סאמע צעשפּרייטונגס־ערטער פון אונזער פאָלק, און אויך דאָס איז א חלוצישע ארבעט, הגם נישט דווקא פאר ארץ־ישראל. אן ארבעט פון אויפלעבן דעם גייסט און קערפּער דורך פיזישער ארבעט הויפטזאַכלעך דורך ערד־ארבעט; די אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראך אין וואָרט און געדאנק.

דעם געדאנק דארף מען אויפכאפן אין זיין גאנצן פארנעם. אונזער אפגעריסנקייט פון אונזער ווארצל, פון ארץ־ישראל, די שקלאפעריי און רדיפות אין גלות, האבן קודם כל געווירקט אויף אונז צו דערווייטערן אונז פון דער נאטור, פון יעטוועדן נאטירלעכן לעבן, פון יעטוועדער פראדוק־טיווער ארבעט. אונזער עקאנאמיש לעבן און גייסט זיינען פעלערהאפט. אונזער נאציאנאלער גייסט האט זיך במשך דעם גאנצן גלות געשפייזט מיט פארגאנגענהייטס־רעשטן און פון א פרעמדן טיש.

איצט, שטרעבנדיק זיך אומקערן צו א נאציאנאלער, מענטשלעכער און פערזענלעכער אויפלעבונג גלייכצייטיק, מוזן מיר עס אלץ פאריכטן און אין א גרויסער מאס שאפן עס אלץ פונדאסניי. קודם כל דארפן מיר, זעלבסט־פארשטענדלעך, שלאגן ווארצלען אין ארץ־ישראל דורך אונזער אייגענער ארבעט אויף איר באדן און ווידער אויפלעבן אונזער נאציאנאלע שפראך. אבער מיר ועלן דאך נישט קענען אויף איינמאל אומקערן דאס גאנצע פאלק קיין ארץ־ישראל, און ווער ווייסט, וויפל יארן און דורות וועלן פאר־ביי, ביז דאס גאנצע פאלק וועט אריבער, אויב דאס גאנצע פאלק וועט בכלל אריבער אהין. מיר דארפן, לכן, זארגן דערפאר, אז דאס פאלק, וואס לעבט אין גלות זאל אויפגעלעבט ווערן און מיט דיזעלבע מעטאדן ווי אין ארץ־ישראל: דורכן אומקערן זיך צו דער נאטור, צו ארבעט און צו דער נאציאנאלער שפראך. עס איז נויטיק, אז דאס יידישע פאלק וואס וועט שלאגן ווארצלען אין ארץ־ישראל, זאל ארויסלאזן א שטראם פון לעבן אויך אין דער ריכטונג פון זיינע צווייגן, וואס זיינען אויסגעשטרעקט אין דער ריכטונג פון אנדערע לענדער, אזוי ווי זיינע צווייגן וועלן אומקערן פון זייער ברכה צו די ווארצלען וואס אין ארץ־ישראל.

מיטן פראגרעס פון אונזער ארבעט פאר אונזער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל — זיינען אונזערע פרעמדע לענדער נישט מער קיין גלות, נאר ווזין־לענדער, וואס יידן וווינען אין זיי אזוי־ווי זין פון אנדערע פעלקער וווינען אין לענדער אויסער זייער אייגן לאנד. ווייל דאן זיינען שוין מער נישט די יידן, וועלכע וווינען אין יענע לענדער, נאר פאסיווע און באווירק־טע, נאר אויך אקטיווע און באווירקנדיקע. דאס וועט נישט נאר נישט אפ־ווענדן דאס הארץ פון די יידן פון ארץ־ישראל, נאר אומגעקערט, עס וועט אויסברייטערן און פארטיפן ביי זיי, ביי די מענטשן־מיט־גייסט וואס צווישן זיי, דעם געפיל פון דער באדערפעניש צו לעבן אין ארץ־ישראל, דארט ווו עס געפינט זיך דער אור־קוואל פון אונזער אייגענעם לעבן און שאפן.

דאס וועט ווערן א ברכה־קוואל, א קוואל פון קעגנזייטיקער השפעה צווישן פאלק אין ארץ־ישראל און דעם פאלק אין די איבעריקע לענדער;

און נישט נאָר דאָס אליין, — עס וועט ווערן א קוואַל פון קעגנזייטיקער השפּעה צווישן אונזער פאָלק און די איבעריקע פעלקער.

שליסלען: כדי צו דערציִען דעם ייד און אים ווידער־אויפלעבן, דאַרף מען אָנהויבן פון יסוד: פון מענטש. דער ייד קען נישט זיין קיין גאַנצער מענטש נישט־זייענדיק קיין גאַנצער ייד. דער אַסימילאַנט האָט א טעות מיינענדיק, אַז וואָס ווייניקער ער איז אַ ייד אלץ מער מענטש איז ער. עס איז געגנוי דער היפּוך פון דעם: ער איז ווייניקער מענטש און אין דער־זעלבער מאָס ווייניקער ייד. עס איז נישט פאַראַן קיין סתם מענטש אויף דער וועלט, — עס זיינען פאַראַן רוסן, דייטשן, ענגלענדער א. אז. וו. און אין דער מאָס, וואָס דער ייד צעשטערט דעם נאַטירלעך־יידישן עלעמענט אין זיין נשמה, פילט ער אָן זיין פּלאַץ מיט א פרעמד־נאַציאָנאַלן עלעמענט, ד. ה. ער ווערט א נישט־נאַטירלעכער רוס, א נישט־נאַטירלעכער דייטש א. אז. וו. און ס'איז כלל נישט קיין באַווייז, וואָס עס זיינען פאַראַן אַסימילירטע יידן מיט גאָר גרויסע פעאיקייטן, ווייל ווער ווייסט וויפל וואָלטן זיי געוווּנען אין גייסטיקע טיפקייט און אָריגינעלקייט, ווען זיי וואָלטן אנטוויקלט אין זיך דעם יידישן עלעמענט אנשטאָט אים צעשטערן.

קלאָר, אויך אין די גלות־לענדער דאַרפן די יידן שטרעבן צו אַרבעט און נאַטור, זיי דאַרפן שטרעבן דערצו, אז זייער לעבן זאָל געשאַפן ווערן דורך זיי אליין. אַרבעט אין אַלע אירע פאָרמען, אָבער קודם כל און מער פון אַלץ — ערד־אַרבעט; דערוויטערן זיך פון יעטווועדער עקספּלאָאַטאַציע פון פרעמדער אַרבעט, בויען זייער עקאָנאָמישן לעבן אויפן יסוד פון משפּחה־גייסט — אט צו דעם אלעמען דאַרפן מיר שטרעבן אויך אין די גלות לענדער. אויך דאָרט איז פאַראַן אן אָרט פאַר קבוצות, מושבי עובדים א. אז. וו.

אָבער אויך אונזער דענקען דאַרף זיין דורכאויס אונזערס, אונזער איי־גנאַרטיקער שטעמפּל דאַרף זיין אַרויפגעדריקט אויף אים, דער שטעמפּל פון אונזער העברעאישער שפּראַך. אויך אין די גלות־לענדער, נישט ווייניקער ווי אין ארץ־ישראל, דאַרפן מיר אָנשטרענגען אונזערע כוחות כדי פאַר־וואַנדלען די העברעאישע שפּראַך אין א לעבעדיקע אומגאַנגס־שפּראַך פון וואָרט און געדאַנק פון ייד, אויב מיר שטרעבן טאַקע צו דער פולער אויפלע־בונג פון פאָלק, ווו עס זאָל זיך נישט געפינען. דאָס וועט זיין די צומיינסט לעבעדיקע און שטאַרקע פאַרבינדונג צווישן פאָלק און ארץ־ישראל און דעם פאָלק אין די איבעריקע לענדער און די זיכערסטע באַריער קעגן דער אַסימילאַציע.

מען דאַרף נישט פאַרזען דעם פאַקט, אז „יידיש” שטאַרבט אָפּ. נאָר אַ בלינדער אָדער דער וואָס שליסט צו בכיוון זיינע אויגן, וועט עס נישט זען

איר אַרט ירשנט די לאַנד־שפּראַך. דער יונגער דור רעדט אַלץ מער און מער רוסיש, פּויליש, דייטש א. אז. וו. אויך אין אַמעריקע, וואָס דאָרט בליט אין פלוג די יידישע שפּראַך — אויך אין אַמעריקע רעדט דער צווייטער דור ענגליש, און די יידישע שפּראַך עקזיסטירט נאָר אַדאַנק דער גרויסער צאָל עמיגראַנטן וואָס שטאַמען פון די לענדער, אין וועלכע די אייראָ־פּאַישע אויפקלערונג איז נאָך נישט אַריינגעדרונגען דאָרט אין אַלע שיכטן פון יידישן פאָלק. ווער עס וועט וועלן באַפרידיקן די פאָדערונג פון זיין נאַציאָנאַלן געפיל, וועט געבן פאָרצוג העברעאיש איבער יידיש.

צי איז די אויפלעבונג פון פאָלק אין גלות, און זיין פאַרוואַנדלונג אין אַ שאַפנדיק אַרבעטס־פאָלק און די אויפגעלעבטע שפּראַך אין זיין מויל, — צי איז דאָס אַלץ רעאַליזירבאַר? דער אוממיטלבאַרער געפיל זאָגט: מעג־לעך. מעגלעך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין צווייטן, דריטן אָדער פערטן דור. דאָס אַלץ איז אפשר פאַרבונדן מיט אַזאַ שוועריקייט, וועלכע מען קען כלל נישט פאָרויסזען, אַזוי ווי עס וואָלט געלעגן אויף דער סאַמע ליניע. וואָס טיילט אָפּ דאָס מעגלעכע פון דעם אויסגעשלאָסענעם, אָבער דאָך אויף דעם גרענעץ פון דעם מעגלעכן. דאָס איז דאָך בעצם דער וועזן פון אַלעם וואָס איז אַ שאַפונגס־אָביעקט, — אַזוי ווי עס וואָלט געלעגן אויפן גרעניץ צווישן דעם מעגלעכן און אויסגעשלאָסענעם, און די שאַפונג מאַכט אים מעגלעך.

ווי־אַזוי פאַרווירקלעכן דאָס אַלץ? וועגן דעם דאַרף מען נישט קיין סאַך רעדן: דאָס איז אַ לאָקאַלע אָנגעלעגנהייט אין יעדן איינציקן לאַנד באַזונ־דער. דאָס ריכטונג־געבנדע דערביי איז, אַז די רעאַליזירונג דערפון איז אַ חלוצישע אַרבעט. מען דאַרף דערוועקן אין אַלע גלות־לענדער אַ חלוצישע באַוועגונג צו פיזישער אַרבעט און באַזונדערס צו ערד־אַרבעט און צום ריידן העברעאיש; אַ גרויסע אַלגעמיינע באַוועגונג, באַזונדערס צווישן דעם יונגן דור, נישט נאָר פאַר ארץ־ישראל, נאָר אויך פאַר יענע לענדער גופא. פון אָט דער דאָזיקער באַוועגונג וועט שטאַמען אַן אייביקער שטראָם קיין ארץ־ישראל; און דער וואָס וועט נישט קענען גיין קיין ארץ־ישראל, וועט דאָרט בלייבן אַ חלוץ פון ערד־אַרבעט און פון העברעאישן רעדן. דער־עיקר — אַלע דאַרפן אַרבעטן און לערנען העברעאיש, באַזונדערס דער יונגער דור.

דאָס איז אַ שווערע זאַך, באַזונדערס אין אָנפאַנג. אויסער דער שוועריקייט פון דער עצם זאַך, איז עס שווער פאַרן יחיד צו זיין אַן אויסנאַם. עס איז שווער צו קעמפן קעגן דער סביבה, קעגן דער אָנגענומענער עפנט־לעכער מיינונג און דער באַציונג פון דער געזעלשאַפט צו דעם יעניקן וואָס גייט נישט אין אירע אויסגעטראָטענע דרכים. אויף אַ מענטש פון אַ נישט־אַרבעטנדיקן קלאַס, וואָס ווערט אַן אַרבעטער און לעבט פון זיין פּראַצע,

קוקט די געזעלשאפט אין אלע לענדער ווי אויף א מענטש וואס איז אַרונ־טער פון א הויכן שטאפל צום נידעריקסטן שטאפל פון דעם געזעלשאפט־לעכן לייטער, און אזוי באַציט מען זיך צו אים. א מענטש וואס וועט אין די גלות לענדער פארוואַנדלען העברעאיש אין זיין טאָג־טעגלעכער אומ־גאנגס־שפראך, וועט אים די געזעלשאפט האַלטן ווי א גאַר מאָדנעם מענטש, אויב נישט פאַר א אידיאָט אדער משוגענעם. אין אָנפאנג, ווי ביי יעדער חלוצישער ארבעט, וועט עס אלץ זיין די אויפגאבע פון יחידים־אויסנאמען. אבער מען דארף באַדייטנד פארלייכטערן די שוועריקייט פון אָט דער חלוצישער ארבעט דורך דער פאַרייניקונג פון אָט די אלע יחידים אין איין פארבאנד. דער דאָזיקער פארבאנד וועט ביסלעכווייז צוציען צו זיך אלע אים נאָענט־שטייענדיקע קרייזן. אזוי ארום וועט די באוועגונג זיך פאר־שפרייטן פון די קליינע צענטערס צום גרויסן היקף, ביז זי וועט ווערן אַ לע־בעדיקער שטראָם וואס זיי גראוויטירן צו אים און טראָגן זיך אויף אים.

אזוי שטעל איך מיר פאָר די אויפלעבונגס־ארבעט אין די גלות־לענ־דער. און זאָל מען נישט מורא האָבן, טאָמער וועט אָט דידאָזיקע ארבעט ארויסשטויסן די ארבעט פאר ארץ־ישראל. סיי־ווי־סיי מוז דאָך די יידישע געזעלשאפט זאָרגן פאר דער לעבנס־ארבעט פון דער קעגנווארט אין די גלות־לענדער. דאָ ווערט בעצם נאָר אויפגעקלערט, אז דידאָזיקע נויטווענ־דיקע געזעלשאפטלעכע ארבעט דאַרף געטון ווערן אין אַ אונז־געוווּנשע־נער פאָרם, אין דער פאָרם פון אן אויפלעבונגס־ארבעט און נישט אין דער פאָרם וואָס קאָנסערווירט די פוילעניש.

דער סך הכל: דיענִיקע, וואָס שטרעבן צו דער אויפלעבונג פון פאָלק אין די גלות־לונדער וועלן געפינען דעם וועג צו דער ארבעט אין דער ריכטונג, און וועלן וויסן וואָס מען דארף טאָן. דאָס לעבן און די ארבעט וועלן זיי לערנען. דער־עיקר איז — דער ווילן צו פירן די ארבעט אין אָט דער ריכטונג פון אמתער נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער אויפלעבונג.

דאס שאפן און דאס מאכן

אָפט איז עס נויטווענדיק איבערצוחזרן אויך זאכן, וואָס אפילו דאָס ערשטע מאָל איז עס נישט־מער ווי אַ וואָכעדיקייט צו רעדן וועגן זיי דאָרט, ווו עס איז נישט פאראן אין דער נשמה קיין באציונג צו זיי, אדער גאר אַ באַציונג פון ביטול, ווייל זיי זיינען צו זעלבסטפארשטענדלעך און אייב־פאַך, ד. ה. זיי דרינגען נישט אריין אין מוח, ווייל דער מוח האָט זיי שוין

פֿאַרדייט. אָבער זאָל זיך באַציִען מיט ביטול ווער עס וויל, — זיך אַליין איז ער דאָך מבטל. דער אמת איז ווייט נישט פֿון די פּוסטע זאַכן. און דער אמת איז, אַז עס איז נישט פֿאַראַן קיין אידעאַלן, שטרעבונגען און מעשׂים וואָס זיינען מער לעבעדיק ווי דער מענטש וועלכער שטרעבט און ווירקט; און זיי בויען דאָס לעבן נאָר אויף אַזויפֿיל, אויף וויפֿל זיי בויען דעם מענטש, ד. ה. אויף וויפֿל דער מענטש ווערט דורך זיי באַנייט. אידעאַלן, שטרע־בונגען און מעשׂים, וואָס דער מענטש ווערט נישט באַנייט דורך זיי, ווערן אַליין באַהערשט דורך דעם לעבן, וואָס זיי ווילן באַהערשן; זיי ווערן איינ־געשלונגען אין לעבן, און דער גייסט פֿונם אַלטן לעבן קערט זיך צוריק אום צו זיין הערשאַפֿט. די אידעאַלן בלייבן אַבסטראַקציעס און די מעשׂים — אַ וואָכעדיקייט. נאָכמער: אויך די נייע אויסגעאַרטע פֿאָרמען — די פֿאָרמען אין וועלכע עס דאַרף פֿאַרווירקלעכט ווערן דער אידעאַל פֿונם ניי־עם לעבן, דינען ווי אַן אויסדרוק פֿונם זעלבן אַלטן גייסט אין אַ נייער פֿאָרם.

דאָס איז דער שוואַך־פּונקט פֿון די נייע שיטות און טעאָריעס, וועלכע ווילן באַנייען דאָס לעבן דורך נייע אָ ר ד ע נ ו נ ג ע ן, וואָס איינזעענדיק ריכטיק, אַז דער מענטש קען נישט באַנייט ווערן אָן דער באַנייונג פֿון לעבן ווילן זיי באַנייען דאָס לעבן נישט באַנייענדיק דערביי דעם מענטש.

דאָס איז דער סוד פֿון דער ירידה פֿון געוויסע אידעאַלע ווערק פֿון דעם מאָמענט אָן, ווען זיי נעמען אָן אַ פֿאָרם פֿון לעבן. דאָס איז אויך דער סוד פֿון אונזער גאַנצער ירידה דאָרט וווּ מיר האָבן געוואָלט זיך דערהויבן.

דאָס איז אויך דער סוד פֿון דער ירידה פֿון די בילו״יים, פֿון יעדן יונ־גן יידן, וועלכער קומט אַהער פֿול־אָנגעזאַפּט מיט שטרעבונגען צו אַן אַר־בעטס־לעבן, און ביים סוף, נאָך אַ געוויסע צייט, ווערט ער אַן אַרבעטס־אויפֿזעער, אַ באַאַמטער פֿונם באַקאַנטן שניט, בכלל אַ חכם, וואָס האָט דער־שמעקט די ארץ־ישׂראל־לופֿט און איז גלייך קלוג געוואָרן און קען דאָס „לעבן״.

און דאָס איז דער סוד פֿון די ירידה־צייכנס וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין די קבוצות. כל זמן דער געדאַנק פֿון די קבוצות איז געווען ניי, כל זמן די שטרעבונג צו באַנייען און — דער־עיקר, צו באַנייען זיך איז געווע־ן לעבעדיק — כל זמן די אַרבעט איז געווען לעבעדיק, שווער, פֿול מיט שטרויכלונגען אָפּגרונטן, אַזוי ווי יעדע שאַפֿונגס־אַרבעט, איז אויך דער מענטש געווען לעבעדיק, האָט זיך אַליין באַנייט, פֿון דער נייער שאַפֿונג אַרויס האָט ער זיך באַנייט. און דידאַזיקע באַנייונג פֿלעגט זיך אַנטפּלעקן קודם כל אין דער דערנענטערונג צווישן די ווירקענדע נפֿשות אַליין. אין זייער אינערלעכער פֿאַרייניקונג און אין דער גייסטיקער באַדערפֿניש

זייערער צו דערנענטערן יעדן איינעם וואס האט זיך דערנענטערט צו זיי. עס איז דאן געווען א לויטערנדיקע לופט. דאן איז דער מענטש נישט ארויס־געשטויסן געווארן דורך יעדער קליינער זאך אין דער ווירטשאפט, און אפילו נישט דורך דער גאנצער ווירטשאפט. אזא גייסט האט דאן געהערשט. אזוי האט דאן פארפליכטעט דאס לעבן, דאס איז דאן געווען די לאָגיק פון לעבן.

אָבער, נאָכדעם ווי עס זיינען פארביי די ערשטע שאפונגס־ווייען; נאָכדעם ווי דאָס לעבן איז געוואָרן לייכטער און די ארבעט און לייסטונגס־פעאיקייט איז געווארן גרעסער, האבן די ארבעטנדע אָנגעהויבן זען זיך אַליין, אזוי ווי דער וועג וואָלט שוין געווען אָפן פאר זיי — צו זוכן נייע ארבעטן, נייע מעשים און דער־עיקר „מעשים״, ברייטע, גרויסע מעשים א. אז. וו.

איצט איז אַלץ שוין אריבער פון דער שאפונגס־וועלט אין דער טואונגס־וועלט. די פאדערונג פון ריינקייט אין די נשמות און פון אויפשוווּנג פון זיי־ער לעבנס־שפע — דידאזיקע פאדערונג איז שוין איצט נישט דער עיקר ווי אָ פראקטישע פאדערונג, און ממילא איז איר כוח נישט גרויס, אפילו ווען זי דערוועקט זיך צייטנווייז אין דער אדער אנדערער נשמה אין רעזול־טאט פונם צוקוקן זיך צו די באדויערנסווערטע דערשיינונגען אינם קבוצה־לעבן. דער מ ע נ ט ש איז אראפ פון דער בינע. איצט ווערט אלץ געטאן מיט וויסן און חשבון. אמת, מען ארבעט ענערגיש, מיט אָ סאך מי, אפילו מיט יסורים און נישט אָן מסירות נפש, אבער דאס זיינען נישט קיין שאפונגס־ווייען. דער רוח הקודש האט זיך אָפגעטון.

פיזישע ארבעט

די דערציערישע אויפגאבע פון דער הסתדרות פארפליכטעט זי, אין פלוג, צו זיין אָן אָרגאניזאציע פון דורכאויס פיזישע ארבעטער ממש. ווייל דאָס וואָס עס פעלט אונז איז דאָך טאַקע נאָר פראָסט פשוט — פיזישע אר־בעט. אנדערע „ארבעטן״, ריינע און לייכטע, האבן מיר איבערגענוג, און זיי וועלן נישט אויספעלן אין אלע צייטן און ערטער, אָן קיין שום אנשטרענ־גונג פון אונזער זייט, און נישט צוליב זיי זיינען מיר געקומען אהער און נישט צוליב זיי איז לכתחילה געגרינדעט געווארן די הסתדרות העובדים. נאָכמער: די הסתדרות העובדים איז דאָך, לויט איר דערציערישע אויפגאבע פארפליכטעט און זי האלט דאָך טאַקעביים באקעמפן אונזערע איינגע־וואָרצלטע באגריפן וועגן אזא מין ארבעטס־לעבן, אָט די שטרעבונג צו

אינטעליגענטע פּראָפעסיעס, וואָס איז טיף איינגעוואָרצלט אין האָרץ פון יעדן יוגנטלעכן אונזערן. עס איז דאָך אזוי ווי די הסתדרות וואָלט פּראָקלאַמירט: ווילסטו ווערן א חבר ביי מיר — גיי ארבעט מיט דיינע הענט ממש!

און אַצינד זאָל זאָגן יעדער קאָנסעקוועַנט דענקענדער מענטש: איז דען פאַראַן אַן אָרט אין דער הסתדרות העובדים פאַר לערער, שרייבער, דאָקטוירים, באַאמטע א. דגל.? איך וויל נישט דערמיט פסלענען זייער אלעמענס ארבעט, איך זאָג נישט דערמיט, אז זיי ארבעטן נישט אָדער, אַז זייער אַרבעט איז נישט נוצלעך, נישט ווייניקער ווי אונזער ארבעט. אָבער אַ הסתדרות וואָס וויל פאַרוואַנדלען אַ פאָלק אָן ה ע נ ט אין אַ פאָלק, וואָס ארבעט און שאפט זיין אייגן לעבן מיט זיינע הענט ממש און דינען מיט זיין ארבעט, ווי אַ פיאָנער־וועגווייזער פארן גאנצן פאָלק — צי איז דען פאַראַן אין איר פלאַץ פאַר מענטשן מיט אינטעליגענטע פּראָפעסיעס, ווי נוצלעך און וויכטיק זיי זאָלן נישט זיין? מיר קענען און דאַרפן לעבן מיט זיי אין די נאָענסטע און בעסטע באַציונגען, שטיין אין די ענגסטע פאַרבינדונגען מיט זיי אין דער פאַר אונז אלעמען געמיינזאַמער נאַציאָנאַלער ארבעט, — אָבער וואָס־פאַראַ פלאַץ האָבן זיי אין אונזער הסתדרות? עס קען דאָך זיין אַ רייד נאָר וועגן יענע לערער, פעלדשער א. דגל., וועלכע לעבן און ארבעטן אין זייערע פּראָפעסיעס אין א קבוצה פון ארבעטער.

די זאך איז, ווי עס שיינט, קלאָר און פשוט, אזוי ווי עס איז קלאָר און פשוט, אז אין אַן ארגאַניזאַציע פון לערער, שרייבער א. אז. וו. איז נישט פאַראַן קיין פלאַץ פאַר פיזישע ארבעטער. פשוטע און קלאָרע אמת׳ן זיינען בדרך כלל, נישט פּאָפּולער ביי דער מערהייט מענטשן, באַזונדערס דאָרט וווּ די געוווינהייט ציט דאס האָרץ אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג, און בפרט אז מען קען דעם באַגריף „ארבעטער" קנעטן ווי א מין שטאָף.

עס איז נישט נויטיק קיין גרויסער טיפזין כדי איינצוזען, ווי דידאַקטיקע אומקאָנסעקוועַנץ שוואַכט אָפּ די דערציערישע קראַפט פון דער הסתדרות. ביים יונגן דור שאפט זיך, באַזונדערס אין די גאָר שווערע מאָמענטן, דער גייסטיקער יסוד פארן איינפאכן חשבון, אז דער לערער, דאָקטער, אגראָנאָם א. אז. וו. קען זיין אָן אַ שיעור נוצלעכער מיט זיין פּראָפעסיאָנעלער ארבעט ווי דער פשוטער ארבעטער מיט זיין פשוטער ארבעט; פאַרוואָס, אויב אזוי, זאָל דער יונגער ארבעטער ליידן אזויפיל און זיך אפּפערן פאַר א מינדערווערטיקער זאך, אין דער צייט וווען ער קען מיט ווייניקער שוועריקייט דערגרייכן א זאך וואס איר ווערט איז מער זיכער און אָן אַ שיעור גרעסער? פאַרוואָס זאָל אויך ער נישט שטרעבן צו ווערן אַ לערער, אַ דאָקטער אָדער — און דאס איז דאָך באַזונדערס גוט און שיין און אנטשפּרעכנדיק —

פארוואס זאל ער נישט שטרעבן צו ווערן אן אַגראַנאָם? קוקט זיך צו, איר אלע וואס דענקט אנדערש: האט דען אונזער הסתדרות דערצויגן א סאך ארבעטער מיט העכערער בילדונג אדער אפילו ארבעטנדע אַגראַנאָמען? און וויפל יונגע ארבעטער האט זי, פון דער צווייטער זייט, דערצויגן צום פארלאָזן די ארבעט און ווערן נישט־ארבעטנדע אינטעליגענטן, באַזונדערס אַגראַנאָמען וואס ארבעטן נישט?

דאקעגן איז דאָך קלאָר, אז בעלי מלאכות, וואָס ארבעטן אליין זיינען נאַטירלעכע חברים פון דער הסתדרות העובדים, אפשר אין דער פאָרם פון אַ באַזונדערן סניף (פיל מער קענען זיין חברים אין דער הסתדרות פויערים — אכרים — וועלכע ארבעטן אליין מיט זייערע משפחות און לעבן פון זייער ארבעט). און די דאַזיקע אויפגאַבע פון דער הסתדרות פארפליכטעט דאָך אונז גראַד, נישט נאָר, אז מיר זאָלן אריינגעמען אין איר די בעלי מלאכות און אלערליי שטאָטישע ארבעטער, נאָר אויך אָנבינדן מיט זיי באַעגנטערע לעבנס־באַציונגען און באַטייליקן זיי אין אונזער ארבעט פאַר שאַפן אַ ניי לעבן.

עס איז פאַרגעסן אָדער פאַרטושט געוואָרן דער פשוטער אמת, אז דער גאַנצער עיקר פון דער שאפונג, איז א פארמעסט פונם מענטש קעגן דעם עקזיסטירענדן לעבן, א שטרעבונג פונם מענטש, צו געשטאַלטן דאָס לעבן אין זיין צלם און זיך צו באַנייען מיט אן אומאויפהערלעך־דויערנדער באַנייי־ונג, וואָס מיט דעם מאָמענט וואָס זי הערט אויף — הערט אויך אויף די שאַ־פונג און דאס לעבן.

נאַטירלעכע שותפות

אונזער גרונט־געדאנק צו באַגרינדן אונזער געזעלשאַפטלעך לעבן, אונזער נאַציאָנאַל לעבן, אויף נייע געדאַנקען, און קודם כל אויף דער שאפונג און נישט אויפן פאַראַזיטיזם, פארפליכטעט — אין דער לעצטער שורה — די אָפּשאַפונג פונם האנדל אין זיין איצטיקער פאָרם, און די שאפונג פון אַ נייער אוסטויש־פאָרם צווישן די ארבעטער מיט די פראדוקטן פון זייער פארשידנארטיקער ארבעט. די פאָרם איז אונז נאָכנישט קלאָר, זי דאַרף באַשאַפן ווערן מיט דער באשאפונג פונם נייעם לעבן, אבער דער עיקר דאַרף זיין — די באַזאָרגונג פון די באַדערפענישן פון יעדן איינעם, וואָס ארבעט אין א געוויסער פראפעסיע מיט די ארבעטס־פראדוקטן פון זיינע חברים, וואָס ארבעטן אין אנדערע פראָפעסיעס.

זעלבסטספארשטענדלעך, אז נישט אין פארלויף פון איין טאָג אָדער פון איין יאָר וועט געשאפן ווערן די נייע פאָרם, אָדער עס וועט פארקומען דער איבערגאנג פון דער האנדלס־פאָרם צו דער געוואונשענער פאָרם, — אָבער דאס איז די אידיי, דער ענטגילטיקער אידעאל.

דער „המשביר" איז די ערשטע אינסטיטוציע, וועלכע שטרעבט צו רעַ־אַליזירן אָט דעם איבערגאנג.

עס איז קלאר, אז דער געדאנק פארפליכטעט דערצו, אז אלע אונזערע ארבעטער אין לאנד, אין דאָרף און אויפן פעלד און אין שטאָט, וואָס באַ־שעפטיקן זיך מיט דער פראָדוקציע פון פארשידענע זאכן פאר דער פארזאָר־גונג פון פארשידענע באדערפענישן, זאלן זיך אנשליסן אין „המשביר" מיטן ציל פון דער קעגנזייטיקער באַזאָרגונג פון זייערע באדערפענישן. מיר האבן, פון איין זייט, פראָדוצירער פן תבואה, גרינס און פרוכטן, און פון דער צווייטער זייט, לאמיר זאגן: געביידעס, שטוב־כלים, קליידער, שוכ־ווארג, פארשידענע ארבעטס־געצייג א. אז. וו.; און דער שכל דיקטירט דאך, אז פונדאנען דאַרף זיך אָנהויבן די קעגנזייטיקע באַזאָרגונג דורכן „המשביר" פארן געוואונשענעם קעגנזייטיקן נוצן און איינפלוס פוןביידע צדדים.

מען טענהט, אז עס זיינען פאַראַן קעגנזאצן צווישן די לאנדווירט־שאפטלעכע ארבעטער און די שטאָטישע ארבעטער, די בעלי מלאכות, א. דגל.

א) דער קעגנזאץ צווישן פארקויפער און קויפער. דער וואס פארקויפט דעם פראדוקט פון זיין ארבעט וויל באקומען פאר אים וואס מער, און דער קונה — באַצאָלן וואס ווייניקער. און אזוי־ווי דער ערד־ארבעטער פון איין זייט, און דער בעל־מלאכה פון דער צווייטער זייט, פראדוצירן פארשי־דענע סחורות, עקזיסטירט דאך צווישן זיי אָט דער קעגנזאץ.

ב) דער קעגנזאץ אין דער מאס פונם פארנעם פון עקאנאמישן לעבן. דער בעל מלאכה פארדינט מער און גיט אויס מער, במילא פאדערט ער מער פארן פראדוקט פון זיין ארבעט. הייסט עס, אז דער בעל־מלאכה פאר־קויפט צום ערד־ארבעטער דעם פראדוקט פון זיין ארבעט טייער און קויפט ביים ערד־ארבעטער זיין ארבעטס־פראדוקט ביליק, אפילו דאן ווען ביידע פארקויפן זייערע ארבעטס־פראדוקטן לויטן מארק־פרייז.

ג) דער קעגנזאץ צווישן דארף און שטאט. דער ארבעטס־געדאנק פאר־פליכטעט דערנענטערן זיך צו דער נאטור, לעבן אן ארבעטס־און נאטור־לעבן, שטרעבן פון שטאט אין דארף אריין, און אין דערזעלבער צייט אר־בעטן די שטאטישע ארבעטער, די בעלי־מלאכות, די פאבריק־ארבעטער בעיקר א שטאָטישע ארבעט, זיי שאפן הויפטזאכלעך יענע סחורות, וואָס דאָס שטאט־לעבן פאדערט און זיי לעבן אליין א שטאט־לעבן.

אין נאמען פון אט דעם קעגנזאץ, אין נאמען פון דער געפאר וואס איז אנטהאלטן אין אים פארן גייסט פון אונזער ארבעט און פאר דער עצם גרונט־פאדערונג אונזערער, האבן זיך אייניקע קעגנגעשטעלט און זיינעז אויך ווייטער קאטעגאריש קעגן דעם באטייליקן די שטאט־ארבעטער אין דעם „המשביר" אלס חברים־מיט־אקציעס.

דידאזיקע טענות האבן נישט קיין האלט. די ערשטע צוויי קעגנזאצן עקזיסטירן, אין א געוויסער מאס, אויך צווישן די ערד־ארבעטער גופא; למשל, צווישן דעם וואס זייט און דער פראדוקט פון זיין ארבעט איז תבואה און גרינס, און דעם וואס פלאנצט, וואס דער פראדוקט פון זיין אר־בעט איז די פרוכט פון בוים און קוסט: וויינטרויבן, איילבירטן, מאנדלען, מאראנצן א. דגל. אויך דא איז פאראן א פארקויפער און קויפער. אויך דא פאַרדינט, צומיינסט, מער און גיט אויס מער, דער וואָס פלאנצט פון דעם וואס זייט. פאלגלעך, כדי אויסצוגלייכן דידאָזיקע צוויי קעגנזאצן דארף מען סיי־ווי־סיי זוכן א נייעם וועג.

בלייבט, אזוי ארום, דער דריטער הויפט־קעגנזאץ, דער קעגנזאץ צווישען דאָרף און שטאָט. אָבער דוקא אָט דער קעגנזאץ, אויב מען זאָל אים גרינטלעך אנאליזירן, פארפליכטעט דעם היפך פון יענער קאָנסעקווענץ וואס מען וויל פון אים ציען.

מיר שטרעבן פון שטאָט אין דאָרף אריין און נאָכמער דערפון. איך וויל דערמיט זאגן, אז מיר באגנוגענען זיך נישט מיטן היינטיקן דאָרף. דער היינטיקער דארף איז אזא, אז ער גראוויטירט צו דער שטאט, און מיר שטרעבן צו שאפן אזא לעבן, וואָס נישט נאָר עס זאָל זיין גענוג מעכטיק קעגנאיבער דעם שטאטישן לעבן, נאר עס זאל פארמאגן כוח אום צו ציען די שטאט צו זיך.

דער גייסט פונם נייעם לעבן און פון דער נייער שאפונג דארף, אזוי־ארום, אריינדרינגען אין דער ארבעט און דער אינדוסטריע. דער בוי־ארבע־טער, טישלער, שניידער, שוסטער, פאבריק־ארבעטער א. אז. וו. דארף זיך פי־לן, קודם כל, ווי א לעבעדיקער מענטש, וואָס זיינע גייסט־פאָדערונגען זיינען אזוי לעבעדיק ווי זיינע פיזישע פאדערונגען; ער דארף פילן, אז ער, און די אנדערע וואָס פאר זיי ארבעט ער, זיינען געבונדן נישט נאָר מיט אן עקאָ־נאָמישן, נאָר אויך מיט אַ גייסטיקן און מענטשלעכן באנד. ער דארף שטרעבן אזוי ווי מיר, די לאנד־ארבעטער, אז דער עיקר ביי אים זאל זיין נישט דער לוין וואס ער באקומט פאר זיין ארבעט, נאר די עצם ארבעט זיינע, די עצם זאך, וואס ווערט געשאפן דורך זיין ארבעט; ווייל אָט די זאך איז זיין לעבע־דיק, פיזיש און אויך גייסטיק באדערפניש (ווייל ווען ער טוט וואס ער טוט פאר אנדערע, ארבעטן דאך די אנדערע פאר זיין באדערפניש). ער דארף

שטרעבן דערצו, אז דער בנין, די הויז־כלים, דער בגד, שוך, ברויט, צוקער, שטאָף, מאשין א. אז. וו. זאלן אנטשפרעכן אַט דעם לעבן וואס מיר שטרעבן צו אים.

אזא שטרעבונג וועט, נאטירלעך, נישט דערגרייכט ווערן לייכט אָן אַ שווערן קאמף; אבער זיי דארפן שטרעבן, אזוי ווי מיר, די ערד־ארבע־טער, אז דער קאמף זאל זיך פירן נישט נאר פאר זייער אנטייל אין דער עקאנאמיק, נאר הויפטזאכלעך פאר זייער אנטייל אין לעבן, אין דער שאפונג פון לעבן. איז דען די הסתדרות העובדים נישט פארפליכטעט זאָרגן פאר דעם אלעמען, זוכן וועגן דערצו און זיך אָפּגעבן דערמיט?

און אויב אזוי טאקע, אויב די שטאָטישע ארבעטער, די פאבריק־ארבע־טער א. אז. וו. זיינען עס אונזערע נאטירלעכע שותפים אין דער שאפונג פון דעם לעבן וואס מיר שטרעבן צו אים, און די הסתדרות העובדים דארף זארגן פאר זייער דערציונג — איז דאָך קלאָר, אז חברים־מיט־אקציעס פון „המשביר" דארפן און קענען זיין אלע חברים פון דער הסתדרות העובדים, און נאר זיי, נאר ארבעטער, סיי ערד־ארבעטער און סיי שטאטישע ארבעטער. קלאר, אז עס דארפן זיין נאָר די סחורות, וואָס די חברים, די ארבעטער, נויטיקן זיך אין זיי. קלאר, אז פארקויפן די פאראנענע סחורות דארף מען אויך אנ־דערע, יעדן קונה, אויך אראבער, ווייל דערווייל פראדוצירן מיר דאך נישט אלע פראדוקטן, אויך נישט די מערהייט פראדוקטן ווערט פראדוצירט דורך אונז. (אגב, פונדאנען קען מען דאך קלאָר זען, אז מיר דארפן שטרעבן דער־צו, אז אלע פראדוקטן אין וועלכע מיר נויטיקן זיך פאר אונזער פריוואטן און נאציאָנאלן לעבן, זאלן פראדוצירט ווערן דורך אונז אליין, אין אונזער נאַציאָנאַל לאנד, זעלבסטפארשטענדלעך אויף וויפל דאָס איז נאָר מעגלעך)

קלאר, אז דער „המשביר", הגם ער איז דערווייל א האנדלס־אינסטי־טוציע — און ער טאר נישט גרינגשעצן אַט די זייט פון זיין אויפגאבע — דארף זיין לויט זיין גייסט און שטרעבן א דערציונגס־אינסטיטוציע; פּינקט־לעכער: זיין גייסט וועט במילא זיין דערציעריש, אויב ער וועט זיין טריי זיין אויפגאבע פון אלע אירע זייטן, אויך פון איר האנדלס־זייט, אין הינזיכט פון חשבון אין פּינקטלעכקייט, וואָס זיינען נויטיק אין יעדן אויפריכטיקן האנ־דלס־פארקער.

ד. מאטעריע און גייסט

כלומרשטע קעגנזאצן

דאָס פּראָבלעם פון דעם העברעאישן אוניווערזיטעט האָט אויפגע־ברויזט די געמיטער. דער גאנצער ענין האָט ווידער אַ מאָל אנטפּלעקט די אלטע מחלוקת מכוח דער „מאטעריע״ און „גייסט״. „מאטעריע״ און „גייסט״ — עס איז כדאי זיך אביסל אָפּשטעלן אויף אָט דער איינטיילונג, וואָס אין איר ליגט דער יסוד פון א סך קריגערייען און פארווירונגען ביי אונז, פון אַ קעגנזייטיקער מיספארשטענדניש אין א סך ענינים.

אמת, עס עקזיסטירט טאקע אזא איינטיילונג, אבער אויף וויפל עס איז ריכטיק, ווען מען טיילט לחלוטין אָפּ די מאטעריע פון גייסט און מען שטעלט זיי אוועק איינעם קעגן צווייטן — איז נאך א גרויסער ספק. עס איז נישט פאראן קיין מיקראסקאפּיש באשעפעניש, עס איז נישט פאראן קיין קעמערל פון א לעבעדיק וועזן, וואָס זאָל נישט אנטהאלטן אין זיך סיי מא־טעריע און סיי גייסט, וואָס ווערן געבוירן, אַנטוויקלען זיך און וואַקסן צוזאמען, — יעדנפאלס איז עס אזוי ביי די בעלי חיים. א בעל חי וואס ווערט געבוירן אָן א גייסט — וועט נישט לעבן. און אָן מאטעריע איז דאך געוויס נישט פאראן קיין עקזיסטענץ אין אונזער נידעריק וועלטל.

א סאך טעאריעס, סיי פון די אָנהענגער פון גייסט און סיי פון די אָנהענגער פון מאטעריע, זיינען נישט פולקאָם צוליב דעם, ווייל זיי אנאלי־זירן דאָס לעבן מיט א כירורגישן מעסער, און פון דער דאָזיקער אַנאַליז־אָפּעראציע ציען זיי די טעאריע פון לעבן. אבער אין די באזונדערע טיילן פון לעבן און אין זייער סומירונג איז שוין נישט פאראן קיין לעבן. פונקט ווי עס איז נישט פאראן קיין לעבן אין די טיילן פון א טויטן קערפּער און נישט אין דער סומירונג פון זיינע טיילן — ווייל דאָס לעבן איז א צוגאָב צו דער סומירונג פון זיינע טיילן. ווייל דאס לעבן איז א פליסענדע, אנטשטייענדיקע, זיך־שאפנדיקע זאך; עס איז

נישט פאראַן דאָ קיין סטאַביליקייט; וועסט עס נישט איינפּאַסן אין אַ ראַם, מיטן באַוווּסטזיין, כדי עס געשטאַלטן אין אַ שטענדיקער פאָרם, אָדער אָנ־צייכענען אַ שטענדיקע ריכטונג פאַר זיין גייסט. אויב דו פאַרמאָגסט אַ לעבעדיקע נשמה, דאַן וועסטו באַגרייפן דאָס לעבן אינעם לעבן גופא.

אונזער צרה באַשטייט נישט דערין, וואָס מיר פאַרמאָגן צופיל גייסט, אָדער להיפך, וואָס לעצטנס האָט זיך ביי אונז געשטאַרקט די מאַטעריע איבערן גייסט; אונזער צרה באַשטייט דערין, וואָס סיי אונזער גוף און סיי אונזער גייסט זיינען קראַנק. אונזער גייסט איז נישט קיין גייסט־פון־לעבן, וואָס איז פולקאָם פאַרייניקט מיטן גוף, וואָס לעבט אין גוף און באַ־לעבט אים, — נאָר עפּעס אַ גייסט וואָס איז באַהויכט פון אויבן, פון די הימלען, און אין זיין זכות לעבן מיר. אין אַ געוויסער הינזיכט איז אונזער גייסט געגליכן צו יענעם ריינעם זויער־שטאָף וואָס מען דערנערט מיט אים אַ קראַנקן, וועלכער קען נישט לעבן אין אַ נאַטירלעך, פריש און געזונט לופט. און דער עיקר, וואָס מען וויל אונז איבערצייגן, אַז אָט דער גייסט און נישט דער יעניקער לעבנס־גייסט, וואָס די אַרבעטנדיקע זוכן אים אין זייער אַרבעט, איז עס דער גייסט פון יידנטום, — דער גייסט פון יידנטום וואָס זאָגט: „ובחרת בחיים״! („און דו זאָלסט אויסוויילן דאָס לעבען״!).

אַ העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים — ווי פיינפול איז עס, וואָס מען דאַרף נאָך רעדן וועגן זיין נויטיקייט! אַזוי־ווי די יידן פון גלות וואָלטן אונז טאַקי פרעמד געווען, און די צוקונפט פון זייערע זין און טעכטער וואָלט אונז כלל נישט אָנגעגאַנגען; אַזוי־ווי עס וואָלט אונז כלל נישט געאַרט, אויב זייערע זין און טעכטער וועלן אַוועק צו אַ פרעמד פאָלק, וועלן אַוועק דאָרט פונוואַנען מען קומט שוין נישט מער צוריק! אַזוי־ווי אַ העברעאישער אוניווערזיטעט אין א״י, אויב ער זאָל נאָר שטיין אויף דער געהעריקער הויך, וואָלט נישט געווען קיין שוץ קעגן אַסימילאַציע, און וואָלט אין דער הינזיכט נישט געווען ווירקזאַמער פון אַ פרעמדן אוניווערזיטעט! אָדער אַזוי־ווי דער איינפלוס פון אַ העברעאישן אוניווערזיטעט אין ארץ־ישראל גופא און אויסער איר, אויף אונז און אין אַ געוויסער הינזיכט אויך אויף אַנדערע, וואָלט נישט געהאַט קיין שום ווערט.

אמת, אונזער צוקונפטיקע קולטור און אַלץ וואָס איז דערמיט פאַר־בונדן דאַרף טאַקע אַרויסוואַקסן פונם באָדן, פון דער אַרבעט אויפן באָדן. אָבער מען דאַרף דאָך נישט פאַרגעסן, אַז דאָס יידישע פאָלק איז נישט קיין קינד וואָס איז אָקאָרשט געבוירן געוואָרן, וואָס נאָר ערשט איצט הויבט זיך אָן זיין פיזישע און גייסטיקע אַנטוויקלונג, און אַז עס קען נישט ווידער אָנהויבן אַלץ פונדאַסניי, פון אלף בית ביז צום אוניווערזיטעט. נישט

א ניי קערנדל, נאָר א בוים וואָס פארמאָגט א סאך וואָרצלען און צווייגן, האלטן מיר ביים איינפלאַנצן אין זיין באָדן, ווו ער וועט פונדאסניי לעבן און וואקסן. אונזער באנייונג פאדערט עס פון אונז, אז מיר זאלן באשטימען די ארבעט אלס א נייעם ווערט אין אונזער לעבן, אלס א נייעם יסוד פארן גייסטיקן רייכטום, וואס מיר וועלן דערוועקן אין דער צוקונפט, אבער נישט פארוואַרפן דעם גייסטיקן רייכטום וואָס מיר האָבן זיך שוין דער־וואָרבן. ווען דו זעסט א קראנקן מענטש, פול מיט ווונדן פון קאָפ ביז די פיס, וואָס אלע זיינע אברים און נשמה זיינען קראנק, וועסטו דאָך נישט זאָגן, אז כדי אים לעבעדיק מאכן דארף מען אים טויטן, אז מען דארף רואינירן זיין קערפער כדי אים ווידער שטעלן אויף די פיס, און אז מען דארף אוועקנעמען ביי אים זיין קראנקע נשמה און ארייַנזעצן אין אים א נייע, לעבעדיקע און געזונטע נשמה. אויב דו ביזסט א קלוגער און געטריי־ער דאָקטאָר, וועסטו היילן דעם קערפער און די נשמה אזוי ווי זיי זיינען, ביז יעדער ווונד און צרעת וועלן פארשווינדן פון זיך אליין, ביז דער קערפער און די נשמה וועלן זיך באנייען פון זיך אליין.

מען רעדט ביי אונז א סך — און אפשר טראכט מען אויך א סך — וועגן דערציונג; מען שטודירט א סך די דערציונג און אפשר טוט מען אויך א סך אויף דעם געביט, אבער איך צווייפל, צי מען שאפט א סך אין דער דערציונגס־ספערע (איך שטרייך אונטער, אז איך רעד וועגן דער־ציונג און נישט וועגן בילדונג). די אויפגאבע פונם לערער אלס דערציער איז זייער א שווערע, אָבער גאָר א גרויסע, א סך גרעסער פון דער אויפגאבע פונם לערער וואס לערנט תורה און וויסן. דער לערער־דערציער, אויב מיר זאָלן אים אויסמאָלן אַזוי־ווי ער אנטשפרעכט זיין אויפגאבע, דארף קודם־כל זיין א פילאָזאָף, א מענטש מיט א גאנצן אייגענעם וועלט־באנעם, און דאס מיינט, — אז איידער ער קומט דערציען דעם מענטש, דארף ער קענען דעם מענטש, און קיינער קען נישט קענען דעם מענטש ווי נאָר דורך זיין אייגענעם אינערלעכן מענטש, דורך דער וועלט וואס אין זיין הארצן. ער דארף זיין א מענטש פון נאטור, ווייל זיין אויפגאבע איז דאָך צו דערציען דעם מענטש, נישט נאָר אלס געזעלשאפטלעכן און נאציאָנאלן פראדוקט, נאָר הויפטזאכלעך און אין דער ערשטער רייע, אלס קאָסמישע דערשיינונג; ווייל פארן מענטש — און אין דעם פאל פארן דערציער — באשטייט דאך די גאנצע וועלט נאר אין אים אליין.

די דערציונג קען מען נישט דערוועקן דורך ביכער אדער דורך תורה־שבעל־פה, ווייל דער דערציער אליין דארף זיין דאס בוך אדער דאס לעבעדיקע בילד; דאָס מיינט, אז דער שילער דארף זען אליין, אָן ווּעלכער־עס־איז באמערקונג מצד דעם דערציער, דאס וואס דער דערציער האט

געשאפן און שאפט אליין, פון זיינע אינערלעכע אייגנשאפטן, כדי ער, דער שילער, זאל קומען צו דער איבערצייגונג, אז אויך ער קען און דאַרף אליין עפּעס שאפן, פון זיינע אינערלעכע אייגנשאפטן. און דעריבער דאַרף דער דערציער זיין א לעבעדיקער מענטש, א מענטש וואָס זיין לעבן איז איין אומאויפהערלעכע שאפונג. נישט יעדער לערער קען, זעלבסטפאַר־שטענדלעך, דערגיין צו אזא מדרגה, אָבער יעדער לערער־דערציער דאַרף, ווי מיר שיינט, שטרעבן דערצו, זען דערין זיין אידעאַל.

וויפל לעבן, לעבן פונם ערשטן קוואַל, וואָלטן די לערער געקענט שעפּן פון דער ארץ־ישראל׳דיקער ארבעטס־באוועגונג, און וויפל געדאנק וואָלטן זיי געקענט אריינטראָגן אין איר, ווען זיי וואָלטן באַגריפן, אז דער אר־בעטס־געדאנק איז זיי, די לערער, נישט ווייניקער נאָענט, נישט ווייניקער אייגן, ווי די ארבעטער אליין! וויפל וואָלט עס משפיע געווען אויף דער סביבה, אויף די שילער, — א השפעה אָן ווערטער, אָן פּראָפּאגאנדע, נאָר פונם עצם לעבן אליין! וויפל מאראלישע שטיצע וואָלט עס געבראכט די ארבעטער, וויפל כוח וואָלט עס צוגעגעבן דער צאַרטער באוועגונג, וואָס נויטיקט זיך אזוי אין פרישׁ לופט, אין ריין לופט! אָבער דער עיקר איז דאָס, וואָס עס וואָלט זיך געשאפן, אָדער עס וואָלט זיך אנטפּלעקט די פאַר־בינדונג צווישן דער שול (די נידעריקע און די העכערע גלייכצייטיק) און צווישן לעבן. ווייל די שול וואָלט באַאיינפלוסט געוואָרן דורך דעם לעבן, און במילא וואָלט אויך דאָס לעבן באַאיינפלוסט געוואָרן דורך דער שול. און אזוי ארום וואָלטן אלע געזען אויך די פאַרבינדונג צווישן דער ארבעט און דעם אוניווערזיטעט, און די פראגע פון אַ העברעאישן אוניווערזיטעט אין ארץ־ישראל וואָלט נישט געווען אזוי פרעמד.

עס זיינען געווען צייטן, און גאַרנישט לאנג צוריק, ווען אונזער גאַנץ פאָלק פון קליין ביז גרויס האָט געוווסט, אז די תורה דאַרף מען לערנען לשמה, אז מען טאָר זי נישט פאַרוואַנדלען אין א געציַיג פון קאַריערע אָדער אין א קרוין אויף צום גרויסן זיך מיט איר. דאַן איז עס נישט שווער געווען צו טרעפן א פּשוטן בעל מלאכה, אָדער א בעל עגלה וואָס זאָלן זיין א גרוי־סער למדן. היינט ווייס דאָס גאַנצע פאָלק פון גרויס ביז קליין, אז דאָס איז אָן אָפּגעלעבטע אָנשויונג, אַ בטלנישע מיינונג און נאָך ערגער דערפון. און דאָך וואָג איך צו פרעגן יעדן איינעם וואָס פאַרמאָגט אָן אייגן־זעלבסט־שטענדיקע נשמה: צי איז טאַקע די דאָזיקע מיינונג א בטלנישע? צי איז טאַקע דער צוועק פון דער בילדונג צו שאפן א „קולטור־מענטש", וואָס שטרעבט צו געניסן פיזיש און גייסטיק די פּרוכטן פון דער קולטור פון זיין צייט, דאָס מיינט, וואָס שטרעבט זאַט ווערן פיזיש און גייסטיק פון פרעמ־דער מי? צי איז נישט די אמתע קולטור, אלס אזעלכע, א רייכטום וואָס

מאכט רייך דעם מענטשן, וועלכער טאר זיך נישט שפּיזן מיט דעם וואָס אנדערע פאַרמאָגן? אָדער צי דערלויבט טאַקע דער צווייפלהאַפטער נוצן, וואָס כלערליי געבילדעטע מענטשן ברענגען, הויפּטזאַכלעך אַזעלכע „קול־טור־מענטשן" ווי זי אַליין, — צו לעבן אַ מער פאַרשווענדעריש לעבן ווי אַ פליייסיקער אַרבעטער, וואָס פאַרדינט גוט, כל זמן עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט מיליאָנען מענטשן וואָס מען דערלויבט זיי נישט עסן צו דער זאַט פון די פּרוכטן פון זייער האָרעוואַניע? צי איז עס כלל נישט די פליכט פונעם דערציער אויסאַיבן אין דער הינזיכט אַ געוווּנשענעם איינפלוס אויף זיינע שילער? און צי איז עס נישט די פליכט בפרט פון אַ יידישן דערציער, און בפרט פון דיעניקע, וועלכע רעדן אין נאָמען פון „גייסט", פון יידנטום, פון דער תורה?

זאָלן זאָגן וואָס עס ווילן דיעניקע מיט די שאַרף־געשליפענע קעפּ און הערצער, — תורה לשמה, דאָס איז אַ גרויסער מאָראַלישער ווערט, וואָס דאָס יידנטום האָט אים געשעצט און געפלעגט אין דער העכסטער מאָס, דעמדאָזיקען ווערט דאַרפן אָננעמען די לערער, אים אויפלעבן און באַנייען. זיי דאַרפן עס איינפלאַנצן אין זייערע תלמידים דעם פשוטן און קלאָרן אמת, אַז תורה און וויסנשאַפט דאַרף מען לערנען לשמם; אַז אַן אויפריכטיקער מענטש, אפילו ווען ער האָט פאַרענדיקט אַ מיטל־אָדער הויך־שול, איז פאַרפליכטעט אַליין צו אַרבעטן און האָט נישט קיין רעכט צו לעבן פון פרעמדער אַרבעט.

און דערמיט ווענד איך מיך הויפּטזאַכלעך צו מיינע אַרבעטס־ און מיי־נונגס־חברים. מיינע חברים דאַרפן זיך אַליין גרינטלעך קלאָר מאַכן, ווי־אַזוי באַציִען זיי זיך צו דער אַרבעט. אויב זיי האַלטן, אַז די אַרבעט איז אַ זאַך וואָס דאַרף איינשלינגען דעם גאַנצן מענטש, נישט איבערלאָזנדיק אים די פרייהייט צו דערפילן זיינע העכערע באַדערפנישן, זיין תשוקה צו וויסן, צו קונסט א. דגל. — דאַן איז עס דאָך אַן אַרבעטס־געדאַנק, וואָס איז אויסן נישט אויסצוברייטערן און פאַרטיפן דאָס לעבן, נאָר עס באַשרענקען און פאַרפינצטערן. דאַן איז עס דאָך די געוויינטלעכע באַציונג צו דער אַרבעט ווי אין דעם אָנגענומענעם פאַל, ווען מען האַלט די אַרבעט פאַר אַ נויטווענ־דיקן בייז, וואָס ווער נאָר עס פאַרמאַגט אַן אינטעלעקטועלע פעאיקייט וואָס דערמעגלעכט אים אַ לייכטערע פרנסה, אַנטלויפט פון איר, — און עס בלייבן ביי איר נאָר די גייסטיק־אָרימע און די וואָס פאַרמאָגן נישט קיין אינטע־לעקטועלע פעאיקייט, דיעניקע וואָס האָבן נישט די מעגלעכקייט פּטור צו ווערן פון איר.

אויב אָבער מיינע חברים זעען אין דער אַרבעט דעם געדאַנק פון דער באַנייונג פון לעבן, דאַרפן זיי דאָך קלאָר איינזען, אַז עס האַנדלט זיך דאָ

וועגן א פאַרענדערונג פון ווערטן און לעבן און דורכן לעבן, וואָס דאָס לעבן פאָדערט עס, אויב מיר ווילן טאַקע זיין א לעבעדיק פאָלק.

כל זמן מיר וועלן זיך האַלטן ביי דער באַנאַלער מיינונג, אַז אַרבעט און בילדונג זיינען זיך קעגנזייטיק סותר, אַז דער וואָס אַרבעט טאָר נישט זיין א מענטש מיט העכערער בילדונג, און א מענטש מיט העכערער בילדונג טאָר נישט אַרבעטן, — דאַן איז דער גאַנצער אַרבעטס־געדאַנק א פּוסטע זאַך. ווייל וואָס־פאַרא ווערט האָט א געדאַנק, וואָס לאָזט נישט דעם גייסט זיך דערהויבן, נאָר פאָדערט פון אים ער זאָל אַראָפּנידערן! עס דאַרף זיין קלאָר, אַז דער אַרבעטס־געדאַנק איז אויסן צו געבן לעבן און ליכט און נישט אָפּנעמען. ער איז אויסן צו דעקלאַרירן, אַז אויך יעדער איינער וואָס האָט פאַרענדיקט אַן אוניווערזיטעט, און בכלל יעדער מענטש מיט ביל־דונג און אפילו מיט דער העכסטער בילדונג, דאַרף אַרבעטן; און נישט אַז יעדער איינער וואָס אַרבעט דאַרף נישט ענדיקן אַן אוניווערזיטעט, אָדער דאַרף נישט פאַרמאָגן קיין העכערע בילדונג. אמתע בילדונג איז א גרויס רייכטום, וואָס מען טאָר עס נישט אָפּזאָגן דעם פיזישן אַרבעטער וואָס פאַר־גיסט זיין שווייס, אויב ער איז א מענטש מיט גייסט און פעאיקייטן; ווייל די גייסטיקע אָרעמקייט איז א סך שווערער פאַר א מענטש־מיט־גייסט, ווי די מאַטעריעלע. נאָכמער: אמתע בילדונג איז ליכט, וואָס איז אונז נויטיק צו באַלויכטן מיט אים דעם וועג פון געדאַנק.

לייענענדיק

— — — די פראַגע וועגן דעם פאַרהעלטעניש צווישן די שרייבער און דעם פאָלק, וועגן דעם אָרט פון די שרייבער אין דער אינערלעך־זעלבסט־שטענדיקער דערציערישער אַרבעט פון פאָלק.

דעם אמת־זאָגענדיק קען מען דאָך נישט האַלטן די שרייבער פאַר דער־ציער, וועג־ווייזער און לערער פון דער תורה פון לעבן א. דגל. צי איז טאַקי, לויטן טיפסטן אמת, פאַראַן עמיצער וואָס איז באַרעכטיקט צו דער־ציען אַנדערע, באַלערן אַנדערע? צי איז דען פאַראַן עמיצער, וואָס זיינע מיינונגען, זיין געשמאַק, זיין וועלט־און לעבנס־חשבון זיינען אויף אַזוי־פיל זיכער, אַבסאָלוט און אַלגעמיין, אַז ער איז באַרעכטיקט אויפצווינגען זיי אַנדערע? און דער חשש, טאָמער איז פאַראַן דערין א פאַרטושן פון דער דעה פון אַנדערע, — צי דאַרף מען אים בכלל נישט נעמען אין באַטראַכט? צי איז פאַראַן, אָדער צי קען זיין, עפּעס אַן אַלגעמיינער נוסח פון דער־ציונג, וואָס פּאַסט זיך אין א גלייכער מאָס פאַר אַלע? צי איז דען פאַראַן

עפעס א צלם פון מענטש, א צלם פון פאלק, א צלם פון לעבן, וואס איז סטאביל אויף דור דורות, וואָס נאָר לויט אים מוזן אלע מענטשן זיין אויס־געפורימט? פארמאגט דען נישט באמת יעדער מענטש, יעדעס פאלק, זיין אייגענעם צלם, וואָס נאָר לויט אים קען ער אויסגעבעסערט, באנייט און פארפולקאָמט ווערן און זיך דערהויבן צו יענער מדרגה וואָס זיי זיינען מסוגל צו דערגרייכן, און נאר לויט אים קען מען זיי פארשטיין און אָפּ־שאצן? צי ליגט נישט דערין די גאנצע טיפקייט פונעם רייכטום פון דער מענטשהייט, די גאנצע טיפקייט פונעם רייכטום פון מענטשלעכן לעבן? צו איז דען נישט דאָס דער הויפּט־יסוד פון יעדער לעבעדיקער מענטשלעכער דערציונג?

עס ווייזט אויס, אז דאָס איז א פשוטער אמת. אבער דאָס איז, ווי ס׳שיינט די צרה — וואָס ער איז צו איינפאך, און דעריבער האָט אָט דער אמת נישט זוכה געווען, אז מען זאל אים נעמען אין אכט. תמיד איז געווען דער ווילן מזכה צו זיין, דערציען, לערנען יענעם תורה אָבער מען מערקט נישט דערווייל דעם ווילן צו זאָרגן און צו טראכטן וועגן דעם, אז דער מענטש, אז יעדער מענטש, זאָל זוכה זיין פון זיך אליין, זיך דערהויבן פון זיך אליין, זוכן זיין אייגענע תורה.

ברענגען דעם מענטשן דערצו, אז ער זאל זוכן זיין אייגענעם איך און זיין וועלט, דאָס מיינט, אז ער זאָל פאר זיך אליין זוכן דעם חשבון מיטן לעבן און מיט דער וועלט, אדער פשוט ברענגען אים צו זעלבסט־דער־ציונג, — דאס איז שוין גאר אן אנדער זאך ווי אים דערציען, לערנען אים תורה א. אז. וו. דא איז דער כוח פון דערציער און פון לערער נישט אזוי גרויס, ווייל דער כוח פון דער תורה אליין איז נישט אזוי גרויס. דאָ זיינען נישט פאראן קיין כללים — דאָ איז פאראן שאפונג.

ווען מיר קערן זיך אום און באטראכטן דאס פארהעלטניש צווישן די שרייבער און דעם פאלק, קענען מיר, דעריבער, נישט האלטן די שרייבער פאר דערציער, פאר לערער פון דער תורה פון לעבן, אבער מיר האלטן זיי פאר חברים־העלפער, וועלכע פארמאגן א נשמה יתרה, א השגה יתרה. מענטשן, וועלכע געפינען זיך אין זייער גרויסער משפחה, וועלכע האָבן וואָס צו זאָגן: צו אויסדריקן א מיינונג אין וועלכער־עס־איז פריוואטער, אלגע־מיינער אדער וועלט־פראגע, אדער געבן אַן עצה, אויסדריקן א מיינונג, פירן א שיינעם שמועס, זינגען א ליד וואס רעדט צום הארצן א. דגל. און בכלל — מענטשן, וועלכע קענען דינען ווי א מויל פאר דער גאנצער משפחה און פירן אירע העכערע חשבונות.

אזוי ארום, אָבער, דארפן זיי דאָך זיך רעכענען מיט די צו וועמען זיי רעדן, און וואָס זייערע חשבונות זיי פירן; דערגרונטעווען זיך ביז צו די

טיפענישן פון זייער נשמה און נעמען אין אכט זייער אייגנארטיקן גייסט, וואס שאפט זייער לעבן, כדי צו וויסן, אויף וויפל די רייד זייערע — פון די מגידים — אנטשפרעכן דעם אינערלעכן נשמה־סוד פון די וועלכע זיינען נישט קיין מגידים; אויף וויפל די חשבונות וועלכע זיי פירן זייגען פינקט־לעך. אלע זייגען מודה, ווי עס שיינט, אז עס דארף זיין א לעבעדיקע פאר־בינדונג צווישן די שרייבער און דעם פאלק. און פארוואס איז נישט פאראן אזא לעבעדיקע פארבינדונג?

אפט הערן מיר ווי די שרייבער באקלאגן זיך, אז דאס פאלק הערט זיך נישט צו, אז דאס פאלק באציט זיך נישט מיט אכטונג צו זיינע שרייבער. צי האָבן אָבער די שרייבער, וועלכע באקלאָגן זיך, געפרוווט פרעגן זיך אליין: צי באציען זיי זיך מיט גענוגענדער אכטונג צום פאָלק? צי באמיען זיי זיך תמיד צוהערן און דינען אלס אן אמתער אויסדרוק פון דער מענטשלעכער שטים וואס אינעם אָפגרונט פון זיין נשמה, פון דער שטים פון זיין העכערער אייגנארטיקייט? צי קומען זיי נישט צום פאָלק גאָר אָפט פון עפעס אַן אָלימפּישער הויך, כדי אים דערהויבן צו זיך, כדי אים דערציען לויט א דער־ציונגס־לערע וואס איז גענומען פון אנדערע נשמות? איז דען דאס די נאר־מע פון דעם העכערן אמת? דער שרייבער, דער דיכטער אדער יעדער איינער וואס קומט רעדן צום פאלק, — אויף וויפל זיי האבן באמת עפעס אים צו זאגן, כדי צו דערוועקן, דערמונטערן און דערהויבן זיין נשמה, — זיי גיבן דאָך אים נאָר דאָס וואָס זיי נעמען ביי אים, וואָס זיי נעמען ארויס פונם שטראם פון זיין לעבן.

דאָס פאָלק, אזוי־ווי די נאטור, הערט זיך נישט צו צום מענטש, נאָר אויף אזויפיל אויף וויפל ער קען זיך צוהערן צו זיך אליין, צו זיינע אייגנאַר־טיקע געזעצן. אָבער די מענטשן האָבן נאָך נישט אויסגעפאָרשט די נאטור פון פאלק אין דער מאס וואס זיי פארשן און דערקענען די אלוועלטלעכע נאטור, ווייל דער לערן־מעטאָד איז דאָ אן אנדערער. באזונדערס האָבן נישט גע־לערנט מיר, מיר וואס לערנען אלץ פון אנדערע. נאר דאס זעען מיר, אז דער וואס קען שעפן פונם תהום פון דער פאלקס־נשמה, אויך זיינע רייד פארמאָגן אַן אייביקן, אלגעמיין־מענטשלעכן ווערט (ווי צ. ב. די נביאים).

אין דעם זין קען מען זאָגן, אז דער שרייבער איז געגליכן צו א מין קראפט־מאשין, וואס פארוואנדלט די לעבנס־באוועגונג, וועלכע פארשוויב־דעט אין דער ברייטקייט און טיפקייט פון דער פאלקס־נשמה, אין א קאָנ־צענטרירטן און אָפענעם, לויכטענדיקן און וואַרעמדיקן כוח. דידאָזיקע טעטי־קייט דארף, זעלבסטפארשטענדלעך, זיין אַ פערמאנענטע און אומאויפהער־לעכע, ווייל די קראפט־מאשין דארף תמיד זיין צעעפנט אין דער ריכטונג פון דער פאלקס־נשמה, תמיד שעפן פון איר לעבן; די פאלקס־נשמה דארף

איר תמיד דינען ווי א נישט־אויסשעפּבאַרער קוואַל, ווי א מעיין מתגבר; ווייל דער עצם מהות פון לעבן איז דאָך אַן אומאויפהערלעכע באַנייונג — און יעדער איבעררייס אין אָט דער באַנייונג איז, אין אַן אַנטשפּרעכנדיקער מאָס, אַן איבעררייס אין לעבן. אבער די דאָזיקע טעטיקייט איז פאַרבונדן מיט אַ סך שוועריקייטן און צער, מיט שאַפונגס־ און געבורטס־ווייען, און אין אַ געוויסן זין מעג מען אפילו זאָגן, אַז זי באַשטייט אינגאַנצן פון צער. און דער עיקר שוועריקייט און צער זיינען דאָ די ספקות, די אומזיכערקייט; מיר האָבן דאָ — באַזונדערס ווו עס האַנדלט זיך וועגן אַן אָריגינעלער שאַפונג — אַ מין גיין איבער אָפּגרונטן אָדער אויף הויכע באַרג־שפּיצן באַדעקטע מיט אייביקן שניי. פון דער צווייטער זייט אבער, זיינען דאָ די עצם ספקות און אומזיכערקייט א גרויסער עיקר: פון שטאַנדפּונקט פונם שאַפנדיקן געדאַנק זיינען זיי געגליכן צו די אויפּציטערונגען, וועלכע רופן אַרויס דאָס ליכט. און דעריבער, אומעטום ווו עס איז פאַראַן אַן אָריגינעלע שאַפונג, זיינען אויך פאַראַן די דאָזיקע אויפציטערונגען. און אויך אומגעקערט — די תלמידים, און באַזונדערס די „חסידים" פון די גרויסע שעפער, זיינען תמיד מער זיכער אין דער תורה פון זייער רבי, ווי דער „רבי" אליין. א חסיד פון מאַרקס'ן איז תמיד מער מאַרקסיסט ווי מאַרקס אַליין; א חסיד פון דאַרווינען — מער דאַרוויניסט ווי דאַרווין אַליין; א חסיד פון טאָלסטאָיען — מער טאָלסטאָיאַנער ווי טאָלסטאָי אַליין. און דאָסגלייכן גילט אויך בנוגע די חסידים פון ניטשען, איבסענען, קנוט האַמסונען א. אז. וו. און דאָס זעלבע גילט אויך בנוגע די חסידים פון אונזערע גרויסע שעפער א. אז. וו.

פונדאַנען דראָט א סכנה פאַרן עצם שעפער, — די סכנה פון דער זיכער־קייט און בטחון וואָס זיינען, אין א געוויסן זין, א מין פּראָטאָזיקייט און גיין אויפן אויסגעטראָטענעם וועג — און ווען אפילו אויסגעטראָטן דורך אים אַליין. און דעריבער זעען מיר טאַקע אָפט, ווי א מענטש וואָס האָט געשאַפן א געוויסע שיטה וועלכע האָט געגעבן א געוויסן שטויס דעם געדאַנק און די העכערע לעבנס־שטרעבונגען, ווי־נאָר זיין שיטה ווערט אָנגענומען שאַפט ער מער נישט קיין נייעס, נאָר גייט ווייטער אויפן שליאַך פון זיין שיטה: און אין א געוויסן זין שטערט ער דעם גאַנג פון לעבן, דאָרט ווו עס איז נישט איינגעשלאָסן אין זיין שיטה אָדער ער איז נישט מודה אין איר, און יעדנפאַלס שטויסט עס שוין נישט פאָרויס דאָס לעבן. און נישט ווייניק זיי־נען דאָך פאַראַן אויך שעפער, וועלכע חזרן זיך אַליין איבער, ווי־נאָר זיי זיי־נען דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַבסאָלוטער זיכערקייט.

וואָס שייך דער „נביא"־קרוין. איך וואַרט נישט אויף קיין נביא און איך וויל נישט קיין נביא. דער נביא וועט נישט אויסלייזן דאָס פאָלק, ווייל ער וועט נישט אויסלייזן דעם מענטש; די נבואה דאַרף רוהען אויפן גאַנצן

פאלק, אויף יעדן מענטש. דאס וועט זיין די גאולה שלמה, די אמתע גאולה, אויב עס איז פאראן א גאולה פארן מענטש. גאולה דורך א נביא וועט ווידער זיין פון יענעם מין גאולות, וואס זיינען פון תמיד־אן געווען און וואס האבן געבראכט אויף דער וועלט נאר שנאה און שקר מיט אלע זייערע פאלגן און רעזולטאטן. דאס וועט ווידער זיין א גאולה פאר פראזן־דרע־שער, פאר אויפגעהיצטע און פאלשע פאנטאזיעס, פאַר כלערליי תקיפים צי פויסט־תקיפים, מוח־תקיפים אדער גייסט־תקיפים, — וואס אין הינזיכט פון דער מענטשלעכער דערלייזונג, איז דער מרחק צווישן זיי נישט אזוי גרויס, ווי עס שיינט צו זיין אויפן ערשטן בליק.

דאס פאלק — אט דאס איז דער נביא, דער מענטש — אט דאס איז דער דערלייזער! און איך גלויב אין כוח פון פאלק, כל זמן איך גלויב נאך אין מענטש, כל זמן איך גלויב אין לעבן. אבער פון דעם אָרט, פון וועלכן איך זע דעם כוח פון פאלק, שיינט מיר, אז קודם כל איז אונז שווער דער אויסערלעכער גייסט וואס שלעפט אונז אין אלע זייטן און לאזט אונז נישט זיך אומקערן צי זיך אליין און צונויפוואקסן מיט אונזער ווארצל. קודם כל פעלט אונז גייסטיקע פרייהייט, א נאטירלעכער גלויבן אין זיך אליין, א שטארקער ווילן, — עס פעלט אונז א געזונטע, פשוטע, נאטירלעכע, פרייע נשמה׳דיקייט; עס פעלט אונז פאָעזיע, די פאָעזיע פון אונזער נשמה אָט אזוי־ווי זי איז; און דער פאָעט, נישט אלס נביא און דערציער, נאר אלס א פאָעט, אלס איינער פון די בעסטע זין פון פאלק, וואס האט וואס צו זאגן, וואָס קען דערמונטערן א צעבראָכן און צעוויייטיקט הארץ, אַ הארץ וואָס איז צעפייניקט און אויסגעטריקנט דורך אלערליי בייזע ווינטן, — קען דא זייער פיל אויפטאָן. דא האבן מיר פאר זיך אזא ברייטן רוים, וואס איך ווייס נישט קיין ברייטערן פון אים.

די שרייבער און די ארבעטער

(אין צוזאמענהאנג מיט דער גרינדונג פון שרייבער־פאַריין)

א.

איך קום דא רעדן צו אייך אין דער פראגע פון דעם שרייבער־פאריין נישט ווי א שרייבער, נאָר ווי אַ לעזער, אַן ארבעטער־לעזער. און איך טו זיך מיען נישט פאר דער אויסבעסערונג פון דער ליטעראטור, נאָר פאר דער אויסבעסערונג פון אונז, ארבעטער־לעזער, פאר דער אויסבעסערונג פונם לעבן וואס צוליב אים זיינען מיר אהערגעקומען ארבעטן.

די ארבעטער־לעזער, באזונדערס דיעניקע וועלכע אַרבעטן אויסן געדאנק פון ארבעט און אויפלעבונג — זיינען, אין פלוג, נענטער צו אַט יענער גייסט־ספערע, וואָס די אויפגאבע פון די שרייבער איז צו געבן איר אַן אויסדרוק. א באווייז דערפאר — די פעריאָדישע פרעסע פון די ארבעטער, וואָס איז גרעסער אין פארגלייך מיט זייער צאָל, אָן א שיעור גרעסער ווי ביי אנדערע שיכטן. און אין לעבן דאקעגן איז נישט פאראן קיין שום אָרגאנישע פארבינדונג צווישן די שרייבער און ארבעטער, אז מען קען כמעט זאגן, אז די ארבעטער־לעזער האבן נישט קיין שרייבער; שרייבער וואס זאלן זיין טרעגער פונם פאקל פון געדאנק און פאָעזיע צו באלויכטן מיט אים דעם שווערן וועג פון דער ארבעט, און זאלן אויך מיטהעלפן דעם געדאנק און פאָעזיע פון דער ארבעט אין זייער אזוי שווערער ארבעט. די מערהייט שרייבער איז ווייט פון די ארבעטער. אבער אויך די שרייבער וועלכע שטייען נאענט צו די ארבעטער זיינען ווייט, לויט מיין מיינונג, פון צו זיין די טרעגער פונעם פאקל פון ארבעטס־געדאנק, ווייל זיי לעבן נישט דאס לעבן פון אט דעם געדאנק.

צום צוועק פון דער אויפקלערונג פון אט דער זאך איז כדאי, לויט מיין מיינונג, פאָרצושלאָגן אייניקע געדאנקען, באזונדערס אין צוזאמענהאַנג מיט דער גרינדונג פונעם שרייבער־פאריין, וואָס איז אימשטאנד, אויב ער זאל שטיין אויפן געהעריקן ניוואָ, באנייען דעם גייסט פון די שרייבער און באשיינען זיי מיט א ליכט־שטראל אויך אין באצוג אויפן ארבעטס־געדאנק און אויף די ארבעטער.

מיר זעען אז דער מענטשלעכער גייסט בכלל, דער גייסט פון אלע פעלקער צוזאמען, איז געגליכן צו איין גרויסן ים, וואס הגם ער האט א סאך שטראמען איז ער דאך בכלל איין־איינהייטלעכער ים. מיר זעען, ווי דער גייסט דערהויבט זיך, אדער נידערט אראפ, הגם אין א פארשידענער מאס און פארם ביי פארשידענע פעלקער.ביים היינטיקן טאג געפינט זיך דער גייסט אין אַ ירידה־צושטאנד כמעט ביי אלע פעלקער אָן אויסנאם. אפילוביים רוסישן פאָלק, וואָס קעמפט, אין פלוג, פאר גערעכטיקייט און א ניי לעבן. די פרייהייט פון מענטש, זיין לעבן זיינען געווארן הפקר, א מין ביליקע זאך וואס מען קען און מעג זיך דערמיט באנוצן אלס מיטל צו יעטוועדן ציל און עקספערימענט. די דאָזיקע ירידה איז בולט הויפטזאכלעך דערמיט, וואס אפילו אין די צומיינסט־לעבעדיקע און פילבארע הערצער איז פארטעמפט געוואָרן דער געפיל, פארטעמפט געוואָרן אין אזא מאס, אז זיי זיינען כמעט ווי גרייט משלים זיין מיטן יעזואיטישן זאץ: „דער ציל הייליקט די מיטלען".

מיר זיינען נישט, זעלבסטפארשטענדלעך, בעסער אין דער הינזיכט פון

אנדערע. מיר, אין אונזער נעבעכדיק־ספּעציפישן מצב, ליידן טאַקע פונם שלעכטס וואָס אַנדערע טוען אונז און מיר אַליין טוען נישט אַזויפיל שלעכטס, אָבער דאָס איז דער־עיקר נאָר דערפאַר, ווייל מיר פאַרמאָגן נישט דעם כוח צו טון שלעכטס. ווען מיר וואָלטן פאַרמאָגט דעם כוח דערצו, וואָלטן מיר אפשר נישט געווען אַזוי אַכזריותדיק ווי אַנדערע, אָבער נישט אַ סך בעסער פון אַנדערע. דער וואָס קוקט זיך צו צו דעם וואָס עס קומט פאָר אין אונזער פאָלק, אין זיינע פאַרשידענע קלאַסן, פּאַרטייען און גרופּן, וועט זיך לייכט דערין איבערצייגן. אָבער אַ פאַקט איז, אַז מיר האָבן נישט געטון אַזויפיל שלעכטס. דעמדאָזיקן פאַקט דאַרפן מיר נעמען אין אַכט. מיר דאַרפן, לכל הפחות, וויסן קלאָר אונזער קריטישן און נעבעכדיקן מצב, כדי אַרויסצוציען דאָס גאַנצע גוטע פונם שלעכטן.

דער חשבון איז קלאָר: מיר זיינען פאַראינטערעסירט אינם אויפ־שוואונג פון מענטשלעכן גייסט. ווייל אויב דער מענטשלעכער גייסט וועט ווייטער אַראָפּנידערן, וועלן מיר נישט האָבן קיין תקומה. און נאָר קורצ־זיכטיקע קענען מיינען, אַז דער כוח פון פויסט, צי אונזער צי פון אַנדע־רע, קען אונז ברענגען אַ ממשות׳דיקע און דויערהאַפטע ישועה: צופיל ליגן מיר, אין אַלע לענדער פון אונזער צעשפּרייטונג, אין די הענט פון אַלערליי פויסטן — אַז מיר זאָלן קענען אויסהאַלטן קעגן זיי. מיר זיינען אפשר תמיד, אין אַ געוויסער הינזיכט, געווען פאַראינטערעסירט דערין, אַז דער מענטשלעכער גייסט זאָל זיין אין אויפשוואונג, און דעריבער האָט זיך אַנטוויקלט ביי אונז אַ שטאַרקע נייגונג צו דער וועלט פון גייסט; און די קראַפט פון גייסט איז ביי אונז באַדייטנד אויסגעוואַקסן, אַזוי אַז אונ־זער תנ״ך האָט געדינט ווי אַ מין שוועבעלע צום פונאַנדערפלאַקערן דעם מענטשלעכן גייסט בכלל. אפשר ליגט דערין אַ מין היסטאָרישע נויטווענ־דיקייט. און דאָס איז, לויט מיין מיינונג, קיין שום פּגם נישט אין אונזער מענטשלעכן ווערט בכלל. אָבער אָט דעמדאָזיקן כוח פון אונזער גייסט דאַרפן מיר וויסן ווי אָפּצוהיטן, ווי צו שטאַרקן און פעסטיקן אים, ווייל נאָר אין אים ליגט אונזער ישועה.

אָבער קודם כל דאַרפן מיר זיך קלאָר מאַכן, זיך אַליין, אונזער אויפ־גאַבע, אָדער אונזער שטעלונג צום מענטשלעכן גייסט בכלל. דער מענטש־לעכער גייסט איז איצט צעבראָכן: כוואַליעס הייבן זיך הויך און נידערן אַרונטער. אָבער דער אויפשוואונג קומט נאָך דער ירידה, אַזוי ווי די ירידה קומט נאָכן אויפשוואונג. ליכט און פינסטערניש זיינען צונויפגעמישט. אָבער די ירידה פון היינט לערנט אונז צו זען קלאָר, אַז אויך איצט, ווי אין אַלע צייטן, וועט דאָס ליכט נישט זיגן אויב מען וועט נישט קומען צו דער

איבערצייגונג פונעם פשוטן און קלאָרן אמת, אז מען דאַרף שטאַרקן דאָס ליכט אנשטאט צו באַקעמפן די פינסטערניש.

די זאַך איז איינפאַך און קלאָר. סוף סוף ווילן דאָך אַלע מענטשן, סיי די וואָס זוכן דאָס ליכט און סיי די וואָס ווילן בעסער גיין אין דער פינסטערניש, זוכן נאָר דאָס וואָס איז גוט פאַר זיי אַליין. דער אונטערשיד איז דאָך נאָר אין געשמאַק: דאָס וואָס עס איז גוט לויטן געשמאַק פון איי־נעם, איז שלעכט לויטן געשמאַק פון צווייטן, און אומגעקערט. אָט איז פאַראַן, למשל, אַ קאַרגער גביר, וואָס פאַרגינט זיך נישט צו לעבן אַ מער רייכערן מאַטעריעלן לעבן ווי, לאָמיר אָנעמען, דאָס לעבן פון אַ געוויסן אַר־בעטער, וואָס אַרבעט צוליבן געדאַנק פון אַרבעט, און אָפט אַרבעט און ליידט ער נישט ווייניקער פון אים. דער אונטערשיד צווישן זיי איז נאָר דער, וואָס דער קאַרגער פילט דעם טעם פון לעבן אין דעם געלט וואָס ער זאַמלט אָן, און דער אַרבעטער — אין געדאַנק, אין נאַטור־לעבן, אין דעם לעבנס־שאַפן, אין דער ליבע און פריינטשאַפט צו מענטשן א. אז. וו. אַן אַנדערער ווידער זעט דעם טעם פון לעבן אין כבוד, אין מאַכט אָדער אין לוקסוס. אָבער דער דאָזיקער טעם איז נישט אַ באַשטימטע זאַך ביי באַשטימטע מענטשן, וואָס איז דויערהאַפט־סטאַביל במשך פון דורות. עס געשעט אויך, אַז ביי איין מענטש ענדערט זיך, דורך אַן אויסערלעכן צו־פאַל אָדער צוליב אַ גייסט־סיבה, דער טעם פון לעבן.

עס איז נישט נויטיק קיין איבעריקע טיפזיניקייט כדי צו פאַרשטיין דערפון, אַז דער עיקר שלעכטס וואָס מענטשן זיינען גורם איינער דעם צווייטן דרינגט אַרויס נישט פון דעם וואָס זיי זיינען אין גרונט אַזוי שלעכט, נאָר פון דעם וואָס זיי פאַרשטייען נישט איינער דעם צווייטן, ווייל זיי פאַרשטייען נישט זייער אייגענע נשמה ביז צום גרונט פון אירע טיפקייטן און פאַרשטייען נישט, אַזוי־אַרום, די טיפקייט פונעם טעם פון לעבן. די גרעסטע מערהייט מענטשן, כמעט אַלע, זיינען נישט צו־גוט, אָדער צו־שלעכט, צו־אידעאַליסטיש אָדער צו־מאַטעריאַליסטיש. זיי זיי־נען אָפט אין אַ גאָר גרויסער מאָס גוט און אידעאַליסטיש, ווען דער גייסט אַרום זיי איז גוט און אידעאַליסטיש; און זיי זיינען מאַטעריאַליסטן אָדער שלעכט — אָפט אפילו ביז צו עקסטרעמקייט — ווען דער גייסט איז מאַ־טעריאַליסטיש אָדער שלעכט. צומיינסט ענדערט זיך עס פון דור צו דור. איין דור קען זיין אַ דור פון ספּעקולאַנטן, און דער צווייטער — אַ דור פון שאַפער־אַרבעטער א. דגל. און דער דריטער דור קען ווידער ווערן אַ דור פון ספּעקולאַנטן, אויב דאָס לעבן וועט דערווייל זיך נישט באַנייען גרינטלעך.

אָבער דערמיט אַליין וואָס מיר וועלן וויסן, אַז דער־עיקר שלעכטס

ליגט אין דער מיספאַרשטענדניש, האָבן מיר נאָך גאָרנישט געטאָן פאַר דער אויסבעסערונג פונעם שלעכטס. און דאָס איז פאַרשטענדלעך. די מיספאַרשטענדניש איז דאָך אין דעם פאַל נישט קיין פּאַסיווע, וואָס קען אין ערגסטן פאַל ארויסרופן שלעכטע געפילן — דאָ האַנדלט זיך דאָך וועגן אַן אַקטיווער מיספארשטענדניש, וואָס קומט צום אויסדרוק אין שלעכטע מעשים וועלכע רואינירן דאָס לעבן פון עמיצן אָדער שאָדן אים. און וואָס קען דאָ העלפן אַ פּאַסיווע פאַרשטענדניש? וואָס וועט נוצן, צום ביישפּיל, דעם אַרבעטער דער באַוווסטזיין, אַז דער קאַפּיטאַליסט באַגייט אלע זיינע מעשים מער צוליב מיספאַרשטענדניש און טעמפּקייט ווי צוליב א טיפער בייזהאַרציקייט? אָדער צי וועט דער קאַפּיטאַליסט אויפהערן צו טאָן דאָס וואָס עס פאָדערט פון אים דער חשבון־פון־גראָשן, ווען דו וועסט אים אויפקלערן, אַז דאָס לעבן וואָס ער לעבט פאַרמאָגט נישט קיין אמתן טעם, אויב ער אליין פילט דערין אַן אומפארגלייכלעך ווילן טעם? אויב דאָס גאַנצע לעבן און אלע צייט־באַגריפן גיבן־צו נאָכמער גילטיקייט זיין טעם, וואָס אויך דער טעם פון ארבעטער איז בעצם נישט ווייט פון אים? אָדער צי וועלן אָט אַלע די יעניקע, וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די שוידערלעכסטע און גרויזאַמסטע פּייניקונגען, אָדער זיינען געוואָרן אומגליקלעכע בעלי־מום אויפן גאַנצן לעבן אין רעזולטאט פון דער מלחמה און דעם אכזריות־גייסט וואָס זי האָט ארויסגערופן אויף דער וועלט, — צי וועלן אָט די אלע ווידער־אויפלעבן, אָדער געזונט־ווערן, אויב עס וועט אויפגעקלערט ווערן, אַז די גאַנצע מלחמה מיט אלע אירע פאָלגן זענען אַ רעזולטאט פון מיספארשטענדניש און פון טעמפּקייט? און אזוי ווייטער און ווייטער. דאָ, אינעם שלעכטס, וואָס איז א רעזולטאט פון מיספאַרשטענדניש און טעמפּקייט, איז אַנטהאלטן א לעבנס־קראַפט, וועלכע מען קען גובר זיין נאָר מיט א שטארקערער לעבנס־קראַפט פון איר. דאָ איז נויטיק א גרויסע לעבנס־ארבעט, אריינפירן דאָס ליכט פונעם העכערן מענטשלעכן באוווסטזיין אין סאַמע לעבן אריין.

פון אָט דעם שטאַנדפּונקט איז, ווייזט־אויס, קלאָר, וואָס־פאַראַ אָרט דארפן דאָ פאַרנעמען די מענטשן פון גייסט: שרייבער, דיכטער, דענקער, וויסנשאַפטסלייט און בכלל יעדער מענטש־מיט־וויסן, וואָס וויל עפּעס אויפטון. זיי קענען אריינברענגען א סך ליכט, סיי אינם לאַגער פון די ארבעטער און סיי אין אנדערע לאַגערן. אָבער צוליב דעם דארפן זיי זיין גייסטיק נאָענט צו אָט דער ספערע, וואָס ווירקט צומיינסט אויף דער באַנייאונג פונם לעבן, זיי דארפן אליין לעבן אין דער גייסטיקער ספערע דאָס לעבן פונם ארבעטס־געדאַנק.

ב

אָבער די צרה איז, וואָס די שרייבער, דענקער, דיכטער, וויסנשאַפטס־לייט און אַלע מענטשן פון אינטעליגענטע פּראָפעסיעס אין יעדן פאָלק, אין דער גאַנצער קולטורעלער מענטשהייט, — דווקא זיי זעען נישט און טוען גאָרנישט, אויב זיי זעען נישט דעם היפּוך פון דעם וואָס מען דאַרף זען און טוען נישט דעם היפּוך פון דעם וואָס מען דאַרף טון. זיי קענען זיין דאָקטוירים, מאָלער, פּלאַסטיקער א. א. וו. דווקא פאַר די רייכע (פאַר דעם לוין וואָס זיי באַקומען) נישט פילנדיק דערין קיין שום פּסול, אָדער מיינענדיק אַז זיי זיינען יוצא דערמיט, וואָס זיי ווידמען אַ טייל פון זייער צייט פאַר די נישט־רייכע ווי אַ צדקה־טאַט, נישט פילנדיק, אַז די באַליידיקונג און אימיטאַציע וועגן איבער דעם אמתן מענטשלעכן ווערט פון זייער טאַט. אַלס דערפינדער פון טעכניש־נוצלעכע דערפינדונגען פאַר אַט דער אָרדנונג, אַלס געשעפטס־פירער א. אז. וו. א. אז. וו. קענען זיי בכלל אַקטיוו מיטהעלפן צום אויפהאַלטן די פּאַראַזיטישע אָרדנונג.

נישט בעסער אין דער הינזיכט זיינען אויך די יעניקע גייסט־מענטשן, און אינטעלעקטועלע, וועלכע שווערן טרייהייט דער פאָן פון דער אַרבעטס־באַוועגונג, זיינען טעטיק אין איר אַלס העלפער אָדער שטייען אין איר שפּיץ אַלס פירער אָדער אַפילו די יעניקע, וואָס האָבן געשריבן און פאַרפאַסט די תורה פון דער באַוועגונג לויט זייער אויפפאַסונג. אויך זיי האַלטן נישט פאַר זייער פליכט צו ענדערן גלייכצייטיק דעם אופן פון זייער עקאָנאָמישן און גייסטיק לעבן, אַז עס זאָל אַנטשפּרעכן דער פאָדערונג פונם אַרבעטס־געדאַנק. אויך זיי קענען זיין רייך, רייך ווערן פון זייערע ווערק א.ד.גל., לעבן אַ רייך לעבן א.אז.וו. א.אז.וו., — אַלץ וואָס שטאַרקט און אין גייסט פון דער אָרדנונג, וואָס זיי באַקעמפן זי (עס זיינען פאַראַן, באַטירלעך, אויסנאַמען) און נישט זיי אין נישט אַנדערע זעען דערין אַ סתירה.

וואָס פאַראַ רעזולטאַטן ברענגט די דערציונג פונם לעבן אין אַט דעם גייסט קען מען זען, למשל, אין דער זייער געוויינלעכער דערשיינונג צווישן סאָציאַליסטן: די אויסגעצייכנטע סאָציאַליסטן, ווי־נאָר זיי ווערן מיטגלידער אין דער באַשטייענדיקער רעגירונג, ענדערן זייער סאָציאַליסטישע פּאָליטיק פון גרונט־אויס, און די סיבה איז איינפאַך: ווייל די זאַך איז דאָך אָפּהענגיק פונעם אינטערעסן־חשבון פון קלאַס, מיינען זיי, אַז זיי, אַ דאַנק זייער שטעלונג אין דער רעגירונג, אינעם צענטער פון מלוכה־לעבן, זעען קלאָרער ווי אַנדערע דעם חשבון און דערפילן פּינקטלעכער דאָס צו וואָס ער פאַרפליכטעט. זייערע חברים סאָציאַליסטן האַלטן זיי פאַר פאַרעטער. אָבער נישט שוין־זשע ווערן אויפריכטיקע מענטשן פאַרוואַנדלט אַזוי־שנעל אין אויסוואורפן? און דאָס איז

דאָך געשען נישט מיט איין אויפריכטיקן סאָציאַליסט און נישט מיט אייניקע, נאָר אַזוי געשעט עס כמעט תמיד אָדער צומיינסט. פאַרוואָס?

אָט דער אומשטאַנד, וואָס אינטעלעקטועלע און מענטשן־פון־גייסט און געדאַנק, וועלכע שטרעבן צו דער באַנייונג פון לעבן, האַלטן נישט די גייסט־באַוועגנג פאַר דער באַנייונג ווי איין אַלגעמיינע באַוועגונג; האַלטן נישט פאַר מעגלעך צו פאַרייניקן די גייסט־באַוועגונג מיט דער אַרבעטס־באַוועגונג; און האַלטן נישט אַלס פליכט פאַר זיך צוצופּאַסן זייער אייגן לעבן צום אַלגעמיינעם געדאַנק פון דער גרינטלעכער לעבנס־באַנייונג — אָט דער אומשטאַנד איז עס גורם אַ גרויסע מאָס שוואַכקייט, לעבנס־לאָזיקייט, מאַנגל אין רוים און שווונג בייביידע צדדים גלייכצייטיק. דאָס אָפּזונדערן־זיך פון די גייסט־ און אינטעלעקט־מענטשן איז עס גורם, אַז די אַרבעטס־באַוועגונג ווערט באַרויבט אין הינזיכט פון געדאַנק און גייסט. פונדאַנען — די אוממעג־לעכקייט צו אומפּאַסן דאָס גאַנצע לעבן, די וועלט און אַלץ וואָס אין איר, דאָס וואָס וואָלט זי פאַרוואַנדלט אין אַ מענטשלעכע באַוועגונג פון אַ העכערער מדרגה, געגליכן צו אַ רעליגיעזער באַוועגונג. די אַרבעטס־באַוועגונג האָט נאָכנישט אַרויסגעבראַכט פון זיך אַ טיפן דענקן און פּאָעזיע אויסער אַן איינ־זייטיקן דענקען, וואָס באַגרינדעט דאָס גאַנצע לעבן מיט דער עקאָנאָמיק און אַ פּאָעזיע פון קינות אויפן ביטערן גורל פונם אַרבעטער.

אַזוי פעלט אויך אין דער באַוועגונג פון גייסט די מאַטעריע, די לעבע־דיקע ממשותדיקייט, דער פעסטער באָדן.

און נאָך איין באַמערקונג מכוח דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די וואָס אַרבעטן אויפן געביט פון דער גייסט־אַרבעט און בכלל אין אינטעליגענטע פּראָפעסיעס, וואָס דינען אַלס פּרנסה־קוואַל.

עס איז פאַראַן אַ ספּעציפישער צושטאַנד וואָס רופט אַרויס אַ פאַרווי־רונג, וואָס נישט אַלע פילן אים און עס איז שווער צו געפינען אַן אויסוועג פון אים: עס איז נישט פאַראַן קיין עקאָנאָמישע מאָס צום אָפּשאַצן — אַן עקאָנאָמישע אָפּשאַצונג — די גייסטיקע און אינטעליגענטישע אַרבעט וואָס שאַפט נישט עקאָנאָמישע ווערטן. עס האַנדלט זיך וועגן ווערטן פון צוויי פאַרשידענע ספערעס, וואָס מען קען זיי נישט מעסטן איינעם מיט דעם צווייטן. מיט וועלכער עקאָנאָמישער מאָס, צום ביישפּיל, קען מען מעסטן אַ געניאַל ליד וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין אַ האַלבער שעה, אָדער די אַרבעט פון אַ דאָקטאָר וואָס האָט אין אַ האַלבע שעה געראַטעוועט דאָס לעבן פון אַ מענטש פון טויט? לויטן נוצן וואָס זיי ברענגען דעם מענטשן, שטייען זיי דאָך העכער פון עקאָנאָמישער אָפּשאַצונג. זיי באַקומען, אַזוי אַרום, זייער עקאָנאָמישע באַצאָלונג נישט לויט דער מאָס פון זייער אַרבעט ביים פּראָ־דוצירן מאַטעריעלע ווערטן — ווייל אַזאַ מאָס איז דאָך נישט פאַראַן. פונ־

דאנען — אַט דער פאַקט, וואָס עס זיינען פאַראַן מענטשן, וועלכע ווערן רייך פון אזעלכע ארבעטן נישט פילנדיק דערין קיין פּסול. און דאָ איז פאַראַן נאָך אַ זאַך, וואָס איז מוסיף אַ טעם לפגם: די באַלוינונג פון אַט דידאָזיקע ארבעטן קומט דאָך, בעצם, צוזאַמען מיט זיי אָדער ליגט אין זיי גופא; נאָכ־מער: אמת־זאָגנדיק שטייען זיי נישט אויפן געהעריקן ניוואָ, אויב זייער באַלוינונג ליגט נישט אין זיי גופא. אַ ליד, צום ביישפּיל, וואָס באַצאָלט נישט דעם פאַרפאַסער זיין לוין, וואָס באַצאָלט נישט מיט דער גייסטיקער באַפרי־דיקונג וואָס ער פאַרשאַפט אים, קען נישט זיין קיין געניאַל ליד. דאָס־זעלבע גילט אויך בנוגע אַ דאָקטאָר אויב זיין ארבעט פאַרשאַפט אים נישט אַ גייסטיקע באַפרידיקונג לויטן ווערט פון דער מי וואָס ער לייגט אריין אין איר — דאַרף ער, אמת זאָגנדיק, נישט זיין קיין דאָקטאָר. און דאָסזעלבע גילט אויך בנוגע דעם לערער, דעם שרייבער א. אז. וו. הייסט עס, אז אין דער מאַטעריעלער באַלוינונג פאַר די דאָזיקע ארבעטן איז פאַראַן עפּעס אַ פּגם, אַ פאַרשוועכונג. און נישט אויס בטלנות איז אויפגעקומען אין יידנטום דער געדאַנק, אז דער רבֿ, אָדער מלמד א. אז. וו. דאַרפן באַקומען זייער באַלוינונג אלס שׂכר בטלה.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו ארץ־ישׂראל און צו אונזער ארבעט, צו אונזערע שרייבער און גייסט־מענטשן.

ווי די שרייבער, לערער און אַלע די וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער גייסט־ארבעט בכלל זאָלן זיך נישט באַציען צום ארבעטס־געדאַנק און צו די ארבעטער, — איין זאַך קען מען פאָדערן פון זיי, פון די פאָנען־טרעגער פון גייסט: אַ קלאָרע באַציונג, אָן פאַרטושונג און נעפּלהאַפטיקייט. מער פון אַלץ איז דאָך שעדלעך די האַלבקייט, די פשרה־דיקייט, די נייגונג אַהער און אהין, דאָס אויסדרייען זיך און דאָס פאַרדונקלען מיט אלערליי טליתים, צי מיט אַ גאַנץ בלויען אָדער גאַנץ רויטן טלית.

דערווייל זעען מיר, אז דאָס לעבן אין ארץ־ישׂראל ווערט געשאַפן הויפּטזאַכלעך דורך דער ארבעט. דער דאָזיקער לעבעדיקער פאַקט פאַרפליכ־טעט קודם כל דיעניקע וואָס ארבעטן די גייסט־ארבעט, צו באַציען זיך צו איר מיט דער געהעריקער ערנסטקייט און אויפקלערן זיך אליין וואָס פאָדערט זי, די ארבעט, פון זיי.

פּשוטע מענטשן, וואָס זיינען נישט קיין שרייבער, וואָס זיינען נישט פון דער קאַטעגאָריע גייסט־ארבעטער בכלל, האָבן געטראַכט און דערטראַכט זיך, אז עס איז נישט פאַראַן קיין אנדער וועג צו דער אויפלעבונג פון זיך אַליין און פון פאָלק, אז עס איז נישט פאַראַן קיין אנדער וועג צו אַ מענטש־לעך לעבן בכלל, ווי־נאָר — די ארבעט. האָבן זיי פאַרלאָזן אַלץ וואָס האָט ביי זיי געהייסן ביז דאַן לעבן. זיי זיינען געקומען קיין ארץ ישׂראל און ארבעטן.

איז דען נויטיק דערקלערן, אז דערמיט קומט פאַר א גרינטלעכע רעוואָלוציע אין זייער גאַנצן וועזן? און די שרייבער, די כוהנים פון גייסט, די אויסשפּי־רער פון פאָלק, צי פאַרפליכטעט זיי נישט אָט די דאָזיקע רעוואָלוציע? איינס פון דיביידע: אויב זיי האַלטן, אז דאָס איז נישט דער וועג, אויב זיי האַלטן אז דער וועג איז אַן אַנדערער, איז דאָך זייער פליכט צו וואָרנען פון אָט דעם פאַרפירערישן וועג און אָנווייזן דעם ריכטיקן וועג. און אויב עס איז נישט פאַראַן קיין צווייטער וועג, דאַן גילט דאָך אויך פאַר זיי די פליכט פון דער רעוואָלוציע, אויב נישט קודם־כל און הויפּטזאַכלעך פאַר זיי. נישט שוין־זשע קען אַ מענטש אַרויסרופן אַ רעוואָלוציע אינם גייסט פון אַנדערע, נישט אַרויסרופנדיק פריער, אָדער גלייכצייטיק, אַ רעוואָלוציע אין זיין אייגענעם לעבן?

איך וועל אויך, ווי מיר ווייזט, נישט זינדיקן מיט מיינע רייד אויב איך וועל זאָגן, אז די שרייבער זיינען געבליבן הינטערשטעליק הינטער דעם לעבן, באַזונדערס הינטער דעם לעבן וואָס שאַפט זיך אין ארץ־ישראל.

צוליב דעםליידט סיי די ליטעראַטור און סיי די אַרבעט — דאָס לעבן ליידט. דעם לעבן פעלט געדאַנק און פּאָעזיע, און דער אַרבעט — העכערע באַהויכונג. די אַרבעטער זיינען פאַרטון יעדערער אין זיין ווינקל, אין זיין אַרבעט און לעבן, אינם ליידן און אין די ווייען פון דער אַרבעט און פון לעבן, אין קליינינקייטן, וואָס פון זיי באַשטייט די אַרבעט און דאָס לעבן. און זיי, די אַרבעטער, באַגנוגענען זיך מיט זייער כוח און ריינקייט. אָבער עס איז נישט פאַראַן ווער עס זאָל צונויפזאַמלען אין זייער נשמה די אַלע פונקען, וועלכע שפּריצן אַרויס פון אַלע האַמערס, ווער עס זאָל זיי צוזאַמענגעמען, אַפּרייניקן און צונויפגיסן ביז זיי וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין איין גרויסן פונק פון אַ לעבעדיקן ליכט וואָס באַלייכט די פינסטערניש.

זאָל מען זאָגן וואָס מען וויל — אין ארץ־ישראל, און באַזונדערס אין דער אַרבעטס־ספערע, שאַפט זיך יעדנפאַלס עפּעס. און עס איז פאַראַן אַ געפיל, אז מער ווי עס ווערט געשאַפן פאַקטיש שאַפט זיך פּאָטענציעל, אז עס קען טאַקע זיך שאַפן באמת אַ גאַנצע וועלט. און ווער איז עס אַ ממונה אויף די טרוימען פון לעבן און זייער סוד? ווער, אויב נישט די שרייבער, די דיכ־טער, די גייסט־מענטשן, די וויסנשאַפט, דאָס דענקען, די פּאָעזיע? ווער, אויב נישט זיי זיינען עס באַשטימט אויסצוטראָגן דעם טרוים, זיין־שוואַנגער מיט אים און אויסשטיין זיין שוואַנגערשאַפט און געבורט־ווייען? און פאַרוואָס זענען מיר אַ פאַרקערטן סדר: איינפאַכע מענטשן טרוימען, גיבן אָפּ זייער לעבן פאַר זייער טרוים, — און די אָפיציעלע גייסט־מענטשן, די שרייבער, דיכטער א.אז.וו. שטייען פונדערווייטנס אָדער באַגנוגענען זיך מיט „גייסטי־קע״, לופטיקע טרוימען, וואָס לייגן נישט אַרויף אויף קיינעם אינם

ממשותדיקן לעבן קיין שום פליכטן, קיין שום אחריות און ממשות־דיקע ארבעט.

אָפּט טראַכט איך, אז דוקא די באַזונדערע גרויסקייט פון דער אויפגאַבע פון די שרייבער, דיקטעטר א.אַז.וו. האָט עס גורם געווען, אַז זיי, צוליב דעם וואָס זיי שטייען אויף דער פּלאַך פון דעם וואָס ווערט געשאַפן און נישט אין דער טיף, האָבן נישט אָפּגעשאַצט ווי־געהעריק זייער אויפגאַבע. דער מאָמענט פאַרפּליכטעט זיי צו זיין מער ווי שרייבער אין געוויינלעכן זין, וואָס זיינען מזכה דאָס פאָלק אָדער די מענטשהייט פון זייער אַרבעטס־צימער אַרויס מיט זייער גייסט־פּראָדוקט. אָבער צו דעם צוועק דאַרפן זיי מיטלעבן דאָס לעבן וואָס שאַפט זיך, לעבן אַלץ און מיטן גאַנצן פאַרנעם און טיפקייט, מיט דער גאַנצער טיפקייט פון זייער רייכערן גייסט.

ווי־אַזוי? אויף וועלכן אופן?

אויף דער פראַגע, און אויף ענלעכע, איז נישט פאַראַן קיין גרייטער ענטפער. אויך פאַר דעם איינפאַכן מענטש, וואָס קומט פּשוט אַרבעטן, שטעלט זיין פריערדיק לעבן פראַגעס וואָס ער געפינט נישט פאַר זיי קיין פאַרטיקן ענטפער. דעם ענטפער גיט דאָס עצם לעבן, די עצם שאַפונג וואָס אין לעבן. דידאַזיקע שאַפונג איז אויך די אויפגאַבע פון דיעניקע וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער גייסט־אַרבעט — און אין דעם געגעבענעם פאַל האַנדלט עס זיך וועגן די שרייבער. דערין ליגט, לויט דעם וואָס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן, דער הויפּט־געדאַנק פונעם שרייבער־פאַריין אין ארץ־ישראל. מיט די געמיינזאַמע כוחות פון אַן אָרגאַניזאַציע קען מען דערגרייכן אַ סאַך פון דעם, וואָס א יחיד קען נישט דערגרייכן.

דער אויסדרוק וואָס פעלט

— — — מען זאָגט: דאָס לעבן וואָס געפינט זיך אינם שאַפונגס־פּראָצעס, איז נישט אַן אַנטשפּרעכנדיקער שטאָף פאַר עפּישער שאַפונג. איך בין נישט קיין קינסטלער און איך וועל נישט אורטיילן וועגן דעם אפילו ווי א שילער וואָס שטייט פאַר זיינע לערער. אָבער איך קום דאָך צו דער פראַגע נישט פונעם שטאַנדפּונקט פון דער קונסט, נאָר פונעם שטאַנדפּונקט פון לעבן. דאָס לעבן שאַפט זיך, איז פול מיט סתירות, א ווירוואַר, א תוהו ובוהו תוך כדי שאַפונג. קליינע ליכט־פּונקטן אין א גרויסער פינצטערניש, טראָפּנס פון לעבן אין א ים פון טעמפּקייט מיט נישט ווייניק פּוילעניש. עס איז נישט פאַראַן קיין שוווּנג, קיין בליק וואָס נעמט אַרום וועלטן, אַזוי, אַז צייטנ־

ווייז ווייסטו אפילו נישט, צי עס שאפט זיך דא עפעס אדער צי עס פוילט עפעס. אָבער צי דו ווייסט עס צי נישט — געפינסטו זיך אָבער אין אָט דעם תוהו ובוהו ווי א טייל פון אים! קענסט זיך נישט זען פון דער זייט, ווי א מין העכערער שופט וואס טראגט ארויס זיין אורטייל, צום גוטן אדער צום בייזן. דו פילסט, אז יעדן מאָמענט ווערסטו געמשפט, אז מיט יעדער טאט דיינער און מיט יעדער האנט־באוועגונג, מיט דיין געדאנק, מיט דיין נשמה, מיט יע־דער לעבנס־כוואליע וואס דו לעבסט, — טראגסטו ארויס דיין אייגענעם אור־טייל, צו אויפלעבונג אדער צום אומקום. דו פילסט אזוי־ווי אויך די פאראַ־נענע כוחות וואלטן געמוזט דא דורכמאכן א גאנצע רעוואלוציע און זיך פאר־וואנדלען אין גאָר אנדערע כוחות, אזוי־ווי, למשל, דאָס תבואה־קערנדל וואָס ווערט פארפוילט אין דער מאָס וואס עס וואַקסט. מען דארף זיך גוט צוקוקן, פארשטיין, זיך פארטיפן, — נישט מיט א שכלדיק פארשטיין און פארטיפן זיך, נאר מיט א נשמה׳דיקן, א פּאָעטישן, כ׳וואלט געזאגט: א רעליזיעזן, אדער אפשר: א קאסמישן. דאס לעבן שאפט זיך — און עס פאדערט אן אויסדרוק, נישט קיין לירישן אויסדרוק פון השתפכות הנפש, אָדער נישט נאר קיין לירישן אויסדרוק — נאר און הויפטזאכלעך אן אויסדרוק פון גייסטיקער קאָנצענטרירונג.

און איצט קומט די פראגע: צי זיינען די שרייבער פארפליכטעט צו באטייליקן זיך אין דער שאפונג צוזאמען מיט די ארבעטער און שעפער, דערגענצן די שאפונג פון לעבן דורך געפינען אן אויסדרוק אין דער וויזיע, צו דעם וואָס דיעניקע האָבן געפונען אן אויסדרוק אין דער טאט, כדי די שאפונג פון לעבן זאָל זיין איין גאנצע שאפונג, — אָדער נישט? און מיר האָבן נישט קיין שום באווייז דערויף, אז דערדאָזיקער אויסדרוק מוז דוקא אָננעמען די פאָרם פון א דערציילונג. ווער ווייסט? אפשר וועט עס זיין א לחלוטין נייע פארם? אפשר עפעס א פארם וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען?

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אויף א מאָמענט א שרייבער מיט א גאָר גרויסער אריגינעלער שאפונגס־פעאיקייט (און אזעלכע שרייבער זיינען דאך פאראן אין לאנד, און מעג זיין זייער צאל צוויי דריי, זאל זיין מער אדער ווייניקער), וואס האט זיך אינגאנצן געווידמעט דעם לאנד, אט אזוי־ווי עס ווידמען זיך אינגאנצן די טרייע ארבעטער וועלכע האלטן אויס אויף זייערע פאָזיציעס. ער זעט נישט פאר זיך קיין אנדער לאנד, קיין אנדער לעבן, קיין אנדער וועלט, — אדער דאס אלץ עקזיסטירט פאר אים נאר אויף אזויפיל, אויף וויפל עס איז פארבונדן מיט ארץ־ישראל. דאָ איז דער צענ־טער פון זיין „איך”, דא איז דער קוואל פון זיין לעבן, דא הויבט זיך אן זיין לעבן. דאָ איז ער ווי א ניי־געבוירן קינד, וואָס הויבט אלץ אָן צו לעבן

פונדאסניי, פון דעם זיך־שאפענדיקן לעבן, פון זיין זיך־באנייענדיקער אייגנ־ארטיקייט, פון אט דעם תוהו ובוהו, וואס ער מיט זיין גאנצער אייגנארטי־קייט איז א טייל פון אים. דער מענטש, דאס פאלק, דער יחיד, דאס לעבן, די וועלט, — אלץ איז דא איין פארמלאזער אור־שטאף. אלץ ווערט געשאפן ווי א ניי שאפונג, דערונטער אויך — דער גייסט פון שעפער, דער שאפונגס־גייסט פונם שרייבער. איז עס מעגלעך, קען מען זיך פארשטעלן, אז ער זאל נישט געפינען קיין אויסדרוק פאר אָט דעם אלעם וואָס איז זיין גאַנץ וועזן, זיין גאנץ לעבן, זיין גאנצע לעבנס־שאפונג? עס איז אפשר מער ווארשיינלעכער, אז ער זאָל יאָ געפינען, אז ער זאָל יאָ שאפן א נייעם אויסדרוק, א נייע אויסדרוקס־פארם, א פארם וואס אנטשפרעכט דעם זיך־שאפענדיקן לעבן, און אפשר — ווער ווייסט? — וואס אנטשפרעכט אפשר מער דעם יידישן גייסט בכלל, דעם פאלקס־גייסט, וואס זינט ער איז געשאפן געווארן האט ער נישט געזען קיין שום בילד, — ווייל זיינע אויגן האבן געזען לעבע־דיקע געטלעכע וויזיעס!

אומגעהויער ברייט און טיף איז די אויפגאבע פון אונזערע שרייבער אין אונזער נאציאָנאלער דערוואכונג. די פאדערונגען וואס דאס לעבן שטעלט צו זיי, קענען געמאָסטן ווערן נאָר מיט דער מאָס פון דער פאראַנטוואָרטלעכ־קייט וואָס ליגט אויף זיי, אויף אונזערע שרייבער און זעלבסטפארשטענדלעך מיט דער מאס וואס זיי נעמען אויף זיך דידאזיקע פאראנטווארטלעכקייט.

ביי א לעבעדיק פאָלק, וואָס איז פארוואָרצלט אין זיין לאנד, וואָס וואקסט אויף זיין נאַטירלעכן באדן, וואס לעבט זיין זעלבסטשטענ־דיק לעבן, — איז דער שרייבער נישט מער ווי א מליץ יושר, א טרייער אויסדרוק פונם פאלקס־גייסט. דער גייסט פון פאלק פארמאגט שטארקעווארצלען אין אלע לעבנס־רוימען און טיפענישן, און גענוג כוח זיך צו דער־נערן, צו לעבן און זיך אויסהאלטן דאס גאנצע לעבן אויפן באדן.

ביי אונז אבער, וואס אלע פארבינדונגען וועלכע פארבינדן דאס פאלק אין איין אָרגאנישן נאציאָנאלן קערפער, שטיצן זיך אויף יחידים, — זיינען די שרייבער די צומיינסט־לעבעדיקע, טיפע און רייכע יחידים; זיי זיינען נישט נאר די מליצים פונם פאלקס־גייסט, און נישט נאר זיין אויסדרוק, נאר אויך די הויפט־טרעגער פונם פאלקס־גייסט, די הויפט־פאראנטווארטלעכע פארן פאלקס־גייסט, וואס צוזאמען מיט זיי אדער הינטער זיי וועלן קומען אלע אנדערע פאראנטווארטלעכע יחידים, — און אפשר איז עס ריכטיקער צו זאגן: די הויפט־שעפער פונם פאלקס־גייסט.

ה. בריוו פון ארץ ישראל

*

מיינע פריינט,

נישט קיין זשורנאליסטישע קאָרעספּאָנדענצן שרייב איך דאָ, נישט קיין טאָג־טעגלעכע ארטיקלען און אויך נישט קיין פּאָעזיע; איך בין נישט קיין פּובליציסט. איך בין א פּשוטער ייד מיט א פּשוט יידיש הארץ און איך וויל שרייבן צו אייך, צו אייך מיינע ברידער און פריינט, אזוי ווי א פּשוטער ייד שרייבט אַ בריוו צו זיין משפּחה און אין משפּחה־אַנגעלעגנהייטן.

אָט אזוי פּשוט וועט אויך זיין מיין ברכה פון ארץ ישראל און פּשוט וועלן זיין די אלע זאכן וואָס איך וועל אייך דאָ דערציילן וועגן ארץ ישראל. קיין שום נסים זיינען נישט פאראן. קיין שום „פּלאי פּלאים!" א לאנד ווי אלע לענדער איז אונזער לאנד און אלץ אין איר איז פּשוט, איינגעהילט אין וואָכעדיקייט ממש ווי אויף דער גאנצער וועלט. אלע קליינלעכקייטן, — און אויב איר ווילט אפילו נידריקייטן וועלכע זיינען פאראן אין יעדן אָרט, וועט איר אויך געפינען דאָ. דער טומל, די געפּילדעריי, די קינסטלעכע פייער־פאַקעלן וועלכע פעלן נישט, ברוך השם, אויך אין ארץ ישראל, קענען עפּעס גאָרנישט געבן דער טרייער נשמה — אויסער צער און באליידיקונג.

אויב אָבער איר ווענדעט זיך צו ארץ ישראל מיט א דורכאויס אָפן און אויפריכטיק הארץ, מיט א הארץ וואָס פילט אלע שאפונג־ווייען, טראָצ־דעם וואָס זיי דריקן זיך אָפּט אויס אין נישט קיין שיינע גרימאַסן און אין נישט קיין לויטער־צאַרטע שטימען, — דאן זייט זיכער: אייער צוטרוי וועט נישט אנטוישט ווערן. ווייל דאָס איז דאָך טאַקע די גאַנצע מעלה וואָס ארץ־ישראל פאַרמאָגט פאר אונז, וואָס דאָ געפינען מיר זיך דאָך תמיד אין אונזער אייגענעם רשות, מיר האָבן נישט אויף וועמען זיך פארלאָזן, אין אונזער וועזן און לעבן, סיי ווען מיר פילן עס און סיי ווען נישט. דאָ געהערט אלץ אונז און איז אונזערס: די מעלות און די חסרונות, די פרייד און דיליידן. כלערליי מינים צרות פון אלערליי ניואנסן מיט זייערע

פירושים און פירושים צו פירושים, שטייט איר אויס אין אלע לענדער ווי איר זייט צעשפרייט, נישט וויניקער ווי מיר דאָ, אבער אייערע צרות — זיי האָבן נישט קיין זין און צוועק. דאָ, אין ארץ־ישראל, ווי ביטער, גיפטיק און וויסט עס זאָלן נישט זיין די יסורים, — דאָך אנטהאלטן זיי תמיד אַ זין און אַ צוועק. קיין קלאַפּ וואָס מיר באקומען דאָ גייט נישט פארלוירן, קיין ווייטאָק גייט נישט פארביי אומזיסט. און אַוודאי און אַוודאי גייט נישט פארלוירן יעדער פייער־פונק אָדער מעלאָדיע־קלאַנג. אַ מענטש, וואָס לעבט אין ארץ־ישראל, וואָס האָט דאָ עפּעס אויפגעטון, וואָס האָט דאָ געליטן פאר עפּעס א זאך, — אויב ער וועט אפילו דערנאָך ווערן, חלילה, א יורד, אויב ער וועט פאלאָזן דאָס לאַנד, אויב זיין ווערק וועט נישט צייטיקן קיין פרוכט — זיין גייסט־וויזיע, ליידן וואָס ער האָט געליטן, זיין מסירות־נפש, וועלן פאַרבלייבן.

די עקזיסטענץ פון אָט די זאכן פילן באזונדערס די ארבעטנדע מענטשן דאָ; די מענטשן וועלכע געפינען זיך דאָ אין איין ארבעטס־ווארשטאט, ביי איין ארבעט אויג־אויף־אויג און הארץ קעגנאיבער הארץ מיט דער נאטור פון לאנד; אָט די נאטור וואָס שיינט מיט א מין קעניגלעכן חסד, אָן אָפּנהערציקע און קלאָרע, וואָס פאַרטיפט זיך אין זיך מיט אַ נביאישער פארטיפקייט; די וואָס ארבעטן אין פשטות, אָן איבעריקע חכמות, — און אָפט איז די ארבעט שווער און אָנגעלאָדן מיט וואָכעדיקייט, אָבער גלייכצייטיק דרינגט אָפט דורך דיין נשמה עפּעס אַ געפיל פון וועלט־גרויסקייט, פון הימלען־ריינקייט. אַן אָפּגרונט־טיפקייט דרינגט דיך דורך און אָפט שיינט עס דיר, אז אָט שלאָגסט־דו אויך וואָרצלען אינעם באָדן וואָס דו גראָבסט אין אים, אז אויך דו, ווי אלץ דאָס וואָס וואַקסט ארום דיר, שפּייזט זיך מיטן ליכט פון די זון־שטראלן, מיטן הימלען־שפּייז; אז אויך דו לעבסט א געמיינזאם לעבן מיטן גאָר קלענסטן גרעזעלע, מיט אַ־יעדן בלום און אַ־יעדן בוים; דו לעבסט טיף אין די טיפענישן פון דער נאַטור, דערהויבסט זיך פון זיי ארויס און וואקסט הויך אין די ווייטע און ברייטע רוימען פון דער גרויסער וועלט.

און ווען עס קומען אָן שווערע מאָמענטן — און זיי קומען גאנץ אָפט — און נישט ־פאָרויסגעזעענע, ביטערע און טעמפּע קלעפּ פונדרויסן, און נאָכמער פונאינעווייניק, לאָזן זיך אַראָפּ אויף דיר; קלעפּ וואָס פאר־דונקעלען דאָס ליכט פון דיינע אויגן, מאַכן פּוסט און וויסט דיין נשמה און צעטומלען דיך אינגאנצן, — דאן דערמאָנסטו זיך די אלטע לעגענדע, און דו טראכסט זיך, אז דאָס אלץ האָט עס דיר פארשאפט דער מלאך וואָס איז ממונה אויף דער שאפונג; ער שטייט עס איבער דיר און קלאפּט אויף דיין קאָפּ און שרייט דיר צו: „וואַקס!“

און ווידער: דאָס לעבן באַוועגט זיך אויף זיין געוויינטלעכן שטייגער. די וואָכעדיקע טעג זיינען לענגער פונם שבתדיקן טאָג; די ווייען פון יעדער שאַפונג וואָס זיינען אומדערטרעגלעך; די האַנט פון גלות וואָס דריקט אויף אונז, זי קוועטשט און שטיקט אונז פונאַינעווייניק, דאָרט ווו זי דערגרייכט אונז נישט פונדרויסן. קליינע סוחרים זיינען מיר. קליינע מעקלערס, וואָס דרייען זיך אַרום די טויערן פון קליינע בערזעס. פון גלות האָבן מיר אַראָפּגעבראַכט אַהער דעם פּאַראַזיטיזם אַזוי ווי ער שטייט און גייט — אין זיין גאַנצקייט, כוח און מעכטיקייט — און מיר זייען אים דאָ און ער וואַקסט אפילו אָן אַ רעגן, וואַקסט און בליט און צייטיקט זיינע פּרוכטן.

נאָר איין טרייסט האָבן מיר: — דאָס וואָס מיר שטייען פעלזן־פעסט און וואָס מיר זיינען מסוגל צו שטיין פעלזן־פעסט. אונזער טרייסט איז, וואָס מיר פילן אונזערע ווייטאָגן, פילן זיי ביז צום גרונט. מיר זיינען געגליכן צו אַ פרוי וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען אַן עקרה — טראָגט אַלע אירע תפילות צו גאָט — און פלוצים האָט זי דערפילט אַז זי שוואַנגערט. יעדער ווייטאָג וואָס זי פילט דערפרייט זי, און זי האָט נאָר איין חשש, טאָמער איז עס נישט דער ריכטיקער ווייטאָג, טאָמער איז עס נישט י ע נ ע ר ווייטאָג. אין גלות האָבן מיר נישט געפילט אַזעלכע ווייטאָגן. שאַפונגס־ווייען זיינען עס, און זיי גיבן עס אונז דעם מוט, זיי פליסן איין אין אונז די האָפנונג, אַז מיר וועלן אַלץ גובר זיין.

אין אַן אַנדערער צייט וואָלט אפשר מיין ברכה געווען פולער, אויסגעשפּראָכענער, שענער און וואַרעמער. קיין שום איינצלהייטן האָב איך אייך נישט דערציילט. קיין שום בילד האָב איך נישט געשילדערט. מיין כוונה איז דאַסמאָל נישט געווען צו דערוועקן ביי אייך אַן אינטערעס פאַר ארץ ישראל. בכלל וואָלט עס אויסגעזען זייער נעבעכדיק, ווען איך וואָלט איצט געדאַרפט אייך פאַראינטערעסירן. פאַראינטערעסירן — דאָס מיינט דאָך, נישט דערווערבן דעם גאַנצן מענטש, דעם גוף מיט דער נשמה צוזאַמען. אָבער ארץ ישראל פאָדערט פון אייך דעם גוף מיט דער נשמה צוזאַמען, אָדער גאָר נישט. איר זייט דאָך יידן, יידן אַזעלכע ווי מיר, וואָס מיר וווינען אין ארץ־ישראל. און מיין כוונה איז ציען אייער אויפמערקזאַמקייט נישט אויף דעם וואָס איר זייט פאַרפליכטעט, אָדער וואָס איר קענט טון פאַר ארץ־ישראל — נאָר, הויפּטזאַכלעך, אויף דעם וואָס ארץ־ישראל קען טון פאַר אייך.

נאָכמער: כ'וואָלט וועלן איר זאָלט וויסן, אַז ארץ ישראל איז אימשטאַנד געבן אייך אַ סאַך מער ווי איר זייט אימשטאַנד איר געבן. ווייל

נאָר ווען ארץ ישראל הויבט אָן אייך עפּעס געבן, עפּעס וואָס אנטהאלט אַ גרויסן ווערט; נאָר ווען איר קומט זוכן עפּעס אין איר, אָט יענעם עפּעס, וואָס דער ייד קען נישט געפינען אין קיין שום אָרט, — נאָר פון דעם מאָמענט אָן זייט אויך איר פעאיק עפּעס טון פאר ארץ ישראל, עפּעס־וואָס פון לעבנסוועזנטלעכער וויכטיקייט. נעבעכדיק און מינדערווערטיק וועט עס זיין סיי פאר אייך און סיי פאר ארץ ישראל, אויב איר וועט דעם לאנד נאָר געבן און איר וועט גאָרנישט נעמען פון אים. נישט סתם א קבצנטע איז ארץ־ישראל, וואָס שטרעקט אויס איר האַנט נאָך אַ נדבה. מיט אַ ברייטע און פרייגיביקע האנט דאנקט זי אפּ דעמיעניקן, וואָס ברענגט איר א אויפ־ריכטיקע מתנה און אויפן געהעריקן אופן.

זינט א צייט איז שוין רייף געוואָרן די באדערפניש, א טראכט־צו־טון וועגן דער נויטיקייט צו שאפן א לעבעדיקע פארבינדונג צווישן די יידן פון ארץ־ישראל און די יידן פון די איבעריקע לענדער. איצטער האָט דאָס לעבן אליין געשטעלט דעם ענין אויף דער טאָג־אָרדנונג. דערווייל איז עס דאָך די איינציקע זאך, וואָס מיר קענען אָפּראטעווען פון אונזער איצטיקן נאציאָנאלן חורבן. און אט דאָס איז עס, בעצם, וואָס האָט מיר געבראכט זיך צו ווענדן צו אייך היינט מיט אַ בריוו. אָבער אָט־דאָס פאָ־דערט, מען זאָל אים ווידמען אַ באזונדערן בריוו. און דערווייל, נעמט זיך־אָן מיט בטחון, מיט גייסט־שטארקונג און ארבעט. אָט אין די דריי זאכן נויטיקן מיר זיך היינט אלע, סיי מיר און סיי איר.

*

מיינע פריינט,

איצט קער איך מיך אום צו אונזער ענין וואָס דארף שטיין אין צענטער פון אונזער לעבן — צו אונזער פאָלק.

יעדער מענטש וואָס איז א זון פון א לעבעדיק פאָלק, וואָלט זיך אפשר געקענט דערלויבן אזא לוקסוס אָדער משוגעת, ווי: צו־זיין א קאָס־מאָפּאָליט, אנטי־נאציאָנאל, אָדער נאציאָנאל בתנאי. א מענטש וואָס איז אַ זון פון א לעבעדיק פאָלק וועט עס לחלוטין נישט שאָדן. דורך זיין עצם וועזן, נשמה און לעבנס־וועג וועט ער אויך ווייטער זיין איבערגעגעבן זיין פאָלק — איבערגעגעבן מיט זיין נשמה און מיט זיין גאנצער טעטיקייט און קרעפטן. אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן אָטעמט ער געגנוג זיין נאציאָנאלע לופט. און דאָס לאָזט אים נישט שטארבן אין נאציאָנאלער הינזיכט, און

פֿאַרבינדעט אים מיט אַ לעבעדיקער פֿאַרבינדונג צו דער נשמה פֿון זיין פֿאָלק. ער שעפּט די נאַציאָנאַלע לופֿט פֿון דעם ברייטן רוים פֿון זיין לאַנד, פֿון די קלאַנגען פֿון זיין שפּראַך, פֿון אַלע לעבנס־באַציונגען און זיטן. זיין אָנטייל אין דער נאַציאָנאַלער אַרבעט פֿון זיין פֿאָלק, זיין איבערגעגעבנקייט צו אָט דער אַרבעט וועט גאָרנישט נישט פֿאַרלירן דורך זיינע קאָסמאָפּאָליטישע אַנשויונגען, ווייל יעדע אַרבעט זיינע צוגונסטן דער מענטשהייט איז דאָך בעצם אַן אַרבעט לטובת זיין פֿאָלק, און אין די לעבנס־גרענעצן פֿון זיין פֿאָלק.

און מיר? וואָס איז די זאַך וואָס האַלט אונדז אויף און לאָזט אונדז נישט שטאַרבן אין נאַציאָנאַלן הינזיכט? ווו שוועבט אונדזער נאַציאָנאַלע לופֿט? וועמען דינען מיר, ווען מיר אַרבעטן לטובת דער מענטשהייט? וואָס פֿאַרבינדעט אונדז איינער צום צווייטן?

אַמאָל, אין די פֿאַרגאַנגענע דורות, האָבן מיר נאָך פֿאַרמאָגט מער ווייניקער אַ נאַציאָנאַלע אַטמאָספֿער, אין ראַמען פֿונם רעליגיעזן לעבן, וואָס אין אים האָט זיך דאַן באַגרענעצט אונדזער גאַנצער גייסטיקער לעבן. אָבער אַצינדער? וואָס האַלט אונדז אויף הייַנט ביים לעבן? וואָס האַלט אונדז אויף היינט אין דער וועלט אַלס אַ באַזונדער און אָפּגעזונדערט נאַציאָנאַל קערפּער?

מיר דאַרפֿן טאַקי וויסן און קענען אונדזער אָרט אין דער וועלט. לאָמיר האָבן כאָטש מוט צו זאָגן זיך אַליין דעם ריינעם אמת: אויב נישט אַ פֿולן און דורכויסיקן נאַציאָנאַליזם, וויפֿל די נשמה קען נאָר פֿאַרנעמען, איז שוין בעסער אַ פֿולע און אַבסאָלוטע אַסימילאַציע; אויב דער נאַציאָנאַלער אידעאַל איז נישט דער דערהויבענסטער פֿון אַלע אידעאַלן, וואָס אַלע איבעריקע פּאַרטייִשע און אומפּאַרטייִשע אידעאַלן דאַרפֿן פֿאַר אים אָפּטרעטן, און אויב ער פֿאַרפּליכטעט אונדז נישט זיך ווידמען אים מיטן גוף און נשמה, — דאַן איז שוין בעסער, אַז איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל זאָל נעמען דערצו אַ סוף, און עס איז שוין געוווּנטשענער, אַז מיר זאָלן זיך צונויפֿמישן מיט די פֿעלקער צווישן וועלכע מיר זיינען צעזייט און צעשפּרייט.

ווייל עס דאַרף דאָך אונדז זיין קלאָר, אַז אויב מיר ווילן זיך נישט פֿאַרזיכערן פֿון פֿאָרויס, וועט די אַסימילאַציע קומען במילא, אין רעזולטאַט פֿון דער ירידה פֿון דער רעליגיע אין אונדזער צייט, און באַזונדערס אויב די לאַגע פֿון די יידן אין די גלות־לענדער זאָל זיך באמת פֿאַרבעסערן. אָבער אויב מיר קענען זיך נישט אָפּזאָגן פֿון נאַציאָנאַליזם, דאַן זאָל עס שוין זיין אַ דורכויס פֿולער און גאַנצער נאַציאָנאַליזם. ווייל דאָס איז דאָך דאָס לעצט־איינציקע וואָס האַלט אונדז אויף ביים לעבן אַלס פֿאָלק.

זאָל אונזער חשבון אונז זיין קלאָר. מיר טאָרן נישט פירן א גייסטיק לעבן אָן חשבון. מיר טאָרן נישט לעבן א לעבן סתם, אָן אַ ציל און וויסן. ווי די אנדערע פעלקער זיך לאָזן טראָגן מיט פארשידענע שטראָמען און ווינטן. ווייל דידאָזיקע ווינטן און שטראָמען זיינען נישט אונזערע, זיי זיינען נישט אנטשטאנען פון אונזער לעבן ארויס און זיי זיינען נאָר עלול אונז מיט־שלעפן, — אזוי־ווי זיי האָבן שוין טאקע מיטגעשלעפט אַ סך פון אונז — אַהין פונוואנען מען קערט זיך שוין מער נישט אום.

אויך אינם גייסטיקן לעבן, אזוי ווי אינם מאטעריעלן לעבן, טאָרז מיר נישט לעבן אָן מאטערנישן און זאָרגן. אויב מיר ווילן עֶקזיסטירן אויף דער וועלט אלס פאָלק; אויב יעדער איינער פון אונז וויל אלס פרט לעבן א פולווערטיק מענטשלעך לעבן — מוזן מיר פירן אונזער לעבן לויט אַ קלאָרן חשבון. און ווייל אונזער לעבן געפינט זיך נאָך אין אָנפאנג פון זיין שאפן־זיך, פאָדערט עס דעם גאנצן מענטש. אָן דעם, אָן אַ דורכויסיקער אויפאָפּפערונג פון קערפער און נשמה גלייכצייטיק, איז נישט מעגלעך קיין שום שאפונג.

נאָכמער: יעדער איינער פון אונז דארף ארייגבליקן אין די טיפענישן פון זיין אייגענעם „איך״ און זיך קלאָר מאכן, אז זיין גאנצע זאָרג פאר׳ן קיום פון זיין נאַציאָנאַלע נשמה איז נישט מער ווי אַ זאָרג פאַר דער גאנצ־קייט פון זיין אייגענער נשמה, פאר דער פארטיפונג פון איר לעבן.

און צו מער פון דעם זיינען מיר, אין איצטיקן מאָמענט, נישט מתפלל. זאָל יעדער איינער צווישן אונז, יעדער ייד, זאָרגן פאר זיך אליין, פאר זיין אייגענער גייסטיקער צורה, און דאן וועלן מיר ווי־עס־איז שוין געפינען א וועג צו פארייניקונג. די זאָרג פון יעדן יחיד פאר זיך אליין איז אַן אנדער זאָרג. זי איז דורכגעדרונגען מיט רוהיקייט; זי איז טיפער, מוטיקער און קלאָרער. דאָ איז נישט פאראן קיין אָרט פאר חלוקי־דעות, דאָ זעט יעדער איינער פאר זיך דעם גאנצן בנין פון אלע זיינע זייטן ביז אין זיינע גרונט־טיפענישן; דאָ וועט ער תיכף דערזען, אז זיין אייגענע נשמה איז צעריסן — און דעריבער זיינען מיר אלע אזוי צעריסן און אָפּגעריסן איינער פונם צווייטן. עס וועט אים קלאָר ווערן, אז דער אָנהויב פונם נאַציאָנאַלן ריס זיינען עס די נשמה־ריסן פון יעדן איינעם און איינעם צווישן אונז.

איז זאָל־זשע קומען יעדער איינער און פארהיילן זיינע גייסט־ריסן, און איינפירן פרידן אין זיין אייגענער נשמה, — און דאן וועט זיך שוין במילא שאפן אַ געוויסער וועג אויף איינצופירן קעגנזייטיקן פרידן אויך צווישן אונז אלע. זאָל יעדער איינער פון אונז גיין אהין וווּ עס וועט אים פירן זיין פערזענלעכער „איך״, וואָס איז נישט פארקנעכטעט צו פרעמדע תורות,

צו פרעמדע שטרעמונגען און ווינטן. און דאַן וועלן מיר סוף סוף דערגיין, מיט פאַרשידענע וועגן, און געפינען אונזער אמתע נאַציאָנאַלע נשמה, אונזער לויטערן נאַציאָנאַלן „איך". אַלע ליניעס וואָס ציען זיך פון אַ וועלכן־עס־איז פונקט אויפן אויבערפלאַך פון אַ קויל, און וואָס גייען אין דער ריכ־טונג פון זיינע טיפעניש, מוזן זיך צוזאַמענטרעפן אין איין צענטראַלן פונקט. „דאָס פּינטעלע" — פלעגן די יידן פון אַמאָליקן דור זאָגן — „דאָס פּינטעלע איז דער עיקר". און דאָס איז כּלל נישט אַזאַ נאַריש וואָרט, ווי אַ סך צווישן אונז האַלטן היינט פאַר זייער פליכט צו טראַכטן. אויב מיר וועלן זיך אַ ביסל פאַרטיפן אין דעמדאָזיקן אויסדרוק, וועלן מיר געפינען אין אים אַ טיפן אינהאַלט.

דאָס אַלץ און נאָכמער דערפון לאָזט אונז הערן דאָס לעבן. עס איז די שטים פון אונזער פאַרגאָסן בלוט וואָס רעדט צו אונז.

וואָס קענען די יידן אין די גלות־לענדער טון פאַר ארץ ישראל? וואָס קען ארץ־ישראל געבן די גלות־לענדער? די ערשטע מתּנה, און אפשר די וויכטיקסטע — איז דאָס דורכדרינגען די נשמה מיטן באַוווסטזיין, אַז מיר לעבן, אַז מיר שאַפן אונזער לעבן, אַז מיר בילדן עפּעס אַווירקלעכקייט, אַז מיר זיינען פּעאיק צו טאָט. מיר האָבן דאָך שוין פאַרלוירן דעם טעם פון אמתדיקן לעבן.

נאָר דאָ הויבן מיר אָן פונדאַסניי פילן דעם באַדייט פון אַ נאַציאָנאַל עקאָנאָמישער אַרבעט. די אַרבעט דאָ הויבט זיך אָן צו פאַרבינדן, נישט־זעבאַר, אָרגאַניש, מיטן באָדן, מיט דער שפּראַך (נישט אומזיסט געהערן עס די היגע אַרבעטער צווישן די וועלכע באַלעבן צום־אייפריקסטן די שפּראַך), מיט דעם גאַנצן געוועב פון נאַציאָנאַלן לעבן, מיט דער גאַנצער נאַציאָנאַלער פּסיכאָלאָגיע. דאָס אַלץ איז, ווי־באַוווסט, מיקראָסקאָפּיש, און טראָצדעם דוכט זיך מיר, אַז איך וועל נישט זינדיקן מיט מיינע רייד אויב איך וועל זאָגן, אַז עס איז נישט פאַראַן נאָך אַ לאַנד אויף דער וועלט וואָס זאָל אַזוי פאַרבינדן דעם ייד מיט אַרבעט ווי ארץ ישראל. אויב אַ ייד איז אַ מענטש־מיט־גייסט, אויב ער פאַרמאָגט עפּעס אָן אייגענעם גייסטיקן פאַרמעג און צוזאַמען דערמיט אויך אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן — וועט ער באַשטימט דאָ אַרבעטן. צייטנווייז קומט דיר אויף דער געדאַנק, אַז אַ מענטש דאַרף זיין גייסט־אָרים פון געבורט אָדער אַ יורד, אויב ער קען אַרבעטן און ער וווינט אין ארץ ישראל און דאָך אַרבעט ער נישט.

אָבער נישט נאָר אין הענט נויטיקן מיר זיך דאָ — אונזער תּפילה איז, אַז צוזאַמען מיט די הענט, וואָס זאָלן אַרבעטן מיט אָנשטרענגונג, זאָל אויך פאַראַנען־זיין אַ נשמה, וואָס זאָל לעבן אָן אָנגעשטרענגט, רייך און דערהויבן לעבן; אַז עס זאָל ווירקן אויך דער געדאַנק וואָס זאָל באַלויכטן

מיט א געשטארקט ליכט די גאנצע ארבעטס־פאָרם, דאָס גאנצע אויסזען פון לעבן, די גאנצע ליידן און יסורים. מיר לייגן דעם פונדאמענט פארן בנין פון אונזער באנייט לעבן, און עס איז נויטיק, אז דערדאָזיקער פונדאמענט זאָל געבויט ווערן דורך גרויסע, פעסטע שטיינער. ארץ ישראל פאָדערט פון יידישן פאָלק כוחות, ריזיקע כוחות, רייכע, א גייסטיק רייכטום.

בכלל דארף עס דינען פאר אונז אלס ריכטליניע, ווען מיר טרעטן־צו צו א געוויסער טעטיקייט אין ארץ ישראל, צו טראכטן הויפטזאכלעך וועגן וועבן א געוועב פון א דערהויבן לעבן, און נישט וועגן איבערניצעווען דעם אלטן אויסגענוצטן און אָפּגעבליאקעוועטן שטאָף אויף דער צווייטער זייט. ארץ ישראל איז מער ווי אן אלט יום־טוב־קלייד, מער ווי א גוטער פרנסה־קוואל, ווי א טעכנישע אונטערנעמונג. צו איר דארף מען צוגיין מיטן יענעם מאסשטאב, וואָס האָט זיך אויפגעהיט אין אונזערע אלטע גאולה־טרוימען.

אין דער ריכטיקייט פון אָט דער הנחה קען מען זיך לייכט און קלאָר איבערצייגן, ווען מיר וועלן זיך צוקוקן צו דעם וואָס איז דאָ געשאפן געוואָרן מיט ריזיקע קאפיטאלן און אין קליינינקע מאסשטאבן. אין אלעם — נאָר גלות אָנשטאָט באנייונג. אלץ אין די אויפטואונגען פונם פריערדיקן אויפבוי־ווערק וואָס פארמאָגט אן אמתן ווערט, איז געשאפן דורך מענטשן ווי די ביל״ו־לייט, וואָס פאר זייערע אויגן האָט נאָך געשוועבט דער גרויסער מאסשטאב.

ווער ווייסט?... ווער ווייסט, צי וועלן מיר סוף סוף זיך ארומקוקן ארום אונז און גרינטלעך זען אונזער שוידערלעכן מצב, כדי אָנצוהויבן ווי־געהעריק היילן אונזער צעריסענע נשמה; ווער ווייסט, צי אויך איצט וועלן מיר געפינען א וועג צו דערגיין דערצו, אז מיר זאָלן זיך קעגנזייטיק פארשטיין און פארייניקן אין איין מעכטיקן נאציאָנאלן ווערק — ווער ווייסט?..

זאָגט־זשע, דעריבער, איר, פריינט מיינע, צי האָב איך טאקי געפונען דעם ריכטיקן אדרעס זיך ווענדנדיק צו אייך?...

*

מיין פריינט,

קרוב אַכט יאָר זיינען פארביי זינט איך האָב דיר געשריבן דעם ערשטן מאָל פון יהודה. און אָט האָב איך מיך ווידער דערמאָנט אָן דיר און עס איז נישט קיין צופאל, וואָס איך שרייב דיר פון גליל; איך בין מיך

מודה פאר דיר, אז איך שרייב דאָסמאָל נישט אזוי צוליב דיר ווי צוליב זיך אליין. אין דעם מאָמענט פיל איך דערין א גייסטיק באדערפניש.

צוליב עפעס א פארלויף פון באזונדערע סיבות בין איך אויך דאָס־מאָל, קומענדיק אין גליל אריין, געווען אין א שווערן גייסטיקן צושטאַנד, כמעט ווי דאַן ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען אין יהודה, דהיינו, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געקומען פון גלות קיין ארץ ישראל.

איך וועל מיך נישט אָפּשטעלן דאָ אויף אלע דירעקטע סיבות, וועלכע האָבן מיך געבראכט אין א שווערן גייסטיקן מצב. אבער וואָס עס איז נישט פאראן אין מיר, האלט איך פאר בויטיק דיר זאָגן תיכף און אין פאָרויס, — אז נישט דער מצב פון אונזער ארבעט אין ארץ ישראל האָט מיך געבראכט צו אָט דעם גייסטיקן צושטאנד, און אז אין מיין גייסטיקן צושטאנד איז נישט פאראן קיין סימן פון יאוש, פון אָט יענעם יאוש וואָס געוויסע מענטשן ווילן זען אים ווי א סברה, אז אונזער שטרעבונג איז נישט רעאַליזירבאר.

איך וואָלט מיך אליין געהאלטן אונדאנקבאר, ווען איך וואָלט דער־גאנגען דערצו.

ארץ ישראל האָט מיר געגעבן א סאך לעבן, וויפל איך האָב געקענט אויפנעמען, וויפל איך קען לעבן. קלאָר, אז אינעם דאָזיקן לעבן און אין אלעם וואָס עס באציט זיך אויף אים, איז פאראן א סאך באדויערלעכע, שווערע, דעפרימירנדע זאכן. עס איז פאראן... אָבער ביז צו יאוש איז נאָך דער וועג ווייט, ריכטיקער, נישט דאָס איז דער וועג.

בכלל קען מען זאָגן, אז ארץ־ישראל אלס אזעלכע, אין הינזיכט פון אירע גרויסע, תקיפותדיקע און שווערע, פרווו־פולע און לייטערנדע פאָדע־רונגען, איז נישט קיין גינסטיקער באָדן פארן וווקס פון יאוש, און אויב עס זיינען פאראן זייער ווייניקע, וואָס מען דארף באדויערן זייער יאוש — איז דאָך אויך דער צער נישט קיין איבעריקע זאך אין ארץ ישראל.

כ׳וועל מיך אָבער אומקערן צו מיין ענין.

בין איך געקומען אין גליל מיט א זייער שווער געמיט, און איך בין לחלוטין נישט געווען מסוגל אויפצונעמען נייע, דערפרישענדע איינדרוקן. און דו דארפסט וויסן, אז דער גליל איז גאָר א פיינער און ברייט־הארציקער מכניס אורחים: „צעעפן ברייט דיין נשמה — און איך וועל זי פול מאכן!״

עס איז געווען פרילינגס־צייט — איך בין געקומען א צען טאָג פאר פסח — פרילינג אין דער נאטור און פרילינג אין די הערצער. אויך איך האָב מסביר פנים געווען דעם גליל און צעעפנט אים מיין נשמה — אָבער נישט צו מיין גונסטן. דער גרויסער און מעכטיקער שטראָם פון נייע, צעמישטע או מבולבלדיקע איינדרוקן פונם לעבן פון אונזערע ברידער אין

גליל, און פון דער שרעקלעכער פראכט און שיינקייט פון דער נאַטור, וואָס האָט זיך ארייַנגעריסן אין מיין דערדריקטער און דערשטוינטער נשמה, האָט גאָר געדריקט אויף מיין האַרץ ווי אַ שווערע אומדערטרעגלעכע משא.

אזוי זיינען פארביי מיינע ערשטע פאר־יום־טובדיקע און אויך יום־טוב־טעג, אין שפּאצירן, אין צוקוקן־און צוהערן־זיך — מיט אַ נשמה־אויפברויז. איצט, נאָכדעם ווי דער יום־טוב איז פארביי, האָב איך מיך אומגעקערט צו דער רו, דאָס הייסט, צו דער נאַטור. און איך שפּאציר צווישן די בערג און פעלזן און איך בין מיך מתייחד מיט דער נאַטור, מיט אָט דער שיינער באַשאַפונג וואָס הייסט גליל. איך — און זי.

און די נאַטור האָט געטון דאָס איריקע. איך האָב מיך מיט איר מתייחד געווען — און מיין גייסט האָט אויפגעלעבט. אָט יענער גאַנצער ווירוואַר אין מיין נשמה, דער אייביקער און נייער, דאָס אַלץ וואָס האָט אזוי געדריקט אויפן האַרצן, האָט זיך אין איין אויגנבליק פאַרוואַנדלט אין לעבן — אין אַ לעבן וואָס שטראָמט און שטויסט פאָרויס און זוכט אַן אויסוועג. און ווידער האָב איך מיך דערמאָנט אין דיר, מיין ברודער, אין דיך דעם ווייטן־נאָענטן. „דער מענטש האָט גרויסע אויגן", אָדער „דאָס אויג פון מענטש קען נישט זאַט ווערן", — זאָגט דער פאָלקס־משל. ווען דעם מענטשנס האַרץ איז פול איבער זיינע ברעגעס, דוכט זיך אים, אַז ער בויטיקט זיך אין דער גרעסטער דיסטאַנץ. עס דוכט זיך אים, אַז דער גייסט אין זיין האַרצן וועט ארומנעמען אַן עולם ומלואו.

און ווידער האָב איך מיך דערמאָנט, אַז דו געפינסט זיך נאָך אין גלות.

און דו מיין ברודער, זאָלסט נישט מיינען, אַז ביז איצט האָב איך דיך פארגעסן, אַז דו געפינסט זיך נאָך אין גלות — דו און אַלץ וואָס געהערט דיר און מיר. איך צווייפל, צי קען מען פארגעסן די שטים פון ברודער־בלוט וואָס שרייט פון דער ערד ארויס, שרייט אָן אויפהער. אָבער די צייט דאָרט איז געווען אַ שווערע, און שווערע אונזערע גייסט־פרעמדע ווינטן האָבן דאָרט געבלאָזן אין אונזער מחנה, דאָס הייסט אינעם לאַגער, וואָס דו און אַ סאַך אונזעריקע האָבן געהערט צו אים — און אַזוי אַרום האָבן מיר זיך דערווייטערט איינער פון צווייטן.

איצט האָבן זיך געענדערט די צייטן, און מיר צוזאַמען מיט זיי. איצט קענען מיר האָפן אויף מער דערנענטערונג און קעגנזייטיקער פארשטענדניש.

און אַ סאַך האָב איך צו דערציילן דיר, מיין ברודער, דאָס הייסט, איך האָב איבערצוגעבן דיר פון דעם וואָס עס זאָגט אונז דאָס לעבן און די נאַטור און די ארבעט אין ארץ־ישראל. צי וועט עס מיר געלינגען?

אלץ וואס איז אזוי פארשטענדלעך און לעבעדיק אין דער נאַטור און אין דער נשמה, נישט אזוי לייכט קען עס ארויס אויף דער שיין אָן א פגימה, נישט אזוי לייכט קען עס אדורך בשלום פון האַרץ צו האַרץ.

אָט איז די נאַטור — און עס שיינט דיר, אז עס איז אזוי לעבעדיק אין דיין נשמה, און דאָך געלינגט מיר נישט זי צו באשרייבן. און אפשר איז איינס פארבונדן מיטן צווייטן. אָט זיץ איך מיר אַצינד, בעת איך שרייב די דאָזיקע ווערטער, אויפן שפּיץ פון אַ הויכן באַרג, אויף א פעלד־צאָן. מיינע אויגן נעמען אַרום א גרויסן מרחק, און מיין נשמה נעמט ארום א סאַך מער. ארום מיר בערג און בערגלעך, טאָלן און שפּאַלטן, שטיינער און פעלזן פון כלערליי מינים, גרויסן, ניואַנסן. דאָס גרינע פון תבואות און גראָזן, דאס שווארצע פון פאראקערטע פעלדער, דאס ברוינע פון שטיינער און פעלזן, דאס בלויע פון באַרג־שפּיצן איינגעהילט אין נעפּלען — דאס אלץ שפּיגלט זיך אָפּ אין מיינע אויגן טוישנדיק זיך אין דער ריי. עס איז א גרויס פראכטפול בילד. די טיפע, איינגעהאַלטענע און קלאָרע פּנים־שטריכן פון גליל — די פּנים־שטריכן פון אַ ריז, אַ ריז פון קראפט און גייסט. און די דאָזיקע הימלען אויבן, און די דאָזיקע איידל־צאַרטע שטילקייט, אלץ, אלץ — צי עקזיסטירט דאָס אלץ נישט אין מיין נשמה? אָבער, צי זיינען עס נישט, הויפּטזאַכלעך, אַנטפּלעקונגען פון אונזער פאָלקס־נשמה?

זיי אזוי גוט, מיין ברודער, און נעם דעם בעסטן אַלבאָם פון אָט די נאטור־בילדער — אונזער ליבן תנ״ך. איך וועל דיר אנצייכענען אייניקע פונקטן און דו וועסט זען, אז ווי נאָר איך וועל באַרירן איינעם פון די פונקטן — וועל איך דערמיט בארירן איינע פון די סובטעלסטע און פארבאָרגנסטע סטרונעס אין דיין נשמה.

פאַרהעלטניסמעסיק נישט־ווייט פון מיר, רעכטס־צו — ליגט דער באַרג תבור, און ער איז שענער און שטאַלטנער פון אלע בערג, באַדייטנד העכער פון אלע זיינע ברידער, מיט א קיילעכדיק פנים און גראדע און צארטע שטריכן, ענלעך אויף א גבור חיל און „קרוינדל״ פון דער משפחה. און אָט איז לינקס גאַר גאַר ווייט — דער באַרג חרמון, אן אָנגעזעענער און בכבודיקער גרייז, גאַר הויך, באדעקט מיט אייביקן שניי און איינ־געהילט אין כבוד־וואָלקנס, ברייט צעכראַסטעט — דער הויפּט פון די בערג. און פאר מיר, מזרח־צו — די הויכע און מעכטיקע גלעד־בערג, וואָס שטייען ווי אַ מויער אויף דער וואַך פון דער שיינער און צניעותדיקער כּנרת און פון דעם פרוכטבארן און צאַרטן גינוסר־טאָל, וועלכע זיינען צעלייגט ווי א צווילינג, אין רחבות פון קעניגלעכע טעכטער, צופוסנס פונם באַרג אויף וועלכן איך זיץ. און אַלץ אַרום מיר, פונוויטנס און

פונאַנט, אַט די גרויסע משפחה פון בערג און בערגלעך, קליין און גרויס, מיט אויפגעהויבענע, איינגעבויגענע אָדער אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, וואָס פּוז זייערע קנייטשן סטאַרטשען אַרויס דאָ און דאָרט שטעט, דערפער און פערמעס, — אַט די אַלע, הגם מיר קענען זיי נישט אַלע אָנרופן מיט נעמען, צי רעדן זיי נישט ארויס פון אונזער נשמה ווי פאַרגעסענע געפילן אדער ווי פארבאָרגענע, גרויסע געדאנקען — גרויסע, וואָס גייען שווער צו געבורט? אָבער אַט פרישן זיך אָפּ די געפילן, אַט אנטפלעקן זיך די געדאנקען. לינקס פון מיר געפינט זיך מגדל; זי ליגט אויפן רוקן פון א בערגל ווי א קינד אין זיין וויגעלע. נייע כוחות ווימלען דאָרט אין טאָל, לעבן אויף די שטיינער און באפרוכפערן דעם באָדן. און ווער ווייסט, וויפל כוח זיי זייען דאָרט, וויפל האָרץ און נשמה? און ווער ווייסט אונז זאָגן וואָס וועט ארויסוואַקסן פון אַט דער זריעה, וואָס ווערט עס געזייט מיט אזויפיל מי און יעדנפאלס מיט מסירות נפש?

און אַט איז רעכטס פון מיר און אביסל מזרח־צו — מצפה, וואָס איז ערנסט נישט־לויט־אירע־יאָרן, געגליכן צו אַ באַרג־מיידעלע, וואָס האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט צווישן די בערג און האָט זיך צוגעזעצט אָפּרוהען אויפן באַרג־רוקן, מיד און אומעטיק און אירע אויגן זוכן אַ וועג...

כ׳האָב אָנגעצייכנט דיר, מיין ברודער, נאָר איינציקע שטריכן, ווייל אויסערדעם וואָס איך בין נישט קיין מאָלער, פעלט דאָך דאָ אויך א מוזיקאַלישע פעאיקייט. דער געמיש פון ניואַנסן, ליכט און שאָטן, רוים, הימלען־הויך, — אין אַט דעם אלעם, און באַזונדערס און דער שטילקייט, איז דאָך פאַראַן א מין מוזיקאַלישע הארמאָניע. שוין אין מיין ערשטן בריוו האָב איך דיר געשריבן, אז די ארץ ישראל׳דיקע נאַטור מאכט אויף מיר א זעלטן־מאָדנעם איינדרוק. דאס הייסט אַן איינדרוק פון אַ זאַך וואָס דו זעסט אין אים זייער פיל און פארשטייסט אין אים גאָרנישט.

אויך ווען איך בין געקומען אין גליל אריין האָב איך געפילט עפּעס ענלעכעס צו דעם, וואָס איך האָב געפילט קומענדיק דאָס ערשטע מאָל אין ארץ ישראל. דער פּנים פון גליל שיינט מיט א נאָכמער מעכטיקער גבורה, מיט א העכערן און נאָך מער איינגעהאלטענעם צער, מיט א העכערן אויב נישט טיפערן אָבער מער־קאָנצענטרירטן געדאַנק.

אָבער דער־עיקר וואס איך האָב געפילט אינם טאָל פון גינוסר און אינם ירדן־טאָל, צווישן די צוויי בערג־ווענט וואס פון זייערעביידע זייטן, ווו עס געפינט זיך די מערהייט פון ישוב וואָס וווינט אין גליל התחתון — דאס וואס האט מיר א ביסל צעמישט, איז דער שווידערלעכער דרוק, מיט וועלכן דידאָזיקע באַרג־רוקנס האָבן געדריקט אויף מיין נשמה, מיט דער גאנצער משא פון זייער וואָג און מיט דער גאנצער קראפט פון

זייער גבורה. און עס איז געווען א מאָמענט, ווען אין האַרצן האָט זיך מיר אריינגעגנבעט א געדאנק: ווי־אזוי האָט געקענט, אין אָט דעם שרעק־לעכן דרוק, געבוירן ווערן און אויפוואַקסן א גרויסע נשמה פון א פאָלק וואָס האָט באשאפן א גרויסע אומענדלעכע וועלט? ווי־אזוי האָט עס געקענט די מענטשלעכע נשמה, פון אָט־אָ־דעם אָרט ארויס, ארומנעמען אַן עולם ומלואו.

אָבער נישט אומזיסט האָב איך פארבראכט יאָרן אין יהודה. אויך אין יהודה איז געשען מיט מיר דאָסזעלבע — און דאָרט האָב איך באקומען מיין דערציונג.

וואונדערלעך און זעלטזאם איז די נשמה פון מענטש. עס געשעט אָפט, אז זי פארמאָגט איר זעלטזאמע שטרעבונגען, וואָס מען קען נישט פעסטשטעלן. אָפט פעלן איר, צום ביישפיל, טונקעלע, פארטרויערטע און קאלטע ווינטער־טעג, שנייען, פראָסט, אייז, פארפרוירענע ווי־מיט־גלאָז באדעקטע טייכן, טונקעלע שניי־זאוויערוכעס, וואָס ווארפן אַן א פינצטערע אימה און אַ שטילן טרויער ווי דער גורל פון מענטש און זיין צוקונפט.

און עס געשעט אויך, אז עס פארווילט זיך איר אויסצוברייטערן זיך אָן אַ גרענעץ, אויסשטרעקן זיך ביז צו אומענדלעכקייט — אַ רוים גיב איר, א רוים ווי־גרויס און ווייט עס איז דער גרויסער ים, אַ רוים ווי־גרויס און ווייט עס איז דער חלל פון דער וועלט.

און דאָן, די ערשטע טעג נאָך מיין קומען אין ארץ ישראל, איז אין מיר געבוירן געוואָרן אַ מין זעלטזאם געפיל, אָדער א מין מאָדנער געמיש פון צוויי קעגנגעזעצטע געפילן, וואָס עס איז מיר שווער זיי אויסצוטיילן. פון איין זייט האָט מיך ווי דערשראָקן און צעטומלט אָט דער ברייט־ווייטער מרחק, וואָס אויף זיין נאָקעטקייט איז אויסגעגאָסן א מעכטיק ליכט, וואָס דעקט דיר אלץ אויף ביז צום גרונט פון דיינע אויגן מיט אַן אכזריותדיקע קלאָרקייט, ווי ער וואָלט געזאָגט: „נישט פאַראַן קיין פאַרבאָרגענע זאך פון מיינע אויגן!" פון דער צווייטער זייט, דאַקעגן, גראָד וויל מיינע אויגן האָבן געזען ווייט־ווייט, האָט זיך מיין בליק אָנגעשטויסן אין די בערג וואָס קעגנאיבער מיר, וואָס האָבן ווי פארשטעלט דער וועג און נישט געלאָזט גיין ווייטער, ווייטער.

אין אָט דעם צושטאַנד זיינען נישט פארביי קיין סאך טעג, — מיין נשמה האָט זיך אָנגעהויבן בונטעווען קעגן מיר און טראכטן וועגן די מאסשטאבן פון ארץ־ישראל. קליין און ענג איז ארץ־ישראל, אָט דאָרט, הינטער די בערג, איז דאָך שוין כמעט איר גרענעץ, — צו קליין און ענג איז עס פאר אונז!.. און אויב דו ווילסט, למשל, א פרעג טון: וואָס אינטערעסירט דיר דאָס וואָס עס געפינט זיך הינטער די בערג? וועט

זי דיר נישט ענטפערן, זי וועט זיך אָפּזאָגן דערפון און נישט הערן דיך, נאָר זיך באַקלאָגן, שטיל־טרויעריק און נישט געבן קיין רו.

אָבער דאָס וואָס עס האָט נישט באוויזן דער שכל — האָבן באַוויזן דאס לעבן און די נאַטור און די ארבעט. מיט דער מאָס וואָס די הענט האָבן זיך צוגעוואוינט צו ארבעטן און די אויגן און אויערן האָבן זיך אויסגעלערנט זעען און הערן, און דאָס האַרץ פאַרשטיין און באגרייפן וואָס דאָ איז פאַראַן — האָט זיך אויך די נשמה אויסגעלערנט שפּרינגען אויף די בערג און איבער בערגלעך, זיך אויפהויבן און דערהויבן — און זיך צעשפּרייטן צו אַ־איר־אומבאַקאַנטן מרחק, ארומנעמען דאָס גאַנצע לאַנד ארום, די וועלט און אירע באַוווינער, און זעען זיך אליין ארומגענומען אין די אָרעמס פון דער גאַנצער וועלט.

און איצט, קומענדיק אין גליל, האָב איך כמעט דערפילט אַ דערדריי־קנדיק געפיל, עס איז מיר כמעט אויפגעקומען אַ דערדריקנדיקע מחשבה — ווי מיין נשמה וואָלט זיך אויפגעוועקט און זיך דערמוטיקט, און מיט איין שפּרונג איז זי ארויף אויף די בערג. וואָס פאַראַ רוים! וואָס־פאַראַ ווונדערלעכער רוים! וואָס־פאַרא רייכקייט פון בילדער, פאַרמען, ניואַנסן, וואָס־פאַרא עשירות און טיפקייט! וואָס־פאַראַ גייסטיקע נאָענטקייט צו דער ערד און צו די הימלען און צו אלץ וואָס אין זיי!

דאַן האָב איך מיך דערמאָנט, אז אין אָט די מקומות, דרום־צו אין אָט דעם טאָל, איז אליהו הגלעדי אין שטורעם ארויף אין הימל אריין. יאָ, אַנדערש האָט עס נישט געקענט זיין. אליהו האָט געמוזט דאָ ארויף לעבעדיקערהייט אין הימל, און דוקא אין אַ שטורעם; און נאָך האָב איך מיך דערמאָנט: „און אָט שטייט א לייטער אויף דער ערד און זיין שפּיץ גרייכט אין הימל אריין". וואָס זוכן מיר, אויב נישט אַ אָרט פארן לייטער?

און ווען איך קער מיך אום צוריק צו זיך, צו מיינע באַטראַכטונגען און טרוימען, שטיי איך ווידער פאַרגאַפט, הויב איך ווידער אויף מיינע אויגן, הגם דערוויל פונווייטנס, צו די בערג: מאין יבוא עזרי? (פונוואַנען וועט קומען מיין ישועה?).

און ווידער ווענד איך מיין בליק צום גלות, און ווידער קוק איך מיך צו צו דיר, מיין פאָלק ישראל! איך קוק מיך צו און איך פארשטיי נישט, איך קוק מיך צו — און פארשטיי נישט, איך קוק מיך צו — און באגרייפן קען איך נישט: נישט דיין נשמה און נישט מיינע. אָט זע איך דיך צווישן א מאַסע שונאים, צווישן די מעכטיקע און פילע בלוט־שונאים דיינע, וואס באַפאַלן דיך פון אלע זייטן, וואָס רודפן דיך אָן אויפהער, וואָס ווילן אויסגיסן אויף דיר זייער גאַנצן צאָרן, אריינלאָזן אין דיר זייער גאנצן גיפט און שמוץ, אומברענגען דיך.

אָט באַפאַלט דיך מיט כעס און צאָרן א גרויס מעכטיק פאָלק, באַפאַלט דיך ווי א ווילדע חיה, שטעקט אריין אין דיר זיינע נעגל, רייסט, צעקוועטשט, ברעכט, פארומרייניקט דיינע טעכטער, צעשמעטערט דיינע עופה׳לאַך אויפן פעלז, רויבט, ממיתט, רודפט, דריקט. און כדי אָנצופילן דעם בעכער פון זיין רשעות און דערגאַנצן זיין פאַרברעך, וואַרפט ער נאָך ארויף אויף דיר א באשולדיקונג, וואָס יעדעס האַרץ קען צעפּלאַצט ווערן הערנדיק דאָס, און ער טשעפּעט זיך צו דיר זאָגענדיק: דו טרינקסט מענטשן־בלוט. און ער משפט דיך פאַר א זינד, וואָס ער ווייסט גאַנץ גוט, אז נישט דו און נישט דיינע עלטערן האָבן זי פארזינדיקט; פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט משפט ער דיך פאַר אַ שקר, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט פון הארצן מיט בייזוויליקייט און אכזריותדיקער שלאַנגען־גיפטיקייט. און ער ווענדעט אָפּ זיין אויפמערקזאַמקייט פון די שפּאַלטן אין זיינע אייגענע מויערן, פון די חולאתן, וואָס ביי אים אינ־דערהיים, פון די שטערונגען אין זיין אייגענעם לעבן, פון דער אונטער־דריקונג און נויט, ארעמקייט און שפלות אין וועלכע עס געפינען זיך זיינע פּשוטע זין — און נאָר ער קאָנצענטרירט תמיד זיין גאַנצן געדאַנק אויף דעם, דיר צו טון בייז, נאָר אויף דיר זוכט ער אויסריידן, נאָר דיין נאָמען באשמוצט ער, פארשילט, באַשפּייט, באַזידלט און לאַכט אויס.

איך זע א צווייט פאָלק, וואָס אויך ער שמאַכט אין די הענט פון אַנדערע און קען זיך נישט באַפרייען, און אויך דאָסדאָזיקע פאָלק וויל דיך איינשלינגען לעבעדיקערהייט. און ער באַרויבט דיך און ברענט דיינע הייזער, גראָבט אונטער דיין עקזיסטענץ און באַזידלט און באַשמוצט דיך. און ער פאַרגעסט אויף די גרויסע צאָל אייגענע שווערע ווונדן און חולאתן, פאַרגעסט, אז ער דאַרף עפּעס טון כדי זיך אַליין העלפן און ווידער אויפבויען די חורבות פון זיין לעבן — און נאָר דיך רודפט ער, נאָר קעגן דיר זיינען געווענדעט זיינע אינטריגעס, נאָר אין דיר איז ער זיך נוקם פאַר אַלע צרות, וואָס זענען אים באַפאַלן צוליב דער שולד פון זיינע אייגענע שטאָלצע און בייזוויליקע פירער און אָנפירער און צוליב דער רשעות פון זיינע שלעכטע שכנים.

איך זע די אַלע פעלקער, די וואָס שטאָלצירן מיט זייער חכמה און גרויסמוטיקייט, איך זע ווי אַלע האָבן דיך פיינט, טראַכטן נאָר ווי דיר שלעכטס טון, שפּאָרן נישט פון דיר קיין באַליידיקונגען און באַשימ־פּונגען און אויך קלעפּ און רדיפות...

און דו שטייסט איינזאַם אַליין, ווי א טרוקענער בוים אין סטעפּ, איינ־זאַם אויף דער גאַנצער וועלט וואָס גאָט האָט באַשאַפן: קיינער פרעגט זיך נישט וואָס מאַכסטו, קיינער איז נישט אויסן אמתדיק און אויפריכטיק דיין

טובה, קיינער ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך אין דיין נשמה...

איך זע, — און איך פאַל־צו צו דער ערד: אַ ריז ביזסטו, מיין פאָלק ישראל! איינציק ביזסטו אויף דער ערד ווי גאָט אין הימל! סיי דיינע שונאים און פיינט, סיי דיינע קליינע זין, וואָס קערן זיך אום צו דיר מיט זייער רוקן אדער שעמען זיך מיט דיר, זיי אלע זעען נישט דיין גרויסקייט, דיין גבורה, דאָס ליכט פון דיין פנים, דיינע אויגן וועלכע זוכן אן אומענדלעכן רוים און גאַרן צום ליכט פון דער וועלט; זיי זעען נישט, ווי קליין זיי זיינען אליין. קליין ביזסטו אין זייערע אויגן און שוואך, עקלהאפט און שפלדיק. זיי פאַרשטייען נישט און באגרייפן נישט, אַז אַ נישטיקער און שוואכער, אַן עקלהאפטער און שפלדיקער, ווען ער זאָל זיך אפילו פארזינדיקן ווי סדום, וועט דאך נישט ארויסרופן קעגן זיך אזויפיל מעכטיקע שונאים, וואס האלטן אין איין טראכטן ווי אים טון שלעכטס, האבן אים תמיד פיינט און קריצן תמיד מיט די ציין קעגן אים. זיי וואָלטן דאָך מיט איין ריר געקענט פארמיידן, אז ער זאָל נישט טון קיין בייז און אים פארגעסן.

אין אַן אנדער מאָמענט זע איך דיך, מיין פאָלק ישראל, און אָט ביזסטו קליין און נעבעכדיק, הונגעריק און דורשטיק, געשלאָגן און פאר־ווונדעט, קראנק און צעפייניקט. פארשווונדן איז דיין ריזן־גרויסקייט, דאָס ליכט פון דיין פנים, די אויגן וואָס שטרעבן צום רוים און ליכט. אַן אומגליק־לעכער ביזסטו, ביז גאר אומגליקלעך, וואָס האָט נישט קיין גלייכן צו זיין אומגליק, נאָר אן אומגליקלעכער און נישט מער! און דו ליגסט אין זומפּ, און דיינע קליינע זין מאַכן אַ גרויסן טומל און געפילדער ביז צום טויב ווערן.

מען קומט דיך אויפוועקן, פארהיילן דיינע ווונדן און פעלערן, אויפ־הויבן דיך פון דיין געפאַלנקייט — דער אויף אזא אופן און דער אנדערער אויף אן אנדער אופן.

די אייניקע ווילן דיר געבן ברויט צו־זעט און דו ניכטערסט זיך אויס ווי אַ שיכור פון זיין וויין, שטרעקסט אויס די האַנט און רופסט: ברויט, ברויט און אויך פלייש און פיש!

און די אנדערע ווידער טענהן: ניין, אונטער דיין וויינגאָרטן און פייגנבוים, וואָס פרעמדע הענט האָבן געפלאַנצט אינם לאנד פון דיינע אבות, דאָרט וועסטו זיצן און לערנען תורה. — און דיינע ליפּן מורמלען: תורה, תורה...

און אנדערע ווילן דיר אויפבויען א היים אין אַ לאַנד, וואָס נישט דו און נישט דיינע אבות האבן זי געקענט — און דו ביזסט גרייט גיין ווו־א־היין מען וועט דיך פירן. און זיי לערנען דיך ריידן אין זייער שפראך,

וואס זייערע הערשער האָבן זיי אויסגעלערנט, און זיי טענהן, אַז דאס איז דיין שפּראַך — און דו רעדסט און זינגסט ווי זיי. עס איז נישט פאַראַן קיין טאַט וואָס קוקט דיר אויס צו קליין פאַר דיר, קיין וועג — צו שמאָל, קיין לעבן — צו נעבעכדיק, אַז דו זאָלסט נישט שטרעבן צו אים. אַלץ איז קליין און נעבעכדיק, שוואַך און אומגליקלעך, אומגליקלעך, אַלץ איז חורבן...

און איך שטיי וויסט, ערשטוינט, און קוק מיך איין אין דיר, מיין פאָלק ישראל! איך קוק מיך צו — און איך פאַרשטיי נישט, איך קוק מיך צו מיט צעעפנט־צעשראָקענע אויגן — און איך באַגרייף זיך אַליין נישט. נאָך אַ ביסל — און דיין פּנים ווערט אויסזען, אין מיינע אויגן, ווי דער פּנים פון אַ מת, און דו אינגאַנצן — ווי אַ לעבעדיקער מת...

און איך פּלאַץ נישט, איך פאַל נישט צום באָדן, איך וויין נישט, איך באַדויער דיך נישט, מיין פאָלק ישראל! עס איז נישטאָ קיין טרער אין מיינע אויגן, קיין האַרץ, קיין נשמה, קיין לעבן אין מיר — מיין וועלט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תהו ובהו. נאָר ווי אַ שטים פון דער טויטן־וועלט קלינגט אין מיינע אויערן: אומגליקלעך ביזסטו מיין פאָלק, אומגליקלעך אָן קיין גלייכן צו זיך! נאָר אומגליקלעך און נישט מער!..

און אָט האָט מיך באַרירט אַ גייסט און מיך אויפגעוועקט: — מענטש! און איך געפין מיך צווישן די בערג, אויפן שפּיץ־באַרג. אָן אומענדלעכער רוים, אומצאָליקע וועלטן, אומאויספאָרשבאַרע אָפּגרונטן. און זיי אַלע זיינען פול לעבן, און דאס לעבן — פול מיטן ליכט פון אַלע זונען...

— מענטש! עס וועט נאָך קומען אַ טאָג... עס וועט נאָך קומען אַ טאָג — און דיינע זין און טעכטער וועלן טרוימען אַ טרוים, און גרויס און טיף וועט זיין דער טרוים, אַזוי ווי דו זעסט עס דאָ. און דיינע זין און טעכטער וועלן קומען זוכן די לייזונג פונם טרוים אין לאַנד פון זייערע אבות. מיטן גאַנצן כּוח פון זייער נשמה און מיט דער גאַנצער קראַפט פון זייערע הענט וועלן זיי אים זוכן, ווי מען גראָבט אוצרות, אין יעדער אַרבעט אין פעלד און ווייגאָרטן וואָס זיי וועלן אַרבעטן וועלן זיי אים זוכן. דעם פּנים פון באָדן וועלן זיי באַנייען און דעם אויסזען פון לעבן וועלן זיי באַנייען, — זוכנדיק אים. זוכנדיק און אַרבעטנדיק, וועלן זיי אַליין אויסוואַקסן און שטאַרק ווערן, ביז זיי וועלן ווערן גאָר גרויס, העכער פון אַלע באַרג־שפּיצן אויף דער וועלט און זיי וועלן זען, וואָס עס האָט נאָכנישט געזען אַ מענטש פאַר זיי און גאָר באַדייטנדיק וועט זיין זייער איינפלוס.

דאַן וועט דאָס פאָלק ישראל אויפבליען פונדאַסניי, עס וועט אויפגעריכט און אויפגעלעבט ווערן, דאַן וועט עס זיין אַ פאָלק.

ו. אונזער חשבון מיט זיך אליין

שוואכקייט אין דער גבורה

ווי אָרעם און באגרענעצט עס זיינען די מענטשלעכע באציונגען, און וויפל פעלט זיי די ברייטקייט און טיפקייט פון דער וועלט, באווייזט די היינטצייטיקע סאָציאַלע טעאָריע, וואָס באזירט די געזעלשאפט אויף די עקאָנאָמישע באציונגען, — און אלדאס איבעריקע איז אָפּהענגיק פון זיי און וואקסט ארויס פון זיי. די טעאָריע איז אָנגענומען געוואָרן, און מען קען נישט געפינען קיין סאך גייסטער, וועלכע זיינען געטראפן דורך דער אָרעמקייטס־צייגניש, וואס א מוח פון א געלערנטן אדער מוחות פון געלערנטע האבן געגעבן דער נעבעכדיקער מענטשלעכער נשמה.

אין פלוג איז דאך פאראן א מער מעכטיקער כוח פון די עקאנאמישע באדערפנישן, וואס הערשט אינם געזעלשאפטלעכן לעבן און רופט ארויס אין זיי די ערגסטע און שרעקלעכסטע פארדארבנקייט; נישט די באדערפנישן צו עסן און טרינקן און נישט די שטרעבונג צו דערפילן די איבעריקע קערפערלעכע תאוות ברענגען עס דאך דעם מענטשן דערצו, ער זאל זיך יאגן נאך רייכטום אן א סוף, עד זאל אויסנוצן אן א שיעור די ארבעטנדיקע און גורם זיין אזוי ארום שרעקלעכע צרות אינם געזעלשאפטלעכן לעבן. די נויטווענדיקע באדערפנישן פאדערן כלל נישט קיין סאך געלט אויף צו באפרייען זיי, און אפילו די איבעריקע קערפערלעכע תאוות האבן דאך סוף סוף א שיעור; און אפילו דער בעל תאווה וואס איז גאר תקיפות׳דיקביים באפרייען זיין תאווה וועט נישט גורם זיין אזא אומענדלעכע נויט און יסורים אזויפיל מענטשן, ווי עס טוט דער דערפאלגרייכער בורזשוי, וואס זיין תאווה צו געלט ווייסט נישט קיין גרעניץ. ווייל דער עיקר ביי דעם וואס זוכט רייכקייט איז דאך נישט די דערפילונג פון די לעבנס־באדערפנישן און אפילו נישט דאָס רחבות פון זיין לעבן; נישט די שיינע דירה, די שיינע כלים און אפילו נישט די שיינע פרוי איז דער עיקר; — דער־עיקר איז, אז דאס זאל זיין שענער און קאסטן מער געלט ווי ביי אנדערע. דער־עיקר איז דאס

אויספיינערן זיך, דאס אויסצייכענען זיך, דאס איבערשטייגן אנדערע מיט כוח און ראנג; דער־עיקר איז דער כוח אָנצוּוואַרפן דעם אייגענעם כבוד אויף אנדערע, אנוואַרפן דעם אייגענעם ווילן אויף אנדערע — הערשן איבער אנדערע. די תאווה פון כבוד, פון זיג, פון מאכט — אט דאס איז דער קוואל פון די שרעקלעכסטע צרות אינעם געזעלשאפטלעכן לעבן.

אויב אבער דו ווערסט פרעגן: אין וואס באשטייט דער גרעסערער כוח פון אָט די תאוות צו דערגרייכן זייער ווונש, אין פארגלייך צו די איבער־ריקע תאוות? אין וואס באשטייט דער גרויסער כוח פונם רייכן, טראַצדעם וואס יעדער מענטש־מיט־עפעס־גייסט פילט כלומרשט דעם ריח פון בלוט און טרערן וואס טראגט זיך פון דער רייכקייט, — אין וואס באשטייט זיין כוח, וואס דערמעגלעכט אים צו דערגרייכן נישט נאר די באפרידיקונג פון זיינע באדערפנישן און תאוות, נאר אויך כבוד און איינפלוס און מאכט? ווען נישט דאס אלץ, ווען די געזעלשאפט וואלט באשלאסן ביי זיך צונעמען ביים רייכן נאר דעם כבוד, דעם איינפלוס, די מאכט און בכלל די גייסטיקע באפרידי־קונג, נישט פארמינערנדיק דערביי מיט גארנישט פון דעם וואס דאס געלט דערווערבט אין מאטעריעלע זאכן, — וואלט דאך, אָן ספק, דאס געלט נישט פארמאגט יענע צוציונגס־קראפט, וואס עס פארמאגט איצט; און ווען אויך די יאגעניש נאך רייכקייט וואלט לגמרי נישט אויפגעהערט, יעדנפאלס אבער וואלט זי געווען נישט מער תקיפות׳דיק און שעדלעך פון אלע איבעריקע תאוות. וואָס איז עס, אזוי ארום, וואָס גיט דעם געלט די קראפט צו קויפן אלץ וואָס עס קען נישט דערווערבן אלס אייגנטום? מיט וואָס קויפט ער נישט נאר די הענט, נאר אויך די הערצער, די הערצער און די מוחות? בעל כרחך ווערסטו ענטפערן, אז די מאכט פונם געלט־באזיצער — ווי פון יעדער מאכט — שטיצט זיך אויף דער שוואכקייט פון אנדערע. עס איז פאראן, דעריבער, א געוויסער אמת אין דער טעאריע, וואס באזירט דאס געזעלשאפטלעכע לעבן אויף די עקאנאמישע באציונגען, אין דעם זין, וואס אין דעם געזעל־שאפטלעכן לעבן הערשט די שוואכקייט און נישט גבורה.

אָבער דידאָזיקע שוואכקייט איז נישט קיין רעזולטאט פון אויסערלעכע סיבות, וועלכע זיינען אָפהענגיק פון די געזעלשאפטלעכע אָרדנונגען; זי איז נישט אָפהענגיק פון די קערפערלעכע באדערפנישן, וועלכע בויטיקן זיך אין דערנערונג און באפרידיקונג פונדרויסן, ווייל זי וואָרצלט אין דער נשמה פון מענטש, אזוי אז זי באַאיינפלוסט די עקאָנאָמישע און געזעלשאפטלעכע באציונגען און נישט די געזעלשאפטלעכע עקאָנאָ־מישע באציונגען באַאיינפלוסן זי. ווייל עס האנדלט זיך נישט וועגן א געצוווּנגענע שוואכקייט, נאר — עס איז אפשר ריכטיק צו זאגן — וועגן א פרייוויליקע שוואכקייט. ווייל נישט נאר דיעניקע וואס זיינען אָפ־

העגגיק פון ווילן פון די רייכע און פון זייער מיינונג, נאָר אויך די וואָס זיינען נישט אָפּהענגיק פון קיינעמס מיינונג, ווי די אינטעליגענץ א. דגל. גיבן אויך אָפּ כבוד די רייכע און זיינען באאיינפלוסט דורך זיי — און זיי זיינען דאָך די הויפּט־פּאַקטאָרן, וועלכע שאַפן דעם איינפלוס און די מאכט פון די רייכע. נאכמער: אויך די וועלכע זיינען מבזה די רייכקייט און בונטעווען זיך קעגן איר כל זמן זי געפינט זיך ביי אנדערע — אפילו זיי באַציען זיך צו איר מיט כבוד אין הארצן.

דידאזיקע שוואכקייט איז א רעזולטאט פון דער מאכט־תאווה, וואס געפינט זיך אין אַזאַ אָדער אין אַן אַנדערער פאָרם אין הארצן פון יעדן מענטש. יעדער מענטש גלוסט אין זיין הארצן — מאכט, איינפלוס־קראַפט איבער אנדערע, און ממילא באַציט ער זיך מיט א געפיל פון כבוד צו דעם וואס האט דערווארבן אין אזא אדער אין אן אנדערע פארם די מאכט, די איינפלוס־קראַפט. און דידאזיקע תאווה איז אזוי לעבעדיק, דערוועקט אזוי שטארק די פאנטאזיע, אז דער מענטש איז גרייט צו האלטן די מאכט — פאר גבורה, דאס מיינט, אז ער איז גרייט צו זען גבורה אין דער אָפּשפּיגלונג פון זיין שוואכקייט.

די מאכט־תאווה, הגם זי שטאמט אָפּ נאך פון יענע צייטן, ווען דער מענטש האט זיך נאך געפונען אין א צושטאנד פון ווילדקייט; הגם איר ווארצל איז די תאווה צו זיין א פּאראזיט וואס ארבעט נישט און שפּייזט זיך מיט פרוכט פון פרעמדער ארבעט, אָדער — ווי עס איז געווען ביי יע־נעם ווילדקייטס־צושטאנד — צו עסן ממש דעם פלייש פון אנדערע; אבער במשך פון טויזנטער דורות האט זי אָנגענומען אַ מער מענטשלעכע פאָרם, און איצטער קען מען מערקן אין איר בעיקר צוויי יסודות, הגם עס איז נאך לגמרי נישט בטל געווארן, זעלבסטפארשטענדלעך, יענער פרי־מיטיווער יסוד.

דער ערשטער יסוד, — דאס איז די פאריתומטקייט פון מענטש, זיין איינזאמקייטס־געפיל. דער מענטש פילט זיך איינזאם, א יתום אויף דער וועלט, ער פילט א באדערפניש, אז אנדערע, אז א סאך אנדערע זאלן אים ליב האבן אדער, לכל הפחות, זיך באַציען צו אים מיט כבוד, אדער מורא האבן פאר אים, יעדנפאלס מען זאל פילן זיין עקזיסטענץ. ער פילט זיך שוואך איינער אליין אין דער שרעקלעכער אָפּגרונטקייט פון לעבן, אין דעם שרעקלעכן צער פון דער ווירקלעכקייט, אויב די אנדערע שטיצן אים נישט.

און דער צווייטער יסוד, וואס אין א געוויסן זין איז ער נישט־מער ווי די צווייטע זייט פונם ערשטן יסוד, — דאָס איז די אינעם מענטשן איינ־געפלאנצטע באַדערפניש ווי־אַם־ברייטסטן צו אנטפלעקן זיין איינגאַרטי־

קייט. דידאַזיקע צוויי עלעמענטן זיינען צוזאַמענגעפלאָכטן, זעלבסטפאַר־שטענדלעך, אין יעדער נשמה נישט אין קיין גלייכער פּראָפּאָרץ.

אין אַט דער פאָרם געפינט זיך די מאַכט־תאווה אויך ביי מענטשן פון די העכערע ספערעס. דער געזעלשאַפטלעכער עסקן אין זיין עסקנות, דער חכם אין זיין חכמה, דער שעפער אין זיין שאַפונג, און אפילו דער צדיק אין זיין צדקות שטרעבן דערצו, ווילן אַנטפּלעקן זייער אייגנאַרטיקייט, ווילן באַאיינפלוסן און גאָר אָפט שטרעבן זיי אפילו צו מאַכט ממש. ווי אָפט האָבן מיר געזען, אַז אפילו דער צדיק, אַט דער טיפּ וואָס אין פלוג איז ער אַזוי ווייט פון דער מאַכט־תאווה, — מיט דער מאָס וואָס עס שטאַרקט זיך זיין איינפלוס, דערגרייכט ער ענדלעך מאַכט, וואָס הגם זי איז נישט קיין אָפיציעלע מאַכט, אָבער אָפט איז זי נישט־ווייניקער תקיפות׳דיק פון דער אָפיציעלער מאַכט. אַ צייכן פון מאַכט קען מען זען אויך דערין, וואָס ווער עס איז גרעסער פון זיין חבר, איז אויך זיין סביבה ווייטער און פאַר־פעסטיקטער ווי זיין חברס. די כבוד־באַציונג מצד דעם וואָס מען רופט אָן קליין, צו דעם וואָס מען רופט אָן גרויס, — איז נישט קיין באַציונג פון גלייכקייט און פון נאָקעטן אמת, וואָס אַנטהאַלט אַ געפיל פון אינערלעכן כבוד און איז פריי פון פוסטן טאַקט, — נאָר אַ געוויסע אונטערטעניקייט, וואָס רופט זיך יראת הכבוד אָדער יראת הרוממות; און צי איז נישט פון דעמזעלבן מין אויך די שטרעבונג, וואָס יעדער מענטש מיט־אַ־מיינונג שטרעבט צו באַאיינפלוסן אַנדערע מיט זיין וועלט־אַנשויונג, מיט זיינע מיינונגען ?

אַט דאָס איז עס גורם דערצו, אַז יעדער מענטש זוכט צו פאַרנעמען אינערהאַלב די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן דעם גרעסטן אָרט, ווייל ער האָט דאָך נישט קיין אַנדער אָרט ווו צו אַנטפּלעקן זיין אייגנאַרטיקייט. און דעריבער בושעוועט אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם אַ קאַמף פאַר מאַכט. ממילא שטאַרקט זיך ביי דער מערהייט די יאַגעניש נאָך מאַכט אין דער ביליקסטער, אָפּנסטער און שעדלעכסטער פאָרם — למשל אין דער פאָרם פון רייכקייט אין דער היינטיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, — ווייל עס איז לייכטער צו דערגרייכן זי, ווייל עס פאָדערט נישט קיין שום באַ־זונדערע כוחות און ווייל עס איז מער ממשותדיק. ממילא פאַלט אַריין די מאַכט אויך אין איר העכסטער פאָרם (למשל, אין דער פאָרם פון דער רעליגיע־הערשאַפט) אין די הענט פון די ענג־האַרציקע און קליין־נשמה׳־דיקע העזה׳ניקעס, שווינדלער און רויבער, ווייל זייער תאווה צו ממשות־דיקער מאַכט איז שטאַרקער און ווייל אַלע מיטלען זיינען פאַר זיי כשר. ממילא ווערן די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען אַלץ שרעקלעכער קאָמפּלי־צירט און דריקן ביז צום גייסטיקן דערשטיקט־ווערן יעדן איינעם וועל־

כער קען נישט דריקן אנדערע, און דערמעגלעכן יעטוועדן רויב און אונ־טערדריקונג, יעטוועדן שקר און צביעות, יעטוועדן שמוץ און פאַרדאָרבנ־קייט...

דער אויסוועג פונעם פלאָנטער פון אָט דידאָזיקע פאַרהעלטנישן איז נישט אין דער אויסבעסערונג פון דער אָרדנונג; דאס קען מען נישט אויס־בעסערן דורך דער צומיינסט פּאָלקאָמענער אָרדנונג וואס אַנטשפּרעכט אממערסטן צו די פאָדערונגען פון צדק און אמת. דער וואָרצל פונם שלעכט ליגט נישט אין דער פאָרם פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, און נישט אין דער פאָרם פון דער פּאָליטישער אַנפירונג, נאָר אין דער מאַכט, דאס מיינט אין דער מאַכט־תאווה, וואָס אירע וואָרצלען זיינען פאַראַן אין דער נשמה פון יעדן מענטש און ביי די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטלעכע לעבנס־באַציונגען איז זי גורם דערצו, אַז עס זאָלן זיך שטאַרקן די צומיינסט־נעגאַטיווע און שעדלעכע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט. כל זמן דער מענטש וועט הערשן איבערן מענטש וועט אים תמיד זיין שלעכט, און כל זמן דער מענטש וועט זען זיין גליק אין דער מאַכט איבערן מענטש, וועט ער תמיד געפינען אַ וועג צו הערשן איבערן מענטש.

עס איז געווען אַ צייט, ווען די מאַכט איז געלעגן אין דער פויסט ממש; עס איז געווען אַ צייט, ווען זי איז געלעגן אין די הענט פון דער רעליג־יע; היינט ליגט זי אין די הענט פונם געלט. מאָרגן וועט זי ליגן אפשר אין די הענט פון דער וויסנשאַפט, — און תמיד וועט די מאַכט גורם זיין דאס, וואָס זי איז גורם תמיד. מען דאַרף נישט זיין קיין נביא כדי פאַרוויסצוזען, אַז אין דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג צו וועלכער מען שטרעבט היינט, אויב זי זאָל פאַרווירקלעכט ווערן אין דער צוקונפט, וועט די מאַכט־תאווה זיך געפינען אַ וועג צו דערגרייכן איר שטרעבונג. ווייל עס האַנדלט זיך דאָך דאַ נישט וועגן אַן אָפּיציעלער מאַכט, נאָר וועגן אַן אינערלעכער מאַכט, וועגן אַ מאַכט פון איינפלוס, וואָס וואַקסט אַרויס פון דער מאַכט־תאווה, וואָס זוכט און געפינט זיך אַן אויסוועג. און אויב דאָס וועט זיין, למשל, די מאַכט פון דער וויסנשאַפט, וועט אויך דידאָזיקע מאַכט נישט זיין בעסער פון יעדער אַנדערער מאַכט. ווייל נישט די חכמים, וואָס זיינען זיך מוסר נפש פאַר דער תורה וועלן זיין די הערשער, נאָר די אָפּיציעלע וויסנ־שאַפטס־לייט, די העזה ניקעס און חוצפה־ניקעס צווישן זיי; אַזוי־ווי בעת דער הערשאַפט פון דער רעליגיע, זיינען געווען די הערשער נישט די מענטשן מיט אַ גרויסער און טיפער נשמה, די וואָס האָבן געזוכט גאָט פון אַ טיפער אינערלעכער באַדערפעניש. און אַזוי וועט עס זיין תמיד, אפילו ווען דער העכערער מענטש זאָל ווען־עס־איז באַקו־מען די מאַכט.

מיינונגס-קאַמף

עס איז כדאי אביסל זיך פֿאַרטראַכטן וועגן עצם ענין פֿון הלכות מיינונגען און מיינונגס־קאַמף.

עס איז פֿאַראַן א ברכה אין אן אויפֿריכטיקן מיינונגס־קאַמף. מען מוז אבער אויפֿקלערן דעם מהות פֿון אָט דעם קאַמף, כדי ער זאָל נישט פֿאַרוואַנדלט ווערן — ווי עס געשעט אָפֿט — אין א וואָרט־קאַמף, וואָס איז, אין זיין יסוד, נישט מער ווי אַ קאַמף פֿון בלינדע אינסטינקטן. אַן אויפֿריכטיקער מיינונגס־קאַמף ברענגט מיט זיך אַן אַלזייטיקע און טיפֿע אויפֿקלערונג, פֿאַרטיפֿונג און באַלויכטונג פֿון מיינונגען. דאָס מיינט נישט, אַז דורך דעם ווערט קלאָר פֿאַר איין צד פֿון די פֿאַרשטייער פֿון פֿאַרשידענע מיינונגען, אַז די מיינונג פֿון צווייטן צד איז א גערעכטערע. ניין! מיר זעען. אַז נאָך יעדן ויכוח און מיינונגס־קאַמף בלייבט יעדער איינער פֿון די צדדים ביי זיין מיינונג, צומיינסט נאָך מער פֿאַרעקשנט. דאָס מיינט, אַז דורכן מיינונגס קאַמף ווערט יעדן איינעם פֿון די צדדים נאָכמער קלאָר זיין אייגענע מיינונג. די דאָזיקע דערשיינונג נויטיקט זיך אין אויפֿקלערונג. מען מוז קודם באַהאַנדלען דעם עצם מהות פֿון דער מיינונג.

עס איז איינער פֿון די הויפּט־טעותן פֿונעם מענטשלעכן געדאַנק, וואָס די מענטשן בכלל און אפֿילו דענקער, גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון דערפֿון. די מיינונג איבער די דערשיינונגען פֿון לעבן און פֿון דער וועלט — פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון דער גייסטיקער באַציאונג פֿון מענטש צו זיי — ווערט געמאָסטן מיט דערזעלבער מאָס, מיט וועלכער מען מעסט דאָס וויסן פֿון די דערשיינונגען פֿון לעבן און פֿון דער וועלט, וואָס ווערט דערוואָרבן דורך דעם באַוווּסטזיין. דערביי מיינט מען, אַז אַזוי־ווי דער אמת פֿון דעם וויסן ווערט געמאָסטן מיט דער מאָס פֿון זיין אָביעקטיוויטעט, דאַרף אויך אַ מיינונג זיין אבסאָלוט אָביעקטיוו, כדי זי זאָל זיין אן אמתע מיינונג. און ווייל די מיינונג באַשטייט בעיקר פֿון אָפּענע דערשיינונגען, און עס איז נישט פֿאַראַן אין אָט דער הינזיכט קיין מאָס צו מעסטן איר אָביעקטיוויטעט, מעסט מען זי מיט דער מאָס פֿון אלגעמיינקייט — אויף וויפֿל די מיינונג איז ראוי צו זיין אן אלגעמיינע מיינונג. דאָס הייסט, אַזוי־ווי דאָס וויסן ווען עס איז אָביעקטיוו איז עס אויך אַלגעמיין, גלייך פֿאַר יעדער לעבעדיקער און געזונטער דערקענטניש, דאַרף אויך — אַזוי מיינט מען — די מיינונג זיין אַבסאָלוט אלגעמיין און גלייך פֿאַר יעדן מענטש, פֿאַר יעדן לעבעדיקן און געזונטן געדאַנק, כדי צו זיין אָביעקטיוו. און אויף וויפֿל די מיינונג איז ריכטיק, מוז מען זי באַגרינדן מיטן כוח פֿון דער לאָגיק, אויפֿקלערן און באַווייזן פֿאַר אלעמען איר אלגעמיינעם אמת, ביז

אלע, ביז יעדער אמת־זוכנדיקער, זאָל זיין געצוווּנגען זי אנערקענען און זי אָננעמען אלס זיין אייגענעם אמת. און אויב מיר זעען פארשידענע מיינונגען וועגן איין ענין, דאַן הייסט דאָך עס, אז נאָר איינע פון זיי איז ריכטיק, דהיינו, אז זי איז עס דער אָביעקטיווער אמת און אלע איבעריקע מיינונגען זיינען פאַלש.

דאָס איז דער געדאנקען־גאַנג אין באצוג אויפן חשבון־פון־לעבן בכלל. אזוי־ווי עס וואָלט געווען, אדער מעגלעך געווען, אז עס זאָל זיין אן אלגעמיינער, א גלייכער פאר יעדן מענטש און פאר יעדן געדאַנק חשבון־פון־לעבן, וואָס מען דאַרף אים נאָר געפינען, אויפקלערן און מזכּה זיין מיט אים אלע לעבעדיקע באשעפענישן.

די מאָס פונעם אמת, וואָס אין דעם חשבון־פון־לעבן — דאָס איז גראָד די סוביעקטיוויטעט פון אָט דעם חשבון, און דוקא דערין ליגט זיין וויטאַלער כוח און אלגעמיין־מענטשלעכער ווערט. מען דאַרף נאָר באגרייפן דעם מהות פון אָט דער סוביעקטיוויטעט. גראָד מיט דער מאָס, וואָס דער חשבון איז מער סוביעקטיוו, אייגנארטיק; מיט דער מאָס, וואָס ער פארמאָגט מער און טיפערע וואָרצלען אין דער באזונדערער נשמה פון דעמיעניקן וואָס מאכט דעם חשבון, — אין דער מאָס איז ער מער ריכטיק, און אין דער הינזיכט איז ער אלס מיינונג מער אן אָביעקטיווער אמת. אַ פאַלשע און טעותדיקע מיינונג איז נישט די מיינונג, וואָס איז נישט אַבסאָלוט אָביעקטיוו, נאָר די, וואָס איז נישט אַבסאָלוט סוביעקטיוו, וואָס איז נישט אלגעמיין־סוביעקטיוו, דער אויסדרוק פונם גאנצן סוביעקט. אויב די מיינונג איז איבערגעקויפט דורך עפעס א תאווה אָדער א זייטיקער כוונה, אַ נאָענטע אָדער אַ ווייטע, אַן אויבערפלעכלעכע אָדער אַ טיפע; אויב עס זיינען אין איר פאַרמישט עלעמענטן פון מיינונגען וועלכע זיינען אייגענטימלעך פאר אנדערע סוביעקטיווע וועלטן, — עלעמענטן וועלכע אנטשפּרעכן נישט דעם דאָזיקן סוביעקט, — דאַן איז די מיינונג נישט אמת. די אויפקלערונג, וואָס אַ מענטש קלערט זיך אליין אויף זיין מיינונג באשטייט, לויט דעם, נאָר דערין, אויף וויפל זיין מיינונג בכלל איז אים לחלוטין אייגענטימלעך, אויף וויפל זי איז דער פולער אויסדרוק פון אלע קאָסמישע כוחות וועלכע ווירקן אין זיין סוביעקטיווער רעפובליק.

אין אָט דעם זין, פונם שטאַנדפּונקט פון די וואָרצלען וועלכע זי פאַרמאָגט אין דער נשמה פון סוביעקט, איז די מיינונג געגליכן צו דער פארב פון דער שטים, צו דעם באזונדערן טעמבר פון יעדן מענטש. אלץ וואָס דער מענטש זאָל נישט זינגען מיט זיין שטים ,אַלע מוזיקאלישע צוזאמענפאסונגען, אלע עווענטועלע שאַפונגען אין דער מוזיק־ספערע — דער טעמבר אָבער וועט תמיד בלייבן איינציק און אייגנטימלעך פאר

יעדן איינעם באזונדער. און דוקא אין זיין אייגנארטיקייט באשטייט זיין באזונדערער ווערט, צי אַלס שטים פון יחיד, צי אַלס איין עלעמענט אין דער אַלגעמיינער הארמאָניע פון דעם צוזאמענגוס פון א סך שטימען אין דעם כאָר. דער וועג צו דער פארפולקאָמונג פון דער שטים באשטייט דאָך דווקא אין דער פולסטער אָפּהיטונג פון איר אייגנאַרטיקייט און אין איר רייניקונג פון יעטוועדן פרעמדן צומיש, ווייל יעטוועדער פרעמדער צומיש מיינט פאַרדאַרבונג און פעלשונג.

אָבער די סוביעקטיווע נאַטור פון דער מיינונג איז עס גורם דערצו, אַז מיט דער מאָס, וואָס זי איז מער אייגנארטיק, וואָס אירע וואָרצלען זיינען טיף־פאַרבאָרגן אין דער נשמה — אין דער מאָס פאַרמאָגט זי מער פון דעם פאָרמלאָזן אור־שטאָף, און זי אנטפלעקט זיך פאַר איר טרעגער נאָר ביסלעכווייז, ווייל יעדע נייע אַנטפּלעקונג מיינט א נייע שאַפונג פון אָט דעם פאָרמלאָזן אור־שטאָף; און דידאָזיקע שאַפונג הערט נישט אויף דאָס גאנצע לעבן פון מענטש, — אזוי־לאַנג ווי עס הערט נישט אויף זיין שאַפונגס־קראַפט, אָדער עס טריקנט נישט אויס זיין אייגנארטיק לעבן. דערדאָזיקער קוואַל ווערט אלץ מער רייך און פול, מיט דער מאָס, וואָס מען שעפּט פון אים. דער צוזאמענשטויס מיט דעם אויסערלעכן לעבן בכלל, איז עס גורם צו אָט דעם שעפן; אָבער דער אַנטשיידנדיקסטער פאַקטאָר, איז דער צוזאַמענשטויס מיט קעגנערישע מיינונגען, אָדער דער מיינונגס־קאמף. כ׳מיין, אז יעדער מענטש מיט אַ זעלבסטשטענדיקן געדאנק ווייס פון דער דערפארונג, אז, למשל, וואָס מער א בוך אַנטהאַלט קעגנערישע מיינונגען — אלץ מער געניסט ער פון אים, הגם דאָס לייענען איז אים שווער און דערוועקט ביי אים אן אינערלעכן קאמף און שמערץ. דאָס זעלבע גילט אויך בנוגע א שמועס מיט א מענטש מיט קעגנערישע מיינונגען, אויף וויפל זיינע מיינונגען זיינען טאקע אים אייגנטימלעכע מיינונגען. וויסן איז אפשר באקוועמער צו לערנען ביי מיינונגס־חברים, אבער דענקען זעלבסטשטענדיק — לערנט מען מער ביי מיינונגס־קעגנער.

די דאָ דערקלערטע אייגנשאַפט פון דער מיינונג פארפליכטעט, אין פלוג, אז צוויי מענטשן וועלכע פארטרעטן פארשידענע מיינונגען, וואָס מער ווי זיי זיינען אייגנאַרטיק, זיינען זיי טאַקי ווייטער איינער פון צווייטן אין זייערע מיינונגען, אָבער אין דערזעלבער מאָס נענטער צו זיך גייסטיק, אין זייער נשמה, נענטער צום קעגנזייטיקן פארשטיין, אכטונג און ליבע.ביידע באַטראַכטן דאָך איין זאך, לעבן איין זאך, נאר פון פארשידענע זייטן און דערגענצן איינער דעם צווייטן, איבערגעבנדיק איינער דעם אנדערן דאָס, וואָס יעדער איינער פון זיי זעט און לעבט פון זיין זייט; ביידע שטרעבן צו איין פונקט, צום הויך־פונקט פונם זעלבן

לעבן, און מיט דער מאָס וואָס זיי שטייגן הויך — דערנענטערן זיי זיך, נויטווענדיקערהייט, איינער צום צווייטן. יעדער איינער פון דיביידע ליידט פון אומאויפהערלעכע אינערלעכע קאמפן קעגן שוואכקייטן, שקר, פאַרדאָרבנקייט, — סיי זיינע אייגענע און סיי פרעמדע — ליידט פון ספקות און סתירות. און צוזאמען דערמיט זוכט יעדער איינער פון די ביידע פונקען, ליכט, העכערע שיינקייט, העכערן אמת. און דאָס אַלץ נעמט ער צוזאמען אין א העכערן חשבון, וואָס דאָס איז זיין לעבן־ און וועלט־חשבון, וואָס דאס איז די מיינונג, וועלכע ער דריקט אויס. קען דען נישט אָט דאָס אַלץ, וואָס איז געמיינזאם פאר ביידע נשמות גלייכצייטיק, דער־נענטערן זיי און צוזאמענקלעפן איינע מיט דער צווייטער? צי הייסט עס נישט, אז די פארשידענע מיינונגען, אזוי־ווי פארשידענע צווייגן און שטאמען וועלכע זיינען אָפּן פארשידן, האָבן אין דער נשמה איין פאַר־באָרגענעם וואָרצל פאר קעגנזייטיקער פארשטענדניש? נאָכמער: יעדער מענטש מיט אַן אייגענער מיינונג איז דאָך גורם, ווי געזאָגט, צו אַן אומ־אויפהערלעכער שאפונג ביי זיין חבר, וואָס פארטרעט אַ קעגנגעזעצטע מיינונג, צו אַ קעגנזייטיקער באַפרוכפּערונג — צי איז פאראן נאָך אַ זאַך וואָס דערהויבט מער די נשמה, און אזוי ארום, דערנענטערט און מאכט ליב, ווי שאַפונג? איז דען פאַראַן א מער רייכערער מקור פון קעגנזייטיקער ליבע ווי קעגנזייטיקע באַפרוכפערונג און געמיינזאמע שאַפונג?

אזוי, אין פלוג, איז מחייב די עצם נאַטור פון דער מיינונג, און וואָס זעען מיר אין דער ווירקלעכקייט? אין דער ווירקלעכקייט זעען מיר ממש דעם היפך דערפון. אויב מענטשן פון פארשידענע רעליגיעס האָבן פיינט תכלית שנאה איינער דעם צווייטן, אָדער דעם, וואָס איז נישט רעליגיעז, קען מען דאָס אין א געוויסער מאָס דערקלערן דערמיט, וואָס אין דער רעליגיע האָט דער בלינדער גלויבן די איבערוואָג איבער דער מיינונג, אָדער דערמיט ,וואָס די מיינונג ווערט לגמרי בטל פאר דעם בלינדן גלויבן. אָבער דער אפיקורס, וואָס דערגייט צו אפיקורסות, אין פלוג, אין רעזולטאט פון איבערוואָג פון וויסן, ווייזט נישט ארויס מער פארשטענדניש פאַרן רעליגיעזן מענטש און האָט אים נישט־ווייניקער פיינט, ווי דער, וואָס פארשטייט אים נישט און האָט אים פיינט. און מיר זעען אויך, אז מענטשן וועלכע האלטן זיך כלומרשט פאר פריידענקער, פאר דענקענדיקע מענטשן, וועלכע באַטראַכטן אַלץ מיט וויסן און חשבון, ווי־נאָר זיי געהערן צו פארשידענע פארטייען, באוועגונגען און שטרעמונגען און אפילו נאָר צו פארשידענע אסקאָלעס, — זיינען זיי נישט־ווייניקער פארטעמפּט איינער אין דער באַציאונג צום צווייטן, און האָבן זיך נישט־ווייניקער פיינט, ווי אַנגעהעריקע פון פארשידענע רעליגיעס.

אָבער לאָמיר זיך צוקוקן צו דער שנאה צווישן די אָנגעהעריקע פון פאַרשידענע רעליגיעס און מיר וועלן זעען, אַז דאָס, וואָס עס רופט אַרויס שנאה אין האָרץ פון דעם אָנגעהעריקן פון איין רעליגיע צו זיין חבר, דעם אָנגעהעריקן פון אַ צווייטער רעליגיע, דרינגט אַרויס נישט פון דער זייט פון דער רעליגיע, וואָס דינט ווי אַן אויפריכטיקער אויסדרוק פונם רעליגיעזן געפיל, — נאָר פון דער זייט פון דער רעליגיע, וואָס איז פאַרפרוירן און פאַרגליווערט געוואָרן אַזוי, אַז עס פאַרווערט יעדן לעבעדיקן געדאַנק און לעבעדיקן גייסט צו באַרירן אים; פון דער זייט, וואָס איז געהייליקט געוואָרן נישט דורך אַ לעבעדיקער הייליקייט, נאָר דורך דער הייליקייט פון דער טראַדיציע. דער רעליגיעזער געפיל איז דאָך דער טיפסטער געפיל, דער העכסטער פון אַלע מענטשלעכע געפילן. דער אויסדרוק פון דעם רעליגיעזן געפיל איז דאָך די עצם העכערע לעבנס־אַרבעט. די צרה איז אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס דערדאָזיקער געפיל, דווקא צוליב זיין גרויסער וויכטיקייט, האָט זינט דעם אָנפאַנג פון דער אַנטשטייונג פון דער מענטשלעכער נאַטור געפאָדערט פאַר זיך אַן אויסדרוק, — און ער האָט באַקומען זיין אויסדרוק בעת דאָס מענטשלעכע באַוווסטזיין האָט נאָך נישט דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה — און דערדאָזיקער אויסדרוק איז געהייליקט געוואָרן אויף דורות. קלאָר, אַז דערדאָזיקער אויסדרוק וואָס קען נישט זיין קיין איינהייטלעכער פאַר אַלע פעלקער און שפּראַכן, ווי־נאָר ער איז פאַרגליווערט געוואָרן — איז ער אַ מין אייזערנע וואַנט צווישן די טרעגער פון פאַרשידענע אויסדרוקן. הייסט עס, אַז אָט דער געפיל, וואָס איז אימשטאַנד צו פאַראייניקן די מענטשן, זיי ברענגען צו קעגנזייטיקער פאַרשטענדניש, איז גורם צו זייער צעשיידונג, צו קעגנזייטיקער מיס־פאַרשטענדניש און טעמפּקייט. די דאָזיקע פאַרגליווערונג פונם אויסדרוק האָט עס גורם געווען דערצו, אַז מען האָט פאַרטריבן די רעליגיע פון דער ספערע פון דענקען און פון דער ספערע פון לעבן; מען האָט איבערגעקערט די שיסל און אַרויסגעוואָרפן דאָס קינד צוזאַמען מיט דעם וואַש־וואַסער, — דעם לעבעדיקן רעליגיעזן אינהאַלט צוזאַמען מיט דעם פאַרעלטערטן פאַרגליווערטן אויסדרוק.

דאָסזעלבע גילט אויך בנוגע דער שנאה צווישן אָנגעהעריקע פון פאַרשידענע פאַרטייען און גרופּירונגען. נישט די מיינונגען וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון דעם עצם לעבן, וועלכע זיינען ווי אַ מין לעבעדיק רייכטום, ווי דער באָדן אין דער האָנט פון פויער וואָס דער־נערט דעם, וואָס באַאַרבעט אים, — נישט זיי רופן אַרויס שנאה אין הארצן פון זייערע אָנהענגער, די מיטגלידער פון אַ געוויסער פאַרטיי צו די מיטגלידער פון אַן אַנדערער פאַרטיי; נאָר די יעניקע מיינונגען, וועל־

כע זײַנען אָנגענומען געוואָרן דורך אַ געוויסער פּאַרטיי אַלס אַ פּאַרטיק־גרייטע הלכה, די מיינונגען וועלכע זײַנען געגליכן צו א טויט רייכטום, א מין נישט־באוועגלעכע גיטער ביי די מיינונגס־אָנהענגער אליין, וועלכע שאַפן מער נישט מיט זיי נייע ווערטן, נאָר טראָגן זיי אַ רענטע אין אַ זיכער־באַשטימטער פאָרם, וואָס ראַטעוועט זיי פון דער ארבעט פון שווערן דענקען, פון שאַפונגס־ווייען. און רענטע איז תמיד א זאַך, אין וועלכער מען האַלט זיך מיט בלינדן פאַנאַטיזם, וועלכע דערוועקט ביי אירע באזיצער שנאה צו יעדן איינעם וואָס פארמעסט זיך קעגן זייער רעכט.

און אַט זעען מיר געניאַלע דענקער, מענטשן מיט אַן אייגנאַרטיקן דענקען אין דער העכסטער מדרגה — און אויך זיי זײַנען נישט קיין אויסנאַמען פון אַט דעם כלל.

— — — אויך ביי זיי פעלט דער ווילן צו באגרייפן, אז עס איז טאַקי פאַראַן א חשבון פון וועלט און לעבן, אָבער ער איז אינגאנצן אינם רשות פון דער נשמה און מוח פון יחיד, פון יעדן פרט און פרט, יעדער איינער און זיין אייגענער חשבון. אז דאָס איז נישט קיין חשבון פון באוווסטזיין, פון דער מעכאַניק פון לעבן און פון וועלט, נאָר א חשבון הנפש. אַט דער דאָזיקער חשבון איז עס די לעבנס־שאַפונג, דאָס ליכט אינעם לעבן פון יעדן מענטש. און דוקא דער מאַנגל פון אזא אייגנטימלעך־זעלבסטשטענדיקן חשבון איז עס הויפּטזאכלעך גורם די בלינדקייט פון לעבן. אָן אַלגעמיינער וועלט־חשבון, א נאַציאָנאַלער און אויך אַ מענטש־לעכער, איז נישט מער ווי דער סך־הכל פון די אַלע פערזענלעכע חשבונות און זייער צעניפגוס אין איין העכערער האַרמאָניע.

לאָמיר זיך אומקערן צו די הלכות מיינונגען און מיינונגס־קאַמף. עס איז נישט פאַראַן קיין וועג צו פאַרשטיין די אַנדערע, כל זמן מיר מעסטן די מיינונג מיט דער מאָס פון אָביעקטיוויטעט, און מיר האַלטן אונזער אייגענע מיינונג פאַר כלומרשט מער אָביעקטיוו, וועלכע נעמט אַרום א ברייטערן קרייז פונם אָביעקטיוון לעבן, וואָס די מיינונג פון די אַנדערע איז צו ענג אים ארומנעמען. ווייל ווי־אזוי קען מען אויסמעסטן וועמענס מיינונג איז מער אָביעקטיוו, ברייט, אויב עס איז נישט פאַראַן קיין געמיינזאַמע מאָס פאַר ביידע מיינונגען? באַטראַכט דאָך יעדער איינער פון די מיינונגס־טרעגער פון אַן אַנדער זייט. אויב אָבער מיר זאָלן מעסטן מיט דער מאָס פון סוביעקטיוויטעט, אויף וויפל די מיינונג פון א מענטש אַנטשפּרעכט זיין אַלגעמיינעם נשמה־וועזן, דאַן האָבן מיר געפונען דעם וועג צו דערקענען און פאַרשטיין די אַנדערע לויט זייערע מיינונגען.

מען וועט זאָגן: איין־און־דערזעלבער מענטש פאַרמאָגט דאָך פאַר־שידענע נשמה־צושטאַנדן, און מיט דער מאָס, וואָס די נשמה איז טיפער

און רייכער, פאַרמאָגט זי מער טיפערע קעגנזאַצן און סתירות, און ממילא אויך מער און טיפערע סתירות אין אַנשויאונגען וועלכע דינען אלס אויסדרוק פון יענע צושטאַנדן. אין געוויסן זין איז עס אפשר ריכטיק. אָבער אין אלע פאַרשידנאַרטיקע צושטאנדן, קעגנזאַצן און סתירות, אויב זיי זיינען נאָר אייגנטימלעך צו יענער נשמה, בלייבט דער טעמבר תמיד איין־און־דערזעלבער. און תמיד בלייבט איינער פאר אלע געמיינזאמער הויפט־פונקט. די פרעמדע עלעמענטן רופן ארויס אַ דיסאָנאנס דורך דעם, וואָס זיי פעלשן דעם טעמבר און פארטושן דעמדאָזיקן פונקט.

מעסטנדיק דעם גייסט פון יעדן מענטש מיט זיין אייגענער מאָס איז מעגלעך, זעלבסטפארשטענדלעך, נאָר דעפינירן מיט מער קלאָרקייט אונזער קראנקייט, זען מיט מער קלאָרקייט די גאנצע טיפעניש פון אונזער טראגיק. מען דארף זען דעם כוח פון גלות, דעם כוח פון דער ליכטיקייט וואָס אינעם גלותדיקן לעבן, וואָס איז נישט מער ווי אַ רעפלעקס־ליכט פונם ליכט וואָס אינם לעבן פון אנדערע פעלקער צווישן וועלכע מיר זיינען צעשפרייט. דאָס איז די פאַרדאַרבנדיקע קראַפט פון גלות, און דאָס איז די טראגיק פונם גלות־ייד, וואָס דאָס ליכט פונם גלות־לעבן איז מער אומדערטרעגלעך פאר זיין גייסט ווי די פינצטערניש. דאָס פינצטערניש איז גורם צו פארוועלקונג און צו פארמינערונג פון זיין קערפערלעכן וווקס, און דאָס ליכט איז גורם צו דער פארוועלקונג און פארמינערונג פון זיין גייסטיקן וווקס. מיר זעען, ווי שווער עס איז אונזער דערלייזונג אַלס פאָלק, ווייל יעדער איינער פון אונז איז אויף אן אנדער אופן און מיט אַ פאַרשידנאַרטיקער קראַפט פארקנעכטעט צום גלות, סיי צו דער פינצטערניש און סיי צום ליכט פון גלות. הייסט עס, אז היילן אונזער פאָלק מיינט, אז יעדער איינער זאָל היילן זיך אליין. צי וועט אָבער יעדער איינער פון אונז וועלן זיך שטעלן אויף אָט דעם שטאַנדפּונקט פון מעסטן זיך אליין מיט זיין אייגענער מאָס? צי וועט נישט דער גלות באאיינפלוסן אויך דאָס מעסטן און דעם אופן פון אָט דעם מעסטן?

עס איז זיכער כדאי צו לערנען א פרק אין דער מענטשלעכער טראַגיק פון אַ פאָלק וואָס איז אזוי אויסגעשטעלט אויף פורעניותן ווי אונזער פאָלק. איז דען פאַראַן אין דער גאנצער ברייטקייט פון דער מענטשלעכער נשמה און אין אלע אירע טיפענישן נאָך אַזאַ זיכערער און מענטשלעכער ווערט ווי איר טראגיק? ווער שטערט דיר, דו מענטש־מיט־גייסט, צו שאַפן דיין לעבן ווי אן העכערע שאפונג? צי פונדרויסן, צי שטערן די אנדערע? אין די העכערע ספערעס פון לעבן זיינען נישט פאַראַן קיין אויסערלעכע שטערונגען.

אָבער פון דער צווייטער זייט, איז די דערקענטעניש פון אָט דער

טראַגיק, די דערקענטעניש פונם איינצלנעם מענטשן פון זיין אייגענער נישטקייט, איז אַ גרויסער עיקר פון זיין גייסט; דאָס איז דאָך אַן אָפּגרונט־טיפקייט, יענע טיפקייט, וואָס אין סאַמע העלן טאָג שפּיגלען זיך אין איר אָפּ די הימלס־טיפענישן מיט זייערע שטערנס. דער מענטש באַגרייפט דאָך די באַדייטונג פון העכערער פאַרגעבונג, פון העכערער איבערבעטונג. פון העכערן אמת און אפשר אויך פון העכערער ליבע און פון העכערער הייליקייט — נאָר דורך דער דערקענטעניש פון זיין נישטקייט. און נאָר פונדאָרטן ארויס זעט ער זיך אַליין ווי ער לעבט אין אלעם, וואָס איז אַן אומענדלעך נישטקייט און אומענדלעכער וועזן ווי ער אליין, און פונדאָרטן — די העכערע אייניקייט און די העכערע אחריות.

וועגן יידישן פאָלק ווייסן מיר, אז ווען ער פאַלט אַראָפּ — פאַלט ער ביז צו דער ערד, און ווען ער דערהויבט זיך — דערהויבט ער זיך ביז צו די שטערנס. און אפשר איז אויך אזוי דער מענטש מיט א נשמה יתרה בכלל. אזוי איז דער גאנג פון לעבן. עס איז געווען אַ צייט, ווען מיר זיינען געווען עקסטרעם רוחניות׳דיק, דער אבסטראַקטער גייסט און דער אַבסטראַקטער געדאַנק זיינען געווען אונזער גאנצער לעבנס־אינהאלט; איצט איז פאַראַן ביי אונז א שטרעבן צו פראקטישקייט, צו עקסטרעמער רעאַליטעט, — די גאולה איז אין דער רעאליטעט, אין רעאַלע מעשים, אין רעאלע געדאַנקען און געפילן. אבער אָט די גאנצע רעאליטעט איז נישט לעבן, און ממילא איז זי אויך נישט קיין אויפלעבונג און קיין גאולה.

מיר זיינען פארפליכטעט פונדאָסניי קלאָר צו מאַכן אונזער חשבון מיט זיך אַליין און מיט אנדערע; מיר נויטיקן זיך אין א נייער מאָס צו מאכן א חשבון מיט זיך אליין. די מאָס פון דער פערזענלעכקייט, פון דער פערזענלעכער און נאציאָנאלער פערזענלעכקייט איז, ווי געזאָגט, איר סוביעקטיווע אייגנאַרטיקייט, די מאָס פון איר ווילן צו ברענגען צו אנטפלעקונג פון איר העכערער אייגנאַרטיקייט. דידאָזיקע מאָס, די מאָס פון דער סוביעקטיווער אייגנארטיקייט פון דער פערזענלעכקייט, פאָדערט אַן אויפקלערונג און באַלויכטונג פון אלע זייטן און פון אַלע אירע טיפענישן. אָט דאָ איז פאַראַן אָרט — פאר אן אויפקלערונג פון מיינונגען און פאַר א מיינונגס־קאַמף אין העכערן זין. דאָ איז פאַראַן אָרט — פאר דער ארבעט פון שרייבער־דערציער דורך זייער זעלבסט־דערציונג. מיט אָט דער מאָס דאַרפן מיר מעסטן די נאַציאָנאַלע שאַפונגס־ארבעט און אונזער נאַציאָנאַלע לעבנס־ארבעט אין ארץ־ישראל. און דאַן וועט נישט זיין נויטיק צו דערקלערן, מיט וועלכן גייסט און אין וועלכער פאָרם דאַרף זיך פירן אונזער ארבעט אין ארץ ישראל, ווייל יעדער טרייער ייד וועט עס ארויספילן פון זיך.

ז. דער מענטש און די נאַטור

אייל פאר באלייכטונג

א

געוועזן איז א צייט, ווען דער מענטש האָט נישט געוווּסט די באַדײַטונג פון דער לופט, ווען ער האָט נישט געוווּסט, אז אָן לופט קען ער און יעדעס לעבעדיק באשעפעניש נישט לעבן, אזוי־ווי עס קען נישט לעבן א פיש אָן וואַסער. און געוועזן איז אויך אַ צייט, ווען דער מענטש האָט נישט געוווּסט די באַדייטונג פון דעם ליכט פאַר אים און פאר זיין לעבן. אָבער די באַדייטונג פון דער נאטור בכלל, אין איר גאנצן אומענדלעכן רוים און אין איר גאנצער טיפקייט, האָט דער מענטש, ווי עס ווייזט אויס, תּמיד געקענט, זינט זיין באַשאַפונג. עס איז געוועזן אַ צייט, ווען דער מענטש האָט זיך באצויגן מיט אומגעהויערער אַכטונג צו דער נאַטור, און ער האָט געהאַלטן זי און אַלץ וואָס אין איר פאַר גאָט און האָט איר טריי געדינט. און די דיכטער און קינסטלער, — זיי האָבן דאָך נישט אויפגעהערט זייער שירה אפילו אויף א טאָג, זינט דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט צו אונטערשיידן צווישן גוט און שלעכט און ביזן היינטיקן טאָג.

און אָט איז ענדלעך געקומען די וויסנשאפט — די ראַציאָנעלע קלאָרע און ליכטיקע וויסנשאַפט, וועלכע האָט אַנטפּלעקט נייע האָריזאָנטן און באלויכטן מיט א ניי ליכט — אַ קאַלט און שרעקלעך ליכט, אָבער גרויס און דערהויבן. און אָט באַשליסט זי, אז „מיר זיינען נישט אָרעם, ווען מיר געניסן פון דער נאַטור וואָס איז פונאנדערגעוויקלט פאר אלעמען״...

און דאָך דערוועקט זיך אפּט ביי דיר א מערקווירדיקער ווילן צו צווייפלען דערין, צי האָט טאַקי דער מענטש ווען־עס־איז דערקענט די נאַטור, צי האָט ער באמת און אויפריכטיק געוואָלט וויסן וואָס פאַראַ באַדייטונג זי האָט פאר אים. גיב א טראַכט: אויב אַ צייטווייליקע הנאה פון דער נאַטור, צי אָן אָפּטע אָדער נישט קיין אָפּטע (יעדנפאלס נישט קיין כסדרדיק לעבן אין דער נאַטור) איז גענוג אויף ארויסצורייסן דעם

מענטשן פון אָרעמקייט, — דאַן קען דאָך נישט אויפקומען אויפן געדאַנק פעסטצושטעלן, אז דער מענטש איז נישט אָרעם, ווען ער איז „נהנה" פון דער לופט, אָדער אז דעם פיש פעלט גאָרנישט, ווען ער איז „נהנה" פונם וואַסער !..

יאָ, אָפט דערוועקט זיך ביי דיר אַ ווילן אויסצורופן: אַ גרויסער אָרימאַן איז טאַקע דער ווער עס איז „נהנה" פון דער נאַטור !..

עס איז פאַר אלעמען קלאָר, אז ווען מען נעמט ארויס דעם פיש פון וואַסער, אפילו ווען מען זאָל גיסן אויף אים וואַסער וויפל עס איז נויטיק פאַר אים צו אטמען, וועט עס אים א סאך נישט העלפן. ווייל נישט נאָר דאָס אָטמען פעלט אים. עס פעלט אים די ספּערע פון וואַסער .עס פעלט אים דער דרוק ,וואָס דער וואַסער דריקט אויף יעדן פונקט פון זיין קערפּער — אָט דער אומפּאַסענדער און פאַרייניקטער דרוק, וועלכער צווינגט אים צו זיין אַ באַשעפעניש פאַר זיך, צו לעבן; עס פעלט אים די פאַרבינדונג צווישן אים און דעם וואַסער, די פאַרבאָרגענע יניקה וואָס יעדער אַטאָם זיינער און ער איינגאַנצן זויגט פון אים. און דעריבער, ווי נאָר מען נעמט אים ארויס פון וואַסער ,הויבט אָן דאָס בלוט ארויסזעצן פון אלע לעכעלעך פון זיין קערפּער — עס הויבט זיך אָן די צערפאַלונג. און אזוי איז עס אויך מיטן מענטש, ווען ער געפינט זיך אין אַ רוים, וווּ די לופט איז אַ סאך דינער פון דער לופט וואָס ער איז ראוי צו אָטמען; נישט נאָר וואָס עס ווערט אים שווער צו אָטמען, נאָר אויך זיין בלוט הויבט אָן ארויסזעצן פון אלע לעכעלעך פון זיין קערפּער.

און די נאַטור? איז דען אויך דאָס אַלעמען קלאָר, אז די נאַטור, די ברייטע און אָפענע נאַטור, וואָס איז „פונאנדערגעוויקלט פאַר אלעמען", — איז פאַרן מענטשן דאָס זעלבע ווי דאָס וואַסער פאַרן פיש, און ווי די לופט פאַר יעדן לעבעדיקן וועזן אויף דער ערד?..

אָט זעסטו דאָס נאַטור־לעבן און עס איז אַ ים פון באַוועגונג, אַ ים וואָס ברויזט מיט אַן אלוועלטלעכער ברויזונג, און אלץ וואָס עקזיסטירט און אלע דערשיינונגען — זיינען ווי בלעזעלעך, בלעזעלעך אין אָט דערדאָזיקער אלוועלטלעכער ברויזונג. און דעם מענטשן זעסטו, און ער איז ווי אַ בלעזל, אין וועלכן די ברויזונג האָט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה און נאָך איר איז שוין נישט פאַראַן מער קיין ברויזונג; דאָס בלעזל, וואָס עס צעשפּאַלטן זיך אין אים — ווי די ליכט־שטראַלן אין שפּיגל — אלע ליניעס פון דער וועלט־באַוועגונג. און דו פרעגסט: צי קען נישט אָט דאָס דאָזיקע בלעזל זיך עטוואָס אַ ריר טאָן פון אָט דער עצם אַלוועלטלעכער ברויזונג? דו פרעגסט: צי דען דערקענט נאָר דער מענטש די נאַטור און פילט זי, און צי נאָר דערקענען און פילן דאַרף ער זי, אָדער צי לעבט ער אויך די נאַטור

און דארף זי לעבן? צי לעבט נישט דער מענטש די נאטור אַ סאך מער, ווי ער קען זי און פילט זי? אַט פילט נישט דער מענטש די באוועגונג פון דער ערד, און ער קען זי ערשט זינט א קורצער צייט, — צי לעבט ער נישט אַט דידאַזיקע באַוועגונג? דידאַזיקע באוועגונג ווירקט דאָך אויף אלע אַטאָמען פון זיין קערפּער, און וואָלט דער מענטש פלוצים ארייגעבראכט געוואָרן אינם אומענדלעכן רוים, אויסער דער גראוויטאציע־ספערע פון דער ערד, וואָלט ער זיך דאָך באַוועגט מיט דעם כוח פון דער דויערהאפטיקייט מיט דערזעלבער באַוועגונג ממש ווי די ערד, — צי באטייליקט זיך דען נישט אַט דער כוח אין דער שאפונג פון אַט דער זאך, וואָס מיר רופן לעבן? און דאָס זעלבע גילט בנוגע אלע כוחות פון דער אומענדלעכער באַשאַפונג, צי אפענע צי פארבאָרגענע פאַר אונז.

עס איז דאָך זיך נישט פאָרצושטעלן, אז דאָס לעבן, דאָס געפיל און די דערקענטניש, זיינען אַן אָפּגעזונדערטע זאך פון אַט די אלע כוחות; עס איז דאָך זיך נישט פאָרצושטעלן, אז עס האָט אויפגעהערט די פאַרבינדונג צווישן דער אומענדלעכער אלוועלטלעכער באוועגונג און דעם לעבעדיקן און דעם מענטש, — אזוי־ווי זיי וואָלטן אַרומגערינגלט געוואָרן זייער גאַנץ לעבן מיט אַ כינעזישער מויער.

אלע זיינען היינט מודה, אז „עס איז נישט פאַראַן קיין זאך אינעם געביט פון דערקענטניש, וואָס זאָל נישט האָבן תחילה עקזיסטירט אינעם געביט פון געפיל". צי איז דען נישט פאַראַן קיין יסוד צו טראַכטן, אַז עס איז נישט פאראן קיין זאך אינם געביט פון דערקענטניש און געפיל, וואָס זאָל נישט האָבן תחילה עקזיסטירט אינם אומבאקאנטן און אומפילבאַרן לעבן.

הייסט עס, אז די אומענדלעכע נאַטור פליסט אריין אין דעם מענטשנ'ס נשמה, אין זיין געפיל און דערקענטניש, פון צוויי זייטן אויס: פון דער זייט, וואָס דער מענטש פילט און דערקענט די נאטור, און פון דער אנדערער פאַר אים אומדערקענבאַרער און אומפילבאַרער זייט, אָבער וואָס ער לעבט זי; אַזוי־ווי דו וואָלסט געזאָגט: פון דער זייט פון דעם געפיל און דערקענטניש פליסט דאָס ליכט, וואָס ווערט דערוועקט דורכן פלאקער; און פון דער זייט פון דעם אומדערקענבאַרן און אומפילבאַרן לעבן — דאָס אייל פאַר דער באלויכטונג, וואָס שפייזט דעם פלאָקער לויט זיינע באַדערפענישן; און די כלים פון געפיל און דערקענטניש זיינען געגליכן צו אַ לאָמפּ, וואָס איז נישט מער ווי אַ מאַשין מיט אַ בית־קבול ארייננצונעמען אין זיך די ביידע שטראָמען, וועלכע פליסן פון ביידע זייטן, און גורם זיין זייער פאַרייניקונג.

ב

מען וועט זאָגן: מיסטיק; דאָס וואָס מען קען נישט דערקענען און פילן גילט דאָך נישט פאַרן מענטש ווי אַווירקלעכקייט, און קען גאָרנישט מוסיף זיין צו זיין דערקענטניש און געפיל. אָבער ווי קען מען אָנרופן מיסטיק דאָס, וואָס איז די עצם אייגנאַרטיקייט פונם מענטש. געפינט זיך די גאַנצע אייגנאַרטיקייט פונעם פרט, דער פּערזענלעכער ווילן, דער פּערזענלעכער כאַראַקטער — דער „איך", דוקא אויף דער זייט פונם נישט־דערקענבאַרן און נישט־פילבאַרן, און יעדנפאַלס נישט אינם גרענעץ פון באַוווסטזיין. דער מענטש זעט דאָך און דערקענט זיין אייגענעם ווילן, ערשט נאָכדעם ווי ער וויל עפּעס; אָבער יענץ עפּעס אין זיין נשמה וואָס וויל און דערקענט זעט ער נישט און קען עס נישט, — אָבער יענץ עפּעס איז דאָך כמעט ווי „ופני לא יראו" — און יענץ עפּעס איז דאָך דאָס, וואָס שאַפט זיין גאַנצע וועלט.

די נישט דערקענבאַרע זייט, — דאָס איז, אַזוי אַרום, דאָס אָרט ווו די נשמה פון מענטשן מיט דער נשמה פון דער גאַנצער באַשאַפונג ווערן איין לעבעדיקע נשמה; אַלץ אין דעם מענטשנס נשמה וואָס איז אָריגינעל און באַלויכטן מיט א העכער ליכט, אַלץ וואָס מען רופט: שווונג פון גייסט, רוח הקודש, — פליסט דאָך אַרויס פון אָט דעם גרעניצלאָזן ים. וואָס מער דער מענטש ווערט אַנטוויקלט, וואָס מער זיין געפיל און דער־קענטניש ווערן ברייטער און טיפער און דער אוצר פון זיין וויסן רייכער, אַלץ מער נויטיקט ער זיך אין א לעבן־אין־דער־נאַטור.

דער ווילדער מענטש עסט פונם גרייטן — סיי מאַטעריעל און סיי גייסטיק. ער האָט נישט קיין גרויסע אויסגאַבן און נויטיקט זיך נישט אין קיין גרויסער הכנסה. אַנדערש אָבער דער דענקענדיקער און פילנדיקער קולטור־מענטש. ער באַגנוגנט זיך נישט מיטן גרייטן, נאָר ער שטרעבט צו שאַפן אַלץ וואָס איז נישט גרייט; ער באַגנוגנט זיך נישט מיט דעם אָפּן־אַנטבלויזטן, נאָר ער שטרעבט אַריינצודרינגען אין די פאַר־באָרגענישן פון דער נאַטור און זען דאָס וואָס איז פאַרבאָרגן פון אים. פון איין זייט — בליקט ער און קוקט, פּרוּווט און פאָרשט — וויל וויסן די איינצלהייטן פון אַלע זאַכן, און דורך די איינצלהייטן — זייער אַלגעמיינעם סכום. און פון דער צווייטער זייט, וויל ער באַגרייפן דאָס, וואָס איז נישט פאַראַן אין די איינצלהייטן, דאָס, וואָס איז מער פון די איינצלהייטן און פון זייער אַלגעמיינעם סכום — די אַלוועלטלעכע האַרמאָניע, דעם אַלוועלט־לעכן אמת — דעם חיי עולם. ער גיט אויס און פאַרשווענדעט א סאַך „ליכט", און נויטווענדיקערהייט מוז ער א סאַך אַריינבאַקומען, ער נויטיקט זיך אין אַן אומאויפהערלעכן שטראָם פון „אייל פאַר באַלייכטונג".

און אין דער ווירקלעכקייט זעעסטו דעם היפך דערפון. דו זעסט

אז דער מענטש, אויף וויפל ער נעמט מער פון דער נאַטור, דערוווייטערט ער זיך און זאָגט זיך אָפּ פון איר; אויף וויפל זיין לעבן ווערט באַרייכערט, בויט ער אַ וואָס אַמאָל מער דיקע באַריער צווישן זיך און דער נאַטור, ענגט זיך איין אין זיינע אייגענע ווענט ווי א שילדקרעט אין פּאַנצער, ביז ער געוווינט זיך צו, צו האַלטן פאַר אַן אַקסיאָמע, אַז דאָס לעבן איז באַזונדער און די נאַטור באַזונדער.

דו זעסט, אז אויך די וויסנשאַפט, וואָס זוכט דעם אַנטבלויזטן ליכט פון דער נאַטור, און אויך די קונסט, וועלכע זוכט איר פאַרבאָרגענעם ליכט — ביידע צווינגען נישט דעם מענטש ארויסצוגיין פון זיין שאָל, זוכן דעם רוים, זוכן חיי עולם; ביידע ווי זיי וואָלטן געזוכט איינצושרענקען די נאַטור און זי פאַרשטויסן — דער איינער אין די וויסנשאַפטלעכע ארבעטס־און פאָרשונגס־לאַבאָראַטאָריעס, און דער אנדערער — אין די מוזעאומס. דער מאַקסימום, וואָס זיי טוען איז, אז זיי לאַדן איין אַמאָל דעם מענטש ארויסצוגיין, פון צייט צו צייט, צו דער נאַטור און זיך לערנען ביי איר, באַטראַכטן זי און „הנאה האָבן" פון איר. און עס איז נישט בויטיק קיין שאַרף אויג כדי איינצוזעען די שווערע רעזולטאַטן פון דעם פאַרן מענטש, די גרויסע פעלערן, וואָס דאָס איז גורם זיין גוף און נשמה.

א סאַך איז גערעדט געוואָרן און מען רעדט וועגן די געזעלשאַפט־לעכע, עקאָנאָמישע, געשלעכטלעכע א. אנד. פעלערן. און מען האָט שוין געפּסקנט אין דער אַסקאָלע פון דער אייראָפּעאישער וויסנשאַפט, אז אזוי דאַרף עס זיין, אז דאָס איז דער וועג פון דער אַנטוויקלונג; און אז עס האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן א וווּנד אָדער וועגן אַ ריס, נאָר אז עס האַנדלט זיך גאָר וועגן שלעכטע איינריכטונגען וועלכע מען דאַרף ענדערן. און ווי־נאָר דידאָזיקע איינריכטונגען וועלן אָפּגעשאַפט ווערן און אויף זייער אָרט וועלן קומען בעסערע; אָדער ווען די איינריכטונגען וועלן בכלל אָפּגעשאַפט ווערן, — וועט אויפקומען אַ וועלט — אַ קעניגרייך פון צדק און אלץ וועט זיין גוט אין אָט דער גוטער וועלט.

אָבער עס זיינען פאַראַן פעלערן, וואָס זייער אמתע סבה איז נישט איינגאַנצן פאַרבאָרגן געוואָרן פון אויג, און עס איז נישט אזוי שווער זיי צו זען, אויב מען וויל זיי זען.

אָט האָבן מיר די אויסערלעכע חושים. אלע זיינען מודה, ווי עס ווייזט אויס, אז די אויסערלעכע חושים, די פּרימערע און עיקרדיקע געפיל־און־דערקענטניש אָרגאַנען, האָבן אַ באַזונדערע חשיבות פאַרן דענקענדיקן און פילנדיקן מענטש, און אז עס איז אַ פליכט צו אַנטוויקלען, צו שטאַרקן און פאַרפולקאָמענען זיי. און וואָס זעסטו אין דער ווירקלעכקייט? צי ווערן נישט די חושים אלץ שוואַכער און פעלערהאַפטער, מיט דער מאָס, וואָס די

גרעניצן פון דער דערקענטניש און געפיל פון מענטש ברייטערן זיך אויס און זייער אוצר ווערט רייכער? צי וועסטו טרעפן א סאך געזונטע אויגן, וועלכע קענען גוט און ווייט זען, צווישן די אויפגעקלערטע מיטן ליכט פון דער וויסנשאַפט, צווישן דיעניקע וועלכע זיינען אליין „נהנה״ און רופן־צו אנדערע זיי זאָלן „נהנה״ זיין פון דער נאַטור; צווישן דיעניקע, וועלכע באַטראַכטן די נאַטור מיט א ברייטן אויסבליק פון זייער אַרבעטס־און פאַרשונגס־צימער אויס? און דאָסזעלבע גילט אויך וועגן די איבעריקע חושים. און דוקא דער ווילדער מענטש, דוקא דער נאַטירלעכער מענטש, פאַרמאָגט געזונטע און שאַרפע חושים, און אָפט באַגרייפט ער מיט זיינע פרימיטיווע חושים דאָס, וואָס דער געלערנטער באַגרייפט נישט מיט אַלע זיינע געצייג און אַרבעטס־מכשירים. און די סיבה דערפון איז נישט נאָר א נעגאַטיווע, נישט נאָר צוליב דעם, וואָס ער — דער נאַטירלעכער מענטש — געפינט זיך נישט אין די פאַרדאַרבענע באַדינגונגען אין וועלכע עס לעבט דער אויפגעקלערטער מענטש, וועלכע זיינען נישט מער ווי א רעזולטאַט פון דעם דערווייטערן זיך פון דער נאַטור; די סבה איז אויך א פּאָזיטיווע, — דאָס וואָס ער געפינט זיך תמיד אינעם מקור פון לעבן, וואָס ער זויגט פון אים אומאויפהערלעך לויט דער מאָס פון זיין באַדערפניש.

און ווען דו ווענדסט זיך ווענדן פונדאַנען צו די אינערלעכע געפילן, — איז די טריקעניש דאָרט נאָך גרעסער. די מענטשן־ליבע, משפחה־ליבע, פריינט־ליבע, דאָס רחמים־געפיל — ווערן אַלץ פאַרמינערט, מיט דער מאָס וואָס דער מענטש ווערט „פּראָגרעסיווער״, און באַזונדערס, מיט דער מאָס וואָס דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן קאָנצענטרירט זיך אַלץ מער אין די גרויסע שטעט (די גרויסע שטעט זיינען דאָך בדרך־כלל תמיד צענטערן פון בילדונג און פון פאַרדאָרבנקייט, און תמיד לעבן זיי אויפן חשבון פון די דערפער און פון די קליינע שטעטלעך און דעקן זייער אייגענעם דעפיציט דורך זייער חורבן). אויך דאָרט, ווו עס זיינען פאַראַן אזעלכע געפילן זעסטו, אז אין די מערסטע פאַלן פליסן זיי נישט ארויס פון האַרצן, נאָר זיינען באַאיינפלוסט דורכן מוח. בכלל ווערן אַלע געפילן פאַרוועלקט און דעגענערירט. און אפילו דער איינפאַכסטער געפיל, וואָס ווייניקער פון אנדערע נויטיקט ער זיך אין וועלכער־עס־איז רוח יתירה — די ליבע צווישן מאַן און פרוי — ווערט אַלץ פאַרמינערט (אין דער אויפגעקלערטער געזעלשאַפט בכלל, און נישט נאָר ביי יידן). א נאַטירלעכע ליבע, וואָס אַנטהאַלט נישט קיין פרעמדע, קרענקלעכע סיורפריזן און אויך נישט קיין פרעמדן קרענקלעכן פייער, — א טיפע, מעכטיקע ליבע, „שטאַרק ווי דער טויט״ — ווי מען פלעגט אַמאָל זאָגן — קען מען זייער זעלטן טרעפן אין די היינטיקע צייטן; — דעם אָרט פון דער ליבע פאַרנעמט אַלץ מער און

מער די גראָבע תאווה, וואָס אויך זי גייט אַלץ מער איבער אין געביט פון פּאַטאַלאָגיע.

אָבער באַזונדערס אויפן געביט פון דער אידעאַלן און שאַפונגס־ספּערע זעסטו, ווי עס זיינען פאַרשטאָפּט געוואָרן די רערן פונם העכערן שפע מצד דער נאַטור. דאָס פילסטו ביים ערשטן בליק אין דער ליטעראַטור און לעבן. דער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז איז איינער פון די זאַכן וואָס די היינטצייטיקע דענקער האָבן ליב זיך פאַרנעמען מיט אים. אַלע אַנאַליזירן, אַלע גריבלען זיך און נישטערן אין דער נעבעכדיקער נשמה פון מענטש, און וואָס גרעסער דער מענטש איז — אַלץ סובטעלער איז זיין אַנאַליז, און אַלץ טיפער זיין גריבלען זיך. און דאָס גאַנצע גריבלען־זיך איז נישט אויסן ווי נאָר צו צעשמעטערן דעם גאַנצן יסוד פון דער איידלקייטס־וועלט און פון דער שאַפונגס־וועלט. עס איז נישט פאַראַן קיין אידעאַלע אומאייגנוציקע ליבע, קיין אידעאַליזם, קיין צדק, קיין אמת; אָבער עס איז פאַראַן אַ נישט־געזעטיקטער „איך", אַ מאָגן, תאוות און זייטיקע כּוונות און זעלבסט־נאַרעריי פון מענטש.

די מענטשן מיט שיינעם גייסט באַציען זיך נאָך מיט גרויס אַכטונג און הייליקייט צו שיינקייט און האַלטן זי פאַר זייער קעניג. עס איז אָבער נישט שווער צו זען, אַז אויך דער שיינקייטס־געץ איז נישט געזיכערט מיט אייביקייט. די שאַפונג אַליין איז דאָך שוין נישט מער קיין ענין פון „רוח הקודש", — און פאַראַן מענטשן וועלכע זאָגן פאַרויס, אַז אין דער צוקונפט וועט די שאַפונג פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שכל'דיקן ענין פון אויסגעקליגלטע און ראַציאָנאַליסטישע צוזאַמענשטעלונגען.

נישט־שוין־זשע טאַקי אַזוי?!.. נישט־שוין־זשע וועט קומען דער דאָקטאָר, דער קינסטלער־כירורג, און וועט פאַרלייקנען דיווירקלעכקייט פון לעבן, נאָכדעם ווי ער האָט מיט אַ פולקאָמענעם וויסן און קונסט אָפּערירט אַ סאַך טויטע קערפּערס, און נאָכדעם ווי ער האָט געזען, אַז קיין שום טייל און אַלע טיילן צוזאַמען פאַרמאָגן נישט אין זיך קיין לעבן? צי איז נישט דאָס לעבן עפּעס מער פון אַלע טיילן און פונם סכום פון די טיילן, וואָס פון זיי איז צוזאַמענגעשטעלט די לעבנס־מאַשין — דער קערפּער? ווייל דאָס לעבן איז דאָך עפּעס אַן אומאויפהערלעכע שאַפונג מצד דער נאַטור; עפּעס באַוועגלעכעס, פליסנדיקעס, וואָס מען קען נישט באַגרייפן און וואָס האָט נישט קיין האַלט, ווייל זיין האַלט — מיינט זיין אומקום; עפּעס וואָס מען קען נישט באַווייזן זיין עקזיסטענץ נאָר דורך אים אַליין און פון אים אַרויס, — און נישט דורך עפּעס אַנדערש.

אויב דו האָסט געפילט אַן אומאייגנוציקע ליבע צום מענטשן, און באַזונדערס, אויב דו האָסט געפילט צער אויפן מענטש; אויב דו האָסט

געזוכט דעם אמת און דעם צדק; אויב דו האָסט זיך אָפּגעגעבן מיט דיין גאַנצן וועזן דער שטרעבונג פון אַ נייער וועלט, פון אַ נייעם מענטש — אויב דאָס אַלץ לעבט אין דיר מיט אַ טיף לעבן, מעגסטו זיין זיכער, אַז דאָס אַלץ עקזיסטירט, ווייל דאָס אַלץ איז זעלבסטשטענדיק און האַלט זיך אַליין אויס.

אָבער די צרה איז, אַז דער עצם לעבן אַליין ווערט אַלץ ווייניקער, אַז דער „אייל פאַר באַלייכטונג" שעפּט זיך אויס. אַלץ וואָס איז נאָך פאַר־בליבן אין דער אויפגעקלערטער געזעלשאַפט פון דער ליבע, פון גלויבן, פון אידעאַליזם, פון דער שאַפונג, — איז דאָך אונז געבליבן אין ירושה פון די פריערדיקע טויזנטער דורות, און עס עקזיסטירט נאָך אין א געוויסער מאָס אין אונזער נשמה, טראָגט אונזער גאַנצער „חכמה", טראָגט אונזער גאַנצער גריבלעניש. ווייל מיר זיינען ווייט און דערווייטערן זיך אַלץ מער פונם לעבנס־קוואַל — פון דער נאַטור. מיר שפּייזן זיך מיטן בוך, יעדער איינער מיט די רעשטן פון דעם צוווייטנס „אייל", מיט זויגן אונזערע פינגער, מיט עסן איינער דעם פלייש פון צווייטנס אָרעם.

ס'איז נישט קיין ווונדער, וואָס אין לעבן איז אַזאַ גייסט־אָרימקייט פון דעם היינטצייטיקן מענטש גורם צו אַן אידעאַלן־אויסטויש (אָדער „געצן־ברעכעריי", לויט דעם כאַראַקטעריסטישן פאַר אונזער צייט אויסדרוק) מיט אַן עלעקטראָן־שנעלקייט, און ענדלעך — צו אַן אַבסאָלוטער אפּיקורסות אין אַלעמען, צו א שרעקלעכער פּוסטקייט און פולשטענדיקן יאוש.

מען זאָגט: די ראַציאָנאַליסטישע וויסנשאַפט האָט באַלויכטן די אויגן און פאַריאָגט די פאַנטאַזיע־שאָטענס און די מיסטיק פון דער אַלטער וועלט. אָבער דערדאָזיקער זאַץ דערקלערט גאָרנישט. ווייל דער כוח פון דער וויסנשאַפט איז דאָך נאָר אין ראַציאָנאַליזם און אין יענע מיינונגען, וואָס זיינען שייך צו דער ספּערע פון טעאָריע און באַטראַכטונג, אָבער נישט אין דעם פילבאַרן און אין יענע מיינונגען, וואָס זייער יסוד באַשטייט אין געפיל; און בכלל מעג מען זאָגן, אַז נישט די אפּיקורסות אַלס אַזעלכע איז געפערלעך, נאָר די קליינלעכע אפּקורסות, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין טיפע וואָרצלען נישט אין דער נשמה פון אפּיקורס און נישט אין זיין מוח, — נאָר זי ווערט פאַרזייט דורך יעדן ווינט, וואָס טראָגט אויף זיינע פליגלען אַזא לייכטן זאָמען, — און זי וואַקסט, ווי יענע מדבר־דערנער, דאָרט ווו עס איז נישט פאַראַן קיין שפּייז פאַר מער נוצלעכע געוויקסן. די גרויסע, אָרי־גינעלע אפּיקורסות, וואָס איז אַ רעזולטאַט פונם גרויסן צער און פונם גרויסן זוכנדיקן געדאַנק, איז פּרוכטבאַר און שעפעריש נישט־ווייניקער פונם גרויסן גלויבן, וואָס אויך ער איז אַ פּראָדוקט פון דעם גרויסן צער און פון דעם גרויסן זוכענדיקן געדאַנק.

די גרויסע אפּקורסות האָט געבראַכט אויף דער וועלט, נאָך אין די אַמאָליקע צייטן, די וווּנדערבאַרע רעליגיע פון בודא. דאָס איז דאָך דער כּוח פונם גרויסן צער, וואָס איז אַ פּאָר מיטן גרויסן געדאַנק, וואָס ווּ ער געפינט זיך, איז ער שעפעריש. דער גרויסער צער גיט נישט קיין רו דעם מענטש, וואָס טראָגט אין זיך דעם צער, אפילו בעטן פאַר זיך רו אין טויט לאָזט ער אים נישט, — ווייל וואָס נוצט דעם גרויסן בעל־צער דער טויט, אויב דער צער בלייבט אויף דער וועלט אויף נאָך זיין טויט? צי וועט ער „רעטן זיין נשמה" דורך אַזאַ מין אַנטלויפן, אַרויסשטעלנדיק זיין אייגענער נשמה אַזאַ אָרימקייטס־צייגניש? צי קען ער אויף אַזאַ אופן אַנטלויפן?

בעל כּרחו לעבט ער, בעל כּרחו טראָגט ער דעם גרויסן צער — ווייל ווער נאָך ווי ער טראָגט אים, ווייל ווער נאָך ווי ער פאַרמאָגט אַזויפיל כּוח און קען און פאַרשטייט צו טראָגן דעם צער? — און בעל כּרחו זוכט ער מיטלען פאַר אַלע וואָס ליידן טראָגנדיק אין זיך דעם צער — און שאַפט. דאָס איז אפשר דער שרעקלעכסטער „בעל כּרחך אתּה חי", אָבער אויך דער פּרעכטיקסטער און דערהויבנסטער. אַזאַ גרויסע אפּיקורסות, אַזוי ווי דער גרויסער גלויבן, איז נישט פאַראַן קיין סך אין אונזער צייט. און דעריבער איז פאַראַן אַזוי ווייניק שעפער און אַזוי פיל פאַריאושטע און זעלבסט־מערדער.

די היינטצייטיקע אפּקורסות איז אַ רעזולטאַט פון דער אָנמעכטיקייט, פון דער לעבנסלאָזיקייט און מאַנגל פון לעבנס־באַנייונג. אַלץ וואָס דער היינטצייטיקער מענטש האָט פאַרמאָגט פון זאַפטיקייט, פון גייסטיקן כּוח, פון דער נשמה יתירה, — האָט ער פאַרנוצט אויף דער נעגירונג, און פון פּאָזיטיוויזם איז אים גאָרנישט פאַרבליבן.

אַ גרויסע וועלט פאַרמאָגן מיר, ברייטע רוימען, טיפקייטן. ליכט נישט צום דערגרונטעווען און דערפאַרשן, — טונק זיך איין, מענטש, אין די טיפענישן פון אָט דעם גרויסן ים, צועפן אַלע קעמערלעך פון דיין האַרץ פאַרן שטראָם פון לעבן און ליכט — און לעב! לעב מיט אַלע דיינע אָטאָמען! לעב — און דו וועסט זען, אַז עס איז נאָך פאַראַן אָרט פאַר ליבע, פאַר גלויבן, פאַר אידעאַליזם, פאַר שאַפונג! און אפשר — ווער ווייסט? — אפשר זיינען אויך פאַראַן וועלטן, וואָס דו האָסט אפילו קיין אָנונג נישט וועגן זיי!...

דער אַבסאָלוטער געבאָט פונם מענטשלעכן גייסט איז, אַזוי אַרום, נישט דער וועלכער לאָזט הערן אין אונזער צייט אין דער קולטור־וועלט: „דערקען די נאַטור און האָב זי ליב!" — נאָר דער, וואָס זיין שטים הערט מען בכלל נישט אין דער קולטור־וועלט, וואָס ברומט ווי אַ טויב אין דער זוכנדיקער נשמה און ראַנגלט זיך ווי אַ פויגל אין זיין ענגן שטייג:

לעב די נאַטור!...

באוווסטזיין און איבערלעבונג

א

דער מענטש זעט די נאטור ווי צוויי וועלטן, — א טויטע נאטור און א לעבעדיקע נאטור. די פּראָבע פון דער עקזיסטענץ פון דער טויטער נאַטור איז גאָר אַן איינפאכע און אלגעמיינע, — דער מענטש זעט אין איר נישט מער ווי מאטעריע און באוועגונג און באוועגונגס־צוזאמענשטעלונגען. וואָס שייך דער לעבעדיקער נאטור, איז די פּראָבע פון איר עקזיסטענץ אַ ספּעציפישע, זי איז איינגעריכטעט לויט צוויי הויפּט־שטאפּלען, איינע איבער דער אנדערער: די וועלט פון געוויקסן און די וועלט פון לעבעדיקע (איינגעשלאָסן דער מענטש). דערפאר טאקע רופט מען אויך די לעבעדיקע נאטור — אָרגאנישע נאטור און די טויטע נאטור — אומאָרגאנישע.

די דעם מענטשן באוווסטע לעבעדיקע נאטור איז, פארהעלטניס־מעסיק, קנאפּ אין צאָל אין פארגלייך מיט דער טויטער נאטור, אויך ווען מיר וועלן נעמען אין אַכט נאָר די טויטע נאטור פון דעם ערד־קוגל אליין. אָבער אין קוואליטעט איז די לעבעדיקע נאטור שקול קעגנאיבער דער גאנצער טויטער נאטור, קעגנאיבער דער גאנצער אומענדלעכער באשאַ־פונג. ווייל די לעבעדיקע נאטור אנטהאלט דאָך אין זיך דעם כוח פון באוווסטזיין, וואָס נאָר א דאנק אים ווייס דער באוווסטזיניקער מענטש וועגן דער עקזיסטענץ פון דער גאנצער אלוועלטלעכער באשאפונג, און אָן אָט דעם באוווסטזיין, קען ער זיך בכלל נישט פאָרשטעלן קיין עקזיסטענץ.

דער עיקר איז, אזוי ארום, דער באוווסטזיין, ריכטיקער געזאָגט — דער באוווסטזיין איז פארן באוווסטזיניקן אלץ. ער איז פאר אים דער איינציקער שפּיגל, וואָס דורך אים באגרייפט ער די גאנצע באשאפונג, וואָס דורך אים באגרייפט ער אלץ. אינם באוווסטזיין שפּיגלט זיך אָפּ די גאנצע אומענדלעכע באשאפונג אויף אלע אירע פארשידענע דערשיינונגען, וואָס אין זייער אלגעמיינהייט ווערן זיי גערופן: ווירקלעכקייט. נאָכמער: לויט דער מסקנה וואָס די באַוווסטזיין־לערע ציט ארויס, באגרייפט נישט דער באוווסטזיין די זאך אלס אזעלכע, נאָר די אײַנדרוקן פון דער זאך, אזוי־ווי זיי דערגייען צום באוווסטזיין דורך די רערן פון דער נשמה פון דעם מענטש־־מיטן־באוווסטזיין; דאָס מיינט, דאָס וואָס דער באוווסטזיין פאסט אויף אלס ווירקלעכקייט איז בעצם נאָר די סומע פון די איינדרוקן, וואָס די נשמה פונם מענטש־מיט־באוווסטזיין ווערט מיט זיי באאיינדרוקט דורך דער זאך, וואָס זי באגרייפט, און וואָס דער באַוווסטזיין נעמט זיי צוזאמען און באלויכט זיי לויט זיין וועג און באהויכט זיי מיט דער פאָרם פון ווירקלעכקייט . אין לעצטן סך הכל הייסט עס, אז די ווירקלעכקייט –

כלומר דאָס וואָס מיר באַנעמען אַלסווירקלעכקייט — ווערט, בעצם, ווי געשאַפן דורך דעם באַוווסטזיין גופא.

דידאַקטיש ספּעציפישע אייגנשאַפט פון דעם באַוווסטזיין, וואָס האָט נישט צו זיך קיין גלייכן צווישן די אייגנשאַפטן פון דעם לעבעדיקן גייסט, פאַרוואַנדלט עס דעם באַוווסטזיין אין אַן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר יעדער זוכונג פון אַ חשבון פון וועלט. יעדער לעבעדיקער געדאַנק האַלט עס פאַר נויטווענדיק אָנצוהייבן זיין חשבון מיט דעם אויפקלערן דעם מהות פון באַוווסטזיין. ווי דו וואָלסט געזאָגט: ער האַלט עס פאַר נויטווענדיק אויס־פאָרשן קודם כל זיין אַרבעטס־געצייג, דעם איינציקן שפּיגל, וואָס ער קוקט אַריין אין אים און באַגרייפט פון אים אויס אַלץ וואָס ער קען באַגרייפן.

אָבער דאָרט ווו דו זעסט די מעגלעכקייט פונם באַוווסטזיין צו באַ־גרייפן אַלץ, דאָרט זעסטו אויך זיין אוממעגלעכקייט צו באַגרייפן דעם עיקר — די עצם וועלט פון דעם מענטשנס גייסט. אויב דער באַוווסטזיין פאַרפּליכטעט, אַז אַלץ וואָס מיר באַגרייפן איז נישט מער ווי אַ דערשיינונג, און אַז די עצם זאַך וואָס דערשיינט פאַר אונז איז בכלל אומבאַגרייפבאַר, אָדער אַז עס איז בכלל נישט פאַראַן אַזאַ זאַך אין דער ווירקלעכקייט, — דאַן זאָגט דאָך דער באַוווסטזיין דורכדעם אַליין עדות וועגן זיך גופא, אַז ער קען נישט דינען בחזקת אַ‏‏ייגן פאַרן לעבעדיקן געדאַנק, דעם פאַר־שטייער פונם „איך" וואָס זוכט זיין וועלט. ווייל אַט איז פאַראַן אַ קעגנ־שטאַנד און אַ זאַך, וואָס דער לעבעדיקער „איך" קען נישט זאָגן וועגן אים: „עס איז כלל נישט פאַראַן אין דער ווירקלעכקייט אַזאַ קעגנשטאַנד" און דאָס איז דאָך דער באַוווסטזיניקער „איך" אַליין. און אינעם אוצר פון באַוווסטזיין איז ניט פאַראַן קיין שום באַווייז, וואָס זאָל קענען פאַרלייקענעןביים לעבעדיקן „איך" זיין עצם אייגנאַרטיקן וועזן, דאָס וואָס ער באַגרייפט דורכן עצם לעבן, וואָס איז וויכטיקער פונם באַוווסטזיין. וואָס איז עס אַזוינס אין מיר וואָס דערקענט? וואָס איז עס אַזוינס וואָס לעבט אין מיר? און פונוואַנען? הייסט עס, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אַ ווירקלעכקייט, עפּעס אַ עקזיסטענץ, וואָס דער באַוווסטזיין באַגרייפט זי נישט.

וואָס איז אַזוינס יענע ווירקלעכקייט, יענע עקזיסטענץ, וואָס מען קען זי נישט באַגרייפן און דאָך עקזיסטירט זי — עקזיסטירט אינעם עצם „איך", און פון אים אויס אין דער גאַנצער באַשאַפונג? וואָס אַזוינס איז דער עצם „איך", דער עצם פון יעדער זאַך, דער עצם פון לעבן, דער עצם פון דער עקזיסטענץ? דאָ זיינען מיר געקומען צו דער גרויסער פראַגע, וואָס דער געדאַנק פונעם לעבעדיקן מענטש — דער פאָרשטייער פונעם לעבעדיקן „איך" — שטויסט זיך אין איר אָן זינט דעם אָנפאַנג פון זיין וועג אין לעבן און ביז צום סוף; שטויסט זיך אָן ווו־נאָר זי ווענדעט זיך

און אין יעדער ריכטונג ווו זי ווענדעט זיך, זוכענדיק דאָס לעבן און די וועלט פונם לעבעדיקן „איך"; צו דער פראגע, וואָס אויף איר זיינען פאַראַן, ווי־באַקאַנט, תשובות, אָבער עס איז נישט פאַראַן קיין תשובה, ביז מיר האָבן לעצטנס זוכה געווען צו הערן, אַז עס איז בכלל נישט פאַראַן קיין פראגע, אַז די עצם פראגע איז אין־גרונט־גענומען אַ טעות, ווייל דער עצם „איך" איז אין־גרונט־גענומען אַ טעות א. אז. וו.

עס איז נישט קיין טיפזין צו זאָגן, אַז דאָס מבטל זיין די פראגע מיטן כוח פון דער לערע וועגן דעם עמפירישן (עקספּערימענטאַלן) באַ־ווּסטזיין איז נישט ווייניקער מעטאַפיזיש, ווי אַלע מעטאַפיזישע ענטפערס. די לערע וועגן דעם עמפירישן באַוווּסטזיין נעמט אָן, אַז דער באַוווּסטזיין פאַרמאָגט גאָרנישט אויסער דעם וואָס ער דערגרייכט דורך דער דערפאַרונג, אַז דער באַוווּסטזיין באַגרייפט גאָרנישט פון זיך אַליין, פון עפּעס אַ באַזונדערן אינערלעכן כוח און נישט דורך דער דערפאַרונג. דאָס איז אַן הנחה, וואָס איז אויסן נאָר צו באַגרענעצן די באַגרייפונגס־קראַפט פון באַוווּסטזיין ביז צום לעצטן גרעניץ.

דער לעבעדיקער און באַוווּסטזיניקער איך באַגרייפט דאָס לעבן און די וועלט דורך דער פאַרמיטלונג פון באַוווּסטזיין; און אָט שטויסט זיך אָן דער באַוווּסטזיין אין לעבן און אין דער וועלט אין דעם וואָס ער קען נישט באַגרייפן, אין דעם וואָס שטייט אין סתירה צו אַלעם וואָס ער פאַרפליכטעט, ..אין דעם וואָס רעדט וועגן עפּעס אַן אָפּגרונט־געהיימניש. דער באַוווּסטזיין באַגרייפט, למשל, יעדע טעטיקייט ווי אַ רינג אין אַ זיך־ציענדע קייט פון סיבות און רעזולטאַטן, אָבער ער באַגרייפט נישט די ערשטע סיבה. אַלץ וואָס ער באַגרייפט, באַגרייפט דער באַוווּסטזיין לויט געוויסע געזעצן און מיטן כוח פון זיין שכל'דיקייט, אָבער ער באַגרייפט נישט די געזעצמעסיקייט און שכל'דיקייט אינם עצם לעבן און וועלט, אין דעם עצם פון דער אַלוועלטלעכער עקזיסטענץ.

קלאָר, אַז דאָ שטויסן מיר זיך אָן אין עפּעס וואָס שטייט העכער פונם באַוווּסטזיין, וואָס איז די עצם עקזיסטענץ, וואָס גייט נישט אַריין אין יענעם באַגרייפונגס־קרייז פונם באַוווּסטזיין, נאָס וואָס באַזיצט טיפע וואָרצלען אין אונזער סאַמע גייסט, — אויב עס איז נישט ריכטיקער צו זאָגן — אַז דאָס איז עס דער עצם גייסט אונזערער.

וואָס וויל דאָ דער מענטש באַגרייפן? וואָס גייט אים אָן, דעם מענטש, דאָס אומבאַגרייפבאַרע, וואָס גייט אים אָן דאָס פאַרבאָרגענע? וואָס שטויסט אים און צווינגט אים זוכן דאָס וואָס מען קען נישט געפינען? איז דאָך יעדער מאָמענט פון זיינע לעבנס־מאָמענטן אַ פרעגן און זוכן, וואָס ער פילט עס אין ציַיטן ווען זיין געדאַנק איז אויפגעלייגט, אין דער פאָרם

פון לאנגווייליקייט און פוסטקייט, וואָס דאָס רוב מעשים זיינע זיינען נאָר אויסן אים אָפּוועגדן פון דעם געפיל. און אויב עס געלינגט אים נישט, ברענגט עס אים נישט זעלטן צו זעלבסטמאָרד. איז דאָך דער הויפּט־יסוד פון יעדן זעלבסטמאָרד, דער יסוד וואָס אינעם אָפּגרונט פון דער מענטשלעכער נשמה, די עצם וועלט־פראַגע אליין:

וואָס איז דאָס לעבן, און צוליב וואָס עקזיסטירט דאָס לעבן?

און נישט נאָר דאָס אליין. יעדע טאַט פון דעם מענטשנס טאַטן, יעדע באַציאונג פון זיינע באַציאונגען, איז פאַרבונדן מיט אַ לעבעדיקער פאַרבינדונג, הגם צומיינסט אַ געהיימע, מיט דער וועלט־פראַגע, און מיט דעם מענטשנס באַציונג צו איר און צו דעם, וואָס ער זוכט דורך איר. עס קען דאָך נישט זיין קיין ענלעכקייט צווישן דעם אופן פון טאַט און באַציאונג, אויב דער מענטש זעט אינם לעבן און אין דער עקזיסטענץ א העכער ליכט, אן אומענדלעכן געדאנק, א שכל וואָס איז פאַרבאָרגן פון יעדן געדאנק; און צווישן דעם אופן פון טאַט און באַציאונג, אויב ער זעט אין לעבן און אין דער עקזיסטענץ אַן אַבסאָלוטע בלינדקייט, א פוסטקייט. צי איז עס נישט קיין קורצזיכטיקייט צו זען דעם יסוד פון די פאַרבאָרגענע גייסטיקע פאָדערונגען פון מענטש אינם באַגרעניצטן קרייז פון די לעבנס־ענינים און נישט אינם גאַנצן פאַרנעם פון לעבן און פון זיין טיפקייט? דער מענטש פילט, אז זיין גאַנץ וועזן פרעגט: פון איין זייט — דער באַוווסטזיין, אַן אָפּן־אַנטבלויזטע וועלט. און פון דער צווייטער זייט — אַן אָפּגרונט, אַן אייביק געהיימניש. בעצם איז עס דאָך נישט קיין פראַגע, נאָר א גייסטיק זוכעניש וואָס קומט פאַר יעדער פראַגע. מיט אָט דער פראַגע איז דער מענטש געגליכן אין זיינע אייגענע אויגן צו אַ קינד. וואָס זעט, אז אלץ וואָס עס געפינט זיך אין זיין מחיצה שפּיגלט זיך אָפּ אַזוי־שיין אין דעם שפּיגל וואָס שטייט נעבן אים, און ער וויל זען וואָס ס׳געפינט זיך דאָרט, הינטער דעם שפּיגל, ווו עס געפינען זיך כלומרשט די זאַכן וועלכע שפּיגלען זיך אָפּ. דאָרט, אַזוי טראַכט ער, געפינט זיך דאָס אלץ אין א ממשותדיקער, לעבעדיקער שלמות. און ער קערט אום דעם שפּיגל — און אָט איז דאָרט נישט פאַראַן גאָרנישט, דאָרט איז נאָר די לחלוטין טונקל פאַרשטאָפּטע זייט. אָבער אָט דידאָזיקע פאַרשטאָפּטקייט מאַכט דאָך דעם שפּיגל פאַר דורכזיכטיק. און דאָס איז דאָך אפשר בעצם דאָס וואָס מיר זוכן — די פאַרייניקונג פון דעם פאַרשטאָפּטן מיט דעם דורכזיכטיקן, כדי צו דערגרייכן די אַבסאָלוט פולקאָמענע דורכזיכטיקייט.

דאָס לעבן איז אַן אַבסאָלוטע זיכערקייט, און ווען דער מענטש צווייפלט אין דער דאָזיקער זיכערקייט און פרעגט ווייטער, זוכנדיק אַ סטאַבילערן יסוד פאַר זיין וועלט־געבייַ, טרעט ער טאַקי אריין אין א מער

זיכערן רשות — אין רשות פונעם לויטערן באַוווסטזיין. אָבער עס איז זיכער נאָר דערפאַר, ווייל עס איז באַגרעניצט אין פעסטגעשטעלטע גרעניצן; ווייל עס איז סטאַטיש, און דער עיקר — ווייל עס איז נאָר אַ פאָרם אָן א רוח חיים. דאָס הייסט נישט, אז מען דאַרף צווייפלען אין דער פליכט פונעם באַוווסטזיין צו דעפינירן געַנוי זיינע גרעניצן, אויפקלערן געַנוי זיינע יסודות, פאָרמען און געזעצן. דאָס הייסט נישט, אַז די קאָנסטיטוציע פון באוווסטזיין קען נישט ביישטיין די קאָנסטיטוציע פון לעבן. דאָס הייסט, אַז דער באוווסטזיין איז נאָר איין זייט, איין טייל פון דער באַגרייפונגס־קראַפט, וואָס דער מענטש באַגרייפט מיט איר אַלץ וואָס ער באַגרייפט.

צוליב דער באַדערפניש פון אונזער ענין וועל איך מיר דערלויבן מחדש זיין א באַגריף אין דער פאָרם פון איבערלעבונג (חויה) לויטן העברעאישן באַגריף הויה (עקזיסטענץ). דער באַגריף איבערלעבונג איז פון איין זייט פּאַראַלעל צום באַגריף עקזיסטענץ, וואָס אונטער אים פאַרשטייען מיר די עצם ווירקלעכקייט; און פון דער צווייטער זייט, אין זין פון דער באַגרייפונגס־קראַפט, איז ער פּאַראַלעל צום באַגריף „באַוווסטזיין". דער באַגריף איבערלעבונג ווי ער וואָלט געשטאַנען אינמיטן, צווישן דעם באַגריף „עקזיסטענץ" און דעם באַגריף „באוווסטזיין", ווייל די איבערלעבונג איז די פאַרמיטלונגס־קראַפט צווישן דער עקזיסטענץ און דעם באַוווסטזיין. דאָסדאָזיקע באַגרייפן פון דער איבערלעבונג אַנטהאַלט נישט נאָר דאָס, וואָס מיר פאַרשטייען אונטערן אויסדרוק „אונטערן שוועל פון באוווסטזיין", נאָר אויך דאָס וואָס קומט פאַר דעם: אין אָט דעמדאָזיקן באַגרייפן זיינען צוזאַמענגעשלאָסן נישט נאָר אַלע גייסטיקע און וויטאַלע כוחות פון די קערפּער־קעמערלעך, נאָר אויך אַלע פיזישע און כעמישע כוחות פון די קערפּער־אַטאָמען — דאָס אַלץ וואָס מען קען עס באַטראַכטן ווי דעם פאַרשטאָפּטן טייל פונם שפיגל, וואָס דער באוווסטזיין איז זיין דורכזיכטיקע זייט.

די איבערלעבונג שטייט העכער פונם באוווסטזיין. דער באוווסטזיין איז אַ טייל, און די איבערלעבונג איז אַלץ. דער באַוווסטזיין איז באַגרעניצט אין דער גרעניץ פון סטאַבילע פאָרמען, וועלכע זיינען תופס די זאַך וואָס ער דערקענט ווי אין אַ פאָרם, בעת די איבערלעבונג איז אומענדלעך. דער באוווסטזיין איז די צעגלידערונג פון דער עקזיסטענץ, וואָס אזוי אַרום קען מען זי באַגרייפן און אויך איבערגעבן טיילנווייז, — אָבער די איבערלעבונג לאָזט זיך נישט טיילן און צעגלידערן.

און נישט נאָר אין הינזיכט פון היקף — אויך אין הינזיכט פון טיפקייט (אָדער הויפּטזאַכלעך אין הינזיכט פון טיפקייט), שטייט

די איבערלעבונג העכער פונעם באוווסטזיין. מיט דער מאָס וואָס דער מענטש לעבט טיפער דערגייט ער צו אַ טונקעלן געפיל, אַז אויסער דעם אָפענעם לעבן לעבט ער אויך נאָך א מין נישט־אָפן לעבן, אַ מין לעבן, — וואָס זיין אָפענער לעבן איז נאָר אַ טייל פון אים. ער פילט, אָדער באַגרייפט אין דער טיפעניש פון דער איבער־לעבונג, אַז עס איז פאַראַן נאָך א פראָבע פון לעבן, וואָס איז לחלוטין אַנדערש פון יענער פראָבע פון לעבן וואָס ער לעבט מיטן באַוווסטזיין. עפּעס אַן אַלגעמיינע, אַלוועלטלעכע פראָבע פון לעבן, אַז די גאַנצע נאַטור לעבט, אַז די גאַנצע אומענדלעכע עקזיסטענץ לעבט. ער פילט עס באַזונדערס ווען ער געפינט זיך איינער אַליין אין דער נאַטור, ווען ער זעט זיך איינזאַם, מיט אַלע זיינע מענטשלעכע הימלען און אָפּגרונטן, פאַרשטאָפּט איינער אַליין אין דער ברייטקייט פונם וועלט־חלל — ער פילט מיט זיין גאַנצן וועזן, אַז ער איז פאַרייניקט עפּעס אויף א באַזונדערן אופן מיט דער דראַזיקער אַלוועלטלעכער אייביקער באַשאַפונג. און די פאַרייניקונג איז אַזוי טיף, אַז דער מענטש זעט זיך נישט צונויפגעקלעפּט מיט איר, מיט אַט דער באַשאַפונג, אָדער אַז ער האָט זי ליב, אַזוי־ווי ער זעט זיך צונויפגעקלעפּט מיט זיך און אַז ער האָט זיך ליב.

די נאַטור־פאָרשונג האָט געבראַכט צו דער מיינונג, אַז עס איז נישט פאַראַן אויף דער וועלט אַ כוח, וואָס ווערט פונדאַסניי באַשאַפן, אַזוי־ווי ס'איז נישט פאַראַן אויף דער וועלט א כוח, וואָס ווערט פאַרלאָרן, אַזוי־ווי ס'איז נישט פאראן א מאַטעריע וואָס ווערט פאַרלאָרן; נאָר ס'זיינען פאַראַן פאַרשידענע צוזאַמענבינדונגען און אַנטפּלעקונגען פון כוחות אָדער פון איין כוח, וואָס עקזיסטירט תמיד. דאָס הייסט, אַז אַלץ וואָס מיר זעען אויף דער וועלט ווי כלומרשט געבוירן פונדאַסניי, איז נישט מער ווי אַ זאַך וואָס איז שוין איינגעשלאָסן אין דער עצם עקזיסטענץ, נאָר אינעם געגעבענעם מאָמענט — ווי מען זאָגט — האָט עס אָנגענומען אַן אָפענע פאָרם; און דאָס וואָס מיר זעען אַז עס גייט כלומרשט פאַרלוירן, איז נישט מער ווי אַ זאַך, וואָס האָט אָנגענומען א נישט־אָפענע פאָרם. דער מענטש, צום ביישפּיל, זעט, אָדער קען זיך לכל הפּחות פאָרשטעלן די אַנטוויקלונג פון לעבן פון זיין „איך” זינט ער איז געבוירן געוואָרן: אָבער ער קען בשום אופן זיך נישט פאָרשטעלן די אַנטוויקלונג פונם לעבן פון זיין „איך” איידער ער איז געבוירן געוואָרן, אין דער מוטערס בויך. דער רינג וואָס פאַרבינדעט די אַנטוויקלונג פון פאַר די פאָרמען, פון פאַר דעם באַוווסטזיין — ביז צו דער אַנטוויקלונג וואָס נאָכן באַוווסטזיין, — דאָס איז די איבערלעבונג. דער אָרט וואָס עס פאַרנעמט די איבערלעבונג איז געגליכן צום אָרט, וואָס פאַרנעמט דער געוויקס אין דער אַנטוויקלונג

פון דער אָפּענער נאַטור; (דער גְעוויקס, דאַרף מען אָננעמען, דינט ווי אַן איבערגאַנג פון דער טויטער נאַטור צו דער לעבעדיקער, אַן איבערגאַנג, וואָס דער מענטשלעכער באַוווסטזיין האָט נאָכנישט באַגריפן זיין סוד. אָבער דער סוד איז פאַרבאָרגן אין דער איבערלעבונג, אינעם פאַרבאָרגענעם שכל פון מענטשן); און אַזוי־ווי דער געוויקס באַקומט העכערע שפע פון דער זון און שאַפט דורך אים, פאַר אונז אומבאַגרייפבאַרן אופן, זיין ממשותדיק וועזן, וואָס שפּייזט יעדן לעבעדיקן, — אַזוי אויך באַקומט די איבערלעבונג, פאַר אונז אומבאַגרייפבאַרן אופן, העכערע שפע פונם לעבן פון אויסברייטערונג און שפּייזט מיט אים דעם באַוווסטזיין.

ב

די גייסט־באַוועגונג צו אַ לעבן־פון־אויסשפּרייטונג קומט צום אויס־דרוק אין אַ פאָרם, וואָס דערמאָנט די קרייזן וועלכע שאַפן זיך אינעם וואַסער פון טייך, ווען מען וואַרפט אין אים אריין אַ שטיין: תחילת, אין צענטער, קליינע און ענגע קרייזן, וואָס צוליב זייער ענגקייט זעט זיך מער זייער באַגרענעצטקייט ווי זייער אויסשפּרייטונג, הגם עס איז אין זיי פאַרבאָרגן די גאַנצע קראַפט פון דער קומענדיקער אויסשפּרייטונג; נאָך זיי — ברייטערע און אַלץ ברייטערע, ביז זיי ווערן פאַרשוווּנדן פון די אויגן צוליב זייער ברייטקייט, צוליב דער שוואַכקייט פון זייער ווירקונג.

די באַוועגונג צו אַ לעבן־פון־אויסשפּרייטונג הויבט זיך אָן מיטן געשלעכטלעכן געפיל, מיטן געפיל וואָס צווישן מאַן און פרוי, וואָס דו ווייסט נישט, וואָס איז אין אים מער אַנטהאַלטן: באַגרענעצטקייט צי אויס־שפּרייטונג. און אפשר זיינען זיי ביידע אַנטהאַלטן אין אים אין דער גרעסטער מאָס.

דער צווייטער נאָכן געשלעכטלעכן געפיל איז דאָס געפיל פון די עלטערן צו זייערע קינדער (באַזונדערס דער געפיל פון דער מוטער). און דער דריטער — דאָס משפּחה־געפיל בכלל. נאָך זיי קומען: דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, דאָס מענטשלעכע געפיל, דאָס געפיל צו יעדן לעבעדיקן. פונדאַנען — דאָס רחמים־געפיל, דאָס גערעכטיקייטס־געפיל, דאָס מאָראַלישע געפיל ווייטער — דאָס געפיל אין באַצוג צו דער נאַטור און אַלץ וואָס אין איר, אין באַצוג צו דער אומענדלעכער באַשאַפונג. פונדאַנען — דאָס שיינקייטס־געפיל, דאָס געפיל פון אמת, דאָס געפיל פון העכערער הייליקייט, דאָס רעליגיעזע געפיל.

די גאַנצע מענטשלעכקייט פונם לעבן באַשטייט דערין, וואָס דער מענטש לעבט בשלמות מיט זיין גאַנצער געשטאַלט, פון די אַטאָמען פון זיין קערפּער און בלוט פון זיין האַרץ, ביז צום סוף פון זיין העכערן

געדאַנק, לעבט ער אומדירעקט פונם לעבנס־קוואַל. ער שאפט זיך נישט קיין אידעאַל לעבן און פּראַכט, אָדער לעבט באַזונדער און שאַפט זיך באַזונדער אַן אידעאַל לעבן, נאָר ער באַנייט זיך, ווערט פאַרבעסערט און דערהויבט זיך פונם ממשותדיקן לעבן, אַזוי־ווי ער לעבט זיין נשמה פון זיין קערפּער. עס איז נישט פאַראַן קיין וועלט פון אײדלקייט באַזונדער און אַ וועלט פון טאַט באַזונדער — עס איז פאַראַן נאָר איין וועלט. עס איז נישט פאַראַן פּאָעזיע באַזונדער און אַ ממשותדיק לעבן באַזונדער — עס איז פאַראַן לעבן. עס איז פאַראַן אַ גאַנץ לעבן און נישט־גאַנץ און פעלערהאַפט לעבן. אמת, אַ מענטש קען נישט זיין פולקאָם־גאַנץ, אָבער ער קען לעבן בשלמות. עס איז נישט פאַראַן קיין אויסבעסערונג און דערהויבונג פון מענטש, נאָר אין דער אויסבעסערונג און דערהויבונג פונם לעבן. אַ קעגנזייטיקע ווירקונג, אָבער אויך אַ פאַרכּשופטער קרייז. די שוועריקייט באַשטייט נישט אינם געפינען דעם וועג און באַלויכטן דעם וועג צו דעם געווונטשענעם לעבן; די שוועריקייט באַשטייט אינם באַווייזן מיט באַשטימטקייט, אַז דער מענטש דאַרף זוכן אַ נייעם וועג און לעבן, אָנהויבן אַלץ פונדאַסניי, ווי אַ קינד וואָס ווערט אָקאָרשט געבוירן, און גיין אויף אָט דעם נייעם וועג. עס איז באַזונדערס שווער צו אַנטפּלעקן אין דער נשמה פון מענטש דעם לעבעדיקן, שטאַרקן בטחון, וואָס קיין כּוח אויף דער וועלט וועט אים נישט אָפּווענדן, אַז דער מענטש דאַרף שטרעבן העכער, זוכן אַ העכער לעבן. איז דאָך אויך די פאַרבאָרגענע בענקשאַפט צו אַ העכער לעבן אַ זאַך וואָס געפינט זיך נישט אין קיין גלייכער מאָס אין יעדער נשמה. נאָכמער: אַפילו אין אַ נשמה וואָס פאַרמאָגט אַזאַ מין „מוזיקאַלישן חוש״, איז דער יסוד פון אָט די העכערע בענקשאַפטן נישט אַזוי פעסט; ווייל דאָס באַגרעניצטע לעבן, וואָס די נשמה איז צו אים געבונדן ווי אַ הונט צו זיין קייט, ווירקט קעגן און צווינגט די נשמה — אין רעזולטאַט פון איר אייגענער נישטיקייט — צו זען אין אַלעמען נישטיקייט, אינם לעבן און אין דער גאַנצער באַשאַפונג; און אין רעזולטאַט פון איר פרעמדקייט צו זיך אַליין און צו איר אייגענער אייגנאַרטיקייט — לייקענען אין אַלץ, אין גאַנצן העכערן לעבן, אין יעדן העכערן פאַרשטאַנד; און נאָר צייטנווייז, צו אָפּט צו זעלטן, געלינגט עס איר צו דערוואַכן און צערייסן די קייט און לעבן און שטרעבן צו לעבן לויט איר גאַנצן פאַרנעם.

און ווי־לייכט איז עס יענעם, דעם, וואָס שטייט העכער איבער דעם דורכשניט פונם ממשותדיקן לעבן — איז פוסטקייט און נאַרישקייט, פאַנ־טאַזיע און מעטאַפיזיק אַ. אַז. וו. — ווי־באַקאַנט.

אָט איז אַ פאַרכּשופטער קרייז: פון איין זייט, בויטיקט זיך דאָס

געוואוינשענע לעבן און געגאַרטע לעבן אין אַ מעכטיקן גייסטיקן כּוח, וואָס זאָל שטרעבן צו אים; און פון דער צווייטער זייט — נויטיקט זיך דער גייסטיקער כּוח אויף צו שטרעבן צו אים, אינעם כּוח פון דעם אויסגעגאַרטן לעבן.

ווו איז דער אויסוועג?

עס איז קלאָר, אַז עס איז פאַראַן נאָר איין אָרט ווו צו זוכן דעם אויסוועג, און דאָס איז די נאַטור. באַנייען דעם יסוד פון לעבן, מיינט דאָך, לויט דעם אויבן־געזאָגטן, אויסברייטערן און פאַרטיפן דאָס לעבן פון מענטש צום לעבן פון דער נאַטור, ביז זיי ווערן צוזאַמענגעגאָסן מיטן לעבן פון דער וועלט.

אָבער עס דאַרף דאָך זיין קלאָר, אין וואָס באַשטייט אָט דער דאָזיקער אויסוועג: צו דער נאַטור?

זיך אומקערן צום צושטאַנד אין וועלכן דער מענטש האָט זיך געפונען פאַר דער מענטשלעכער קולטור? דאָס, ווי עס שיינט, האָט קיינער נישט געפאָדערט און קיינער וועט אויך נישט פאָדערן. דאָס איז פּשוט אַן אַבסורד. דער מענטש קען זיך נישט אומקערן צוריק, און קען זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם, וואָס ער האָט דעראָבערט און דערוואָרבן, און זאָל זיין אָט די דעראָבערונג און דערווערבונג נאָר אין דער ספערע פון באַוווסטזיין. סוף סוף איז דאָך אויך דער באַוווסטזיין אַ יסוד פון די לעבנס־יסודות. דער מענטש שטרעבט צום ברייטן רוים, ער זוכט דערהויבונג און אַ וועג, — אָבער דער וועג קען נישט גיין צוריק, נאָר פאָרווערטס.

„צו דער נאַטור", דאָס מיינט, צו דער אַבסאָלוטער נאַטירלעכקייט, סיי אין היכּנזיכט פון דער וועלט־נאַטור און סיי אין היכּנזיכט פון דער מענטשלעכער נאַטור. אויך די מענטשלעכע נאַטור איז אַ נאַטור, אָבער די אמתע, די גאַנצע, די נישט־פעלערהאַפטע נאַטור.

דער מענטש, פון זיין נאַטור אויס, שטרעבט צו וואַקסן אין גייסט, צו דערהויבן זיך אַלץ העכער און העכער. דאָס דאַרף מען נישט באַווייזן, דאָס זעען מיר אין דער עצם ווירקלעכקייט, אויף אַלע אירע פּגימות און פעלערן. ווי פּעסימיסטיש עס זאָל נישט זיין אונזער אויפפאַסונג — האָט דאָך דער מענטש סוף סוף זיך דערהויבן, זיך דערהויבן אין באַוווסטזיין, אָבער אויך אין זיין גייסט און נשמה. פונם גייסט־און־נשמה פון דעם העכסטן בעל חי ביז צום גייסט־און־נשמה פון מענטש, טראָץ אַלע פּגימות און פעלערן, איז דער מרחק אפשר נישט גרעסער ווי פונם באַוווסטזיין פון בעל חי צום באַוווסטזיין פון מענטש. און אויף וויפל דער מענטש קען נאָך וואַקסן, ווי גרויס און טיף עס איז אין אים די באַדערפעניש צו וואַקסן, וואַקסן אויך אין היכּנזיכט פון זיין נשמה׳דיקייט — דאָס קען מען זען אויך

פונם עצם פעסימיסטישן גייסט אליין וואָס כאַפּט אים אָן, זעענדיק ווי פעלערהאַפט ער איז.

אָבער שווער איז דער וווקס פון מענטשנס גייסט, און גרויס איז דער צער פון אָט דעם וווקס און פיל שטרויכלונגען זיינען פאַראַן אין אים. אויך דער קערפּערלעכער וווקס פון דעם איינצלנעם מענטש איז שווערער ווי דער וווקס פון אלע איבעריקע בעלי חיים. די קינדהייט פון מענטש, ביז ער ווערט רייף און איז פעאיק זיך שפייזן מיט זיין אייגענעם כוח, איז נישט גלייך לויט דער לענג פון דער צייט און לויט די פילע און פאַרשידענע דורכפאַלן און קראַנקהייטן מיט וועלכע זי איז פאַרבונדן, צו דער קינדהייט פון יעדן אנדערן בעל־חי. על אחת כמה וכמה איז שווער דער וווקס פונם מענטשנס גייסט.

דער הויפּט־פעלער פון אָט דעם וווקס, פון דעם וווקס פון דעם מענטשנס גייסט, באשטייט דערין, וואָס זיין באוווסטזיין האָט זיך אנט־וויקלט אויפן חשבון פון דער איבערלעבונג; און די איבערלעבונג איז אין דער זעלבער מאָס פאַרבליבן פעלערהאַפט און אומאַנטוויקלט, דאָס הייסט זי האָט זיך נישט אנטפּלעקט, אזוי אז עס זאָל פולשטענדיק אנטשפּרעכן דעם באַוווסטזיין.

אין דער אנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער נאַטור האָט דער באוווסטזיין פאַרנומען אַזאַ אָרט, אזוי־ווי ער וואָלט געווען דער גאַנצער מענטש, די גאַנצע מענטשלעכע נאַטור, דער איינציקער כוח וואָס שאַפט די מענטשלעכע באַגרייפונג און דעם העכערן ליכט פונם מענטשלעכן לעבן; און די איבערלעבונג איז נישט מער ווי די טונקעלע, רויע זייט פון דער מענטשלעכער נאַטור, אַ מין פאַרמלאָזער אור־שטאָף, וואָס דער באַוווסטזיין געשטאַלטעט אין אים דעם מענטשנס וועלט. אינדעראמתן אָבער, איז דער באוווסטזיין נישט מער ווי אַ טייל פון דער איבערלעבונג, אָדער אַ גלאַנ־צענדיקע אנטפּלעקונג פונם פאַרבאָרגענעם ליכט פון דער איבערלעבונג, וואָס זי איז עס דער יסוד פון יעדער מענטשלעכער באגרייפונג און פון יעדן מענטשלעכן ליכט, און אָן איר איז נישט פאַראַן גאָרנישט.

דאָס איז דער וועג פונם וווקס פון די מענטשלעכע געפילן. דאָס גאנצע העכערע ליכט וואָס אין זיי איז נאָר אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס זיי זיינען פאַרייניקט און איינגעזאַפּט אינם אַבסאָלוטן פאַרייניקונגס־געפיל פונעם מענטשלעכן „איך" מיט דער גאנצער אלוועלטלעכער באַשאַפונג און מיט אלע אירע אנטפּלעקונגען; דאָס איז דער וועג אויף וועלכן די מענטשלעכע השגה דערהויבט זיך צו דער מדרגה פון איין העכערער השגה א באוווסטזיניקע און אינטואיטיווע גלייכצייטיק; דאָס איז דער וועג צו דער פרייהייט פונם מענטשלעכן ווילן, און דאָס איז דער וועג

פונם מענשלעכן לעבן. און די גאנצע אויפגאבע פון דער מענטשלעכער קולטור, פון דעם שטאנדפונקט, באשטייט אינעם פלעגן די אנטוויקלונג און וווקס פון אַט דעם העכערן געפיל און אין דער שטארקונג פון זיין ווירקונגס־כוח אינעם גייסט־ און קערפער־לעבן און אינעם פראַקטישן לעבן אלץ מער און מער. גלייכצייטיק אָבער איז די איבערלעבונג, וואָס איר העכערע קראפט איז פאַרבאָרגן, אָפּהענגיק פונעם אָפּענעם כוח און אָפּענעם ליכט פון באוווסטזיין. אָן דעם אָפּענעם ליכט פון באַוווסטזיין איז אזוי־ווי דאָס פאַרבאָרגענע ליכט פון דער איבערלעבונג וואָלט נישט פארמאָגט קיין אָרט ווו עס זאָל זיך אַנטפּלעקן אין דער וועלט פון מענטש, אין דעם מענטשלעכן גייסט און אינעם מענטשלעכן פראַקטישן לעבן. דער באַוווסטזיין איז אין דער הינזיכט ווי אַ פּיאָנער, וואָס זיין גאנצע אויפגאבע באשטייט אינעם דעראָבערן און פריי מאכן וואָס מער אָרט פאַרן שטראָם פון דער איבערלעבונג, אָבער — מען מוז מוסיף זיין — נישט צו פאַרנעמען איר פלאַץ. די מעגלעכקייט וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשלעכן באַוווסטזיין צו אנטוויקלען זיך און וואַקסן אומבאגרענעצט, דערקענען און באַגרייפן אלץ מער און מער די נאַטור פון איר אָפּענער זייט, ווי עס וואָלט הייסן, אז דעם מענטשן איז געגעבן געוואָרן די פולע פולמאַכט אריבערפירן דאָס פארבאָרגענע לעבן פון דער וועלט צו אַן אָפּענעם מענטשלעכן לעבן, לויט דער באגרייפס־מעגלעכקייט פון באוווסטזיין.

ווען דער באוווסטזיין דערקענט אלץ מער און מער די נאַטור, ווען ער באגרייפט אלץ מער און מער לויט איר אָפּענעם וועג די אבסאָלוטע אייני־קייט פון אלע באַשאַפונגס־אַנטפּלעקונגען, — איז אזוי־ווי זי וואָלט דורכדעם פונאנדערגעשפרייט אלץ מער און מער דאָס צעעפנטע אין דעם מענטשנס נשמה צום זיך־שטארקנדיקן שטראָם פון דער איבערלעבונג, וואָס גייט איבער פונעם פאַרבאָרגענעם וועלט־לעבן צום אָפּענעם וועלט־לעבן, און אזוי־ווי ער וואָלט אזוי ארום אריבערגעפירט דאָס פאַרבאָרגענע ליכט פון דער איבערלעבונג אויף אַן אָפן ליכט, אויף אַן אָפּענעם ווירקונגס־כוח. די אויפגאבע פון באַוווסטזיין איז, אזוי ארום, צו אַנטפּלעקן און באַלויכטן דעם כוח פון דער איבערלעבונג און שאפן פאר איר אַן אָרט ווו זי זאָל קענען אינטענסיוו ווירקן — און אָט די אויפגאבע זיינע האָט דער באַוווסטזיין נישט דערפילט בשלמות, אָדער אפילו כמעט בשלמות.

אין דעם זין איז געשען מיטן באַוווסטזיין דאָס, וואָס ס׳איז געשען מיט די בלעטער פון געוויקס, וואָס צוליב דער פאַרבאָרגענער ווירקונג פונם גרינעם שטאָף וואָס אין זיי — דאָס אויפנעמען פונקען פון דעם זון־ליכט און שאַפן פון זיי א ממשותדיקן שטאָף וואָס איז נויטיק פאר דעם געביי פון געוויקס — האָבן די מענטשן נאָך מיט א בערך קורצער

צייט צוריק, נישט געוווסט, וואָס פאַראַ כוח און חשיבות עס פאַרמאָגן די בלעטער אינם לעבן פון געוויקס.

ג

עס איז פאַראַן אַן אָנגענומענע מיינונג, אַז דער באַוווּסטזיין איז נישט מער ווי דער פאָרשטייער פון דעם פערזענלעכן און געשלעכטלעכן עקזיסטענץ־ווילן, א מין געצייג פונם לעבעדיקן אויף צו זיכערן זיין עקזיסטענץ און עקזיסטענץ־קאַמף. און דערמיט מיינט מען צו באַווייזן, אַז דער פּריוואַטער מענטש, ווי יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש, פאַרמאָגט נישט מער אויסער זיין פּריוואַט לעבן, וואָס איז באַגרעניצט און זיין פערזענלעכן קערפּער און אויף אלעמען וואָס באַציט זיך אויף זיינע פּריוואַטע לעבנס־באַדערפענישן. עס איז אַ גענוג שטאַרקע טענה אין זין פונם געוויינלעכן לעבנס־חשבון, וואָס טיילט איין דאָס לעבן אויף אַן עגאָיסטיש און אַלטרואיסטיש לעבן, אויף אַ פּריוואַטן און אַלגע־מיינעם לעבן.

אָבער די פראַגע באַשטייט דאָך דאָ דערין: נישט צי דער מענטש עקזיסטירט צוליב זיך אָדער צוליב אַנדערע, צי פאַר זיין פּרט אָדער פאַרן גאַנצן כלל, — די פראַגע באַשטייט דערין: ווי־אַזוי פירן אַן אייגענעם לעבן: צי לעבן דעם גאַנצן איך, אָדער נאָר אַ טייל פון איך, און זאָל עס זיין דער צומיינסט ממשותדיקער טייל? צי זיינען די נידעריקע געפילן און נייגונגען פון מענטש זיין גאַנצער איך, אָדער צי זיינען אויך זיינע העכערע געפילן א נישט־מינדערווערטיקער טייל פון אים?

און דערין קען דער באַוווּסטזיין נישט אַרויסגעבן א גערעכטן אור־טייל, נישט אויספאָרשנדיק אין איר גאַנצער טיפקייט די פאָדערונג פון דער איבערלעבונג, וואָס דריקט זיך אויס אין יענעם געפיל פון פוסטקייט, וואָס דער מענטש פילט ווען ער לעבט נאָר א באַגרעניצט לעבן.

דער באַוווּסטזיין איז דער פאָרשטייער פונעם לעבן, אָבער פונעם גאַנצן לעבן, דער פאָרשטייער פון דער איבערלעבונג אין איר גאַנצער שלמות. דער וווּקס פונם מענטשלעכן באַוווּסטזיין איז אויסן דעם וווּקס פון דער מענטשלעכער איבערלעבונג און פונעם וווּקס פון דער איבער־לעבונג — א רעפלעקסיווע ווירקונג. דער מענטש דערקענט מער, דאָס מיינט, די מענטשלעכע איבערלעבונג שטרעבט צו לעבן מער, צו לעבן אַ גאַנץ און נײַ לעבן און יעדן מאָמענט פון לעבן. אָבער די פראַגע איז: וואָס הייסט לעבן מער? ווי־אַזוי לעבן מער? עסן, טרינקען, דערפילן מער אלע קערפּערלעכע תאוות? אין דעם זין לעבט דער מענטש נישט מער ווי יעדער לעבעדיקער; אין קעגנטייל — אין דער מאָס, וואָס

ער דערפילט אין פלוג אלע קערפערלעכע תאוות, פאַרדאַרבט ער זיין קערפער און לעבט ווייניקער.

די מאָס פון באוווסטזיין פון יעדן לעבעדיקן באַשעפעניש, אויסער דעם מענטש, אנטשפרעכט געגוי זיינע לעבנס־באדערפנישן, לויט דעם וואָס עס איז, לויט זיין קאָסמישן אָרט, נישט מער און נישט ווייניקער. מיטן כוח פון זיין באוווסטזיין היט עס זיין קיום און שפייזט זיין פריוואַטן און געשלעכטלעכן קיום, אויף וויפיל דאָס גייט אריין אין העכערן, קאָסמישן חשבון. ווען עס קען און דאַרף דערפילן זיין תאווה, דערפילט עס בשלמות. און ווען דעם קערפער פעלט נישט יענע געגאַרטע זאַך, האָט עס אויך נישט אין זינען.

אַנדערש אָבער איז דער מענטש ווי עס האָט אים אויסגעפורעמט זיין מענטשלעכע קולטור. דער מענטש איז מוסיף אויף זיין קערפערלעכן לעבן דורך רייצן זיינע תאוות, כדי זיי זאָלן תמיד זיין וואַך דורכן פארשאַרפן די עצם קראַפט פון די תאוות און דורך צוגעבן אַ צויבער צו דער אויסגעגאַרטער זאַך. דער כוח פון דער פאַנטאַזיע העלפט אים פונאַנדערפלאַקערן זיינע תאוות און פאַרשאַרפן זיי אין יעדן מאָמענט ביז צו דער לעצטער מעגלעכקייט. פון דעם מאָמענט אָן זיינען שוין מער נישט די קערפערלעכע תאוות נאָר א מיטל פאַר דעם פריוואַטן און גע־שלעכטלעכן עקזיסטענץ־באדערפניש פון מענטש, אזוי־ווי עס איז ביי אלע איבעריקע בעלי חיים מיט דער קראַפט פון דער נאַטירלעכער נויט־ווענדיקייט, נאָר זיי ווערן פארוואנדלט אין אַ ציל פאַר זיך.

די מעכטיקע און רייכע רוימער אין די דעקאַדענץ דורות פלעגן — ווי מען דערציילט — נאָכן אָפּעסן צו־דער־זעט אַלערליי דעליקאַטעסן, אריינשטעקן דעם פינגער אין האלז און אויסברעכן אלץ וואָס זיי האָבן געגעסן, כדי צו קענען ווידער א הנאה האבן פון די תאווהדיקע מאכלים. עס איז נישט שווער זיך פאַרצושטעלן, ווי שעדלעך דאָס איז פארן געזונט.

און וואָס שייך דער געשלעכטלעכער תאווה, איז דאָך נישט נויטיק צו ברענגען קיין ראיות, ווי ווייט זי איז געוואָרן א ציל פאַר זיך, אז אָפט איילט מען זיך צו צו־טויטן דאָס, וואָס די תאווה געבוירט, און עס איז באַקאַנט ווי דאָס פאַרדאַרבט דעם קערפער און די נשמה צוזאמען.

א לאָגישן און לעבעדיקן, א קלאָרן און געגוגנדיקן ענטפער אויף דער פראגע „ווי־אזוי צו לעבן מער?" — גיט אין פלוג דאָס העכערע לעבן פון מענטש, אָדער די שטרעבונג צו אַ העכערן לעבן: דער מענטש לעבט מער אין יענע געפילן וועלכע זיינען נישט פאַראַן אין די איבעריקע לעבעדיקע באשעפענישן, אָדער וואָס געפינען זיך אין זיי נאָר אין אַ קלענערער מאָס: אינעם שיינקייטס־געפיל, אין דער ליבע, אין דער רחמנות,

אין דעם וויסן, אינעם אמת א. אז. וו., דאָס הייסט דורך יענע קאַנאַלן, וואָס דורך זיי שטראָמט אין זיין נשמה דאָס לעבן פון דער גאַנצער אַלוועלטלעכער באַשאַפונג.

און מיר זעען אויך, ווי־אַזוי די איבערלעבונג אַנטשיידט דאָרט ווו זי דאַרף אַנטשיידן לויט איר וועג, און דער באַוווסטזיין האָט נישט קיין שליטה איבער איר. דאָרט, למשל, ווו עס איז פאַראַן אַ לעבנס־געפאַר פאַר דער מוטער און איר קינד זעען מיר, אַז די מוטער איז מקריב איר לעבן פאַר דער רעטונג פון איר קינד. וואָס מיינט עס? די מוטער איז דאָך מקריב איר לעבן פאַר דער רעטונג פון איר קינד, נישט אַ דאַנק דעם באַוווסטזיין, צוליב פליכט אָדער חשבון. עס איז, ווי־עס שיינט, קלאָר, אַז אין אָט דער מסירות־נפש פון דער מוטער איז פאַראַן מער לעבן ווי אינעם פאַרגעניגן פון איר אייגענער רעטונג, אויב מען זאָל מעסטן די דאָזיקע דערשיינונג מיט אַ העכערער, קאָסמישער מאָס. דאָס מיינט: איין מאָמענט פון לעבנס־אויספרייטונג אַנטהאַלט מער לעבן ווי אינעם גאַנצן סכום פון אַ באַגרעניצט לעבן. דער הויפּט־באַדינג איז דאָ, ווי מיר זעען, די אוממיטלבאַרקייט פון דער איבערלעבונג, איר אוממיטלבאַרע און גרענעצלאָזע הערשאַפט, דאָס הייסט, דער הויפּט־באַדינג איז די עקזיסטענץ אין דער נשמה פונם לעבן פון אַן אוממיטלבאַרן קאַנאַל צו אַ לעבן פון אויספרייטונג, אין דער פאָרם פון אַ לעבעדיק געפיל וואָס ווירקט מיט דער גאַנצער לעבנס־קראַפט, — אַזוי־ווי אינעם געגעבענעם פאַל, די נשמה־צוגעבונדנקייט צווישן מוטער און קינד.

די פראַגע „ווי־אַזוי צו לעבן מער" — וואָס איז דאָ געשטעלט געוואָרן, אַנשטאָט אַלע פראַגן וועגן דעם אופן פון דעם מענטשנס לעבן, נעמט־אָן, אַזוי אַרום, אַן אַנדערער פאָרם: פון צופּאַסן די איבערלעבונג צום באַוווסטזיין, אָדער דאָס באַוווסטזיין צו דער איבערלעבונג?

אויב צופּאַסן די איבערלעבונג צום באַוווסטזיין, דאַרף דאָך קלאָר זיין, אַז די גאַנצע נישט־מאָראַלישקייט פונם מענטשלעכן לעבן, סיי די מאוסע און סיי די וואָס מען קען נישט זען איר מאוסקייט, איז אַ רעזולטאַט פונם באַוווסטזיין, אַ רעזולטאַט פון יענע איבעריקע צוגאָבן צו די מענטשלעכע תאוות, די פּוסטע צוגאָבן, די תאוות לשם תאוות, לשם בלויזער הנאה, וואָס געפינען זיך נישט ביי אַלע איבעריקע לעבעדיקע באַשעפענישן.

און אויב צופּאַסן דאָס באַוווסטזיין צו דער איבערלעבונג — איז דאָך די עיקר פראַגע: ווי־אַזוי צופּאַסן? ווי־אַזוי דאַרף דאָס באַוווסטזיין ווירקן? וואָס דאַרף עס טון, כדי די איבערלעבונג זאָל ווירקן אין דער ראַציאָנאַליסטישער, אַקטיווער מענטשלעכער נאַטור מיט יענער אוממיטל־

באַרקייט און אינטענסיוויקייט ווי זי ווירקט אין דער פּאַסיוועד, באַ־וווסטזיינסלאָזער און לעבעדיקער נאַטור?

און קודם כל, ווי־אַזוי אויפקלערן, צי דאָס איז דער וועג פונעם מענטשלעכן לעבן און דער וועג פון דער מענטשלעכער קולטור, און צי איז דער מענטש אימשטאַנד דאָס דערגרייכן?

לאָמיר באַטראַכטן וואָס האָט געענטפערט דערויף די מענטשלעכע קולטור ביז צום היינטיקן טאָג.

אין אַ געוויסן זין מעג מען זאָגן, אַז די גאַנצע מענטשלעכע קולטור זינט איר באַשאַפונג ביז צום היינטיקן טאָג, שטיצט זיך אויף דער שטרעבונג ארויפצווינגען אלץ מער און מער דעם באוווסטזיין איבער דער איבער־לעבונג און איבער דער נאַטור, — מען קען זאָגן, איבער דער וועלט־נאַטור און מענטש־נאַטור. מיטן כוח פון באוווסטזיין דעראָבערט דער מענטש די נאַטור, אונטערדריקט זי אונטער זיין ווילן און צווינגט זי צו פאַרלייכטערן און אנגענעמער מאַכן אים דאָס לעבן, און מיטן כוח פון באוווסטזיין באהערשט ער די איבערלעבונג און אונטערדריקט זי אונטערן געדאַנק. דער באוווסטזיין איז, לויט אָט דעם אויפפאַסונגס־אופן, די זון פון דער איבערלעבונג וואָס גיט איר ליכט און געדאַנק, און נישט דער „דינער" פון דער איבערלעבונג וואָס דאַרף ארויסהויבן איר זעלבסט־שטענדיקן ליכט. די איבערלעבונג פאַרמאָגט נישט קיין ליכט און קיין געדאַנק — נאָר כוח, אַזוי־ווי עס איז נישט פאַראַן קיין ליכט און קיין געדאַנק אין יענע בלינדע נאַטור־כוחות, וואָס דער מענטש שפּאַנט זיי איין אין זיינע מאַשינען און צווינגט זיי, לויט דער מאָס פון זיין וויסן, פעאיקייט און כוח, צו אַרבעטן לויט זיין אייגענעם געדאַנק. דער זיג פון באַוווסטזיין איז דער זיג פונם ליכט איבער דער פינצטערניש.

אַזוי איז די באַגרייפונג און אַזוי — די שטרעבונג. דער מענטש האָט באַזיגט די נאַטור, באַהערשט די נאַטור, אויפגעדעקט די נאַטור־געהיימ־נישן — אָבער ער לעבט נישט די נאַטור, ער לעבט נישט זיין אייגענע נאַטור אין איר גאַנצער שלמות.

דער ערשטער רעזולטאַט פונעם ארויפצווינגען דעם באוווסטזיין אויף דער איבערלעבונג איז די נייגונג, ארויפצווינגען אין לעבן די פאָרם אויפן אינהאַלט, זוכן דאָס ליכט פון לעבן נישט אין דער ריכטונג פונעם אינהאַלט צו דער פאָרם, נאָר פון דער פאָרם צו דעם אינהאַלט. דאָס איז נישט א לעבן פונם מקור, נאָר א לעבן וואָס ווערט געשעפּט דורך א כלי, וואָס פאַרמאָגט א פאָרם און פאַרב פון א כלי. אויך די וויכטיקסטע העכערע קולטור־שטרעבונגען זיינען נישט מער ווי אַ שטרעבונג צו געבן דער כלי די געוווּנשענסטע פאָרם און פאַרב, וואָס זיינען פאַרפולקאָמט אין אזא מאָס,

אז דער אינהאַלט, דער לעבנס־שטראָם, זאָל פליסן אין אים און זיין ווי אַמ־בעסטן דורכזיכטיק, — און נישט דערמעגלעכן דאָס מענטשלעכן לעבן צו שטראָמען אוממיטלבאַר צוזאַמען מיטן שטראָם פונם אַלוועלטלעכן לעבן.

דערדאָזיקער כאַראַקטער פון דער מענטשלעכער נאַטור האָט באַקו־מען זיין אַנטשיידענדיקסטן אויסדרוק אין יענער דערשיינונג, וואָס איז ווי דער ערשטער שטריך אין דער פאָרם פון דער מענטשלעכער קולטור; אין יענער דערשיינונג, וואָס אונזער תורה דערציילט וועגן איר מיט פשטות (און וואָס מען זעט זי, ווי באַקאַנט, אויך היינט צווישן געוויסע ווילדע מענטשן): „און עס האָבן זיך געעפנט זייערע ביידנס אויגן און זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז זיי זיינען נאַקעט, און זיי האָבן אויפגענייט אַ פייגן־בלאַט און זיך געמאַכט גאַרטלען... און זיי האָבן געהערט די שטים פון גאָט גייט אום פריי אין גאָרטן בייטאָג און אדם און זיין ווייב האָבן זיך פאַר־באַהאַלטן פאַר גאָט צווישן די בוימער פון גאָרטן. און גאָט האָט גערופן צום מענטש און אים געזאָגט: ווו ביזטו? האָט ער געזאָגט: דיין שטים האָב איך געהערט אין גאָרטן האָב איך מורא געהאַט, ווייל איך בין נאַקעט, האָב איך מיך באַהאַלטן". אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך, וואָס אויך די נייע פאַרשונג מכוח דעם אָנפאַנג פון דער מענטשלעכער קולטור, שטעלט זיך אויף אים אָפּ:

נישט צוליב קעלט, אָדער ברענענדיקער היץ, אָדער פייכטקייט, איז דער מענטש געקומען צום געדאַנק צו באַקליידן זיך, נאָר אַ דאַנק דעם באַוווּסטזיין פון דער באַדערפעניש זיך אויסבאַהאַלטן פון זיך אַליין און פון דער נאַטור. אָדער, ווי עס הייסט היינט, צוליב דער באַדערפעניש זיך פוצן און שענער מאַכן.

אַזוי איז די קולטור — דער מענטש קליידט זיך און באַהאַלט זיך. די קולטור פאַרטראָגט נישט קיין אַבסאָלוטע נאַקעטקייט, — קיין אַבסאָ־לוטע אוממיטלבאַרקייט, אַ לעבן אויס דער אומענדלעכער באַשאַפונג וואָס שפרייט זיך אומענדלעך. אַלערליי געליִענע פאַרמען, כלערליי קליידער און גרעניצן, כלערליי מיטלען צו באַהאַלטן זיך, אָפּטיילן זיך, פאַרפעסטיקן זיך, באַגרעניצן זיך. פון דער קליידונג און וווינונג ביז צו די געזעלשאַפטלעכע מאַנירן און איינריכטונגען—אַלץ איז דאָ אויסן אָט דעם ציל. דער מאָסשטאַב צום מעסטן מיט אים די שיינקייט, די גרויסקייט, די העלדישקייט, די מאָראַל, די דירעקטקייט, די באַגרענצונג, די פאַרפעסטיקונג, דאָס פאַר־באַהאַלטן זיך פון מענטש פון זיך אַליין (און ממילא אויך פון זיין ברודער דעם מענטש) און פון דער נאַטור; אָדער, צומינדעסט, דאָס אָפּלענקען זיין אויפמערקזאַמקייט זיך און פון דער נאַטור. אפילו די שפּראַך דינט דעם

מענטש ווי אַ לבוש צו פאַרדעקן זיך מיט איר, צו פאַרדעקן זיין נאַקעט־קייט, צום פאַרבאָרגן זיך.

מעטערלינק זאָגט, מיט רעכט, אז די מענטשן קענען נישט שווייגן אָדער זיי האָבן מורא פאַרן שווייגן, ווען זיי געפינען זיך נאָענט זאַלבע־צווייט, ווייל דאָס ריידן איז דאָס רוב אויסן נאָר צו פאַרדעקן אָדער פאַרבאַהאַלטן עפעס.

עס האנדעלט זיך דאָ נישט וועגן קיין שום מיסטישער ווירקונג — דאָס איז אַ פשוטע און פאַרשטענדלעכע זאַך. טויזנטער יאָרן האָט דער מענטש זיך אויסגעלערנט שעמען מיט זיין נאַקעטקייט, צו באהאלטן זיך פון דער נאַטור, פון זיך אליין, פון זיין ברודער דעם מענטש — איז וואָס־פאַר אַ וואונדער, אַז ער האָט היינט מורא פאַר זיין אייגענעם שאָטן? זעט ער דאָך זיין שאָטן אין דער נשמה פון זיין חבר דורכן שווייגן, האָט דאָך זיין נשמה, וואָס איז אויסגעטון געוואָרן דורך שווייגן, מורא פאַר דער נשמה פון זיין חבר. און אַ באַוויז האָסטו — אַז נאָכמער ווי ער קען נישט שווייגן מיט זיין חבר, קען ער נישט ריידן מיט אים אין יענער אויסגע־טוענער שפּראַך, וואָס די נשמה רעדט זי מיט זיך אליין אין מאָמענטן פון פולשטענדיקער, מהות'דיקער אויסגעטונקייט. און נאָך אַ שטאַרקערער באַוויז — אז אויך מיט זיך אליין קען נישט די נשמה תמיד שווייגן, ווייל אויך פאַר זיך אליין איז זי נישט תמיד פולשטענדיק אויסגעטון פון די בי־דער געזעלשאַפט געליענע מלבושים.

עס זיינען פאַראַן מאָמענטן, ווען דער מענטש דערמאָנט זיך אין עפעס אַן אויסדרוק אדער א באַליידיקנדיקער טאָט זיינער (באזונדערס אַזאַ וואָס איז אים מבייש פאַר אנדערע), ווען עס איז אים אזוי שווער אויפן הארצן, אז ער קען נישט שווייגן מיט זיך אליין. דאַן רייסן זיך ארויס פון זיין מויל, — אָדער עס בלייבן אונטערן שוועל פון זיין צונג, ווען זיין ווילן צוימט זיי איין — ווערטער אָדער אויסדרוקן (דאָס רוב אזעלכע וואָס האָבן נישט קיין שום שייכות צו יענער זאַך), — וועלכע זיינען אויסן פאַרבאַלטן פון זיין נשמה יענע זאך, שטיל־מאַכן דעם שווערן געפיל.

ווען דער מענטש וויסן צו שווייגן תמיד מיט זיך, וועט ער אויך וויסן צו ריידן מיט זיין חבר מיט דער שפּראַך פון דער נשמה — וועט ער אויך וויסן צו שווייגן מיט זיין חבר.

אָבער מען קען נישט קענען אזוי ריידן, כל זמן דאָס לעבן פון די ריידנדיקע קען נישט אזוי ריידן.

דער צווייטער רעזולטאַט פון דער באהערשונג פון דער איבער־לעבונג דורך דעם באוווסטזיין איז, — אַז נישט האָבנדיק קיין אָרט צום אויסשפּרייטן זיך אינם וועלט־לעבן, אינם וועלט־ליכט, ווערט די איבער־

לעבונג נויטוועגדיקערהייט איינגעשרומפּן, פאַרגרעבט און פאַרדאָרבן, ווי עס איז אויבן דערקלערט געוואָרן. גיב נאָך צו צו דעם אלעמען פון דער אַנדער זייט, אז דער איבערפלוסיקער באַוווסטזיין פון מענטש האָט פאַרשטאַרקט אין אים דעם פּחד פאַרן טויט, אָדער האָט פאַרטיפט אין אים דעם געפיל פון דער טראַגישקייט פון טויט, דעם געפיל פון דער נישטיקייט פון לעבן וואָס אַנטהאַלט אין זיך דעם טויט, אזוי אז דאָס געפיל אליין איז גענוג צו פארמאוסן אויף אים דאָס לעבן — גיב דאָס צו, און דאָס בילד וועט זיין פולשטענדיק.

און אַ דריטער מאָמענט. די פאָרם פון דער קולטור וואָס איז אויסגעפורעמט געוואָרן אין דער געשטאַלט פון באַוווסטזיין, וואָס האָט נישט דערמעגלעכט די מענטשלעכע איבערלעבונג צו שטראָמען אין איר לויפנדיקער פאָרם. האָט גורם געווען דערצו, — אַז די מענטשלעכע איבערלעבונג איז אָפּגעריסן געוואָרן נישט נאָר פונם אַלוועלטלעכן לעבן, נאָר איז אויך צעריסן געוואָרן אין זיך גופא. די מענטשלעכע איבערלעבונג האָט זיך צעשפּאָלטן אין צווייען. דער מענטש האָט אָנגעהויבן זען און פילן אין זיין לעבן צוויי גאַנץ־פאַרשידנארטיקע, נישט־פאַרייניבאַרע טיילן: דאָס קערפּערלעכע לעבן און דאָס נשמה־לעבן, דאָס מאטעריע־לעבן און גייסט־לעבן, עגאָיסטיש און אלטרואיסטיש לעבן, דאָס לעבן פון יחיד און דאָס לעבן פון כלל — און דאָס אַלץ אינעם באַגרעניצטן לעבן, וואָס איז אָפּגעריסן פונם אלוועלטלעכן לעבן!

רעזומירנדיק: דער כאראקטער פון דער מענטשלעכער קולטור אין דער פאָרם וואָס זי איז געקליידעט ביזן היינטיקן טאָג, דאָס איז דער כאראקטער פון א געוויקס אָן גרינע בלעטער, צוליבן מאנגל אין כלאָראָפיל. די זעלבע אָפּגעריסנקייט פונעם ליכט־קוואל, פונעם לעבנס־קוואַל; די זעלבע פּאַראַזיטישע און רויבערישע אייגנשאַפט מיט אלץ וואָס איז דערמיט פאַרבונדן; דער זעלבער מאנגל אין איינפאכקייט; דאָס זעלבע באצירן זיך מיט בלומען אויפן חשבון פון פרעמדן מי און לעבן; די זעלבע טעמפּקייט פונעם וויטאלן כוח, וואָס באַפאָרצוגט אַ געמאכט לעבן איבער א לעבן פון שאפונג אויס ליכט און לופט.

ווייל עס פעלט דער עיקר. עס פעלט דער כוח אויפצונעמען דעם העכערן שפע און געבויט ווערן דורך אים. דאָס מענטשלעכע לעבן איז אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין מקור און ממילא איז עס באגרעניצט, אָרעם, קליין, געשמאַקלאָז, פּוסט און נישטיק. פונדאַנען שטאַמט, פון איין זייט, די ברויזנדיקע יאָגעניש נאָך אַ לעבן פון הנאה, די קרענקלעכע תאווהדיקייט ארויסצופאנגען פונם לעבנס־אָפּזאַץ אלץ וואָס פאַרמאָגט נאָך א טעם, צו פאנגען פיש אין מוטנעם וואַסער. און פון דער צווייטער זייט שטאַמט

פונדאנעז — די פוסטע גייסטיקע צעטומלעניש, די פּרוכטלאָזע צווייפלעניש, די ציללאָזע בלאָנדזשענישן און וואַקלענישן, די לופטיקע אָדער מיסטישע שטרעבונגען, דער פוסטער יאוש.

עס איז פאַרלוירן געגאַנגען דאָס ליכט פון לעבן, עס איז פאַרלוירן געגאַנגען דער טעם פון לעבן, עס איז פארלוירן געגאַנגען די פעאיקייט צו באַגרייפן דאָס לעבן, עס איז פארלוירן געגאַנגען די פעאיקייט צו לעבן.

די אלוועלטלעכע פראגע

א

דער צענטראלער פונקט פון אלע פראגעס איז דאָך: אָט די גרויסע און שרעקלעכע וועלט, מיט אָט דעם אָפּגרונטיקן לעבן וואָס אין איר, וואָס איז ער און צוליב וואָס עקזיסטירט ער?

צי איז פאַראַן אַ זין און אַ געדאַנק אינם לעבן, וואָס פאַרמאָגט אין זיך טויט און צער און כלערליי יסורים אין פאַרשידענע או משונה־דיקע פאָרמען; און עס פאַרמאָגט שקר, שנאה, רשעות, נארישקייט, אכזריות, קליינלעכקייט, שפלות, מאוסקייט, טומאה אין פארשידענע און משונה־דיקע פאָרמען. צי איז פאַראַן אַ זין און אַ געדאַנק צו לעבן אין די קענג־זאַצן און סתירות, וואָס צערייסן די נשמה אויף נישט־פאַרייַנבארע ריסן. אמת, אין דער וועלט פון פּאָזיציע און קונסט איז נישט שווער צו זען די סתירות ווי פּרעכטיקע פּילזייטיקע און פילפאַרביקע דערשיינונגען, — אָבער יעדע סתירה צעשטערט דאָך עפּעס, און דאָס רוב פאַרניכטעט, טויט עפּעס, פאַרשאַפט צער, יסורים, טרערן און בלוט. צי פאַרמאָגט אָט דאָס גאַנצע לעבן, אָט די גאַנצע וועלט, אַן אלוועלטלעכן עלעמענט, וואָס איז באַלויכטן מיט אַ העכער ליכט?

די פראַגע איז: „איך״ וואָס פאַרמאָג אין מיין וועלט נישט מער ווי דעם „איך״, וואָס זעט זיך אינם לעבן אָפּגעריסן און פאַרבאָרגן פון אָט דער גאַנצער וועלט, צעבראָכן פון אלע זייטן און אין אלע טיפענישן ווי אַ שטרוי אין ווינט — וואָס־פאַראַ שייכות איז פאַראַן בעצם צווישן מיר און אָט דער גרויסער וועלט, מיט אלעם וואָס עס לעבט און עס איז פאַראַן אין איר, וואָס באַדייט „איך״ פאַר איר און וואָס באַדייט זי פאַר מיר? איז פאַראַן עפּעס אַזוינס וואָס פאַרייניקט מיך אין דער טיפעניש פון מיין עקזיסטענץ, מיט אָט דער גרויסער וועלט בכלל און מיט אלע זיינע איינצל־הייטן: מיטן מענטש, מיט אַלץ וואָס עס לעבט און עקזיסטירט; פאַרייניקט

אַזוי, אַז עס איז פֿאַראַן צווישן אונז אַן אינערלעכע, אייביקע און געהיימע פֿאַרבינדונג, אַזוי אַז איך זאָל האָבן מיט דער וועלט און מיט אַלע אירע איינצלהייטן, אַנהויבנדיק מיטן מענטש און ביז אַלעם וואָס לעבט און עקזיסטירט, — אַ גרויסן און טיפֿן חשבון, אַ אינטעלעקטועלן און פּאָעטישן גלייכצייטיק? אָדער אפשר איז עס אַלץ נישט מער ווי אַ פֿאַלשע פֿאַנטאַזיע, אפשר איז עס אַלץ נישט מער ווי אַ אין ווינט צעברויזט שטרויעלע, און עס איז נישטאָ פֿאַראַן צווישן מיר מיט דער גאַנצער וועלט און אַלץ וואָס אין איר קיין שום אַנדערע באַציאונגען און חשבונות, אויסער דער באַציאונג און דעם חשבון פֿון דעם עקזיסטענץ־קאַמף; און איך פֿאַרמאָג נישט מער ווי דאָס לעבן וואָס איך דערהאַבער פֿאַר זיך און די וועלט וואָס איך שאַף פֿאַר זיך, צי אויפֿן יסוד פֿון דעם מאַטעריעלן גליק אויף אַלע אים אַנט־שפּרעכענדיקע שטאַפּלען, צי אויפֿן יסוד פֿון דער גרויסקייט און גבורה און מאַכט? צי איז נישט מער פּאַסיק פֿאַר מיר, מענטש־ווערעמל, מיט קורצע יאָרן און פֿיל זאָרג, צו לעבן מיין קליינעם און געשמאַקלאָזן „על כרחך אתה חי״, פּשוט אָן נאַרישן גריבלען־זיך און אָן אַ פֿאַלשער, קינדערשער פּאָעטיק, וועלכע שאַפֿט פֿאַנטאַסטישע לופֿט־שלעסער געבויט אויף זעלבסטנאַרעריי?

די פֿראַגע איז אויך: פֿאַרוואָס איז פֿאַראַן אַזויפֿיל פֿינצטערניש, בלינדקייט און ווירוואַר אויף דער וועלט, וואָס פֿאַרמאָגט אַזויפֿיל ליכט, חכמה, געדאַנק, פּאָעזיע. פֿאַרוואָס אַזויפֿיל אַכזריותדיקער צער, רשעות־טפּשות, שנאה, געפֿאַלנקייט און טומאה אין אַ וועלט, וואָס פֿאַרמאָגט אַזויפֿיל רחמים, חסד, ליבע, קדושה? פֿאַרוואָס הערשט דער שקר אין דער וועלט, וואָס איר יסוד איז אמת? פֿאַרוואָס ליידט דער מענטש פֿון אַלעם. און פֿאַרוואָס ליידט אַלעס פֿונם מענטש? פֿאַרוואָס ליידן די בהמות, די חיות, די עופֿות א. אז. וו.. פֿאַרוואָס איז פֿאַראַן אַזויפֿיל טרערן אויף דער וועלט? און פֿאַרוואָס אַזויפֿיל „קראָקאָדיל־טרערן״ אויף דער וועלט? פֿאַרוואָס מוז אַלץ ליידן צער און פֿאַרשאַפֿן צער, פֿאַרצוקט ווערן דורכן לעבן פֿון אַנדערע און פֿאַרצוקן דאָס לעבן פֿון אַנדערע? פֿאַרוואָס מוז אַלץ זינדיקן, טון שלעכטס, דעגענערירן — און אויסטראָגן זיין שטראָף, אויס־טראָגן און אויסטראָגן? פֿאַרוואָס דווקא דער מענטש, וואָס איז מער באַוווסטזיניק פֿון יעדן בעל חי, מער פֿילבאַר, מער באַגרייפֿס־פֿעאיק, — פֿאַרוואָס איז דווקא דער מענטש פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער שוידער־לעכסטער ווילדער רויב־חיה, אין דעם מאָוסעסטן פּאַראַזיט, אין דעם פֿאַרדאָרבענסטן זינדיקער?

אָדער אומגעקערט: פֿאַרוואָס האָט דווקא דער מענטש, דער שרעק־לעכסטער זינדיקער, זוכה געווען צו זיין דער צומיינסט־באַוווסטזיניקער

פון אלע בעלי חיים, דער צומיינסט־פילבאַרער און באַגרייפס־פעאיקער? דער פערזענלעך־פּריוואַטער „איך”, וואָס שטרעבט אַזוי פיל, פאַרוואָס זעט ער זיך אַזוי ווייט, אַזוי נידעריקער פון יעדן אויסגעגאַרטן, און ציט זיך אַזוי אין דער נידער און ראַנגלט זיך אין כף הקלע? צו־וואָס אָט דער קרייז־טאַנץ, וואָס ווידערהאָלט זיך ביז צו גלייכגילטיקייט ביז צום אָנ־וואַרפן אַן אימה? צו־וואָס דאָס גאַנצע לעבן און די גאַנצע עקזיסטענץ? צו־וואָס, צו־וואָס, צו־וואָס?.. וואָס הייסט עס, וווּ־אַ־הין שטויסט מיך דער „איך”, וואָס לעבט עס אַלץ איבער, וואָס איז אַזוי פאַרגיפטעט דערמיט אין מיין מוח און בלוט און אין מיין גאַנצער עקזיסטענץ? צו־וואָס פאַר־פּליכטעט דאָס אַלץ מיך? צי מיינט דאָס אַלץ, אַז די וועלט — איז מיין וועלט, און איך טראָג די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר איר? צי שטויסט מיך אָט דאָס אַלץ זיך באַטייליקן אין דעמדאָזיקן אַלוועלטלעכן צער, כּדי איך זאָל זוכה זיין זיך באַטייליקן אין זיין אָפּגרונטיקער פּאָעזיע? צי פאַרפּליכטעט מיך דאָס אַלץ צו באַנייען, אויסברייטערן און פאַרטיפן מיין לעבן, ביז צום באַנייען דעם אויסזען פון דער וועלט? צי הייסט עס, אַז איך פאַרמאָג כּוח צו טאָן דאָס אָדער ענלעכעס דערצו? אָדער צי שטויסט אָט דאָס אַלץ נאָר אין אָפּגרונט פון אַבסאָלוטער נישטיקייט, פון אַבסאָלוטן יאוש און פון אַבסאָלוטער נעגירונג פון לעבן? אָדער צי מיינט עס בכלל גאָרנישט, עס שטויסט כּלל נישט, עס איז בלויז אַ מענטש־לעך פאַנטאַזיע, וואָס איז קראַנק אויף אַ גדלות־מאַניע, וואָס שפּילט זיך מיט מיר?

דאָס, בערך, זיינען די וואָרצלען פון דער גרויסער, אַלוועלטלעכער, אייביקער פראַגע; די פראַגע וואָס איז אין אירע וואָרצלען פאַרבאָרגן אינעם אָפּגרונט פון דער נשמה און וואָס ווערט געפרעגט — אין איר הויפּט־קערן, אין דער פאָרם פון בלאָנדזשעניש, גייסטיקער צעטומלונג, טרויער, פוסטקייט, און אָפט אויך אין דער פאָרם פון התפּעלות אָן וועלכער עס איז באַוווּסטער סיבה —. און זי ווידערהאָלט זיך און ווערט געפרעגט אומ־אויפהערלעך אין דער נשמה פון אַלעמען.

און די תּשובה אויך זי ווערט פאַרענטפערט אין דער נשמה פון אַלעמען. מיט קלאָרן באַוווּסטזיין ענטפערן די פילאָזאָפן, די דענקער און יעדער מענטש וואָס טראַכט; עס ענטפערן אומבאַוווּסטזיניק אַלע רעליגיעס אויף דער וועלט, עס ענטפערט אומבאַוווּסטזיניק יעדע מענטשלעכע נשמה (אויב נישט די נשמה פון יעדן בעל חי?) — ווייל די עצם תּשובה איז דאָס עצם לעבן.

ב

אָבער באַזונדערס ווערט די אַלוועלטלעכע פראַגע אין איר גאַנצן פאַרנעם און טיפקייט אויפגעקלערט, ווען מיר קוקן־זיך־צו צו איר פון איר אַלטערטימלעכער זייט. איר אַנטשיידנדיקסטער און לעבעדיקסטער אויסדרוק איז אין דער פאָרם פון דער פראַגע וועגן דער עקזיסטענץ פון גאָט, א וועלט־באַשעפער, א וועלט־פירער, דער שכל פון דער וועלט, דאָס ליכט פון דער וועלט א. אז. וו. דאָ, אין דער פאָרם פון דער פראַגע, איז קודם כל בולט די אַבסאָלוטע אייניקייט פון דעם מענטשנס נשמה מיט דער וועלט־נשמה, אַזוי אַז עס איז נישט פאַראַן קיין אַנדער עלעמענט און קיין אַנדער קריטעריום פאַרן זין פון מענטשלעכן לעבן און פאַרן ליכט פון זיין לעבן, אויסער אָט דער העכערער אַחדות.

ווי־אַזוי איז דער מענטש געקומען צום געדאַנק וועגן דער עקזיסטענץ פון גאָט, וועגן דער עקזיסטענץ פון א פאַרבאָרגענעם גייסטיקן קעגנשטאַנד, אָדער קעגנשטאַנדן, וועלכע הערשן אין דער וועלט און אין לעבן, באַאיינפלוסן אים און זיין לעבן, אמאָל צום־גוטן און אַמאָל צום־שלעכטן; וואָס־פאַרא פסיכאָלאָגישע און אויסערלעכע פאַקטאָרן האָבן געבוירן און אַנטוויקלט אין אים דעמדאָזיקן געדאַנק — דאָס איז נישט דער עיקר אין אונזער איצטיקער באַהאַנדלונג. פאַר אונזער באַהאַנדלונג איז דער עיקר — די גייסטיקע צוגרייטונג, וואָס איז פריער פאַר יעדן געדאַנק וועגן געטלעכקייט, יענע אייגנשאַפט פון דער מענטשלעכער נאַטור, וואָס האָט געדינט ווי א מין הינטערגרונט פאַרן געטלעכן געדאַנק און געטלעכן געפיל גלייכצייטיק.

דער באַהאַנדלטער ענין, אין זיין טיפקייט איז נוגע דער עצם באַשאַפונג פון דער מענטשלעכער נאַטור, ווייל וואָס אַזוינס איז עס די מענטשלעכע נאַטור צום אונטערשיד פון דער נאַטור פון אַלע איבעריקע בעלי חיים? — אין גרונט גענומען זיינען דאָך עס דיזעלבע אינערלעכע, גייסטיקע און באַוווסטזיניקע כוחות וואָס אין יעדן בעל־חי, נאָר פון א באַזונדערער העכערער אַנטוויקלונג, — דיזעלבע כוחות, וועלכע זיינען אָבער א דאַנק א באַזונדערן לעבנס־שפע, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון ספּעציפישע קאָלעקטיווע לעבנס־באַדינגונגען, מער פאַריניקטע און קאָנצענטרירטע, — אַלץ מער און מער געלויטערט און קאָנצענטרירט געוואָרן אין איין ברען־פונקט — אינעם מענטשלעכן „איך" — וואָס האָט זיי אַלץ מער און מער באַלויכטן מיט א באַזונדער באַוווסטזיניק ליכט און האָט זיי געגעבן יענע אייגנשאַפט פון העכערער השגה וואָס מען רופט זי: מענטשלעכע נאַטור, די וועלט פון מענטש. דאָס איז דער כוח פונם „איך", וואָס ער קאָנצענטרירט אין זיך די וועלט.

דאָס וואָס איז באַנייט געוואָרן, איז די נייע באַציאונג צווישן מענטש און נאַטור, וואָס איז לחלוטין אַנדערש פון דער באַציונג פון אַלע איבע־ריקע בעלי חיים; די באַזונדערע פּאָזיציע וואָס דער מענטש פאַרנעמט אין באַצוג אויף דער וועלט און אַלץ וואָס אין איר. מען דאַרף אָננעמען, אַז די דאָזיקע באַזונדערע באַציאונג איז געבוירן געוואָרן ווען עס איז אויפ־געגאַנגען די זון פונם מענטשלעכן געדאַנק; ביז דאַן איז דאָס לעבן פון מענטש, אַזוי־ווי דאָס לעבן פון אַלע איבעריקע בעלי חיים, געווען איינ־געשלונגען אינם נאַטור־לעבן, געשטראָמט ווי זיי האָבן געשטראָמט, זיך דערהויבענדיק און אַראָפּנידערנדיק, און זייער איינדרוק האָט זיך נישט געמערקט ווי אַ באַזונדערע דערשיינונג, דער איינדרוק פונם מענטש האָט זיך נישט אויסגעטיילט ווי אַ באַזונדערע זאַך, און אָפּגעטיילטע פאַר זיך, אַ וועלט פאַר זיך. דאָס לאָזט זיך אילוסטרירן דורך אַ ביישפּיל: ווער עס געפינט זיך אין וואַסער זעט נישט זיין אייגענע געשטאַלט אין וואַסער, ביז ער הויבט נישט אויף זיין קאָפּ איבערן וואַסער. נאָר מיטן דערשיינען פונם ערשטן ליכט־שטראַל פון מענטשלעכן געדאַנק, איז אויך דערשינען דער ערשטער שפּאַלט, וואָס שיידט אָפּ די נשמה פון מענטש, פון דער נשמה פון דער אַלוועלטלעכער באַשאַפונג בכלל. דער ליכט־שטראַל איז דערשינען אויפן אָרט פונעם שפּאַלט און פונעם שפּאַלט — פונעם אָפּטיילן־זיך פונעם באַוווּסטזיין פון דעם פאַר־באַוווּסטזיניקן גייסט־לעבן — אַזוי־ווי דער עלעקטרישער פונק דערשיינט דאָרט, ווו עס שטעלט זיך אָפּ דער עלעק־טרישער שטראָם און פון דעם שטראָם־אָפּשטעל. דער מענטש הויבט אָן צו פילן, אַז ער איז אַנדערש ווי אַלע בעלי חיים, אַנדערש אין צוויי זיך־קעגנגעזעצטע הינזיכטן: אַנדערש אין פּאָזיטיווער הינזיכט, אין זין פון כוח (פון שטאַנדפּונקט פון העכערן באַוווּסטזיין, וואָס דערפינדעט אים שוץ־און קאַמף־מיטלען, וואָס די איבעריקע בעלי חיים ווייסן נישט זייער גלייכן); און אַנדערש אין נעגאַטיווער הינזיכט, אין זין פון שוואַכקייט (פון שטאַנדפּונקט פון מאַנגל אין שוץ־ און קאַמף־מיטלען, וועלכע אַנדערע בעלי חיים פאַרמאָגן פון גרייטן, ווי־אויך פון שטאַנדפּונקט פון העכערער פילבאַרקייט און באַדערפענישן); ער האָט אָנגעהויבן שפּירן זיין אַלמעכ־טיקייט — און נישטיקייט, איבערוואָג איבער אַלעמען — און מינדער־ווערטיקייט אין באַצוג צו אַלעמען (דאָס מערקט זיך באַזונדערס אין זיין הויכשעצונג פון בעלי חיים, געוויקסן א. אז. וו.). פון איין זייט אַ געפיל פון גדלות און אַל־הערשאַפט, און פון דער צווייטער זייט — אַ געפיל פון פחד, שוואַכקייט, פאַרשקלאַפונג, פאַריתומטקייט אין אָט דעם לעבן וואָס איז פול אינערלעכע און אויסערלעכע וואַנדלונגען.

אַ באַווייז און אַ באַלויכטונג פון דעם אַלעמען קען מען געפינען

אין יענער לעגענדע, וועלכע חזרט זיך איבער אין פֿאַרשידענע פֿאָרמען ביי אַלע אַלטערטימלעכע פֿעלקער, און וועלכע דערציילט אין פֿאַרשידענע שילדערונגען, אַז אין אָנפֿאַנג, אין אָנהויב פֿון זיין באַשאַפֿונג, איז דער מענטש אומגעגאַנגען מיט גאָט ווי מיט אַ רחמנותדיקן טאַטן; און ערשט שפּעטער, נאָכדעם ווי ער האָט געגעסן דער פֿרוכט פֿון עץ הדעת (אָדער נאָכדעם ווי ער האָט אויף וועלכן עס־איז אופֿן באַגריפֿן דאָס וויסן), איז ער פֿאַריאָגט געוואָרן פֿון זיין וועלט, פֿון זיין גן עדן און איז פֿאַרשאָלטן געוואָרן ער און אַלדאָס זייניקע, און אויך די וועלט איז פֿאַרשאָלטן געוואָרן צוליב אים.

ג

מען דאַרף אָננעמען אַז, אַזוי אַרום, האָט זיך געשאַפֿן דער באָדן פֿאַרן ווּקס פֿון דער רעליגיע.

אין יענעם אַלטערטימלעכן צושטאַנד, ווען עס האָט זיך געשאַפֿן די מענטשלעכע נאַטור, (אַזוי־ווי אין־יענעם צושטאַנד פֿון געוויסע ווילדע מענטשן ביים היינטיקן טאָג), פֿאַרמאָגט נישט דער מענטש קיין שום מענטשלעכע ענינים (דאָס הייסט ענינים, וועלכע שטייען העכער פֿון די בהמישע) אויסער די רעליגיע־ענינים. אַלץ וואָס דער מענטש האָט דאַן געלעבט און געווירקט אַלס מענטש, אַלץ וואָס ער האָט געפֿילט, געטראַכט, געפֿרעגט אַלס מענטש, — איז געווען רעליגיע. אַלץ אין דער נשמה — רעליגיע: אַ שטום בענקשאַפֿט, אַ אין די טיפֿענישן פֿון דער נשמה פֿאַרשטעקט און פֿאַרבאָרגן בלאָנדזשעניש, און אַלץ אין דער נאַטור — גאָט; אַ לויכטיק, אַ וווּנדערבאַר, אַ לעבנס־ווירקנדיקער — און אַ שרעקלעכער; אַ אָפֿענער — און אַ פֿאַרבאָרגענער; אַ נאָענטער — און אומענדלעך ווייטער; און נאָכמער, אַפֿילו די בהמישע באַדערפֿנישן זיינע זיינען ווי־איינגעהילט אין אַ רעליגיעזן מאַנטל (די הייליקונג פֿונם עסן דורכן מקריב זיין אַ געוויסן טייל פֿאַר די געצן; די הייליקונג פֿון דער געשלעכטלעכער צונויפֿפּאָרונג דורך אַ געשלעכטלעכער צונויפֿפּאָרונג אין נאָמען פֿון דער רעליגיע).

דער ערשטער מענטש ווייס נישט קיין צווייפֿל אין אַבסטראַקטע ענינים, ווייל ער איז נאָכנישט אויסגאַיבט אין דער אַרבעט פֿון לאָגישער אַבסטראַקציע און ווייס נישט פֿון קיין לאָגישע סתירות. אין זיין נשמה לעבט אַ לעבעדיקע זיכערקייט, אַ לעבנס־זיכערקייט, וואָס איז פֿריער פֿאַר דער באַוווּסטזיניקער צווייפֿלונג, אַזוי ווי דער טייג איז פֿריער פֿאַרן אויוון, וואָס רופֿט אַרויס אין אים די יוירונג און גיט־צו דעם ברויט אַ געשמאַק. ער פֿרעגט נישט: איז פֿאַראַן אַ גאָט אָדער נישט? ער ווייס אַפֿילו נישט צו פֿרעגן אַזאַ פֿראַגע, ווייל אין זיין מוח איז נאָכנישט פֿאַראַן אָרט פֿאַר

באַגריפֿן וועגן עקזיסטענץ אָדער נישט־עקזיסטענץ. ער האָט פֿאַר זיך נאָר דאָס וואָס זיינע אויגן זעען און וואָס זיינע אויערן הערן; און זעענדיק, למשל, ווי איינער פֿון זיין משפחה איז טויט און זיין קערפּער פֿוילט, איז עס פֿאַר אים אַ לחלוטין איינפֿאַכע זאַך, דווקא ווייל ער האָט קיין שום באַגריף נישט וועגן נישט־עקזיסטענץ, ווייל פֿון איצט אָן לעבט דער טויטער אַ מין ניי לעבן, אַ מין „גייסטיק" קערפּערלאָז לעבן, אָדער אין אַ צווייטן קערפּער ערגעץ־ווו אַנדערש. און אַזוי, דאַרף מען אָננעמען, פּאַסט ער אויף די טויטע ביי אַלע איבעריקע בעלי חיים. און אַזוי זעענדיק, למשל, ווי דער הימל איז אַמאָל קלאָר און מאַכט פֿריידיק זיין האַרץ, און אַמאָל פֿאַרוואָלקנט און דערוועקט אין אים אַ געדריקטע שטימונג; אָדער זעענדיק, ווי די זון לייכט צייטנווייז און וואַרעמט און מאַכט וואַקסן יעדן געוויקס; אָדער ברענט אים דאָס לייב און פֿאַרטריקנט און פֿאַרברענט יעדן געוויקס; אָדער זעענדיק, ווי דער ווינט ברענגט אים איינמאָל לעבן און ברכה און אַ צווייט מאָל קללה און טויט א. אז. וו. א. אז. וו. — קומט עס אים ווידער פֿאַר לחלוטין פּשוט, אָן וועלכער־עס־איז פֿראַגע אָדער מחשבה, אַז די אַלע זיינען אַזעלכע לעבעדיקע קעגנשטאַנדן ווי ער, נאָר זיי זיינען אָן אַ ערך גרעסער און שטאַרקער פֿון אים און דערהויבענער פֿון אים, און קענען טאָן דאָס וואָס ער קען נישט.

פֿונדאַנען איז נישט שווער משער צו זיין צוזאַמען מיט אַלע וועלכע זיינען משער, אַז אויפֿן וועג פֿון אַ לאַנגער אַנטוויקלונג און השתלשלות פֿון אָט די פֿאַנטאַסטישע פֿאָרשטעלונגען, איז אינעם מענטשנס מוח געבוירן דער באַגריף וועגן געהיימע גייסטיקע קעגנשטאַנדן; אין אָנפֿאַנג אפֿשר אין דער פֿאָרם פֿון כל המינים רוחות און שדים, גוטע און שלעכטע און צום סוף אין דער געשטאַלט פֿון גאָט, וואָס איז בעצם נישט וועזנטלעך אַנדערש פֿון מענטשן, ווייל ער עקזיסטירט ממשותדיק אַזוי־ווי ער, פֿאַרמאָגט מענטש־לעכע תאוות און נייגונגען ווי ער, איז אויך נאָענט צו אים און באַטייליקט זיך מיט אים אין זיינע אויפֿטואונגען און סעודות, ווען ער וויל עס אָדער ווען ער איז זוכה דערצו; נאָר ער איז דערהויבענער פֿון אים, אַזוי־ווי, למשל, דער פֿאָטער פֿון דער משפּחה אָדער דער הויפּט פֿון שבט איז דער־הויבן איבער זיין משפּחה אָדער איבער זיין שבט.

ווי מיר האָבן געזען, איז די רעליגיע אַרויסגעוואַקסן נישט פֿון אַ קלאָרן באַוווסטזיין, נאָר פֿונעם נשמה־בלאָנדזעניש און באַוווסטזיינס־דעמערונג; זי איז אַרויסגעוואַקסן, אַזוי־ווי די נאַטור פֿון דער זאַך איז מחייב — פֿון איר אָפֿענער ממשותדיקער זייט, פֿון דער זייט פֿון דער פֿאָרם. און דאָס האָט גורם געווען, אַז אויך אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער רעליגיע, האָט זיך אַנטוויקלט די פֿאָרם אויפֿן חשבון פֿון אינהאַלט.

דער רעליגיעזער אינהאַלט, וואָס איז איינגעאָנצן אין אינערלעכע זאַך פאַרן מענטש, וואָס זיינע וואָרצלען געפינען זיך אינעם אָפּגרונט פון דער מענטשלעכער נשמה, און זיין שטאַם צוזאַמען מיט די צווייגן וואַקסן און הויבן זיך אין אַלע ברייטענישן פון דער נשמה און באַוווסטזיין, ביז צום סוף פון דער העכערער מחשבה, — איז דער עיקר דאָס אייגנטום פון יחיד, פון יעדן יחיד, אַלס פּרט אינעם כּלל; ווייל די רעליגיע איז דאָך בעצם דער פּונקט וואָס פאַראייניקט אַלע מיטגלידער פון פאָלק אין איין קאָלעקטיווער פערזענלעכקייט. און היות ווי דער פאָרשריט פון געדאַנק און די לויטערונג פון מענטשלעכן גייסט בכלל קומען בעיקר אַ דאַנק יחידים, איז דאָך אויך דער רעליגיעזער אינהאַלט עלול צו גיין שריט ביי שריט צוזאַמען מיט דער פאָרגעשריטענער מחשבה און גייסט, זיך באַנייען און דערהויבן זיך צוזאַמען מיט זיי און אין דערזעלבער מאָס וואָס זיי.

אָבער די אָפּענע, ממשותדיקע רעליגיע־פאָרם איז, הויפּטזאַכלעך, דאָס אייגנטום פון כּלל, פון קיבוץ, פון פאָלק. דער קיבוץ אַנטוויקלט זיך, זעלבספאַרשטענדלעך, לאַנגזאַמער ווי דער יחיד, בכלל איז דער קיבוץ מער איינערט ווי דער יחיד. דעריבער איז טאַקי די פאָרם פון דער רעליגיע געווען תמיד הינטערשטעליק הינטער דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק און געלויטערטן געפיל. זי איז תמיד געווען הינטערשטעליק, אָפּגעשטאַנען; און עס איז קיין וווּנדער נישט, אַז זי איז ענדלעך פאַרגליווערט געוואָרן.

אַזוי איז די רעליגיע־פאָרם פאַרהייליקט געוואָרן, ביז דער אינהאַלט איז געוואָרן אַ נעבן זאַך פון איר. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די טיפע נשמה מיט אַ טיף רעליגיעז געפיל און העכערן געדאַנק, האָט זיך געמוזט צופּאַסן, זוכן פּשרות מיט דער פאַרעלטערטער און פאַרגליווערטער פאָרם, אָדער זיך אָפּזונדערן און מתייחד זיין אין פאַר זיך באַזונדערן ווינקל און ווי זיך אָפּרייסן פון דער נשמה פון פאָלק, אין פולן קעגנזאַץ צו דער העכע־רער שטרעבונג פון דער רעליגיע.

עס איז נישט קיין וווּנדער, וואָס צום סוף האָט דער לעבעדיקער און זוכענדיקער, באַטראַכנדיקער און פאָרשנדיקער געדאַנק, און צוזאַמען מיט אים אויך דער לעבעדיקער גייסט, וואָס שטרעבט צו באַנייאונג, געמוזט זיך דערווייטערן פון דער רעליגיע בכלל, און באַזונדערס דאָרט ווו די נאַטור האָט געשטעלט פאַר אים מיט אַ ברייטע האַנט אַזעלכע טיפע און ברייטע ענינים, וועלכע האָבן אים אַזויפיל געגעבן, אַז ער האָט געקענט אָפּוועגדן זיין אויפמערקזאַמקייט פון דער רעליגיע און נישט שפּירן איר מאַנגל.

און אַזוי איז עס געווען מעגלעך, אַז אַ פאָלק ווי דאָס גריכישע פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט פון זיך פילאָזאָפן, דיכטער, שעפער א.אז.וו. וואָס האָבן נישט צו זיך קיין גלייכן ביי אַלע אַלטערטימלעכע פעלקער, און

וואָס זייער איינפלוס אויף דער מענטשלעכער קולטור איז אַנזעעוודיק ביז צום היינטיקן טאָג, — אז אַזאַ פאָלק זאָל זיין פארטון אין געצנדינערייי און אין געצנדינערישע מצוות.

אָבער די אנטוויקלונג פון דער רעליגיעזער פאָרם אויפן חשבון פון דעם אינהאַלט, איז נאָך אַ גרעסערער פאַרלוסט. אויך דאָס איינציקע פאָלק וואָס האָט אין דער אנטוויקלונג פון זיין רעליגיע דערגרייכט א העכערע מדרגה, אבסאָלוטע געטלעכע אחדות, — אויך דאָס יידישע פאָלק איז נישט ניצל געוואָרן פון דער באהערשונג פון אינהאלט דורך דער פאָרם, און אזוי אַרום — פון אַן אָפּשטעל אין דער אנטוויקלונג פון דער רעליגיע און אויך פון איר ירידה.

מיר זעען, למשל, אז די נביאים זיינען נישט געווען אזוי ווייט פונעם אָפּשאַפן די קרבנות, בעת די וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון גלות בבל און די וועלכע זיינען געקומען נאָך זיי, וואָס זיינען אָן ספק געווען אין אַ גרויסער מאָס באווירקט דורך אנדערע פעלקער, האָבן דערהויבן דאָס ברענגען קרבנות צו דער מדרגה פון אַזא קדושה, אז אויך ביים היינטיקן טאָג בעטן נאָך די, וואָס דאווענען, אויף אומקערן די עבודה פון מקריב זיין קרבנות אין גאָטס הויז. אָדער אָנשטאָט די געבאָטן „פאר די צייכנס פון הימל זאָלט איר נישט מורא האָבן", „איר זאָלט נישט כשוף זאָגן" א.אז.וו. — זיינען געשאפן געוואָרן גלויבנס אין דער השפעה פון דער פארטונקלונג פון זון און לבנה א. דגל. עס זיינען געבוירן געוואָרן — ווי באקאנט — כל מיני סימנים, שפרוכן, סגולות, קמיעות א. אז. וו.

און צום סוף איז פונעם שויס פון דער יידישער רעליגיע ארויס א נייע רעליגיע, וואָס איז כלומרשט אויסן געווען אומקערן דעם רעליגיעזן אינהאלט זיין ערשטן כבוד און אינדעראמתן האָט זי קאלע געמאכט סיי דעם אינהאלט און סיי די פאָרם. אָנשטאָט אַן אַבסאָלוטן איין־און־איינציקן גאָט — א דרייפאכע געטלעכקייט. אָנשטאָט דער שטרעבונג פון מענטש. פון יעדן מענטש, וואָס איז געבוירן „בצלם אלהים", צו דער אַבסאָלוטער איינציקייט מיט דער אומענדלעכקייט און צוזאמען דערמיט די העכערע אחריות פון יעדן מענטש — א פארמיטלונגס־מאַן, „גאָטס זון", וואָס האָט גענומען אויף זיך די אויפגאבע פון דער איינציקייט און די גאנצע העכערע אחריות: אָנשטאָט דער שטרעבונג צו פארבעסערן די וועלט אין גאָטס קעניגרייך (במלכות שדי), צו באנייען דאָס ערדישע לעבן, איז געקומען די שטרעבונג צו אַ הימליש קעניגרייך א.אז.וו.

בכלל קען מען זאָגן, אז אָט דער אָפּהאלט אין דער אַנטוויקלונג פון דער רעליגיע איז בעצם אַן אָפּהאלט אין דער אנטוויקלונג פון מענטשלעכן גייסט, באזונדערס אין זיין נאציאָנאַלן זין, אין זין פון זיין אויפגאבע צו

שאַפֿן אַ מענטשלעך לעבן. די רעליגיע, אין טיפסטן זין פֿון דעם באַגריף, איז דאָך די לויטערע מענטשלעכע באַציִונג צו דער עצם באַשאַפֿונג און צו אַלע אירע אַנטפּלעקונגען; דער אויסדרוק פֿון דער אַלוועלטלעכער פֿראַגע, וואָס לעבט און באַנייט זיך צו יעדער צייט און אין יעדער שעה; זי איז אַ וויטאַלער כוח, אַ כוח וואָס באַוועגט דאָס לעבן, און נישט קיין כוח וואָס פֿאַרפֿרירט און פֿאַרגליווערט. די פֿאָרם פֿון דער רעליגיע איז, לויט דעם די פֿאָרם פֿון דעם לויטערן נאַציאָנאַלן לעבן. דאָס איז אַ מין אויסדרוק פֿון דער העכערער מוזיקאַלישקייט פֿון דער נאַציאָנאַלער נשמה, אַ מין מעלאָדיע צוזאַמענגעשטעלט פֿון אַלע שטימען פֿון אַלע נשמות פֿון פֿאָלק, אַזוי־ווי זי קומט צום אויסדרוק אין דעם מוזיקאַלישן כאָר, אינעם נאַציאָנאַלן לעבן.

אַ ביסל פֿילט זיך דאָס אינעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן יום טוב. קיין שום פּריוואַטער אָדער געזעלשאַפֿטלעכער יום טוב וועט נישט דערגרייכן יענע מוזיקאַלישקייט, וואָס איז אַנטהאַלטן אינעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן יום־טוב; פֿאַרשטייט זיך דאָרט, ווו די וועלכע פֿייערן דעם יום טוב זײַנען באמת און אויפֿריכטיק נאַציאָנאַל און רעליגיעז.

אַ נאַטירלעך ריין לעבן, אַ לעבן אין דער נאַטור און מיט דער נאַטור, אַ לעבן וואָס איז אַ פֿולקאָמענער אויסדרוק פֿונעם געפֿיל פֿון העכערער אייניקייט און העכערער אחריות — אָט איז די אמתע רעליגיע. אָט דער לעבעדיקער אויסדרוק, דער אויסדרוק אין דער ווירקלעכקייט, אינעם גאַנצן לעבן — איז די אַנערקענונג אין גאָט, מער ווי יעטוועדע אַנערקענונג מיט קלאָרן באַוווסטזיין. ווען בודאַ, למשל, וואָס לייקנט כלומרשט אין גאָט, פֿאָדערט פֿונעם מענטש, און דער עיקר פֿון זיך אַליין — פֿאָדערט און איז מקיים — זיך אויפֿצופֿירן לויט דער העכערער מאָראַל, איז דורכדעם אַליין, אומבאַוווסטזיניק, איז ער מודה אין גאָט מער ווי יעדער געשווירענער גלויביקער.

בכלל איז אין דער נשמה׳דיקער באַציִונג צו דער נאַטור און צום לעבן פֿון בודאַ דעם אפּיקורס פֿאַראַן מער געטלעכקייט, ווי אינעם גלויבן און רעליגיע פֿון וועלכן־עס־איז רעליגיעזן כּוהן.

די אויפֿפֿאַסונג פֿון דער רעליגיע איז נישט געלויטערט געוואָרן, נישט אינעם ליכט פֿון דעם אַלטן געדאַנק, וואָס איז אַרויסגעדרונגען פֿון אַ טיף רעליגיעזן געפֿיל, און נישט אינעם ליכט פֿון דעם נײַען געדאַנק, וואָס פֿאָרשט, כלומרשט, יעדן ציל. די וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט דער אויפֿקלערונג פֿונעם מהות פֿון דער רעליגיע זײַנען זיך נוהג, למשל, צו זען דעם צענטער פֿון זייער באַטראַכטונג אינעם אָביעקטיוון טרעגער פֿון דער רעליגיע: באַיאָענדיק די עקזיסטענץ פֿון גאָט באַיאָען זיי אויך די עקזיסטענץ פֿון דער רעליגיע; און אין רעזולטאַט פֿון דער נעגירונג פֿון גאָטס עקזיסטענץ

נעגירן זיי אויך די רעליגיע. און היות ווי גאָטס עקזיסטענץ קען מען נישט באַיאָען און נישט נעגירן מיטן כוח פון דעם באַוווסטזיין, הייסט עס, אַז די רעליגיע איז אַ זאַך וואָס הענגט אין דער לופט אָדער פשוט אַ האַלטלאָזע זאַך. דאָס איז אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס מען פאַרטוישט די אויסדרוקס־פאָרם פון דער רעליגיע מיט דער עצם רעליגיע, די נעבן־זאַך מיט דער הויפט־זאַך. און מען מעג זאָגן, אַז מער ווי עס איז פאַרגליווערט געוואָרן די רעליגיע, איז פאַרגליווערט געוואָרן דער באַגריף וועגן דער רעליגיע.

ווען עס קומט אויף אין געדאַנק דער באַגריף „רעליגיע״, מאָלט זיך אויס עפּעס פעסט־סטאַבילעס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק (למשל: די פליכט פון רעליגיעזן מענטש צו גלויבן אין נסים און נפלאות), עפּעס וואָס אַנטהאַלט, בכלל, מיינונגען און מעשים וועלכע לייגן זיך נישט אויפן שכל, עפּעס וואָס איז נישט עלול זיך אַנטוויקלען, באַנייען, שפּייזן דעם נייעם געדאַנק און דעם נייעם גייסט. און דער פּראָ־גרעסיווער געדאַנק אין אונזער צייט קוקט טאַקי אויף דער רעליגיע ווי אויף אַ מיטאָלאָגיע, ווי אויף אַ מין איינשלעפערנדיקן וויג־ליד פון די קינ־דהייטס־יאָרן פון דער מענטשהייט, וואָס איז עלול אויך היינט איינשלעפ־פערן גרויסע קינדער, וואָס אין דער אמתן איז שוין פאַרביי זיין צייט און עס איז אַ מצווה אים אויסצוראַמען פון דער וועלט, אַלס אַ זאַך וואָס פאַרשיכורט די נשמה און פאַרדאַרבט זי.

אָט דער פאַרגליווערטער באַגריף וועגן דער רעליגיע און וועגן גאָט, איז משפּיע אויפן גאַנצן גאַנג פון געדאַנק און געפיל מיט אָט דער נייגונג, מער ווי מען איז געוווינט צו מיינען. מען מעג, ווי עס ווייזט אויס, זאָגן, אַז מער אויס אָט אַזאַ פאַרגליווערטן באַגריף ווי אויס אַ לעבעדיקן געדאַנק און געפיל, קען אַ דענקענדיקער און פילנדער מענטש באַשליסן מיט אַ זיכערקייט פון גבורה אָדער פון תמימות, אַז גאָט איז טויט, נישט בעמענדיק אין אַכט, אַז טויט איז נאָר דער פאַרעלטערטער און פאַרגליווערטער באַג־ריף וועגן גאָט, אָבער נישט גאָט, נישט דער פאַרבאָרגענער, וואָס דו שטויסט זיך אָן אין אים אומעטום דאָרט ווו דו דענקסט און פילסט, אָבער דו ביסט עס נישט תופס און באַגרייפסט עס נישט; דער גאָט וואָס דו ראַנגלסט זיך מיט אים אין אַלעם וואָס דו פילסט, דענקסט, רעדסט, נישט ווויסנדיק וואָס ער איז און פונוואַנען קומט ער. דאָס פאַרבאָרגענע וועט קיינמאָל נישט שטאַרבן, אפילו ווען אַלע וויסנשאַפטס־לייט אין דער וועלט וועלן באַשליסן, אַז אַלץ איז אָפן און באַוווסט און קלאָר, אַז דער יסוד פון דער וועלט — איז בלינד, פינצטער, טויט (ווי מען זאָגט „די טויטע נאַ־טור״), און נאָר דער מענטש איז לעבעדיק, באַוווסטזיניק, וואָס ווייסט און דרינגט אַלץ דורך מיט וויסן. דער יסוד פון אַ בלינדער וועלט לייגט זיך נישט

אויפן שכל, און עס איז איבעריג צו זאָגן, אז דער געפיל פון העכערער אחריות קען זיך נישט שטיצן און האלטן אויפן יסוד פון א בלינדער וועלט. פונדאנען קומסטו צום שלוס, אז אויך די רעליגיע וועט נישט שטארבן, כל זמן עס איז פאראן אויף דער וועלט א מענטשלעכע נשמה, און עס איז פאראן א געפיל פון מענטשלעכער אחריות און א שטרעבונג צו א מענטשלעך לעבן.

נאָר אין רעזולטאט פון א פארפרוירענעם באגריף וועגן דער רעליגיע און גאָט, קען מען זיך אזוי באציען צו דער אלוועלטלעכער פראגע, צו דער פראגע, וואָס זי איז די גאנצע וועלט פונעם מענטש און זיין גאנץ לעבן. נאָר אין רעזולטאט פון אזא פארפרוירענעם באגריף, קען מען זיך אזוי באציען צו דער לעבעדיקער נשמה, וואָס פילט זיך פאריתומט, א פאר־וואָגלטע נשמה אין דעם עולם התוהו, וואָס ווערט געשליידערט אינעם כף הקלע פון אומענדלעכע סתירות און קעגנזאצן, וואָס זעט נישט די אינער־לעכע פארבינדונג צווישן זיך און דער אומענדלעכקייט, וואָס זעט נישט, אז דער גייסט וואָס באלעבט זי — איז א העכערער גייסט.

קלאָר, אז דער לויטערער באוווסטזיין שטעלנדיק די פראגע וועגן דעם יסוד פון דער וועלט, מוז פרעגן וועגן אן אנדער עקזיסטענץ־אופן, וואָס איז לחלוטין אנדערש פון דער דורך אונז באגרייפבארער וויקלעכקייט; עס איז די פראגע וועגן דעם פארבאָרגענעם שכל, וועגן גאָט, נישט כדי אויפצו־דעקן דעם פארבאָרגענעם וואָרצל פון דעם בוים אלס אזעלכן — נאָר כדי אויפצודעקן יענע אייגנשאפט וואָס עס פארמאָגט דער אָפענער בוים ווייל ער פארמאָגט אזא פארבאָרגענעם וואָרצל. ווייל באשליסנדיק, אז די וועלט פירט זיך מיט וויסן און חכמה אין וועלכן־עס־איז הינזיכט און אויף וועלכן־עס־איז אופן, זעען מיר זיך אליין און אונזער לעבן פאר ראוי צו זוכן אין זיי א העכערע ליכט, עפעס א העכערע שפע; דאָס קען מען נישט געפינען און עס איז נישט פאראן קיין שום זין צו זוכן, ווען מיר נעמען אָן, אז די וועלט שטיצט זיך אויף א בלינדן יסוד. די עיקר פראגע איז אזוי אַרום: נישט „צי עס איז פאראן א פארבאָרגענער שכל (אָדער גאָט) ?", נאָר „צי קען מען באגרייפן מיטן שכל דעם פארבאָרגענעם שכל (אָדער גאָט) ?"

די סתירות אין דער לעבנס־ספערע, זיי פראָטעסטירן עס הויפטזאַכ־לעך קעגן דעם פארבאָרגענעם שכל און גראָבן אונטער זיין שכלדיקייט. „על כרחך אתה חי", „נוח לו לאדם שלא נברא משנברא" („געצוווּנגענער־הייט לעבסטו", — „עס וואָלט בעסער געווען פארן מענטש ווען ער וואָלט נישט געבוירן געוואָרן, ווי געבוירן צו ווערן") — איז דען פאראן א גרע־סערע סתירה דערפון צו דער שכלדיקייט פון דעם פארבאָרגענעם? און נישט דער צער וואָס אינעם לעבן ברענגט עס דעם מענטש צו דער בעגירונג

פון לעבן און צום פארלייקענען דעם עיקר, נאָר די פוסטקייט און טעמפקייט, וואָס אינעם לעבן מיט אלע זייערע רעזולטאטן און די רעזולטאטן פון זייערע רעזולטאטן.

עס קען נישט דער מענטש לעבן אינעם גוטן, אָבער אויך אין צער קען ער נישט לעבן. אָט דאָס איז די קשיה. האָט זי א לייזונג? ווען מיר זי געפינען?

מיר זיינען אָבער, יעדנפאלס, פארפליכטעט צו זוכן.

וועגן דער שיינקייט

בודאַ און נאָך אים שאָפּנהויער האָבן אויסגעפונען, אז עס איז נישט פאראַן קיין אנדער אויסוועג פון דעם שרעקלעכן ווירוואַר וואָס מען רופט אים מענטשלעך לעבן — ווי נאָר די נעגירונג פונעם לעבן בכלל, די נעגירונג פונעם ווילן צום לעבן. דאָס איז, לויט זייער מיינונג, דער איינציקער אידעאַל, וואָס גיט דעם לעבן א נשמה און א געדאנק, אז א מענטש, מיט דער מאָס וואָס ער דערהויבט זיך איבער דעם אויבערפלעכלעכן געדאנק און אויבער־פלעכלעכער השגה, קען און דארף שטרעבן צו אים.

אָבער ווי־אזוי דערגרייכן דעם אידעאַל, ווי־אזוי שטרעבן צו דעם אידעאַל?

זיי האָבן, זעלבסטפארשטענדלעך, געזען, אז זעלבסטמאָרד איז נישט די נעגירונג פונם ווילן צו לעבן, נאָר די באַיאָונג פון ווילן, ווייל דער מענטש באגייט זעלבסטמאָרד נאָר צוליב דער אוממעגלעכקייט צו דערגרייכן דאָס געווונשענע לעבן. און בכלל, לויט זייער טעאָריע, פארניכטעט נישט דער טויט דעם ווילן וואָס פילט אָן די וועלט און אלץ וואָס אין איר, וואָס איז אייניק אין אלע פולע און פארשידענע פאָרמען און אנטפלעקונגען אויף דער וועלט, וואָס לעבט און עקזיסטירט אין אלע זיינע פאַריבערגייענדיקע אנטפלעקונגען. די נעגירונג פון ווילן, איז דאָס אבסאָלוטע אָפּגעשיידקייט פון לעבן, דער אבסאָלוטער ביטול היש, א לעבנס־אופן וואָס נעגירט אלץ וואָס דער ווילן באַיאָט: יעדע תאווה, יעדע פרעכטיקייט, יעדע נשמה׳דיקע פארבינדונג, יעדעס שטרעבן צו פארגעניגן, אנגענעמלעכקייט און גליק, יעדע נייגונג צו אָנגענעמלעכקייט, פארגעניגן און גליק — און וואָס באַיאָט דאקעגן אלץ וואָס דער ווילן נעגירט: מסירות נפש פאַרן אמת און פאַר יעדער העכערער מידה א.אז.וו. אזוי אַרום וועט דער מענטש דערגרייכן אבסאָלוטע רו, די נעגירונג פון ווילן — די נעגירונג פון זיין פריוואטן

ווילן און פון אים אויס די נעגירונג פון ווילן בכלל, — די אבסאָלוטע נישטקייט, אָדער „נירוואַנע״: די פאַרהעלטניסמעסיקע נירוואַנע בעת זיין לעבן און די אבסאָלוטע נירוואנע נאָך זיין לעבן; אָדער דורך דער פאַר־העלטנישמעסיקער נירוואנע וועט ער, ביסלעכווייז, שטאפל נאָך שאפל, דערגיין צו דער אבסאָלוטער נירוואנע.

לאָמיר איבערלאָזן פאַר די מיסטיקער די מיסטישע הנחה, אז דורכ־דעם וואָס איין מענטש, אָדער אפילו אלע מענטשן, וועלן דערגרייכן די נירוואַנע, וועט דער אלוועטלעכער ווילן, די גאנצע וועלט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַבסאָלוטן גאָרנישט. זאָלן זיי אורטיילן וויפל עס איז פאראן אמת אין אָט דער הנחה, נישט נאָר לאָגישער אמת, נאָר אויך ממשות־דיקער אמת. מיר וועלן באַטראַכטן, צי קען דער מענטש בכלל דערגרייכן די נירוואַנע, דאָס הייסט די אַבסאָלוטע נעגירונג פון ווילן און די אבסאָ־לוטע נעגירונג פון לעבן...

א ש ט ר ע ב ן צו דער נירוואנע, א שטרעבן צו דער נעגירונג פון ווילן — צי האָבן מיר נישט דאָ פאר זיך אן אינערלעכע סתירה? וואָס אזוינס איז די שטרעבונג, אויב נישט אן אַנטפלעקונג פון ווילן, אויב נישט א ווילן צו דערגרייכן עפעס? אָדער איז אפשר די שטרעבונג צו דער ניר־וואַנע בכלל נישט קיין שטרעבונג, דער ווילן צו נעגירן דעם ווילן — איז בכלל נישט קיין ווילן? אָדער קען מען אפשר דערגרייכן צו דער ניר־וואנע נישט שטרעבענדיק צו איר, גיין אויף דעם וועג, וואָס פירט צו דער נעגירונג פון ווילן נישט ווילנדיק גיין אויף אים?

איך זע נישט קיין אויסוועג פון אָט דער סתירה, אויב נישט אָננעמען די מיסטישע הנחה, אז דער ווילן שטרעבט צו זיין זעלבסט־פאַרניכטונג. אָבער אָט די הנחה איז ווידער פון יענע זאַכן, וואָס אָן דער הילף פון דער מיסטיק, וועלכע שטייט איבער יעדער לאָגיק, לייגט זי זיך נישט אויף קיין שום שכל.

און וואָס איז דאָס לעבן וואָס פירט צו דער נירוואַנע, דאָס לעבן וואָס איז ווי אַ קאָרידאָר צום סאַלאָן פון דער אַבסאָלוטער נירוואַנע? וואָס אזוינס איז דאָס עסן, טרינקען, שלאָפן א. דגל. יענע אלע נויטווענדיקע זאַכן, וואָס אָן זיי עקזיסטירט נישט קיין שום לעבן און אפילו נישט קיין נירוואַנע־לעבן? איז נישט פאַראַן דערין קיין לעבן, איז נישט פאַראַן דערין אַנטפלעקונגען פון יענעם ווילן, וואָס מען וויל אים פאַרוואַנדלען אין אַב־סאָלוטן גאָרנישט? אָדער אפשר ווייל עס האנדלט זיך דאָ נישט וועגן לעבן לויטן אָנגענומענעם נוסח, איז דאָ בכלל נישט פאַראַן קיין לעבן, איז דאָ פאראן א נעגירונג פון לעבן? אָדער אפשר ווייל מיר האָבן דאָ נישט דאָס, וואָס דער געוויינלעכער ווילן איז מחייב, האָבן מיר דאָ א נעגאציע פון

ווילן? אָדער אפשר צוליב דעם נעגירט דער, וועלכער שטרעבט צו דער נירוואַנע, דאָס לעבן, ווייל ער לייגט ארויף זיך אליין און די צוגרייטונג פון זיינע לעבנסנויטוועגדיקע באדערפנישן אויף אנדערע, ווייל ער לייגט ארויף אויף אנדערע די גאנצע מי און יסורים און וואָכעדיקייט און קליינלעכקייט. וועלכע מען קען נישט אויסמיידן אין טאָג־טעגלעכן לעבן ביים צוגרייטן יענע נויטוועגדיקע באדערפנישן?

ניין! דער וועג איז, ווייזט אויס, א ווייטער. דער פשוטער אמת זאָגט: דאָ איז נישט פאַראַן קיין נעגאַציע פון ווילן, — דאָ איז פאַראַן א געוויסער לעבנס־צושטאַנד, אַ געוויסע ווילנס־אנטפּלעקונג. די שטרעבונג צו דער נירוואַנע — איז אַ שטרעבונג ווי אלע שטרעבונגען, דאָס הייסט אַ ווילן צו לעבן און נישט די נעגירונג פון לעבן; די בודאַיסטישע אָפּגעשיידקייט פון לעבן איז די נעגירונג פון געוויסע לעבנס־פאָרמען, אָדער די נעגירונג פון אַלע באקאַנטע לעבנס־פאָרמען, די נעגירונג פון דער גאנצער מענטשלעכער קולטור, אָבער נישט די נעגירונג פונעם לעבן — דאָס איז אַ באַזונדערע לעבנס־פאָרם. ווען עס איז נישט פאַראַן קיין לעבן, איז אויך נישט פאַראַן קיין נעגירונג פון לעבן; ווען עס איז נישט פאַראַן קיין ווילן צו לעבן, איז אויך נישט פאַראַן קיין נעגירונג פון ווילן.

פונעם לעבן וועסטו נישט אנטלויפן, מענטש, דאָס לעבן וועסטו נישט נעגירן, נישט דורך דיין לעבן און נישט דורך דיין טויט! און נישט נאָכמער: דאָס וואָס געפינט זיך אויסער דעם לעבן, דער אבסאָלוטער גאָרנישט, איז בכלל אויסער דיין באגריפס מעגלעכקייט, און דיין געדאַנק קען עס בכלל נישט אויפנעמען. דער „על כרחך אתה חי" איז, ווייזט אויס, נאָך טיפער ווי עס דענקען די לעבנס־נעגירער, און אָט דידאָזיקע שרעקלעכע טיפקייט איז עס די שרעקלעכסטע טראגישקייט פון מענטשנס לעבן. אָט דידאָזיקע שרעקלעכע טיפקייט איז עס דער הויפּט־פונקט פון אָפּטימיזם, נישט ווייניקער ווי עס איז דער הויפּט־פונקט פון פעסימיזם.

דאָס האָבן געדאַרפט פאַרשטיין אלע אָנהענגער פון דער פעסימיסטישער מיינונג, אויב מען קען דאָ בכלל ריידן וועגן געוויסע באַזונדערע מיינונגען, וועגן פאַרשידענע שיטות.

עס איז פאַראַן אויף דער וועלט אָרט פאַרביידע מיינונגען גלייכצייטיק און נישט נאָר אויף דער גרויסער וועלט, נאָר אויך אין דער וועלט פון איין־איינציקן מענטש, ווייל זיי האָבן איין וואָרצל.

אָבער מען דאַרף נישט באַוווּלהן דאָס רעכט פון אַ גרויסער מיינונג, גרויס אין וועלט־מאָסשטאַב. די בודיסטישע מיינונג האָט אנטפּלעקט און באלויכטן מיט א העכער ליכט די גאנצע אָפּגרונט־טיפקייט פון דער פּוסטקייט, וואָס אין דעם מענטשנס קולטור־לעבן, און אַזוי אַרום — די גאנצע

טיפקייט פון דער פארבאָרגענער שטרעבונג וואָס אין מענטשנס נשמה צו א העכער באציונג צום לעבן און צו דער וועלט, צו א באציונג וואָס איז פאַרבאָרגן פון יעדן געפיל, וואָס זי האָט א נאָמען געגעבן — נירוואַנע. אָבער זי האָט געזען דעם אָרט פון אָט דער באַציונג אויסערן לעבן, אין דער נעגירונג פון לעבן, און דערין איז איר טעות. זי האָט איר אזוי ארום צו־צוגעבן אזא באפארבונג, אז דעם מענטשנס נשמה איז דורך איר אָפּגעריסן געוואָרן לגמרי פון דער נשמה פון דער אַלוועלטלעכער באַשאַפונג; און דער העכערער באציונג פעלט, צוליב דעם, במילא דער עיקר — איר העכערע שאַפונגס־קראַפט, די קראַפט צו שאַפן דאָס לעבן ווי א העכערע באשאפונג.

*

ווען מיר קערן זיך אום פון דער נעגירונג פון לעבן צו דער באַיאָונג פון לעבן, טרעפן מיר קודם כל די שטרעבונג צו באַגרינדן דאָס געוווּנשענע לעבן אויף דער שיינקייט און זוכן דאָס ליכט פון לעבן אין דער שיינקייט.

דאָס איז בעצם די באַקאַנטע נייגונג ארויפצווינגען אין לעבן די פאָרם אויפן אינהאַלט. די סימנים פון אָט דער נייגונג קען מען טרעפן ווי מיר האָבן געזען, נאָך ביים אמאָליקן מענטש אין זיינע ערשטע שריט אויפן וועג פון דער מענטשלעכער קולטור; און דידאַזיקע נייגונג טרעפט מען אויך ביי ווילדע פעלקער. ביי זיי איז דאָך פאַראַן א מנהג צו פאַרדעקן די נישט באזונדערס שיינע טיילן פון קערפּער, באַפּוצן דעם קערפּער מיט כלערליי באפוצונגען און שפּילצייג אָדער אויך מיט אלערליי צייכנונגען, וואָס זיינען אָפט גורם גרויסע יסורים. אַ סך דערשיינונגען אינעם לעבן פון די ווילדע זאָגן עדות וועגן אָט דער נייגונג.

דידאַזיקע שטרעבונג צו באַגרינדן דאָס לעבן אויף דער שיינקייט, ווערט אַלץ מער סטאַביל און אַנטוויקלט זיך. די גריכן זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן אנטדעקט דאָס ליכט פון אָט דער שטרעבונג, און זייער איינפלוס עקזיסטירט ביז אויפן היינטיקן טאָג אין אלע העכערע שיכטן פון דער אייראָפּעאישער קולטור. אפילו שאָפּענהויער, וואָס נעגירט דאָס לעבן, וואָס נעגירט אין איר יעטוועדן געדאנק און ליכט, זוכט און געפינט דאָס ליכט פון לעבן אין דער שיינקייט! און אזוי אויך די אלע וואָס באַיאָען דאָס לעבן דורכן נעגירן יעדן געדאנק אין דער באַשאַפונג.

אָבער אזוי־ווי עס איז פאַראַן א לעבן־פון־אויסשפרייטונג און א לעבן פון־באגרעניצטקייט, אזוי איז אויך פאַראַן שיינקייט־פון־אויס־שפרייטונג און א שיינקייט־פון־באגרעניצטקייט. יעדעס לעבעדיקע באשע־פעניש און יעדע לעבעדיקע און נישט־לעבעדיקע באשאפונג, אזוי־ווי די גאנצע אלוועלטלעכע באַשאַפונג, זיינען נישט געשאפן געוואָרן צוליב דער שיינקייט — זיי זיינען שיין ווייל זיי לעבן און עקזיס־

טירן. זייער שיינקייט איז דאָס ליכט פון לעבן, אָדער דאָס ליכט פון דער באַשאַפונג וואָס אין זיי. דער בוים, די בלום, די חיה, דער פויגל — די שיינקייט פון זייער פאָרם שטאַמט פונם לעבן וואָס איז אנטהאַלטן אין זיי, און די מאָס פון זייער שיינקייט איז ווי די מאָס פון דעם לעבנס־שטראָם, וואָס שטראָמט אין זיי. עס לעבט אין זיי יעדער אבר, יעדעס גליד, יעדע ליניע — יעדער פונקט אין זייער קערפּער איז ווי אָנגעפילט מיט עפּעס אַ פאַרבאָר־גענעם צויבער; עס שיינט, אז עס איז דאָ נישט פאַראַן קיין סטאַבילער קערפּער, נאָר עפּעס שטראָמענדיקע לופטיקע פליסקייט, וואָס אַדאַנק דער ווירקונג פון עפּעס אַ פאַרבאָרגענער קראַפט שטראָמט זי תמיד אין איין פאָרם — און דעריבער איז אַלץ שיין און דעריבער, ווען דער בעל חי אָדער געוויקס שטאַרבט, מעג זיין פאָרם בלייבן גאַנץ און אומפאַרענדערט, דאָך פאַרמאָגט ער מער נישט די שיינקייט וואָס ער האָט פאַרמאָגט ביים לעבן. און דאָסזעלבע גילט וועגן די קעגנשטאַנדן פון דער טויטער נאַטור.

ווען דו געפינסט זיך אין דער נאַטור און קוקסט זיך צו, למשל, צו אַ פעלז, וואָס אין פלוג פאַרמאָגט ער נישט קיין שום געשטאַלט, אָדער וואָס זיין געשטאַלט האָט קיין שום שענקייט נישט דוכט זיך דיר, אַז דו זעסט אין יעדן פונקט זיינעם עפּעס אָן אָפּענעם און באַהאַלטענעם באַשאַפונגס־כוח. עפּעס אַ באַשאַפונגס־סוד, דער סימבאָל פון דעם העכערן שווייגן. און דאָס איז דער סוד פון זיין שיינקייט, וואָס דו פילסט אים אָבער באַגרייפסט אים נישט און קענסט אים נישט אויסדריקן. און דידאָזיקע ליכטיקייט — זעלבסטפאַרשטענדלעך אין אַן אומגעהויער גרעסערער מאָס — שיינט אַרויס פון דער גאַנצער אַלוועלטלעכער באַשאַפונג. דאָס איז די שיינקייט פון דער אויסשפּרייטונג. בעת אין דער סקולפּטור אָדער אין דער מאַלעריי־קונסט שאַפט די פ אָ ר ם דעם אינהאַלט, וואָס האָט קיין שום שייכות נישט מיטן ממשותדיקן קערפּער וואָס דער קינסטלער שאַפט, און נישט מיט דער מאַטעריע וואָס דער ממשותדיקער קערפּער ווערט פון אים באַשאַפן; דער קערפּער פאַרמאָגט נישט אין זיך קיין לעבן, דאָס הייסט, אַז עס ווירקט דאָ אַ עסטעטישע ווירקונג, בלויז די פאָרם, עס ווירקט די שיינקייט־פון־באַגרענעצטקייט.

ווען מען באַשעפטיקט זיך, למשל, מיט דער סקולפּטור־קונסט, זאָגט מען, אַז דער סקולפּטאָר באַהערשט כלומרשט און באַפרייט דאָס געוווּנ־שענע בילד פון דעם שטומען, געדאַנקלאָזן שטיק מאַרמאָר, אזוי־ווי מיט יעדן שניט און קריץ פון זיין אַרבעטס־געצייג וואָלט ער אויסגעהאַקט ליכט־שטראַלן פון דער טונקעלער מאַטעריע, בעת די הויפּט־אייגנשאַפט פון דער שיינקייט־פון־אויסשפּרייטונג באַשטייט אין דער אָפוועזנהייט פון יעדער באַטאָנונג, אין דער אָפוועזנהייט פון יעטוועדן באַגרענעצטן אויס־

דרוק, אין אַבסאָלוטן שווייגן, אין סוד — די פאַרייניקונג פון אַלע געדאַנ־קען, וואָס לויכט אַרויס פון דעם גאַנצן און וואָס איז איינגעשמידט אין יעדן טייל פונם גאַנצן, אין יעדן אַטאָם פון אַלעמען (און דערונטער אויך אין יענעם מאַרמאָר, וואָס האָט געדינט פאַרן סקולפּטאָר אַלס ממשותדיק שטאָף פאַר זיין ממשותדיקע סקולפּטור).

און דעריבער איז עס אַ גרויסער ספק, צי מעג דער מענטש אין דעם זין זאָגן, אַז דער סקולפּטאָר האָט אַנטפּלעקט אין זיין שאַפונג מער ליכט ווי עס איז געווען אינעם פּשוטן שווייגנדיקן פאַרשלאָסענעם שטיק מאַרמאָר. די שיינקייט פון אויסשפּרייטונג איז אַזוי באַטאָנונגס־לאָז, אַז עס זענען פאַראַן, ווי מיר האָבן געזען הויכשעצער פון דער שענקייט, וואָס זענען גרייט איינצוזען וועלט־ליכט, אחדות פון געדאַנקען און געפילן אין אַ שיין בילד אָדער בכלל אין אַ שיינער מענטשלעכער שאַפונג און גלייכ־צייטיק דערלויבן זיי זיך צו פאַרלייקענען יעדן געדאַנק ביי דער גרויסער שאַפונג, וואָס מען רופט זי נאַטור און זען אין איר אַ בלינדע צופעליקייט, אַ פּוסטקייט.

די טיילווייזע אויפטואונגען פון דער נאַטור אָדער די באַגרענעצטע נאַטור־שאַפונגען, זיינען אַלס אַ זעלכע נישט פולקאָם פון שטאַנדפּונקט פון דער שיינקייט פון באַגרענעצטן. אפילו די שענסטע שאַפונגען, למשל, די שיינע געוויקסן, די שיינע בעלי־חיים, יעדע איינע פון זיי פאַר־מאָגט — אויב מיר זאָלן זיך צו זיי צוקוקן נענטער — עפּעס אַ פּגם אָדער אַ פעלער. אַ צעדערבוים, אַ טייטלבוים, אַ רויז, אַ ליליע, אַ לייב, אַ פערד, אַ טויב, אַ אָדלער — דו געפינסט נישט אין דער נאַטור קיין איין אַבסאָלוט פולקאָמענעם עקזעמפּלאַר, אַבסאָלוט שיין, אָדער, ווי מען זאָגט, — וואָס דריקט אויס בשלמות די אידיי, וואָס ער איז זיין אויסערלעכע פאַר־קערפּערונג. מען האָט שוין געזאָגט אויך וועגן דעם אויג פון מענטש, אַז ווען מען וואָלט געבראַכט אַזאַ נישט־פולקאָם קוק־מכשיר צו אַן אָפּטי־קער־אַ קינסטלער, וואָלט ער אים נישט אָנגענומען. וואָס בלייבט שוין צו זאָגן וועגן די איינצלהייטן וועלכע זיינען נישט לעבעדיק און נישט שיין? וואָס איז פאַראַן צו זאָגן, למשל, וועגן אַ זומפּ, אויב מיר זאָלן זיך צוקוקן צו אים פון דער נאָענט? דעריבער זאָגט מען, אַז דער קינסטלער דערגענצט דאָס, וואָס די נאַטור האָט נישט פאַרפולקאָמט, ווייל דער קינסטלער קאָ־פּירט נישט די נאַטור, נאָר שאַפט פונדאָסניי די נאַטור־שאַפונגען, דאָס הייסט, ער דריקט אויס אין זיין שאַפונג די אידיי פון דעם געשאַפענעם וואָס ער שאַפט בשלמות, און דריקט אויס דאָס, וואָס די נאַטור האָט נישט דערגענצט זיין אויסדרוק.

ווען ער מאָלט, למשל, אַן אָדלער, נעמט ער די כאַראַקטעריסטישע

שטריכן וואָס ער געפינט ביי פֿאַרשידענע אָדלערס, פֿאַרייניקט זיי און גיסט זיי צוזאַמען דורך זיין שאַפונגס־כוח אין איין געשטאַלט פון אן אדלער, וואָס דריקט אויס, אזוי אַרום, בשלמות די אידיי פונם אָדלער. דאָס — זאָגט מען אונז — איז דער קינסטלערישער אמת, און דאָס איז די שיינקייט פון דער קונסט.

און דאָסזעלבע גילט אויך וועגן דער מאָלעריי פון מענטשלעכן לעבן. אַ דערציילונג אָדער אַ דראַמע, וועלכע מאָלן טיפן פון לעבן, געשעענישן פון לעבן, מעגן און זיינען פֿאַרפֿליכטעט באַטאָנען דאָס ליכט און די שאָטנס אנטשפּרעכנדיק צו דער אידיי פון די אויסגעמאָלטע טיפּן, פון דעם אויס־געמאָלטן לעבן, — און עס וואָלט געווען אַ וואָכעדיקייט, ווען זיי וואָלטן געמאָלט די זאַכן ווי אין דער ווירקלעכקייט ממש, אָדער ווי מען זאָגט וועגן דעם מיט פֿאַראַכטונג: מיט פֿאָטאָגראַפֿישער פּינקטלעכקייט, אויף וויפֿל עס פֿאָדערט די צופֿאַסונג צו דער אידיי אָדער צום קינסטלערישן אמת.

דאָ זעסטו מיט אַ בולטער קלאָרקייט וואָס איז אזוינס שענקייט־פון־באַגרעניצטקייט, ווי שטאַרק עס איז אין איר דער כוח פון באַטאָנונג, ווי אַנטשיידענד־וויכטיק ס'איז די פֿאָרם, אויף וויפֿל זי איז נישט אָפּהענגיק פונעם לעבן, פון דער אלוועלטלעכער באַשאַפֿונג. אין דער אלוועלטלעכער באַשאַפֿונג זיינען דאָך נישט פֿאַראַן קיין אידייען, עס איז נאָר פֿאַראַן איין אומענדלעכע אידיי, וואָס אלע איינצלהייטן, און די איינצלהייטן פון די איינצלהייטן, אנטשפּרעכן איר אַבסאָלוט. די אידייען געהערן צום באַוווּסט־זיין, וואָס באַגרייפֿט נישט די העכערע אידיי אין איר גאַנצער אומענד־לעכקייט, און ווען דער באַוווּסטזיין וואָלט נישט פֿאַרמאָגט דעם כוח צו צעלייגן די איינצלנע אידיי אויף איינצלהייטן — וואָלט ער גאָרנישט באַגריפֿן.

עס איז דעריבער קיין ווונדער נישט, וואָס די באַגרעניצטע שאַפֿונ־גען פון מענטש אנטהאַלטן אין זייערע טיילן מער שלמות און שענקייט — ווייל יעדע באַגרעניצטע שאַפֿונג האָט דאָך נישט קיין שום חשבון מיט דעם אלוועלטלעכן לעבן; בעת יעדע שאַפֿונג פון דער נאַטור איז נישט מער ווי אַ טייל, ווי אַ רינג, וואָס אלע זיינע טיילן און טיילכעלעך זיינען געצילט צום גאַנצן, וואָס דער אָרט פון זיין פּגימה איז אפשר דער אָרט פון זיין פֿאַרבינדונג מיט די איבעריקע רינגען, און אפשר איז דאָ דער פּונק פון העכערער שענקייט וואָס מען קען אים באַגרייפֿן נאָר פונאַיינעווייניק.

קומט מען און מען זאָגט: שענקייט. מען דאַרף באַגרינדן דאָס לעבן אויף דער שענקייט, מען דאַרף שטרעבן צו אַ שיין לעבן. אין וואָס באַ־שטייט דידאָזיקע שענקייט?

אין דעם לעבן־פון־אויסשפרייטונג אלס אזעלכן, איז נישט פֿאַראַן נישט קיין שיינקייט און נישט קיין נישט־שיינקייט, דאָרט שטייט אַלץ העכער דערפֿון, און דאָס איז דער סוד פֿון זייער אומענדלעכער שיינקייט. און ווי אזוי קענסטו באגרייפן אַזאַ שענקייט אום צו פֿאַרוואַנדלען זי אין אַ יסוד פֿון לעבן? ווי־אזוי קענסטו זי נעמען פֿאַר אַ מאַסשטאַב צום אָפּשאַצן מיט איר דאָס לעבן און זיך אויפֿפירן לויט איר? די־דאָזיקע שיינ־קייט קען דער מענטש נאָר לעבן, דורכן דערהויבן זיין לעבן צו דער מדרגה פֿון א פולן אויסדרוק פֿון דער העכערער אידיי. און אויב זוכן אַזאַ שענקייט, דאַרף מען דאָך אָנהויבן מיטן זוכן פֿון לעבן. ריכטיקער געזאָגט: אַזאַ שענקייט קען מען כלל נישט זוכן — מען קען זוכן נאָר לעבן. די שענקייט וועט נויטווענדיקערהייט קומען פֿון לעבן, ווייל דאָס לעבן וועט זיין פֿולקאָם.

אינם מענטשלעכן קערפּער זיינען פֿאַראַן נישט קיין באַזונדערס שיינע טיילן, אָבער א סאַך מער נישט־שיינקייט איז פֿאַראַן אין די לעבנס־וויכטיקע טעטיקייטן פֿון קערפּער. דווקא די לעבנס־וויכטיקע הויפּט־טעטיקייטן, וואָס דער קערפּער קען אָן זיי נישט עקזיסטירן, ווי דאָס עסן, טרינקען, אויסטיילונג פֿון שפּייז, צונויפֿפּאָרונג, געבורט — זיינען זייער ווייט פֿון שענקייט, אָדער גאָר מיאוס. און אפילו דער טויט, באַזונדערס דער שווערער טויט, איז נישט באַזונדערס שיין, נאָר ווייל ער וואַרפֿט אָן א אימה אויפֿן מענטש, ווייל ער ווייזט אים קלאָר און נישט דורך רעטענישן די גאַנצע נישטיקייט פֿון זיין זעלבסטבאַגרע־ניצונג אין זיך, — איז ווי ער וואָלט אים געעפֿנט א טויער צו דער אינער־לעכקייט פֿון דער זאַך און אָפּגעווענדעט לחלוטין זיין אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער פֿאָרם. נישט שיין, אָדער גאָר מיאוס, זיינען די פּסיכאָפיזישע און אויך פּסיכאָלאָגישע טעטיקייטן, וועלכע באַדינען די עקזיסטענץ־באַדערפֿ־נישן פֿון פּרט און פֿון געשלעכט, ווי די תאווה פֿון עסן, די געשלעכטלעכע תאווה און בכלל אַלע תאוות, וועלכע באַדינען נאָר די באַגרענעצטקייט און וואָס די אויפֿגאַבע זייערע איז בולט.

דאָס אַלץ קען מען נישט אויסרייסן מיט די וואָרצלען, דאָס הייסט, מען קען נישט אויסוואָרצלען דאָס וואָס איז נויטיק פֿאַר קיום פֿון פּרט און געשלעכט. אָבער וואָס זאָל טון דער־ריעניקער וועלכער זוכט אין לעבן שענקייט? ווי־אזוי בכלל אויסמיידן די צעטומלעניש? צוויי וועגן זיינען פֿאַראַן דערצו:

אָדער דורכן שטאַרקן דאָס אינערליכע ליכט אויף אזויפֿיל, אַז אַלץ וואָס דינט דעם לעבנס־באַדערפֿניש און האָט נישט קיין שיינע געשטאַלט, זאָל אָננעמען די געשטאַלט פֿון אַ שפּאַלט אין אַ פּרעכטיקן און דער־

הויבענעם בנין, וואָס דאָס גרויסע אינערלעכע ליכט זיפט זיך אַדורך דורך אים אינדרויסן און פאַרדעקט די פעלערהאַפטע געשטאַלט; אָדער דורכן פאַרדעקן דאָס נישט־שיינע און זיין באַפּוצונג מיט אַלערליי אויסער־לעכע מיטלען און באַטאָנען דאָס שיינע, ביז צום אָפּווענדן די אויפמערק־זאמקייט פון דעם נישט שיינעם.

די קולטור איז געגאַנגען דעם צווייטן וועג. די שענקייט איז אויסן געווען הויפּטזאַכלעך אָפּוועגדן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען די אויפמערק־זאמקייט פון דאָס נישט־שיינע אין לעבן, אָבער באַזונדערס דורכן באַטאָנען דאָס שיינע, אפילו דורך אַן איבערגעטריבענעם אונטערשטרייכן און אפילו דורך פאַנטאַסטישער שענקייט.

דאָס קען מען זען אין לעבן, קודם כל אין די וועגן וואָס מען זוכט אין לעבן אין נאָמען פון דער שענקייט, אין נאמען פון שיינעם לעבן. אויך דאָ זיינען פאַראַן אידייען, אבער עס איז נישט פאַראַן קיין אידיי. נאָכמער, יעדע טיילווייזע אידיי געפינט הייסע אָנהענגער, וועלכע ווילן זי מאַכן פאַר א קעניג איבער אלע איבעריקע אידייען, און זעען אין איר כלומרשט די העכערע אידיי — יעדער איינער און זיין גאָט. אויב די אייניקע זאָגן: חסד שבתפארת (גנאָד־פראכט), קומען די אנדערע און זאָגן: ניין, נאָר — גבורה שבתפארת (העלדישקייט־פראכט), א. אז. וו. דער צד השווה פון זייביידע איז, וואָס דער עיקר ביי אלע איז די אַבסאָלוטע צופאסונג צו דער אויסדערוויילטער, טיילווייזער אידיי, און נישט צו דער העכערער, אלוועלטלעכער אידיי, נישט די צופאסונג צום גאנצן לעבן, צום אמת פון דער אלוועלטלעכער באַשאַפונג.

אויב, למשל, חסד שבתפארת — דאַן זיינען דאָך די גבורה און מידת הדין נאָר אַ פגימה; און אזוי אויך להיפך: אויב גבורה שבתפארת — דאַן זיינען דאָך די מידת החסד און מידת הרחמים אַ פגימה, א. אז. וו.

אין סך הכל: יעדע אידיי, כדי זי זאָל ווירקן מיט איר גאנצן כוח, דארף זיין לחלוטין געלויטערט, אזוי־ווי דער זויערשטאָף, און עס איז אַ וואָכעדיקייט פאר איר צו זיין ענלעך צו א נאַטירלעך, קלאָר און געזונט לופט.

אבער לויטערער זויערשטאָף איז גוט נאָר פאַר געוויסע קראַנקע — דאָס נאַטירלעכע לעבן פאַרטראָגט נישט קיין ריינעם זויערשטאָף. דאָס נאַטירלעכע לעבן, אויסער דעם וואָס עס איז נישט פאַראַן אין אים קיין אַבסאָלוט לויטערער אויסדרוק פון יעדער שיינער אידיי, איז אויך פאַראַן אין אים, ווי געזאָגט, דאָס עסן און טרינקען און נאָך זאכן, וועלכע געהערן כלל נישט צו דער ספערע פון פראַכט, און וואָס דער מענטש קען אָן זיי נישט לעבן, אפילו דעריעניקער וואָס זיין גאנצע נשמה איז פראַכט אָדער

גבורה אָדער חסד. אין דעם באשטייט דאָך דער כוח פון מענטש, וואָס ער שאפט זיך א שיינע אידעאַלע וועלט אין וועלכער ער לעבט, און געפינט אין איר א באהעלטניש און רו פון דער וואָכעדיקייט און מאוסדיקייט, וואָס אינעם ממשותדיקן לעבן. דאָס מיינט, אויב צו רעדן פשוט, אז דער כוח פון מענטש באשטייט דערין, וואָס ער קען משלים זיין מיט א לעבן פון זעלבסט־נאַרונג. און דאָס איז דאָך באזונדערס די אויפגאבע פון דער קונסט. מיר זיינען געוווינט צו זאָגן, אז זי איז בישט מער ווי דער שפיגל פון לעבן. אבער דערווייל שפיגלט זיך אָפּ דאָס לעבן אינם שפיגל, נאָר פון דער זייט פון זיין פאָרם.

מיר האָבן פאר זיך אַ שיינע וועלט פון שיינע געטער, וועלכע קעמפן, פאַלן, שטייען אויף — און פארשפרייטן ליכט און לעבן מיט אלע זייערע באוועגונגען, שטיפערייען און משוגעתן. און דעריבער איז נישט פאראן אין אָט דער שיינער און אידעאַליסטישער וועלט קיין אָרט פאַר אלע יענע ספקות, פראַגעס, בלאָנדזשענישן און וואָגלענישן, וועלכע ברויזן אויף און פייניקן די מענטשלעכע נשמה און פאָדערן פון איר מיטן גאנצן כוח פון זייער אכזריות צו שטרעבן, זוכן, נישטערן און גריבלען זיך אין אלעם ווו דער צער און יאוש זיינען עלול אריינצודרינגען, — אפשר איז אין דער עצם אלוועלטלעכער באשאפונג פאראן אָרט פאַרן אַבסאָלוטן אמת.

אין דער אידעאַלער שיינער וועלט וואָס מיר באהאנדלען זי אַצינד, קענען די געצן הערשן מיט אבסאָלוטער זיכערקייט ביז צום סוף פון אלע דורות. און נישט נאָר דאָס : פון דעם אייביקן אָלימפּישן הויך איז שענער צו האלטן זיך ביים ממשותדיקן לעבן דורך א גלויבן אין דריי פאָרמען, ווי דורך א גלויבן אינם שכל וואָס איז פארבאָרגן פון יעדן געדאַנק און פון יעדער פאָרם.

און דער אמת ? וואָס־פארא שייכות איז פאראן צווישן דער שענקייט און דעם אמת אלס אזעלכן ; צווישן דער שענקייט און דעם זוכן פון אַבסאָ־לוטן אמת ; און וואָס־פארא שענקייט איז פאראן אין אבסאָלוטן אמת, וואָס־פארא שענקייט איז פאראן אין דער באשאפונג, אויסער דער פאָרם ? דאָס איז אפשר אן ענין פאר דעם טעאָרעטישן געדאנק, וואָס צווישן אים און דער שענקייט איז נישט פאראן קיין שום באציאונג, אויב נישט א באציאונג פון צוויי קעגנזאצן (אויך געדאנק און פּאָעזיע מאכן קאלע איינער דעם צווייטן).

ווייל איז די אויגן וועלכע זעען אזוי ! ווי איז צו די אויגן וועלכע זעען אנדערש, וועלכע ווילן זען דעם אמת אזוי ווי ער איז, נישט דעם אמת וואָס אין דער שענקייט, נאָר דעם נאקעטן אמת און די שענקייט וואָס אין דעם נאקעטן אמת ! ווייל דאָרט ווו די שענקייט און דער אמת זיינען צוויי

באזונדערע געביטן, דאָרט זיינען אויך די שענקייט און דאָס לעבן צוויי באזונדערע געביטן: א פאנטאסטיש ווונדערשיין לעבן — און דאָס ממשות־דיקע לעבן גייט זיך ווייטער זיין וועג.

עס איז נישט שווער צו זען, אז דאָס פאנטאסטיש לעבן איז שיין אויפן חשבון פון ממשותדיקן לעבן, צומינדעסט אין דער מאָס וואָס עס ווענדעט אָפּ די אויפמערקזאמקייט פון מענטש פונעם ממשותדיקן לעבן, און מאכט פארגעסן דעם פשוטן אמת, אז מענטשלעכע שענקייט — קען דער מענטש געפינען נאָר אינם ממשותדיקן לעבן, אין די ממשותדיקע אנטפלע־קונגען פון אלע זיינע קערפערלעכע און גייסטיקע כוחות אין זייער גאנצן פארנעם און טיפקייט; אז מענטשלעך שענקייט קען דער מענטש באגרייפן נאָר דורכן דערהויבן זיין לעבן צו דער מדרגה פון אויסדרוק פון דער העכערער אידיי; און אז די פגימות פון מענטשלעכן לעבן קען מען נישט פארדעקן נישט אין דער שענקייט פון דער פאָרם און נישט אין דער פאנ־טאסטישער שיינקייט, נאָר מיטן אינערלעכן ליכט. און אויב עס איז נישט פאראן אין ממשותדיקן לעבן אזא ליכט, דאן איז יעדע מליצה וועגן מענטש־נישט מער ווי ליגן און זעלבסטנאַרעריי.

דאָס לעבן איז א גרויסע שאפונג, אן אומאויפהערלעכע שאפונג, וואָס דער מענטש טאָר נישט אָפּווענדן פון איר זיין אויפמערקזאמקייט אויף א מינוט. דאָס לעבן איז א לעבדיקע שאפונג, וואָס אלע פאָרם־שאפונגען דארפן ביי איר באקומען זייער לעבן, דעם שפע פון זייער ליכט, וואָס אלע פאָרם־שאפונגען דינען פאר איר נישט מער ווי פינטעלעך צו געשריבענע אותיות, א מין דגש חזק אינם הארץ פון די אותיות פון דער העכערער אידיי.

און אויף וויפל מען קערט אום דעם סדר, אויף וויפל מען מאכט די פ אָ ר ם־שאפונגען פארן עיקר פון לעבן, אויף אזוי פיל פעלשט מען דאָס לעבן.

ליבע און שאפונג

דאָס וואָס ס'איז געשען מיט דער שענקייט, איז געשען אויך מיט דער ליבע. אויך דאָ איז פאראן אויסשפרייטונג און באגרעניצטקייט.

די העכערע ליבע איז נישט קיין מצוה און נישט קיין פליכט, נאָר א העכערער זכות. א העכערער שכר פאר די ליידן פון לעבן. איז דען פאראן אויף דער וועלט א גרעסערער גליק פון דער ליבע, פון דער לויטע־רער, העכערער ליבע? די נשמה פון מענטש זוכט ליבע, איז דורשטיק נאָך

ליבע, און אפילו איר ווילן צו ווערן געליבט דרינגט ארויס פון דער טיפער בענקשאפט צו ליבן, אָבער נישט יעדע נשמה איז זוכה צו דער מעגלעכקייט פון ליבן נישט זייענדיק געליבט: לעבן אין אַן אנדער נשמה נישט געפינענ־דיק אין איר אַן אָפּענע עפּענונג, אָדער נישט זייענדיק זיכער, לכל הפחות, אז זי וועט זיך נישט אָנשטויסן אין איר אויף אַן אָפּשטויסענדיקן כוח, צי אין דער פאָרם פון פאראכטונג, ביטול אָדער גלייכגילטיקייט. דער מענטש פילט דאָך בעיקר זיין ליבע צו אנדערע און נישט די ליבע פון אנדערע צו אים.

דאָס זעט מען באזונדערס אין דער ליבע, וואָס דער מענטש האָט ליב די נאטור, די אינטערעסלאָזע זיך־נישט־אומקערנדיקע ליבע, וואָס איז ריין ווי דער הימל אליין; ווו עס איז נישט פאראן נישט קיין זוכן פון באלוינונג און נישט קיין חשש פון אַן אָפּשטויסנדיקן כוח; עס איז אָבער פאראן אַן העכערע פארבינדונג, אזא לויטערע פארבינדונג, אז דער געפיל קען זי כמעט ווי נישט תופס זיין.

מיט דער מאָס אָבער, וואָס די ליבע דערווייטערט זיך פון אָט דעם העכערן מקור, ווערט זי מער באגרעניצט — אמת, מער ממשותדיק און אינטענסיוו, אָבער אויך ווייניקער ריין, מער אינטערעסאנטיש, און דעריבער ווייניקער זיכער. כדי דו זאָלסט ליב האָבן א בעל חי, למשל, איז גענוג, אז ער זאָל זיין שיין און אומשעדלעך. אָבער בנוגע א מענטש איז עס נישט גענוג: אויב ער פילט נישט צו דיר קיין ליבע אָדער סימפאטיע אָדער עפּעס ענלעכעס, דאן דארף ער לכל הפחות דיר זיין נאָענט אין א געוויסער מאָס און אין א געוויסער הינזיכט (א משפחה־נאָענטקייט, א גייסטיקע נאָענט־קייט, א מיינונגס־נאָענטקייט א. אז. וו.). אין מענטש איז פאראן א גרעסערע צוציאונגס־קראפט, אָבער די אָפּשטויס־קראפט איז נאָך גרעסער. און אינ־דעראמתן וואָס־פארא אָרט קען זיין פאר א העכערע ליבע אין א לעבן וואָס אלץ אין אים איז באגרעניצט, וואָס די באציאונג פונם מענטש צו זיך אליין איז באגרעניצט, און די גאנצע בענקשאפט פון זיין נשמה צו אויסשפרייטונג דריקט זיך אויס נישט אינם שטרעבען צו אויסצוברייטערן און פארטיפן דאָס לעבן אין אלוועלטלעכן לעבן, נאָר אין א מין אומגעזעקטיקטן הונגער צו כאפּן וואָס מער פונם באגרעניצטן לעבן?

אין אזא לעבן איז פאראן מער אָרט פארן גרויסן כלל: „דער מענטש איז פארן מענטש א פארצוקנדיקער וואָלף", ווי פארן „ואהבת לרעך כמוך" („זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אליין"). און נישט אומזיסט זאָגט מען: ליבן אייביק איז אוממעגלעך, ליבן צייטווייליק איז נישט כדאי. און אינדער־אמתן ווי־אזוי קען מען ליב האָבן אייביק, אָדער צי איז כדאי ליב האָבן צייטווייליק, דאָרט ווו דאָס לעבן איז באגרעניצט לויטן אינהאלט אָדער

פאַרטעמפּט לויטן אינהאַלט, און נויטווענדיקערהייט שטיצט עס זיך אויף דער אויסערלעכקייט, אויף דער פאָרם; מאַנירן לויט דער פאָרם, שענקייט לויט דער פאָרם, אמת לויט דער פאָרם, פריינטשאַפט לויט דער פאָרם — און עס איז געננג א קליין אויסערלעכער פלעק און אַודאי און אַן אָפענער ווונד, כדי קאַלע צו מאַכן דעם אויסערלעכן איינדרוק. איז דען פאַראַן אין אַזא באַגרעניצט און פאַרטעמפּט לעבן אַן אָרט פאַר דעם, אַז די מענטשן זאָלן זיך פילן ווי ברידער צום לעבן, ברידער אָן וועלכן ס'איז באַדינג, ווי ברידער־כוואַלעס אין איין ים פון אַלוועלטלעכן לעבן, וואָס יעדער ציטער ביי איינעם רופט אַרויס ביים צווייטן ליכט, צי ליכט אויס פּאָעזיע צי ליכט אויס צער? צי קען דער מענטש ביי אַזא באַגרע־ניצטקייט לעבן די גאַנצע טראַגישקייט פון דער קליינער נשמה, די באַגרע־ניצטקייט און פּיצטערניש פון איר וועלט, און די גאַנצע טראַגישקייט פון די גרויסע פעלערן פון א גרויסע נשמה? צי קען דער מענטש ביי אַזאַ טעמפּקייט זען די פעלערן פון אַנדערע ווי זיי וואָלטן געווען זיינע אייגענע פעלערן?

אָבער ביי דעם עקזיסטירנדיקן לעבן פּאַסט אָט דער וועג אפשר פאַר יחידי סגולה. און אויך דאָס נישט בשלמות, ווייל כל זמן עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט אָרימע־אין־גייסט, און זיי האָבן נישט קיין אַנדער וועג ווי נאָר צו ווערן רייך מיט זייער אייגענעם כוח, — איז נישט פאַראַן קיין אָרט פאַר א באַמת העכערער עשירות, איז נישט פאַראַן קיין אָרט פאַר א באמת העכער לעבן. די העכערע ליבע באַלויכט די אויגן פון מענטש צו זען, אַז די קליינלעכקייט פון אַנדערע, די אָרימקייט פון אַנדערע זיינען פּוגם אין זיין אייגענער נשמה און זיינען ווי זיין אייגענע קליינלעכקייט און אָרימקייט, און זי דערמעגלעכט אים נישט צו האַלטן עס ווי א זכות פאַר זיך, ווייל זי דערמעגלעכט אים נישט צו זען ווי א לייזונג פון אַנדערע דערין וואָס ער וועט זיי אויסלייזן, דערין וואָס ער וועט זיי שטאַרקן און באַרייכערן. כל זמן זיי קענען עס אַליין נישט טון פאַר זיך, אַזוי־ווי ער קען נישט זען קיין אויסלייזונג און דערהויבונג פאַר זיך דורך אַנדערע.

די העכערע ליבע פאַרטראָגט נישט קיין השפעה דורך א נדבה, קיין השפעה פון א גרויסן אויף א קליינעם, פון א רייכן אויף אַן אָרימען, אויב נישט ווי א מין קעגנזייטיקע השפעה פון הימלישע קערפּער. אַזוי לעבט די נאַטור לויט איר אייגענעם וועג, און אַזוי וועט אויך דער מענטש קענען לעבן לויט זיין אייגענעם וועג אינם נאַטור־לעבן.

אין הינזיכט פון דער קערפּערלעכער שאַפונג, באַטייליקט די נאַטור אַליין דעם מענטשן — דאָס הייסט, באַטייליקט אַלדאָס לעבעדיקע און דע־רונטער אויך דעם מענטש — אין זיין שאַפונג, און באַווייזט אים די שאַפונגס

קראַפט, הגם עס דעקט אים נישט אויף איר סוד. מען קען זאָגן, אַז דאָס איז דער כוח פון דער געשלעכטלעכער תאווה, וואָס זי האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אינם איינשליסן דעם גאַנצן מענטש, פון די אַטאָמען פון זיין קערפּער און דעם בלוט פון זיין האַרץ ביז צום סוף פון זיין העכערן געדאַנק, וואָס זי איז אויסן שאַפן מיט דער באַטייליקונג פון דער נאַטור אויף אַלע אירע כוחות — די שאַפונג פון לעבן.

דידאָזיקע שאַפונג איז טאַקי איבערגעגעבן אין רשות פון מענטש, דער מענטש ווירקט אין איר נישט לויט זיין באַוווּסטזיניקן שכל נאָר לויטן אַבסאָלוטן געבאָט פון דער נאַטור, אָבער זי אַנטהאַלט איין זייט וואָס נויטיקט זיך אין אויפקלערונג.

די ליבע צווישן מאַן און פרוי, וואָס אין איר העכערער פאָרם קען זי דינען ווי אַ באַריערע פאַר דער געשלעכטלעכער תאווה, איינשרענקען די תאווה אינעם גרעניץ פון דער פאָדערונג פון דער שאַפונג, אַזוי־ווי־זאָל אָנווייזן אויף דער שטרעבונג מצד דער נאַטור צו געבן דעם מענטשן אַ גרעסערן חלק אין אָט דער שאַפונג. אָבער דער מענטש האָט עס נישט באַגריפן, און נישט נאָר וואָס ער שטאַרקט נישט די ליבע אויפן חשבון פון דער תאווה, נאָר טוט דאָס רוב דעם היפך; אַזוי־ווי ער האָט נישט באַגריפן, אַז די זינד, מיאוסקייט און שמוץ וועלכע פילן זיך דאָ זיינען נישט אין דער עצם דערפילונג פון דער תאווה, אָדער אינעם צעברעכן די צווימונגען מיט וועלכע די מענטשן האָבן אַרומגעצוימט דידאָזיקע תאווה, נאָר אינעם דערפילן די תאווה אָנשטאָט שאַפונג, אינעם דערפילן בלויז די תאווה אַליין, סיי מיט אַן „היתר" און סיי מיט אַן „אסור"; און ער באַצאָלט פאַר דעמדאָזיקן זינד זיינעם קעגנאיבער דער שאַפונג פון לעבן; ער באַצאָלט קודם כל מיטן אויסליידיקן זיך פונעם ליבע־געפיל מיט דער מאָס וואָס די תאווה ווערט דערפילט אָנשטאָט שאַפונג, און די באַציאונגען צווישן מאַן און פרוי ווערן פאַראומרייניקט; ער באַצאָלט ענדלעך מיט די בעסטע פיזישע און גייסטיקע כוחות און מיטן בעסטן טעם פון לעבן און ליכט פון לעבן.

פונדאַנען קען מען אַ סך לערנען וועגן לעבן פון מענטשן און וועגן דער נשמה פון מענטשן. אַ סך אַ סך מידות און צעטומלענישן איז פאַראַן אין לעבן, וואָס זייערע געהיימע וואָרצלען זיינען פאַרבאָרגן דאָ.

לאָמיר נעמען אַלס ביישפיל די ליטעראַרישע אָדער קינסטלערישע שאַפונג. אויך דאָ איז פאַראַן אַ פולע איבערגעגעבנהייט פון גאַנצן מענטש, פון אַלע זיינע פיזישע און גייסטיקע קרעפטן, — און עס איז נישט נויטיק קיין טיפזין כדי צו זען, אַז די שלמות פון דער שאַפונג איז אָפּהענגיק פון דער שלמות פון דער איבערגעגעבנהייט; און אַז דער הויפּט־יסוד אין דער

שאפונגס־פעאיקייט איז דער כוח זיך אבסאָלוט איבערגעבן דעם אינהאַלט פון דער שאפונג, זיך אבסאָלוט קאָנצענטרירן און איינגעשלונגען ווערן אין איר. און פון דער צווייטער זייט — די מאָס פון איבערגעגעבנהייט איז אויך די מאָס פון העכערן פארגעניגן וואָס די שאפונג איז גורם. אויך דאָ נעמט דער מענטש זיך אין גאנצן מיט דער מאָס וואָס ער גיט זיך אין גאנצן.

אָבער אויך דער טעם פון אָט דעם פארגעניגן אנטהאלט אין זיך א סך פון דעם טעם פון גייסטיקן פארגעניגן וואָס אין דער געשלעכטלעכער שאפונג, פון דעם טעם וואָס אין דער ליבע צווישן מאן און פרוי. עס איז דאָ פאראן עפעס א באזונדערע מעלאָדיע לויט אַ געמיינזאמער מוזיקאלישער גאַמע. און נישט אומזיסט זעסטו, אז די גרויסע שעפער זיינען דורשטיק נאָך ליבע און ליידן פאר דער ליבע א סך מער ווי די איבעריקע מענטשן, און נישט נאָר דאָס — די עצם טעטיקייט פון דער קינסטלערישער שאפונג איז גורם צו דער דערוואכונג פון דער ליבע און ווערט דערוואכט דורך דער ליבע. וועגן געטען, למשל, דערציילן זיינע ביאָגראפן, אז מיט יעדן נייעם פארליבן זיך האָט זיך אין אים פונדאָסניי געשטארקט די שאפונגס־קראפט, און אנדערע ווידער האלטן להיפך: יעדע נייע שאפונג האָט ביי אים ארויס־גערופן אַ נייע פארליבטקייט, האָט געבוירן אין זיין נשמה א נייע באדערפ־ניש צו ליבן.

קלאָר, אז פונדאנען איז נישט ווייט דער וועג צו שמוץ און טומאה, און עס איז נישט קיין וואונדער, אז עס זיינען פאראן גרויסע שעפער וועלכע זיינען פארטון אין מ״ט שערי טומאה.

אָט דאָ איז דער טשוואק פון דער זאך. אויב די שאפונג, דער טעם פון העכערן לעבן, איז אַזוי פאַרבונדן מיט דער געשלעכטלעכער תאווה, אַז אָפט פירט זי אַראָפּ פון וועג דעם שעפער און ברענגט אים צו שמוץ און טומאה, פסלט דאָך עס דעם עצם העכערן טעם פון לעבן און לאָזט אָרט פאַר דער פראַגע: אפשר איז די גאנצע שאַפונג אליין און דער גאנצער העכערער טעם פון לעבן נישט מער ווי איינער פון די מיטלען פון דער געשלעכטלעכער תאווה צו פאַרפירן דעם מענטש, אָדער איינער פון די זעלבסטגענאַרונגס־מיטלען, וואָס די נעבעכדיקע מענטשלעכע נשמה איז אזוי רייך מיט זיי.

און דו טרעפסט טאקי אויך אנדערע מענטשן־מיט־גייסט, וואָס פירן א כסדרדיקן קאמף מיטן ייצר, אַ שווערן קאמף ביז צו גייסטיקער דער־שלאָגנקייט, דוקא אויס דער שטרעבונג צו העכערער קדושה, ביז זיי דער־גייען אַזויאַרום צו דער מסקנה, אַז די טומאה איז פאַרבונדן מיט קדושה, אָדער אַז די „קליפה״ שטרעבט צו־צוקלעפן זיך אין עפעס הייליקעס. און

עס איז כדאי אָנצומערקן, אַז אין אַלערליי לעגענדעס וועגן כל מיני הייליקע ביי אַלע פעלקער, ווערט דער קאַמף מיטן יצר אויסגעמאָלן תמיד הויפּט־זאַכלעך אין דער פאָרם פון אַ קאַמף מיט דער „קליפּה". מיט דער תאווה צו דער פרוי. און נישט נאָר דאָס אַליין, נאָר אויך להיפך: אויך די רעליגיעזע דערהויבונג איז נישט פריי פון דער נייגונג אויסצומאָלן די גייסטיקע בענקשאַפט צו גאָט אין אַ פאָרם, וואָס איז אין אַ געוויסער הינזיכט ענלעך צו דער גייסטיקער בענקשאַפט צו דער פרוי. נישט נאָר אין די אַבסאָלוט געצנדינערישע רעליגיעס איז פאַראַן אָרט פאַר דער פרוי — אויך דאָס קריסטענטום פאַרמאָגט אַ „גאָטס מוטער" (אין זין פון דער טיפקייט פון דער גייסטיקער בענקשאַפט איז די „מוטער" דאָ נישט נאָר אַ מוטער, נאָר אויך אַ פרוי), וואָס איז אַזוי נאָענט צו אַלע קריסטן מיט אַ פּאַטעטישער נשמה; און אַפילו אונזער רעליגיע, וואָס איז אַזוי ריין פון יעדן שמץ פון געצנדינעריי, איז אויך נישט ניצול געוואָרן לחלוטין פון פרעמדן איינפלוס, זינט פרעמדע האָבן באַהערשט אונזער פאָלק, און זי האָט זיך דערפונדן אַ געשטאַלט — הגם בעצם אַן אַבסטראַקט געשטאַלט — פון אַ „שכינה" (און עס זיינען פאַראַן אויך ביי אונז מענטשן, אויך צווישן די הייננטצייטיקע, מיט אַ רעליגיעז־פּאַטעטישן געפיל, וועלכע זעען דווקא אין אָט דער געשטאַלט עפּעס אַ העכערע פּאָעזיע!).

דאָס אַלץ לאָזט איבער פּלאַץ פאַר אָפּגרונט־טיפע ספקות. און אויב מיר זאָלן זיך צוקוקן, למשל, צו בודאָס לעבנס־און טעטיקייט־וועג, איז נישט שווער אָנצונעמען: אפשר האָט אָט דאָס אַלץ און דאָס ענלעכע אים געבראַכט צו דער אַבסאָלוטער נעגירונג פון לעבן, ווייל אויך ער, — ווי מען דערציילט — האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן קאַמף מיטן יצר און אויך אין דער פאָרם פון אַ פרוי.

עס איז אָבער אויך פאַראַן אַ שאַפונג וואָס האָט נישט קיין שום פאַרבינדונג מיט די באַגרעניצטע שטרעבונגען פון דעם פּריוואַטן „איך" — די וויסנשאַפטלעכע שאַפונג. די וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונג איז דאָך אַ שאַפונג, און נישט בלויז אַ זאַך פון באַוואוסטזיין. אַ פּשוטע זאַך ווי, למשל, דאָס אַראָפּפאַלן פון אַ עפּל פון בוים, ווי דאָס פאַלן פון יעדער ממשותדיקער זאַך אונטן, אויף דער ערד, וואָס די מענטשן, און צווישן זיי אַלע פילאָזאָפן און דענקער האָבן עס געזען אומצייליקע מאָל, האָט זיך ביי קיינעם פון זיי נישט דערוועקט דער פּשוטער געדאַנק, אַז עס איז פאַראַן אַ צוציאונגס־קראַפט פון דער ערד, ביז עס איז געקומען ניוטאָן און האָט אַנטדעקט דעם גראַוויטאַציע־כוח (און אויך דאָ איז פאַראַן אַ גייסטיקע התפעלות, הגם פון אַן אַנדער מין. וועגן אַרכימעדעסן, למשל, ווערט דערציילט, אַז ווען ער האָט אַנטדעקט דעם באַקאַנטן געזעץ וואָס ווערט גערופן אויף זיין

נאָמען, און ער האָט זיך דאַן געפונען אין א וואַנע אין באָד, איז ער אזוי אריין אין התפעלות, אז ער איז געלאָפן נאַקעטערהייט אין גאַס און אויס־געדופן: כ׳האב געפונען! כ׳האָב געפונען! צי דער פאַקט אלס אזעלכער איז אמת צי נישט — די שילדערונג פון ארכימעדעסעס התפעלות איז אוודאי אמת).

די עצם שאפונג איז דאָך די פלוצימדיקע גייסטיקע באלויכטונג, די בליצאַרטיקע באגרייפונג אין א מינוט וואָס לויכט אויף ווי א בליץ, עפעס אַ העכערע שפע וואָס לאָזט זיך אראָפּ פלוצים, אז דער מענטש ווייס נישט פונוואנען און וויאזוי ווערט ער באווירקט דורך א באזונדערער קאָנצענ־טרירונג פון דער איבערלעבונג, דורך יענעם כוח וואָס אמאָל פלעגט מען אים רופן רוח הקודש, השראה. אויך דאָ איז פאראן צוויי מינים: א שאפונג פון באגרעניצטקייט, וואָס איז פארבונדן מיט די באגרעניצטע שטרעבונגען פון פריוואטן „איך", און א שאפונג פון אויסשפרייטונג וואָס האָט נישט אין זיך קיין באגרעניצטקייט, נאָר אומענדלעכקייט.

*

— — — און אויב דו וועסט זיך צוהערן צו דער שפראַך פון דער נשמה און צו דער מוזיק פון דער נשמה, צו יענע געהיים־פארבאָרגענע שטימען און אויפטרייסלונגען, וואָס באגלייטן די הויפּט־שטים פון זייער פארבאָרגענער טיפעניש, וואָס קומען קיינמאָל נישט צום אויסדרוק, נאָר גייען שטילערהייט איבער צו דעם גרויסן שוויגן — וועסטו אויך דערהערן די שטים פון העכערער איבערבעטונג, וואָס דרינגט ארויס פון דער העכערער השגה פון אלוועלטלעכן צער און לויטערט אזוי, און דו וועסט זאָגן:

יאָ, עס איז פאראן אָרט אויף דער וועלט פאר העכערער ריינקייט, פאר העכערער קדושה!

צוקונפטס-געמיט

און ווען דו וועסט זיך אומקערן, מענטש, צו דער נאטור, — און ווען דו וועסט אין יענעם טאָג צעעפּענען דיינע אויגן און אריינקוקן גלייך אין די אויגן פון דער נאטור, וועסטו דערזען אין איר דיין אייגן בילד. און דו וועסט פאַרשטיין, אַז צו זיך אליין האָסטו זיך אומגעקערט, ווייל אויס־באַהאַלטנדיק זיך פון דער נאטור האָסטו זיך אויסבאַהאַלטן פון זיך אליין. און דו וועסט דאַן דערזען, ווי עס צעקרישלען זיך און פאַלן אַראָפּ, עס צעקרישלען זיך און פאַלן אַראָפּ פון דיר, פון דיינע הענט און פיס, פון דיין גאַנצן קערפּער און נשמה, ברוכשטיקער, שווערע, האַרטע און דריקענדיקע ברוכשטיקער; און דו גלייכסט זיך אויס, הויבסט אויף דיין געבויגענעם רוקן, וואַקסט. און דו וועסט וויסן, אַז דאָס זיינען נאָר ברוכטיילן פון דער שאָל, וואָס דו האָסט זיך אליין איינגעשרומפּן אין איר צו דיין גרויסער פאַרווונדערונג, און וואָס ערשט לעצטנס ביזסטו אַרויסגעוואַקסן פון איר. און דו וועסט יענעם טאָג דערקענען, אַז אַלץ איז געווען נישט לויט דיין מאָס, און אַז דו דאַרפסט אַלץ באַנייען: דיין עסן און דיין טרינקען, דיין קליידונג און וווינונג, דעם אופן פון דיין אַרבעט און די שיטה פון דיין לערנען — אַלץ...

און דו וועסט יענעם טאָג דערפילן מיטן גאַנצן כוח פון דיין האַרץ, דעם דרוק, וואָס די ווענט פון די הייזער אין שטאָט — און אויך אין דאָרף דריקן אויף דיין נשמה. און דו וועסט דערפילן יעדע קליינע אָפּגרעניצונג, וואָס גרעניצט אָפּ דיין נשמה פון דעם אַלוועלטלעכן רוים, און פון דעם אַלוועלטלעכן לעבן. און ווען דו וועסט זיך אויסבויען אַ הויז, וועסטו לייגן אַכט דערויף, אַז עס זאָל נישט פאַרמאָגן קיין סך צימערן און צימערלעך, נאָר דערויף וועסטו לייגן אַכט — אַז עס זאָל נישט פאַרמאָגן קיין שום זאַך, וואָס זאָל פאַרשטעלן דעם אַלוועלטלעכן רוים און דאָס אַלוועלטלעכע לעבן; אַז זייענדיק אינדערהיים, זיך לייגענדיק און אויפשטייענדיק — צו יעדער צייט און אין יעדן מאָמענט, זאָלסטו זיך געפינען אין יענעם רוים און אין יענעם לעבן. און אַזוי וועסטו אויך בויען סיי די אַרבעט־ און מלאכה־וואַרשטאַטן, און סיי די תורה־ און חכמה־הייזער. און אַ רווח וועסטו איבערלאָזן צווישן הויז און הויז. אַ גרויסן רווח, אַז איין הויז זאָל נישט אָוועקרויבן און פאַרשטעלן דעם צווייטן זיין אָרט אויף דער וועלט. און דו וועסט זיך לערנען ביי דער נאטור די תורה פון בויאונג און שאַפונג, און דו וועסט זיך אויסלערנען צו טאָן אַזוי־ווי זי, אין אַלעם וואָס דו וועסט בויען און שאַפן.

און אין יענעם טאָג וועסטו, מענטש, וויסן און זיך אָפּגעבן אַ חשבון,

אז ביז איצט האָסטו געבלאָנדזשעט. ווייל דו האָסט נישט געקענט דאָס לעבן. ווייל אויך נאָכדעם ווי דו אליין האָסט אויפגעהערט צו דינען ווי א גרייטע שפייז, האָסטו דאָך נישט באַגריפּן די נאַטור פון לעבן און דו האָסט נישט אויפגעהערט צו לעבן פונם גרייטן, סיי פונדעם וואָס דו און סיי פונדעם וואָס אנדערע האָבן צוגעגרייט. און דו האָסט נישט געוווּסט פון אן אנדער לעבן, אַ לעבן נישט פונם גרייטן, אינעם צוגרייטן און שאפן דאָס לעבן. און דעריבער איז דיין לעבן געווען צעריסן אין צוויי ריסן: איין זייער קליינער ריס פון לעבן און איין זייער גרויסער ריס פון נישט־לעבן — פון ארבעט, פון מי, פון זאָרג. „שבת" — און „ערב שבת". און דו האָסט נישט געטראַכט און עס איז דיר נישט ארויף אויפן זינען, אז עס איז נישט פאַראַן קיין לעבן אין אַ לעבן פונם גרייטן, אויב עס איז נישט פאַראַן קיין לעבן אינעם צו־גרייטן אים; אויך די נאַטור לעבט דאָך אין דער צוגרייטונג פון לעבן, אין דער שאפונג פון לעבן. און דעריבער האָסטו דיין גאַנץ לעבן געשטרעבט צו לעבן, געיאָגט זיך נאָכן לעבן — און נישט געלעבט. און דיין לעבן איז תמיד געווען אין געפאַר: צי אין דער פאַרגאַנגענהייט, אָדער צוקונפט, אָדער קעגנוואַרט — דו האָסט נישט געוווּסט. און ווען דו האָסט געזען ווי קנאַפּ און אָרעם עס איז דיין לעבן, האָט זיך דיר פאַרגלוסט מוסיף זיין פרעמדן לעבן. און דו האָסט געגנבעט און געגזלט און געראַוּבט אַלץ וווּ דו האָסט געמיינט צו געפינען לעבן, וויפל דו האָסט נאָר געקענט; האָסט געזויגן, געטרונקען און ארויסגעצויגן דאָס בלוט פון דיין ברודער, אויב עס איז אים נישט געלונגען אויסצוזויגן דיין בלוט. א לעבן פון אַ פּיאַווקע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דיינע אויגן אין אַ סימבאָל פון גרויסקייט און גבורה און פּראַכט, דאָס רייכטום — דער סימבאָל פון גליק, די הערשאַפט פון מענטש איבערן מענטש — דער סימבאָל פון גבורה און כבוד. און דו האָסט נישט געפילט און נישט געשפּירט, אז דאָס לעבן פונם גרייטן וואָס דו האָסט איינגעשלונגען, איז געוואָרן ווי א קרענק אין דיינע ביינער. און אויך דיינע נביאים, וועלכע זיינען געקומען אויסבעסערן דיין וועלט און באַנייען דיין לעבן, אויך זיי האָבן דיר אויסגעמאָלן א פאַלשע און פוסטע וויזיע. זיי האָבן מיט גאָרנישט נישט באַנייט די תורה: „ווער עס האָט זיך געמיט ערב שבת וועט עסן שבת". זיי האָבן דיר נאָר געלערנט אריינצולייגן א צוים אין דיין מויל און אינם מויל פון די אַלע וועלכע עסן צוזאַמען מיט דיר פון דער אַלגעמיינער שיסל, וואָס מיט אים, מיט דעם צוים, האַלט איר אָפּ איינער דעם צווייטן נישט צו עסן מער ווי זיין טייל, מער ווי ער האָט צוגעגרייט „ערב שבת". אָבער דו, מענטש, ווילסט דאָך לעבן אויך „ערב שבת", אויך צו יעדער צייט און שעה און מאָמענט: וואָס וועט דיר געבן און העלפן דער צוים וואָס אין דיין מויל?...

און אין יענעם טאָג וועט דיר געגעבן ווערן, דו מענטש, א נייער גייסט, און דו וועסט דערפילן א ניי געפיל, א נייעם הונגער — נישט א הונגער צו ברויט און נישט א דורשט צו געלט, נאָר צו ארבעט. און דו וועסט געפינען פארגעניגן אין יעדער ארבעט און אין יעדער טאט וואָס דו וועסט טון, ווי דער פארגעניגן וואָס דו געפינסט אין עסן און טר״נקען. און אין יענעם טאָג וועסטו ווידמען דיין אויפמערקזאמקייט דערויף, אז דיין ארבעט זאָל זיין אנגענעם און געשמאַק, אזוי־ווי דו ווידמעסט היינט דיין אויפמערקזאמקייט דערויף, אז דיין עסן זאָל זיין אָנגענעם און די פרוכט פון דיין ארבעט — דאָס געלט — זאָל זיך מערן. און דו וועסט דאן ארבעטן טאָג־טעגלעך אין דער מאָס פון דיין באַפרײדיקונג, נישט מער און נישט ווייניקער. אָבער נאָכמער וועסטו לייגן אַכט דערויף, צו ארבעטן יעדע ארבעט און צו טון יעדע טאט אין דער נאטור, אין אלוועלטלעכן רוים. אזוי וועסטו טון דיין ארבעט אין פעלד און אזוי וועסטו טון דיין ארבעט אין הויז. ווייל אזוי וועסטו אויסבויען דיין הויז.

און ווען דו וועסט טון דיין ארבעט, וועסטו זען דעם חלל פון דער וועלט אזוי ווי דיין ווארשטאט, און דו אליין און די נאטור — ארבעטן אין אים. איין הארץ און איין גייסט פארמאָגט אירביידע. און אין יענעם טאָג וועסטו זאָגן: שיין איז דאָס פנים פון דער נאטור, אָבער זיבנפאַך שענער איז דער גייסט פון איר לעבן, פון איר ארבעט. און ווען דו וועסט זיך אָפּשטעלן אויף א מינוט אויסצוגלייכן דיין רוקן און שעפּן לופט — וועסטו שעפּן נישט נאָר לופט צום אָטעמען, נאָר דו וועסט אויך פילן, אז דו שעפּסט אריין אין זיך נאָך עפּעס, עפּעס פארבאָרגענעס וואָס דו ווייסט נישט וואָס דאָס איז, אָבער עס באַפרוכפּערט דיין געדאנק און געפיל, און איז מוסיף לעבן און ליכט דיין גייסט. דאן וועסטו פארשטומט ווערן. נישט נאָר דאָס ריידן, נאָר אויך דער געזאנג וועט דיר דאן זיך אויסווייזן פאר א חילול הקודש, און אפילו אויך דער געדאנק. און דו וועסט באַגרייפן דעם סוד פונם שווייגן און זיין הייליקייט. און דו וועסט דערפילן עפּעס, וואָס מען קען עס אויסדריקן נאָר אין ארבעט. און דו וועסט ארבעטן מיט כוח, מיט מוט, מיט פרייד, און דו וועסט הערן אַ בת־קול גייט ארויס פון דיין ארבעט און זאָגט:

„אַרבעט מענטשן, אלע ארבעט!" —

און דאן וועסטו וויסן און זיך אָפּגעבן א חשבון, אז עס איז פאראן אין דער ארבעט אזא גייסטיקער אוצר וואָס נאָר עפּעס פון זיין עָק זעסטו, און אינגאנצן זעען אים נאָר דיעניקע וועלכע קוקן אויף אים פון אלע זייטן... און נאָכן בת־קול ענטפערט די נאטור: „אמן!" — ס׳הייסט: ארבעט, מענטשן! זאָל אייער ארבעט נישט זיין קליין אין אייערע אויגן — פאר־

פולקאָמט דאָס וואָס איך האָב פאַרפעלט, כדי איך זאָל דערגרענצן וואָס אייך פעלט...

און אין יענעם טאָג וועט די פּרוכט פון דיין אַרבעט, דו מענטש, זיין — לעבן, ווייל לעבן וועט זיין אין דער אַרבעט, און קיין איין איינציק מינוט פון דיין לעבן וועט נישט פאַרלוירן גיין אומזיסט. און אין אַ שלעכטן טאָג, ווען עס וועלן קומען אויף דיר יסורים, גרויסע, טיפע און הייליקע יסורים; אָדער אין אַ פינצטערן טאָג, ווען דו וועסט אַ מינוט נכשל ווערן און זינדיקן — וועסטו פאַרמאָגן גענוג כוח און שטאַלץ אויסצוטראָגן די זינד און גענוג גיהינום־פייער אום געלויטערט צו ווערן אין אים. און דו וועסט דערקענען דעם צער, וואָס באַהויכט דיר מיטן גייסט פון העכערער קדושה און העכערער ליבע צו אַלע וואָס לעבן און ליידן, און דו וועסט נישט וויסן פון קיין וואָכעדיקייט און פון קיין קליינלעכקייטן און פון קיין פּוסט געשמאַקלאָז לעבן.

און דו וועסט דאַן אויפהויבן דיינע אויגן אַרום זיך, דו מענטש, און דו וועסט זיי אויפהויבן אין דער הויך, און דו וועסט דערזען די וועלט און די גאַנצע באַשאַפונג וואָס אויף איר, און דו וועסט דערזען די הימלען מיט זייער גאַנצער אַרמיי, מיט אַלע אומאויסשפּרעכבאַרע און אומדערגרייכבאַרע וועלטן וואָס אין זיי — און אַלע אַלע וועלן זיין נאָענט צו דיין נשמה און אַלע וועלן דיר טראָגן ברכה. דאַן וועסטו באַגרייפן די אייביקייט וואָס אין דעם מאָמענט. דאַן וועסטו וויסן, ווי גרויס עס איז דיין רייכטום, ווי גרויס די ברכה וואָס דאָס לעבן אַנטהאַלט פאַר דיר. דאַן וועסטו וויסן, און דו וועסט זיך זאָגן אין האַרצן:

ווי אָרים, ווי נעבעכדיק איז דאָס לעבן אויפן חשבון פון אַנדערע, די הערשאַפט איבער אַנדערע, דאָס ליכט פון אַנדערע!

און דו וועסט יענעם טאָג ליב האָבן אַלץ וואָס עקזיסטירט, וועסט ליב האָבן דעם מענטש, און דו וועסט ליב האָבן אויך זיך אַליין — ווייל דיין האַרץ וועט זיין פול מיט ליבע. און דו וועסט גלויבן אין זיך, און דו וועסט גלויבן אין מענטש, און דו וועסט גלויבן אין אַלץ וואָס מען דאַרף גלויבן — ווייל דו וועסט זיין אינגאַנצן פול מיט לעבן.

דיין געפיל און דיין געדאַנק און דיין גייסט וועלן זיין ווי אַ מעין המתגבר — תמיד ניי, תמיד דיינס. און דו וועסט פילן, ווי אויך דו אינגאַנצן ביזסט תמיד ניי, ביזסט תמיד דיינס. אַזוי וועסטו אויסזען אין דיינע אייגענע אויגן און אַזוי וועסטו אויסזען אין די אויגן פון דיינע ברידער — ווייל געבענטשט וועט זיין דיין קוואַל.

און אין יענעם טאָג וועט דער מענטש מער נישט זיין קיין משא פאַרן מענטש, וואָס מען טראָגט אים אַ שעה — און מען ווערט מיד. ווייל

עס וועט זיין גענוג רוים פאר יעדן מענטש און א גענוגענדיקער מרחק צווישן מענטש און זיין פריינט; איינער וועט נישט פאלן אויפן צווייטן, און יעדערער וועט ציען זיין פריינט תמיד.

און אין יענעם טאָג וועסטו, דו מענטש, דערקענען די נאטור, ווייל די אויגן דיינע און אלע דיינע חושים וועלן זיין גענוג אָפן, דיין הארץ וועט זיין גענוג אָפן און דיין מוח גענוג טיף. און דאָס ליכט פון דיין חכמה און פון דיינע וויסנשאפטן וועט דאן זיין נישט קיין קאלט און שרעקלעך ליכט, נאָר א לעבעדיק ליכט, וואָס פליסט פון אלע וועלטן.

און דו וועסט וויסן אין יענעם טאָג, דו מענטש, ווי־אזוי עס לעבט די נאטור — ווייל דו וועסט וועלן וויסן...

ח. באטראכטונגען

דער קאנגרעס

— — — זאָל זיין דער קאָנגרעס וואָס ער איז, מיר האָבן נישט קיין אנדערן קאָנגרעס. דאָס יידישע פאָלק האָט נישט קיין אַנדער אָרט ווו זיך אויסקרעכצן מיט דער גאנצער טיפקייט פון זיין אָטעם, זיך אָפּרוהען א מינוט, כדי צו פילן זיינע שרעקלעכע ווייטאָקן אין זייער גאנצער טיפקייט, כדי זיך אומקוקן א מינוט ווו עס געפינט זיך אויף דער וועלט, א טראכט טון א מינוט וועגן היילונג און רעטונג און אפשר אויך אָפּשפרעכן א מינוט זיינע געפּערלעכע ווונדן.

מען דאַרף, דעריבער, זיך באציען צום קאָנגרעס נישט ווי צו אַ וואָכעדיקער פארזאמלונג, אויך דאן ווען ער איז כולו וואָכעדיקייט, כולו קליינלעכקייטן. דידאָזיקע וואָכעדיקייט און קליינלעכקייט זיינען דאָך דער טיפסטער אויסדרוק פון דער שרעקלעכסטער טראגישקייט פון אונזער לעבן. איז דען פאראן א גרעסערע טראגישקייט פון דעם, וואָס פון אלע זיינע גרויסע זין, גרויס אין כוח און אין גייסט, פארמאָגט נישט דאָס פאָלק אפילו איינעם וואָס זאָל אריינברענגען א רוח חיים אין דער באוועגונג, אויפהויבן הויך איר פאָן, ווער עס זאָל ארויסציען פון איר שייד די גבורה פון איר גרויסן צער; און אנשטאָט דעם פארמאָגט זי דאס וואָס האָט גורם געווען דערצו, אז די קאָנגרעסן זיינען פארוואנדלט געוואָרן ביי א סך פון אירע זין אין א וואָכעדיקייט!..

און אפשר האָט דערצו גורם געווען די עצם אָביעקטיווע באציאונג צום קאָנגרעס פון אונזערע מענטשן־מיט־גייסט. אָט די עצם אָביעקטיווקייט וואָס דערלויבט עס זיי צו פרעגן: „וואָס פארמאָגט דער קאָנגרעס? וואָס קען דער קאָנגרעס געבן?" — אפשר האָט דידאָזיקע באציאונג אליין גורם געווען דערצו, אז דער קאָנגרעס איז נישט דאָס וואָס ער קען זיין, ווייל עס פעלט אים אין א גרויסער מאָס דאָס, וואָס די מערהייט זעט נישט אין אים קיין גרויסקייט, דאָס וואָס עס קומט פון די טיפעגישן, פון די פארבאָרגע־

נישן, דאָס וואָס איז אויף אזויפיל גרויס אויף וויפל עס איז נישט מערקבאר? אפשר דארף א ייד, און באזונדערס א ייד מיט א טיפן גייסט, זיך באציען צום קאָנגרעס אט־אזוי ווי ער באציט זיך צו זיך אליין, צו זיינע אייגענע פעלערן, צו זיינע אייגענע וויטאָקן, צו זיין אייגן לעבן, אויף וועלכע עס גילט נישט קיין אָביעקטיווקייט באזונדערס בעת א געפאר־צייט?

„וואָס פארמאָגט דער קאָנגרעס? וואָס קען דער קאָנגרעס געבן?"

א מענטש־מיט־גייסט דארף נישט שטעלן אזא פראגע! דער קאָנגרעס קען געבן נאָר דאָס, וואָס מען גיט אים.

די פראגע באשטייט, דעריבער, דערין: **וואָס דארף מען ברענגען צום קאָנגרעס?**

אָבער אויב דו פארמאָגסט א הארץ וואָס וויטאָגט, אויב דו פארמאָגסט א נשמה, וואָס קען אין וועלכער־עס־איז מאָס דינען ווי א אויפנעמארט פארן פאָלקס־צער, — דאן האָסטו וואָס צו ברענגען. אויב דו פארמאָגסט א געדאנק וואָס יוירט, פארבאָרגענע גייסט־אויפטרייסלונגען וואָס דו האָסט נאָכנישט באגריפן זייער סוד, א טרוים אָן אַ לייזונג — דאן האָסטו וואָס צו ברענגען. און אפילו ווען עס איז פאראן אין דיר א טיפער יאוש, א יאוש וואָס ווייסט נישט פון קאָמפּראָמיסן, דאָס הייסט אויב דו האָסט א חלק אינעם גרויסן יאוש — דאן האָסטו וואָס צו ברענגען. אָבער באזונדערס דאן, ווען דו האָסט עפּעס א טאט וואָס דו באטייליקסט זיך אין איר שאפונג, וואָס דו שטרעבסט צו שאפן זי אזוי, אז זי זאָל נישט פארשוועכט ווערן אין דיינע אויגן — דאן האָסטו וואָס צו ברענגען. דאָס אלץ, אויף וויפל עס וועט זיין צוזאמען און זיך צוזאמענשליסן, וועט עס זיך איינוועבן אין איין געוועב... אָבער איז דען נויטיק אויסצוטייטשן? און ווער נאך ווי דיעניקע וואָס לעבן טיף דארפן עס פארשטיין, דארפן שטרעבן דערצו? ווער נאָך ווי זיי דארפן פארשטיין און שטרעבן דערצו, אז דער גייסט פון קאָנגרעס און די באציאונג צום קאָנגרעס זאָלן זיך שאפן פון די פאָדערונגען און באדערפענישן פונם לעבעדיקן גייסט, פון דער ארבעט וואָס קומט פון הארץ, פון דער ארבעט וואָס קומט פון דער שטילקייט, פון די לעבנסטיפענישן, פון דער לעבנס־שטילקייט און נישט פון זייער טומל און געפילדער?

וואָס אזוינס איז דער קאָנגרעס, און וואָס דארף ער און קען זיין?

דאָס האָט אונז געזאָגט דער ערשטער קאָנגרעס; ער האָט געזאָגט, אָבער מיר זיינען נישט געווען גרייט צו הערן. ווער עס געדענקט דעם ערשטן קאָנגרעס, דעם איינדרוק וואָס ער האָט געמאַכט נישט נאָר אויף די וואָס האָבן אנטיילגענומען אין אים, נאָר אויף די וואָס האָבן אין אים נישט אנטיילגענומען; אויף די וואָס זיינען געווען גאָר ווייט פון אים; אויף

יעדן מענטש־מיט־גייסט ביי יידן — דער וועט אנערקענען און מודה זיין, אז דער ערשטער קאָנגרעס האָט עפּעס געזאָגט, עפּעס נייעס, גרויסעס, וואָס מיר האָבן עס נישט תופס געווען. עס איז וואָכעדיק צו מיינען, אז דער איינדרוק איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ פאַנטאַסטישער האָפענונג אויף אַ נאָענטער גאולה: אַ דערוואַכונג איז דאָ געווען, אַ דערוואַכונג וואָס איז געווען טיפער פון פאַנטאַסטישע האָפנונגען. עפּעס אַן אומבאַקאַנטער גייסט האָט אָנגערירט אַלע סטרונעס פון אונזער הארצן, אַלע טיפסטע און פאַר־באָרגענסטע סטרונעס פון אונזער נשמה, עפּעס אַ ציטער פון לעבן און ליכט האָט דורכגעדרונגען אונזער גאַנצן קערפּער און וועזן. מיר האָבן דערפילט וואָס אַ ייד האָט עס נאָך קיינמאָל נישט געפילט, זינט יידן האָבן אויפגעהערט צו זיין אַ לעבעדיק פאָלק. צי איז עס געווען דאָס האַרץ־קלאַפּן פון פאָלק, אַ מעכטיקער קלאַפּן פון איין געאייניקט האַרץ? ווי עס זאָל נישט זיין — יעדעס האַרץ איז ווי גרויס און ברייט געוואָרן, אָנגע־זאַפּט זיך מיט לעבן אויפן חשבון פון דעם פאָלקס־האַרץ. פונדעם וואָס עס האָט זיך איינגעקריצט מיטן כוח פון אָט דעם געפיל קען מען אַ סאַך ארויסלייענען, און אויך פון דעם פאַרמעקטן קען מען אַ סאַך ארויסלייענען.

דאָס וואָס עס האָט זיך אַנטפּלעקט אינם ערשטן קאָנגרעס איז נישט געווען קיין פּראָדוקט פון פּראָפּאַגאַנדע און צוגרייטונג — דאָס איז געווען אַ פּלוצימדיקע אומגעוויינטלעכע נאַציאָנאַלע דערוואַכונג, וואָס אין דער וויטער פאַרגאַנגענהייט וואָלט מען עס אפשר גערופן גלוי שכינה. עס איז שווער צו זאָגן, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אַלע הערצער האָבן זיך פאַראייניקט אין איין פּונקט, אַז אַלע מוחות האָבן מסכים געווען צו איין געדאַנק, אַז אַלע האָבן זיך געריכטעט לויט איין גייסט, אָבער מען מעג אָננעמען אַז אַ סך האָט דערביי געהאָלפן די פּלוצימדיקייט — אינעם צושטאַנד פון אַ פּלוצימדיקער דערוואַכונג איז דאָך די נשמה תמיד מער הערלעך, צו איר אייגענעם וועזן — און אַ סך האָט דערין געהאָלפן דער פאַקט, וואָס דער גייסט פון קאָנגרעס איז געקומען גלייכצייטיק פון צוויי זיך־דערגענצענדע זייטן: פונעם מערב, פון די יידן וואָס לעבן מער אין דער קעגנוואַרט ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, און פונעם מזרח, פון די חובבי ציון, וואָס זיינען געווען אין אַ גרויסער מאָס פריי, אָדער האָבן זיך באַפרייט, פון פרעמדן איינפלוס.

דער ערשטער קאָנגרעס האָט גערעדט אין נאָמען פון די יידן און נישט אין נאָמען פון יידישקייט; אָבער ער האָט גערעדט אזוי, אז אַלץ וואָס ער האָט געפאָדערט איז געווען יידישקייט, דאָס הייסט אַ נייע, אַ לעב־עדיקע יידישקייט. „ציון" דאָס איז געווען דער פּונקט וואָס האָט פאַראיי־ניקט די פאַרגאַנגענהייט מיט דער קעגנוואַרט, ריכטיקער געזאָגט: האָט

אנטפלעקט אין דער לעבעדיקער קעגנוואַרט דעם המשך פון דער פאַרגאַנ־גענהייט, און דערין איז באַשטאַנען זיין כוח. אָבער די קאָנגרעסן וואָס זיינען געקומען דערנאָך האָבן געשריבן און באַזונדערס געמעקט — און מיר ווייסן נאָכנישט ווי־אַזוי ריכטיק צו לייענען.

קולטורעלע פאַרשקלאַפונג

שמחה און ששון ביי יידן. פון אַלע זייטן הילכט אַ שטים פון פרייד און פון ישועה — און מיר איז טרויעריק אויף דער נשמה. די גרויסע טובה וואָס איז געקומען אויף אונז פונדרויסן, מיט די רעזולטאַטן וואָס זי האָט שוין באַוויזן אונז ברענגען, וואַרפט אָן אויף מיר אַ אימה און דערדריקט מיין גייסט. זינט איך בין געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש ווייס איך, ווי־אַזוי עס ווירקט אַ גרויסע טובה פונדרויסן אויף דער נשמה פון אונזער דערדריקטן און פאַרשטויסענעם פאָלק, וואָס זינט עס איז אוועק אין גלות האָט עס נישט טועם געווען קיין מענטשלעך־פּריינטלעכע באַציונג פון אַנדערע. באַזונדערס האָט זיך אין מיר געשטאַרקט דאָס געפיל מיטן מאָ־מענט, ווען עס איז צו מיר דערגאַנגען דער קלאַנג וועגן דער בשורה פון דער „גאולה" און וועגן דער גרענצלאָזער התלהבות, וואָס דידאַזיקע בשורה האָט אַרויסגערופן ביי אַלע שיכטן פון אונזער פאָלק; אַ התלהבות, וואָס דערמעגלעכט נישט אָפּשאַצן דעם אמתן ווערט פון דער „גאולה" און אַ אויפריכטיקע באַציונג צום „גואל", — אַט־אַזוי ווי עס באַציט זיך אַ פאָלק וואָס איז טריי זיך אַליין, וואָס ווייס אָפּצוהיטן זיין אייגענעם כבוד אפילו אין באַצוג אויף דעם וואָס ער איז אים שולדיק דאַנקבאַרקייט; וואָס ווייסט באמת צו דאַנקען און לויבן ריכטיק און אויפריכטיק אויף וואָס מען דאַרף דאַנקען, און פאַרשווייגן דאָס וואָס מען דאַרף נישט לויבן און דאַנקען.

אין דעם מענטשנס נשמה בכלל איז פאַראַן עפּעס אַ טראַגישער אָדער פּאַטאַלער עלעמענט: אַ סך צרות איז ווי עס וואָלט אויסגעלייטערט און אַנטפּלעקט די מענטשלעכע נאַטור אין איר גאַנצער פּראַכט — זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אויב דאָס שלעכטס איז נישט גרעסער פון דער ליידנס־קראַפט פון דער נשמה. אַ סך גוטס, דאַקעגן, פאַרמינערט דעם מענטש־לעכן פנים פונעם מענטש, אַזוי־ווי דער שפע פון גוטס וואָלט פעט געמאַכט די נשמה און פאַרשווערט איר שווונג. אַזוי ווירקט נישט נאָר מאַטעריעלע גוטס, נאָר אויך, אין אַ געוויסער הינזיכט, דאָס גייסטיקע גוטס. דאָס גייס־טיקע גוטס וואָס איז נישט געשטיצט אויף שאַפונגס־ווייען, נאָר אויף דעם

וואָס האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אלס א רייכטום וואָס לעבט אויפן חשבון פונם גרייטן, איז אויך גורם ענדלעך א געוויסע פאַרפּעטונג און טעמפּקייט; און עס איז איבעריק צוצוגעבן, אז אזוי ווירקט דאָס גוטס, וואָס קומט פונעם כוח, מוח און נשמה פון אנדערע.

דאָס איז איינע פון די גרונט־סתירות אין דעם מענטשנס נשמה, וואָס צערייסן זי אויף נישט־פאַרייניבארע שטיקער: דער מענטש זוכט אין לעבן גליק, מאטעריעל און גייסטיק גוטס גלייכצייטיק — אלא וואָס זאָל מען זוכן? וואָס איז דאָס גאנצע לעבן? — און אט דאָס גוטס, אזוי ווי עס וואָלט פאַרטעמפּט זיין נשמה און איינגעשרענקט זיין לעבן! אָבער באזונדערס איז בולט דער איינשרענקענדער איינפלוס פונם איבעריקן גוטס אויף דער פאָלקס־נשמה. דער רוף „וישמן ישורון ויבעט” קען אנגעווענדעט ווערן — זעלבסטפאַרשטענדלעך נאָכן ענדערן דעם נאָמען — אויף יעדן פאָלק, אין אלע דורות און צייטן; ווייל עס איז דאָך גוט באקאנט, אז נישט איין פאָלק האָט זיך אראָפּגעקייקלט צו א דורכויסיקער ירידה און פארלוירן זיין נאַציאָ־נאלע פרייהייט צוליב צופיל גוטס.

ארום טויזנט אַכט הונדערט יאָר האָט אונזער פאָלק געלעבט אין א מצב, וואָס קיין שום אומה ולשון וואָלטן נישט געקענט עקזיסטירן אין אים — און האָבן טאקע נישט עקזיסטירט — און דאָס יידישע פאָלק האָט יאָ עקזיסטירט. די שווערע און אכזריותדיקע באדינגונגען, אלע יסורי גיהינום, באליידיקונגען, שוידערלעכע קרבנות האָבן נישט געענדערט זיין אייגנארטיקייט; אָבער אָט איז געקומען די נייע צייט, און אַ פרייהייטס־ווינט האָט אָנגעהויבן בלאָזן אין אייראָפּע; און ווי נאָר אָט דער גוטער ווינט האָט אָנגעהויבן אויסאיבן זיין גוטע ווירקונג אויך אין באצוג צו אונזער פאָלק, ווי נאָר זיין מצב האָט זיך אָנגעהויבן ענדערן צום גוטן — און זיין תקיפותדיקע עקשנות אזוי ווי זי וואָלט אין דערזעלבער מאָס אָנגעהויבן זיך אויפלייזן, ווייכער און פארטושט ווערן. מיט דער מאָס וואָס אַ יידישער קבוץ באפרייט זיך פון זיין טורמע, דערהויבט זיך פון זיין געפאלנקייט, הויבט אָן לעבן אַ בעסער לעבן, — אין דערזעלבער מאָס הויבן אָן די יחידים פון אָט דער קיבוץ שטרעבען צו פארטושן דעם נאַציאָ־נאלן פנים, צו אסימילאציע און שליסלעך צום פולן אויסמישן זיך צווישן די פעלקער. און דיזעלבע דערשיינונג, אין אָן אנדער הינזיכט, חזרט זיך איבער אויך אין ארץ־ישראל.

עס איז געווען א צייט, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן באגרייפן דאָס, וואָס דאָס ארץ־ישראל־לעבן פאָדערט פון אונז אָן אויפהער. מיר האָבן אָנגעהויבן באגרייפן, אז שאפן א זאך וואָס זאָל האָבן א קיום, קענען מיר אליין, און פון זיך אליין אויס און מיט יענע שווערע און אכזריותדיקע באדינגונגען.

שטערונגען, שטערער, גרויסע קרבנות — דאָס אַלץ און דעסגלייכן קען נאָר צייטווייליק אָפּהאַלטן, אָבער נישט אָפּשטעלן אונזער אַרבעט. דאָס וואָס מיר ווילן אויף אַזאַ אופן דערגרייכן, וועט אינגאַנצן זיין אונזערס. אָבער אין דער צווישנצייט איז געקומען די „גאולה" — און מיר צעגיסן זיך פון נחת. מיר עקזיסטירן מער נישט פאַר זיך אַליין, נישטאָ מער קיין אייגענער שטרעבן, קיין אייגנאַרטיקער געפיל און געדאַנק, — עס איז פאַראַן עמיץ וואָס האָט דערקלערט אַז אַ „נאַציאָנאַלע היים" וועט זיין, און דערמיט וועט זי געשאַפן ווערן. אים קומט אַלץ — די גרויסקייט, די גבורה און די פּראַכט.

וואָס אַזוינס איז די „גאולה"? צי טאַקי באַפרייונג פון שקלאַפערייַ, אָדער נאָר אַן איבערגאַנג פון ווילדער צו קולטורעלער שקלאַפערייַ? עס איז כמעט ווי זיכער, אַז די הבטחה וועגן דער „נאַציאָנאַלער היים" וועט מקוים ווערן. אויטאָנאָמיע — דאַרף מען אָנעמען — וועט געגעבן ווערן סיי אונז און סיי די אַראַבער. די פראַגע איז: וואָס פאַרא נאַציאָנאַל און מענטשלעך ווערט וועט האָבן דידאָזיקע אויטאָנאָמיע — די „נאַציאָנאַלע היים" — ווען מיר ווילן זי באַקומען? וועט דידאָזיקע אויטאָנאָמיע באַדייטן די פולע נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע באַפרייונג, אָדער נאָר אַ באַפרייונג וואָס אַנטשפּרעכט דעם ווילן און גייסט פונם „באַפרייער"?

אויף דער קאָנפערענץ אין כנרת האָבן מיר געהערט, אַז די ענגלענדער האָבן געזאָגט צו אונזערע פאָרשטייער: מיר ווילן באַשיצן די פאָן פון יידישן פאָלק אונטערן באַדינג, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט באַשיצן אונזער פאָן. דאָס זיינען אומקלאָרע דבורים, וואָס זיינען נישט אויסגעטייטשט געוואָרן. אָבער אויך אָן פּירושים איז עס נישט שווער צו פאַרשטיין, וואָס־פאַראַ גייסט ווירקט דאָ. אונזער אויטאָנאָמיע, אַזוי ווי די אויטאָנאָמיע פון אַלע דורך ענגלאַנד אָקופּירטע פעלקער, וועט איר דינען אין אַ געוויסער הינזיכט ווי אַ קאַנאַל פאַרן גייסט פון זייער פּאָליטיק, נאַטירלעך אַ קולטורעלער, אַ גייסטיקער קאַנאַל. קיין שום זאַך וועט נישט באַשרענקען און שטערן אָפּן אונזער פערזענלעכע, נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע פרייהייט. אין אונזער „נאַציאָנאַלער־היים" ווילן מיר האָבן דאָס רעכט צו האַנדלען ווי עס האַנדלט אַ מענטש אין זיין אייגענעם הויז, אָבער דער גייסט וואָס וועט בלאָזן אַרום „אונזער היים" און וואָס וועט נויטווענדיקערהייט, אומ־פילבאַר, אַריינדרינגען אין איר און אין אונז, — וועט זיין דער גייסט פונם דעראָבערער. און ווען ער, דער דעראָבערער, וועט זיך בויטיקן, וועט קומען דער גייסט און אונז אָפּווענדן פון זיך אַליין כדי מיר זאָלן דערפילן זיין ווילן אַזוי ווי עס וואָלט געווען אונזער ווילן.

מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז דער געפיל פון דאַנקבאַרקייט (ווי עס זאָל נישט זיין, זיינען מיר אים דאָך טאַקי שולדיק דאַנקבאַרקייט) וועט

אויך ווירקן צוזאמען מיט זיין כוח אויף צו שטארקן אין אונזערע נשמה אָט די נייגונג. דאָס וועט זיין א פארבאָרגענע קולטור־שקלאפעריי, און דוקא דערפאר אָן א שיעור שווערער ווי יעדע ממשותדיקע שקלאפעריי. ווייל אויב די ממשותדיקע שקלאפעריי ווירקט פונדרויסן, און איר טעטיקייט איז קלאָר און אָפן פאר אלע — ווירקט דאָך די גייסטיקע שקלאַפעריי פונאינעווייניק, פונעם אָפּגרונט פון דער נשמה. בלויז יחידים מערקן איר צערשטערערישע ווירקונג, און זי דערמעגלעכט נישט אָן אלגעמיינעם ווילן זיך צו באפרייען פון איר; אומגעקערט, די מערהייט זעט צומיינסט אין אָט דער שקלאפעריי א גאולה שלמה און שטרעבט זי אויפהאלטן און זיך האלטן ביי איר. דער לעצטער רעזולטאט דערפון איז — אז דאָס אונטערדריקטע פאָלק ווערט דעגענערירט, און עס איז יעדנפאלס זייער שווער אים אויסהיילן פון דער דעגענערירונג.

געדאנקען וועגן מיליטער

דאָס מיליטער איז דער בלינדער, סטיכישער, בהמישער כוח פון פאָלק; דער קאָלעקטיווער פויסט כלפי חוץ, אָבער אויך כלפי פנים. פונם שטאנדפונקט פון דער נאציאָנאלער נשמה'דיקייט, איז עס א רעשט פון אל־טערטימלעכע צייטן, פון יענער תקופה, ווען דאָס פאָלק, אזוי ווי יעדע חיה און בהמה, האָט נישט געקענט דעפינירן איר אייגנארטיקן איך און באַ־שטימען איר באציונג צו אנדערע פעלקער ווי נאָר דורך קלעפּ, שטויסן מיט די פיס, שטויסן מיט הערנער, בייסן. און די פויסט האָט אירע פארערער. עס זיינען פאַראַן אזעלכע וואָס זעען אין פויסט־טאַטן העכערע גבורה. און אנדערע פאלן אריין אין התלהבות צוליב דעם מסירות נפש וואָס ליגט אין אָט די מעשים, נישט זעענדיק, אַז דאָס איז נישט מער ווי א סוראָגאַט פון מסירות נפש; אז דאָס איז באמת נאָר א פארשוועכונג פונם אמתן מסירות נפש, וואָס איז ממש דער קעגנזאץ פון פויסט־טאַטן.

עס זיינען פאראן אויך אזעלכע וואָס האַלטן, אז די פויסט איז אַ לעבנס־באדערפניש, וואָס אַ פאָלק כל זמן עס לעבט אין אים דער נאַציאָ־נאלער לעבנס־ווילן, טאָר זיך פון אים נישט אָפּזאָגן. אָט די זיכערקייט וועגן דער וויכטיקייט פונם נאציאָנאלן פויסט און זיין נויטיקייט ביי א פאָלק, וואָס האָט נאָך מיט דריי טויזנט יאָר צוריק געשטרעבט צו א צייט ווען „לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה" („אַ פאָלק וועט נישט הויבן קיין שווערד קעגן אַ פאָלק, און מען וועט שוין מער נישט לערנען

צו פירן מלחמות״) — אָט דידאָזיקע שטימונג איז, יעדנפאלס, געווג כאראַקטעריסטיש פאר אונזער אויפלעבונג־עפּאָכע; פאר דער עפּאָכע, וואָס לויט אלעם וואָס עס קומט איצט פאָר אין דער וועלט, האָבן מיר געמעגט זען אין איר דעם „אחרית הימים״, אָדער דעם אָנפאַנג פונם סוף.

אָבער די פראגע איז: וואָס פאָדערט פון אונז אין דער היינזיכט די לאגע אין דער קעגנוואַרט און אויך אין דער צוקונפט? ווי־אזוי וועלן מיר באשיצן אונזער פּאָליטישע און נאציאָנאלע פּאָזיציע? וועט אונז א יידיש מיליטער געבן די שוץ־קראפט? נויטיקן מיר זיך איצט אין אַ מיליטער? לאָמיר זיך צוקוקן צו דער זאך פון־דער־נאָענט, און קודם כל לאָמיר פון־דער־נאָענט אויפקלערן, וואָס אזוינס איז מיליטער בכלל, וואָס־פאַראַ אָרט פאַרנעמט ער אינם געזעלשאפטלעכן אָרגאַניזם, אין וואָס באַשטייט זיין לעבנסנויטיקער כוח, צי פאַרמאָגט ער בכלל אַ פּאָזיטיוון לעבנסנויטוועדיקן כוח, אַ כוח וואָס נוצט דער שאפונג אָדער דער אויסבעסערונג פון לעבן, און נישט נאָר צו נייער פארניכטונג און פאַרדאָרבונג.

דער מיליטער איז, קודם כל, דער יסוד פון דער מאכט. מער ווי ער איז דער כוח פון דער מאכט, מער ווי ער איז דער כוח פון פאָלק, איז ער א כוח פון דער מאכט איבערן פאָלק (און עס איז א קנאַפּער אונטערשיד, למשל, צי די מאכט איז אין די הענט פון צאַר אָדער פון די באָלשעוויקעס); מער ווי א באשיצנדער און באפרייענדער, איז ער אַן אגרעסיווער, אנגערייפנדער און אונטערדריקענדער כוח. דעריבער טאַקע קען מען נישט באגרייפן דעם סאמע מהות פונם מיליטער, נישט באגרייפנדיק דעם סאמע מהות פון דער מאַכט. כדי צו זען מיט גענוגנדער קלאָרקייט וואָס אזוינס איז דאָס מיליטער אלס דער כוח פון דער מאכט כלפי חוץ, איז נישט פאַראַן קיין בעסערער וועג, ווי נאָר זיך צוקוקן פון־דער־נאָענט, וואָס־אזוינס איז דאָס מיליטער אלס כוח פון דער מאַכט כלפי פנים.

לאָמיר נעמען אלס ביישפּיל די צומיינסט בולטע דערשיינונג, וואָס היינט־צו־טאָג האַלט מען זי פארן הויפּט־יסוד פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן, די דערשיינונג וואָס מען רופט זי קלאַסן־קאמף.

אין וואָס באַשטייט די גרויסע קראַפט פון די קאַפּיטאַליסטן, פונעם קליינעם הייפל נעבעכדיקע פּאַראַזיטן איבער די מאסן ארבעטער, איבערן פאָלק, איבערן כוח פון פאָלק? מיט וואָס צווינגען די אויסניצער, וואָס בארויבן די בארויבטע און אויסגענוצטע, זיך אונטערצוגעבן דאָרט ווו זיי צעבונטעווען זיך קעגן דער באַרויבונג, דאָרט ווו זיי שטרעבן צו אַן אנדער אָרדנונג, צו אַן אָרדנונג פון גערעכטיקייט אינם געזעלשאפטלעכן לעבן? מיט וואָס־פאַראַ כוח צווינגען זיי אויף זייער ווילן? צי מיט זייער אייגענעם כוח, פון די עקספּלואטאטאָרן און בארויבער? צי פאַרמאָגט אָט דער הייפל

נעבעכדיקע פּאַראַזיטן אַזאַ כוח? זיי באַצווינגען דאָך די עקספּלאָאַטירטע און באַרויבטע מיטן כוח פון דער אַרמיי, דאָס הייסט, בעצם מיטן כוח פון די עקספּלאָאַטירטע און באַרויבטע ווי זיי.

פונדאַנען זעסטו, דרך אגב, אַז דער באַגריף „קלאַסן־קאַמף”, וואָס האָט אַזאַ וויסנשאַפטלעכן און תּקיפותדיקן קלאַנג, דאַרט אומעטום ווו מען וויל אויסבעסערן די וועלט לויט דער טעאָריע, באַקומט גאָר אַן אַנדער קלאַנג דאָרט, ווו מען טרעט צו אים צו פונם סאַמע לעבן. דעם אמתן אמת זאָגנדיק, איז דאָ נישט פאַראַן קיין קלאַסן־קאַמף, נאָר אַ קאַמף פון איינעם קעגן אַנדערן אינערהאַלב איין קלאַס, און בעצם אינם פאָלק גופא, לויטן באַפעל פון אַ הייפל פּאַראַזיטן וועמען עס איז געלונגען צו באַקומען אין האַנט אַריין דעם צוים מיט וועלכן דאָס פאָלק איז איינגעצוימט געוואָרן אין די פאַרצייטיקע יאָרן, ווען דאָס מיליטער איז צום־ערשטן מאָל געשאַפן געוואָרן. אַזוי אַרום וואַרפט אָן דער קליינער און נעבעכדיקער הייפל זיין כבוד און פּחד אויפן פאָלק מיטן כוח פון פאָלק אַליין.

דאָ האָסטו פאַר זיך אַ מין היפּנאָטיזירנדן כוח מיט וועלכן עס באַ־נוצן זיך די ווייניקע קעגן דער מערהייט, וועלכע פאַרוואַנדלען די מערהייט, דאָס פאָלק, אין אַ מין שפּיל־באַל אין אירע הענט, אַזוי אַז אויפן באַפעל פון איינעם פון זיי איז די מערהייט מוכן ומזומן צו טון איינער מיטן צווייטן דאָס וואָס זייערע אונטערדריקער ווינשן זיך. אין אָט דער טראַ־גישקייט שטעקט אַ מין גיפטיקע מעפיסטאָ־איראָניע.

דידאָזיקע דערשיינונג האָט נישט קיין אַנדערן אויסטייטש, ווי נאָר דעם, אַז דער יסוד און היפּנאָז פון דער מאַכט ליגט אין דער סאַמע נשמה פון די אונטערדריקטע. די מערהייט, די אַרבעטער און אונטערדריקטע, אַכטן די פויסט, אַכטן זי מיט שנאה, מיט ציין־קריצן, אָבער אַכטן זי און גרינגשעצן זיך אַליין. ווייל, אין גרונט גענומען, וויל דאָך יעדער איינער אַליין ווערן אַ פויסט, נאָר ער קען עס נישט ווערן, און די פויסט וואָס פאַרמאָגט דעם כוח ווייסט עס און, דער־עיקר, קען זיך דערמיט באַנוצן — און דערמיט האָט זי דערפאָלג. רייס אַרויס פון די הערצער דאָס געפיל פון אַכטונג צו דער פויסט און זעלבסט־גרינגשעצונג אין באַצוג צו זיך אַליין; רייס עס אַרויס פון אַלע הערצער, פאַרשטייט זיך אויף איינמאָל — און נעם אַוועק ביי דער מאַכט איר כוח, אין וועלכער־עס־איז פאָרם, צו היפּנאָטיזירן, צו נאַרן, אָדער ווי עס הייסט אויף דער שפּראַך פון דער פּאָ־ליטיק — איר פּרעסטיזש, און עס בלייבט פון איר גאָרנישט.

דער היפּנאָז האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין גאָר פריע צייטן, מיטן אָנפאַנג פון דער מענטשלעכער קולטור, אויב נישט נאָך פריער, ווען די־ קראַפט פון פויסט אין איר איינפאַכן זין איז געווען די איינציקע קראַפט

פונעם מענטש. די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז דאַן געווען ווי אַ סטאַדע, און אַט דער צושטאַנד האָט עס פאַרפליכטעט לויט זיין עצם נאַטור — אַזוי ווי עס איז טאַקע ביי אַלע אַנדערע בעלי חיים וואָס לעבן סטאַדעווייז — אַז איינער זאָל גיין אינדערשפּיץ, זאָל זיין דער פירער. דאָס איז דער ערשטער שפּראָץ פון דער מאַכט: דער איינצלנער הערשט איבער אַ סאַך. און ער הערשט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט דערפאַר, וואָס ער איז שטאַרקער פון די סך יחידים צוזאַמענגענומען, נאָר ווייל ער איז שטאַרקער פון יעדן איינעם. און אָט דאָ הויבט זיך אָן די ווירקונג פון היפּנאָז: די מאַסע אַליין גיט אים שוין פון איר כּוח; און אַ מענטש אָדער מענטשן וואָס וואַגן זיך קעגנשטעלן קעגן אים, שטעלן זיך שוין דערמיט קעגן דער מאַסע. פונדאַנען האָט זיך לאַנגזאַם אַנטוויקלט די מאַכט פון פּרעזידענטן און קעניגן און פונדאַנען נעמט זיך די מאַכט פון אַלערליי מיניסטאָרן און פּאַרטרעטער און פון די אַלע וועלכע רופן זיך די העכערע שיכט פון פאָלק און פון דער מדינה.

אַזוי האָט זיך די מאַכט אַנטוויקלט און געענדערט איר פאָרם אין יסוד. תּחילה האָט זי זיך געשטיצט אויף דעם כּוח פונעם הערשערס פּויסט, וואָס האָט געשאַפן דעם היפּנאָז. נאָכדעם האָט זיך די מאַכט געשטיצט נאָר אויפן היפּנאָז אַליין, וואָס האָט פאַרשקלאַפט צו זיך דעם כּוח פון דער מאַסע. פונדאַנען איז די מאַכט, אין אַ געוויסער מאָס, אַריבער צו די וועלכע פאַרמאָגן די פעאיקייט צו מאַכן און פירן גרויסע געשעפטן, וואָס ברענגען אַ סאַך הכנסות, די פעאיקייט צום האַנדל וואָס אויך ער שאַפט אַ געוויסן היפּנאָז. און — ענדלעך שטיצט זי זיך נאָר אויפן געלט אַליין, נאָר אויפן היפּנאָז פון דער האַנדלס־פעאיקייט אַליין.

די פראַגע פון מיליטער איז, לויט דעם געזאָגטן, קודם כּל די פראַגע פון מאַכט; און די פראַגע פון מאַכט איז, קודם כּל, אַ פראַגע פון דער געזעלשאַפטלעכער דערציונג, פון דער זעלבסטדערציונג פון יעדן איינציקן פון דער געזעלשאַפט, פון פאָלק. די מאַכט האָט זיך תּמיד צוגעפּאַסט צו דעם קולטורעלן מצב — הויפּטזאַכלעך צו דער מדרגה פונעם זעלבסט־באַוווסטזיין פון דער מאַסע. וואָס מער די מאַסע איז געווען פאַרפינצטערט, פאַרגראָבט, אָן אַן אייגענעם באַוווסטזיין, אַלץ מער זיינען זיי געווען גיכער און לייכט היפּנאָטיזירט צו ווערן, אַלץ שטאַרקער איז געווען די מאַכט. און אויך אומגעקערט: אין דער מאָס וואָס די מאַסע שטייגט אויפן קולטור־לייטער, אין דער מאָס וואָס עס שטאַרקט זיך איר זעלבסט־באַוווסטזיין, אין דערזעלבער מאָס ווערט די מאַכט שוואַכער און קלענער. די מאַכט גייט אַריבער אַלץ מער און מער פון רשות פון יחיד אין רשות פון דער מאַסע.

אויף דעם איז כּדאַי זיך אַ ביסל אָפּשטעלן. אַלע רעדן וועגן פּאָלי־

טישער און סאָציאַלער דערציונג, וועגן סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן באַוווּסט־זיין; און דעם וועג צו דערגרייכן די פולע געזעלשאַפטלעכע פרייהייט, די פולע געזעלשאַפטלעכע זעלבסטהערשאַפט, זעט מען אינם קאַמף פאַרן מיי־נונגס־רעכט און קלאַסנקאַמף. דאָס הייסט, אַז מען פאַרטיפט זיך נישט ביז צום סאַמע גרונט. נישט דאָס איז אויסן די דערשיינונג פונם איבערגאַנג פון דער מאַכט, פונם רשות היחיד צום רשות הרבים. דאָס איז נישט קיין אויסערלעכער איבערגאַנג, וואָס איז אָפּהענגיק פון די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען און וואָס ווערט רעאַליזירט אויף וויפל די מענטשן פון דער געזעלשאַפט באַגרייפן דידאָזיקע באַציונגען. דאָ האַנדלט זיך וועגן אַן אַן איבערגאַנג פון אַן אויסערלעכער מאַכט, פון אַ צוואַנגס־מאַכט, צו אַן אינערלעכער מאַכט, צו אַ ווילנס־מאַכט. אַנשטאָט דער אויסערלעכער מאַכט פון יחיד אָדער פון די יחידים פאַרפעסטיקט זיך אין דער געזעלשאַפטלעכער נשמה, — דאָס הייסט אין דער נשמה פון יעדן יחיד אין דער געזעל־שאַפט, — די אינערלעכע מאַכט פון יעדן איינעם איבער זיך אַליין. דער היפּנאָז פון דער מאַכט פאַלט אין דער מאָס וואָס עס האַלט אין וואַקסן דער כוח פון דער געזעלשאַפט, דער כוח פון יעדן איינעם פון דער געזעלשאַפט. די אמתע פאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַפרייונגס־אַרבעט מיינט, דע־ריבער, קודם כל אַרבעט פאַר דער אינערלעכער באַפרייאונג פון יחיד, פון מענטש, אַרבעט פאַר דער שטאַרקונג פון דעם מענטשלעכן זעלבסט־באַוווּסטזיין פון יעדן יחיד אין דער געזעלשאַפט, אַ אַרבעט וואָס איז אויסן דערפירן דערצו, אַז יעדער מענטש זאָל זוכן זיך זעלבסט, זאָל שטרעבן צו זיין זעלבסטדערציונג.

דאָס איז אַ גרויסע אַרבעט און אַ גרויסע תורה, נישט קיין ביכער־תורה, נאָר אַ לעבנס־תורה; און אַ גרויסער קאַמף, אָבער קודם כל נישט קיין אויסערלעך־געזעלשאַפטלעכער קאַמף, נאָר אַן אינערלעכער קאַמף — די דעראָבערונג פון נייע געביטן אין דער נשמה פון יחיד.

צום אָנדענק

געענדיקט. דער היפּנאָז האָט געזיגט. דער גדוד פון פרייוויליקע, אָדער ווי ער הייסט מיט זיין ערשטן, גלותדיקן, פרעמדן נאָמען, וואָס אַנט־שפּרעכט אים מער — דער „לעגיאָן״, איז אַ פאַקט.

דער נאַטירלעכער שכל און געפיל בונטעווען זיך מיט דער גאַנצער אַנטשידנקייט קעגן לעגיאָן — דאָס לאָזט זיך הערן אפילו פון די רעדעס

פון דיעניקע מענטשן מיט געדאַנק און געפיל צווישן די אָנהענגער פון לע־גיאָן. פאַרן לעגיאָן רעדט עפּעס אַן איבערפלעכלעכער געפיל און געדאַנק. אַזוי ווי־עפּעס וואָס עס וואָלט געקומען פונדרויסן און פאַרדונקלט אַלץ וואָס עס לויכט אין דער נשמה אינעווייניק, עפּעס אַ שכרות פון געדאַנק און געפיל ווי פון עפּעס אַ פיבערהאַפטער התלהבות, — אַזוי־ווי עס וואָלט אויסן געווען צו פאַרשווייגן די שטים פון עפּעס אַ זאַך וואָס שרייט געוואַלד אין דער נשמה, וואָס שטעלט זיך קעגן מיט דער גאַנצער אַנטשידנקייט קעגן דעם וואָס האַלט ביים דורכגעפירט ווערן. און דער זיג איז זייערער. מיט איין וואָרט — היפּנאָז. ווייל מען קען דאָך נישט חושד זיין די פרייוויליקע, אַז זיי נאַרן זיך און די אַנדערע באַוווּסטזיניק. פאַרשטייט זיך, אַז קיין שום געדאַנק אָדער געפיל קען נישט באַקעמפן אַן היפּנאָז.

היינט, נאָכדעם ווי עס האָבן זיך פאַרשריבן אין לעגיאָן, ווי מען גיט איבער, אַ הונדערט פופציק מאַן, אויסער די חברים פון „השומר״, האָט מען געקענט קלאָר מערקן אויפן פּנים פון די פרייוויליקע אַליין, אַז דאָ ווירקט עפּעס אַן אַן אומבאַקאַנטער אינערלעכער צוואַנג. דער פּנים דריקט אויס די גייסטיקע דעפּרי־מירטקייט נישט ווייניקער ווי דער פּנים פון די יענעקע וועלכע האָבן צוגעזען דעם חורבן אין ישוב אָדער דעם חורבן פון פאָלק. און עס איז נישט קיין צער וואָס קומט פון דער שוועריקייט צו שיידן זיך פון דעם וואָס איז טייער דער נשמה, דער צער פון טיפער טראַגישקייט, וואָס פאַרגיטיקט צוזאַמען מיטן פאַרשאַפן ווייטאָק — דאָס איז עפּעס וואָס דריקט אויפן האַרצן, ווי די רואינען פון אומגעהויער־שווערע חורבות אָדער ווי אַ שוואַרצער, שווערער אומבאַוווּסטזיניקער פאַרברעך.

אַלס קלאָרע אילוסטראַציע פונם פאַקט, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַן היפּנאָז, קען דינען דאָס וואָס אַ חבר האָט דערציילט וועגן זיין קינד.

די נשמה פון קינד איז נאַקעט, און אין איר זעסטו כמעט מיט אַ באַגרייפלעכער קלאָרקייט, ווי־אַזוי עס ווירקט אויף איר דאָס וואָס ס׳קומט פון דרויסן.

דאָס קינד פרעגט:

— טאַטע, פאַרוואָס אָרגאַניזירט מען נישט קיין לעגיאָן פון קינדער?

— צו־וואָס דאַרפסטו אַ לעגיאָן פון קינדער?

— מיר וועלן הרגענען טערקישע קינדער!..

דערין איז דער כוח פונם כישוף־וואָרט: גדוד, לעגיאָן, צי אין דער קינדערשער פאָרם, אָדער אין דער דערוואַקסענער, אויסגעקליגעלטער און מער לויטערער; סיי כדי צו הרגענען קינדער אַלס ציל פאַר זיך, אָדער כדי צו פאַרגיסן דאָס בלוט פון דערוואַקסענע, דאָס בלוט פון די „שונאים״

צוליב גרויסע, גייסטיקע צילן, ווי למשל צוליב דאנקבארקייט אָדער פאר דער רעטונג פון נאציאָנאלן כבוד, צוליב מסירות נפש, גייסטיקער דער־הויבונג, באשיצונג פון לאנד א. אז. וו. א. אז. וו..

דער עיקר אָבער, אז די אלע צילן, אלע טענות וועגן דער נויטיקייט פון גדוד, דאָס אלץ קומט לאחר מעשה, נאָך דעם כישוף־וואָרט און אין רעזולטאט פון דער ווירקונג פון אט דעם כישוף־וואָרט לעגיאָן, גדוד.

מען דארף באמערקן, אז אט דער היפנאָז האָט גאָר טיפע וואָרצלען, און זיי זיינען פאַרבאָרגן נאָך אינעם רעוואָלוציאָנערן שטראָם פון רוסלאנד, וואָס האָט באיינפלוסט אונזער גלותדיקע נשמה, אט אזוי ווי עס איז בכלל משפיע אויף אונז אלץ וואָס ברויזט אויף און רופט ארויס התלהבות, אלץ וואָס עס קומט פונדרויסן — און אט דער איינפלוס פאַרשקלאָפּט און פאַר־קריפּלט אונזער גאנצע אייגנארטיקייט.

עס איז פארמיסטיקט געוואָרן אונזער פעלד. די וויכטיקסטע כוחות, די פילבארסטע הערצער, אפילו די צומייסט דענקענדע אינטעלעקטן אין אונזער יונגן, שטרעבנדן לאגער, וואָס איז זיך מוסר נפש, ארבעט און שאפט — זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיטן מלחמה־שטראָם.

און איך פרעג מיך אליין, און איך וואָלט געפרעגט אויך די פריי־וויליקע, ווען עס וואָלט נאָך פארבליבן אין זייער הארץ א פלאַץ פאר פרא־געס: וואָס באדייט אט די גאנצע דערוואכונג, אט דער שנעלער און ענט־שידענער הסכם מלחמה־צו־האלטן, פארגיסן בלוט, פארגיסן דאָס בלוט פון דיענקע וואָס מיר ווילן כלל נישט פאַרגיסן זייער בלוט, חרוב מאכן וואָס מיר ווילן כלל נישט חרוב מאַכן.

פלוצים און אט — אלע קענען שוין די תורה, אז עס איז פאַראַן אין דער וועלט א היסטאָרישע נויטווענדיקייט, אז דאָס לעבן, אט דאָס פאַר־דאָרבענע, פארפוילטע לעבן, וואָס אין פלוג באקעמפן מיר עס, — אז אט דאָס לעבן טראָגט אונז ווו עס וויל, און דער עיקר — וואָס מיר זיינען געצוווּנגען, קעגן אונזער ווילן, באוווּסטזיין און געפיל, וואָס זיינען אנט־שידן קעגן דעם, מיטגעריסן ווערן מיטן שטראָם, ווייל דערין איז דאָך די גאנצע חכמה און גבורה, די גרויסקייט און פראכט פון לעבן.

אָבער אז אך־און־ווי צו אונזער חכמה און גבורה צוזאמען, וואָס אויך זיי האָבן מיר באקומען פון אנדערע; וואָס אויך זיי זיינען נישט מער ווי א פּאַראָדיע.

וואָס באדייט דאָס אלץ? וואָס דארף מען טון? — איך ווייס נישט און איך קען נישט רעדן וועגן דעם איצט. דערווייל איז מיין וועלט חרוב

געוואָרן אויף מיר. אפשר האָב איך א טעות צוליב איבערגעטריבענער פיל־באַרקייט, אָבער איך פיל מיט מיין גאנצן וועזן: אזעלכע שווערע מאָמענטן, דורכגעדרונגען מיט יאוש־גאזן, האָב איך נישט איבערגעלעבט און נישט געקענט במשך פון דער גאנצער צייט וואָס איך בין אין ארץ־ישראל, אויך נישט אין די טעג פון פורעניות, פון שטורעם און גרויל, וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט די לעצטע יאָרן.

מיין הארץ זאָגט מיר, אז איך בין נישט איינציק־אליין דערין, אז צווישן אלע געפילן, וואָס זייער שטים הערט זיך פון איין עק פון אונזער וועלט ביז צום צווייטן, איז פאראן אויך אזא שטיל געפיל, און אז דעריבער דאַרף מען איר אפשר געבן אן עפנטלעכן אויסדרוק.

די אספת הנבחרים

עס איז א פאקט: די אספת־הנבחרים*, נאָכדעם אלעם וואָס זי האָט דורכגעמאכט און טראָגט אלע פגימות וואָס מען קען אין איר געפינען, האָט געהאָט א דערפאָלג; מען מעג, דוכט זיך, צוגעבן: גאָר גרויס דערפאָלג. זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ זייער געדריקטן גייסט, מיט א ציטער פאר איר גורל און מיט אומצטרוי אין איר אייגענעם דערפאָלג, מען מעג אפשר זאָגן: מיט אַ גייסט פון וואָכעדיקקייט, און זי האָט זיך כסדר דערהויבן, ביז זי האָט צולעצט, אויף איר פערטער זיצונג, ווען עס זיינען אָנגענומען געוואָרן די אָרגאניזאציאָנעלע באשלוסן, זיך דערהויבן צו אזא הויך, וואָס מיר האָבן זיך כלל נישט פאָרגעשטעלט אז זי איז מסוגל דערצו. און אויך דער באַדויערלעכער פאל אויף דער לעצטער זיצונג, הגם ער האָט אין אַ געוויסער מאָס אָראָפּגענידערט דעם גייסט כמעט ביז צו זיין ערשטער מדרגה, — האָט מיט גאָרנישט נישט פארמינערט איר כוח און ווערט. און אפשר מעג מען זאָגן: גם זו לטובה! אפשר איז געווען גערעכט דעריעניקער וואָס האָט אין זיין רעדע פאָרן שליסן די זיצונג געזאָגט, אז עס איז פאַראַן א גוטער מאָמענט דערין וואָס מיר פארלאָזן די זיצונג אומ־צופרידענע. די זאַטקייט, און אפילו די צופרידנקייט, איז נישט קיין זייער נוצלעכער פאַקטאָר אין אזא גרויסער, שווערער, אלזייטיקער און טיפער ארבעט, ווי אונזער נאציאָנאלע ארבעט. עס איז נויטיק א כסדרדיקע גייס־

* די ערשטע אספת הנבחרים (רעפּרעזענטאנטן־פאַרזאמלונג פון ישוב), אין תרפ״א.

טיקע וואַכזאַמקייט, אַן אומאויפהערלעכע אפילו אויף אַ מאָמענט. אַ געפיל פון דעם וואָס עס פעלט אונז פון אלע זייטן און ביז צו׳ם סוף פון אלע טיפעניש׳ן — און דאָס קען דערגרייכט ווערן אין דער עקזיסטירנדער ווירקלעכקייט נאָר דורך א גרויסער מאָס פון גייס־טיקע יסורים.

אָט דער באַדויערנסווערטער מאָמענט און אלע שווערע מאָמענטן זיינען געווען בבחינת „און אט איז אנטשטאַנען אַ טומל און די ביינער האָבן זיך דערנענטערט איינער צום צווייטן". ווי שווער איז עס פאַר די אויערן, און ווי דעפרימירנד פאר דער נשמה, צו הערן די שטים פון דעם צוזאמענשטויסן־זיך פון די טרוקענע ביינער! אָבער אָט האָבן מיר אויך געזען, אז „זיי האָבן זיך באדעקט מיט אָדערן און פלייש". איצט איז געקו־מען דער מאָמענט פון „און עס האָט זיי דורכגעדרונגען דער גייסט, און זיי האָבן אויפגעלעבט, און זיך געשטעלט אויף די פיס, א גאָר גאָר גרויסע ארמיי". אַ זייער גרויסער כוח איז ביי אונז געשאפן געוואָרן, מיר דארפן נאָר וויסן ווי זיך צו באנוצן מיט אים.

עס איז ביי אונז געשאפן געוואָרן א נייע אָרגאניזאציע, ריכטיקער, עס איז געלייגט געוואָרן דער גרונט אָדער דער ווינקלשטיין פאר דער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק: צי פריי, צי אָרטאָדאָקס, צי „לינק", צי פאָלק; אַ ווינקל־שטיין אינעם לעבן פון א לעבעדיק פאָלק.

אָבער די ערשטע פליכט וואָס איז חל פון איצט אָן אויף אונז אלע, אויף יעדן איינעם וואָס איז מודה מיט זיין גאנצן הארצן אין דער נויטיקייט פון אט דער אָרגאניזאציע; וואָס שטרעבט באמת און אויפריכטיק צו דער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק; צי פריי, צי ארטאדאקס, צי „לינק", צי „רעכט" — די ערשטע פליכט איז, אנערקענען די אָרגאנישע אָנגעהע־ריקייט פון יעדן איינעם פון אונז צו אָט דער אָרגאניזאציע, די לעבעדיקע פארבינדונג צווישן אים און אלע אירע מיטגלידער. יעדער איינער פון אונז דארף זיך זען אלס א מיטגליד אין אָט דער אָרגאניזאציע מיט דערזעלבער וויטאליטעט און איבערגעבנקייט, ווי ער איז א מיטגליד אין זיין פארטיי־שער אָדער קלאסן־אָרגאניזאציע, און אין דערזעלבער מאָס זען אין אלע מיטגלידער פון דער נייער אָרגאניזאציע זיינע אייגענע חברים. דאָס פאר־פליכטעט נישט אן אָפּשוואַכונג פון דער וויטאליטעט פון וועלכער־עס־איז טיילווייזער אָרגאניזאציע, אן אָפּשוואַכונג פון דער פארבינדונג צווישן חבר און זיין פארטיישער אָדער קלאָסן־אָרגאניזאציע; אָבער דאָס מיינט, אז דורך דער נייער אלגעמיינער אָרגאניזאציע ווערט באַשאַפן א גרעסערער לעבנס־פארנעם, וואָס גיט צו וויטאלע כוחות און אַ גרעסערע לעבנס־טיפקייט, וואָס אקטיוויזירט מער אלע וויטאלע כוחות; און אזויארום ווערט

געשאפן אַן אומדירעקטע באַרירונג און אַ לעבעדיקע קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן די פאַרשידענע לעבעדיקע כוחות, צווישן די פאַרשידענע טיילווייזע אָרגאַניזאַציעס.

און אָט די זאַך, אויף וויפל זי פאַרפליכטעט יעדע טיילווייזע אָרגאַניזאַציע צו רעכענען זיך מיט די אַנדערע טיילווייזע אָרגאַניזאַציעס און אין אַ געוויסער הינזיכט מיטהעלפן זייער באַנייאונג, פּאַרמינערט נישט, נאָר איז מוסיף וויטאַליטעט דער טיילווייזער אָרגאַניזאַציע אַליין.

לאָמיר דערקלערן דאָס געזאָגטע מיט אַ ביישפּיל:

אויב מיר שטרעבן אוועקצושטעלן די געשאַפענע אָרגאַניזאַציע אויף דעם ניווא פון אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע; אויב מיר זעען אין איר דעם אָנפאַנג פון דעם קערפּער פון אַ לעבעדיק פאָלק וואָס שאַפט זיין נאַציאָנאַל און מענטשלעך לעבן אין זייער גאַנצן פאַרנעם און טיפקייט, — דאַרף דאָך אויך די באַציאונג צווישן די פרייע און רעליגיעזע באַנייט ווערן, זיין מער אָרגאַניש, וויטאַליש, אָריגינעל. די באַציאונג צווישן די פרייע און רעליגיעזע ביי אונז, אַזוי־ווי די באַציאונג פון די פרייע צו דער רעליגיע און אַזוי־ווי אַלע אונזערע לעבנס־באַציאונגען אין די לעצטע דורות בכלל, — זיינען געשאַפן געוואָרן אינם שאָטן פון די ענלעכע באַציאונגען ביי די אייראָפּעאישע פעלקער. אָבער דער טיפער אמת איז, אַז אָט די נאָכמאַכונג האָט קיין שום האַלט נישט צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס אונזער רעליגיע איז נישט, ווי די רעליגיע פון די אייראָפּעאישע פעלקער, געקומען צו אונז פונדרויסן, נאָר זי איז די שאַפונג פון אונזער נאַציאָנאַלן גייסט. אונזער רעליגיע איז איינגעוואַקסן אין אַלע איברים פון אונזער נאַציאָנאַלן גייסט, און אונזער נאַציאָנאַלער גייסט איז איינגעוואָקסן אין אַלע איברים פון אונזער רעליגיע.

דער גוף פון יידישן פאָלק האָט עקזיסטירט אין גלות ווי אין אַ פּאַר־באַלזאַמירטן צושטאַנד. און ווען עס האָט זיך געשפּאָלטן די וואַנט פון דער פּיראַמידע וואָס דער קערפּער איז אין איר געווען פאַרבאָרגן, און דער לעבנס־גייסט פונדרויסן, — פון פרעמדע, איז אין איר אַריינגעדרונגען און באַרירט דעם פאַרבאַלזאַמירטן קערפּער, — האָט זיך דער קערפּער אָנגעהויבן ברעקלען, און אָט די ברעקלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צו טראָגן אויף אַלע וועגן אין פרעמדע וועלטן. איצט, אַרויסגייענדיק פון דער פּיראַמידע און פונם פאַרבאַלזאַמירטן צושטאַנד און שעפּנדיק די לופט פון אונזער אייגן וועלט און פון אַן אייגענעם לעבנס־צושטאַנד; איצט, ווען עס האַלט זיך אין דערוועקן ביי אונז דער גייסט פון אונזער אייגענעם לעבן, — דאַרפן מיר ווידמען אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט דערצו, כדי אומצו־קערן אונזער נאַציאָנאַלן גייסט זיין גאַנצע אייגנאַרטיקייט און אָריגינאַל־

קייט, ברענגען אונזער נאציאָנאַלן גייסט צו זיין זעלבסטאנטפּלעקונג, נישט דורך א תורה און נישט דורכדעם וואָס מען רופט דערציאונג אָדער קולטור־אַרבעט, נאָר דורך דער עצם לעבנס־אַרבעט און לעבנס־שאַפונג אין אַלע זייערע ספערען, סיי אין די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לעבנס־ספערן און סיי אין די העכערע לעבנס־ספערן.

אויב מיר וועלן זיך אַביסל טיפער צוקוקן פון אָט דעם שטאַנדפּונקט וועלן מיר זען, אז עס איז פאַראַן א ברכה פאַר אונזער נאציאָנאַלן גייסט סיי אינעם לאַגער פון די פרייע און סיי אינעם לאַגער פון די אָרטאָדאָקסן, אויב די גייסטער וועלכע באַלעבן די צוויי לאַגערן וועלן זיך צונויפגיסן אין איין העכערן גייסט. און עס שיינט טאַקע, אז עס איז פאַראַן א מעגלעכקייט און נויטיקייט אין אַזאַ העכערער צוזאַמענגיסונג.

מען דאַרף מודה זיין, אַז די אייראָפּעאישע קולטור, און דער גייסט פון אפיקורסות און צושטערונג איינגעשלאָסן, איז געווען נויטיק פאַר דער עצם אויפלעבונג פון אונזער נאציאָנאַלן גייסט; מיר האָבן זיך גענויטיקט אין א „שבירת כלים", כדי אויפצובויען אונזער לעבן פונדאַסניי. דאָס האָבן געגעבן און גיבן די פרייע.

פון דער צווייטער זייט אָבער, טאָר מען נישט פאַרזען, אַז דאָס פאַר־באָרגענע נאציאָנאַלע ליכט האָט זיך אין א גרויסער מאָס אויפגעהיט צווישן די אָרטאָדאָקסן, אָבער זיי ווייסן נישט ווי־אַזוי אים צו אַנטפּלעקן, דווקא ווייל זייער צוגאַנג צו אים איז אין די אַלטע „כלים". דאָ איז נויטיק א קאָנקרעטישע ווירקונג, אָבער נישט דורכן מות, נאָר דורכן עצם לעבן און לעבנס־אַרבעט; נישט קיין מיינונגס־קאַמף, וואָס איז נישט מסוגל צו שאַפן דאָ עפּעס פּאָזיטיוועס — און איז נישט יעדנפאַלס, דער־עיקר — נאָר א געמיינזאַמע דורכויס־אויפריכטיקע אַרבעט מיטן צוועק צו שאַפן אונזער נאציאָנאַלן לעבן און אויפלעבן אונזער נאציאָנאַלן גייסט.

איך וועל מיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף דער טיפער און קריטישער פראַגע: ווי־אַזוי דאַרף פאַרקומען די באַנייאונג, די אַנטפּלעקונג פונעם פאַרבאָרגענעם ליכט פון אָט דער זייט. דאָס איז, הויפּטזאַכלעך, די זאַך פון די אָרטאָדאָקסן אַליין. עס איז אפשר נישט איבעריק צוצוגעבן, אַז דערצו זיינען נויטיק מענטשן מיט א ניווא פון נביאים, וואָס דערווייל זיינען זיי נישט פאַראַן, נישט ביי די אָרטאָדאָקסן און נישט ביי אונז בכלל. עס איז פאַראַן אָבער א מעגלעכקייט אַז זיי זאָלן באַשאַפן ווערן מיטן כוח פון דער עצם גרויסער פאָדערונג פון דעם זיך־באַנייענדיקן לעבן.

מיר אַלע אָבער, סיי די פרייע און סיי די אָרטאָדאָקסן, סיי די „לינקע" און סיי די „רעכטע", מוזן — און דאָס איז דער עיקר — אויפריכטיק אַנער־קענען, אַז פונדאַנען, פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע וואָס איז געשאַפן

געוואָרן דורך דער אסיפת הנבחרים, הויבט זיך אָן די באַנייאונג פון אונזער נאַציאָנאַלן לעבן; און דעריבער דאַרפן אַלע אונזערע באַציאונגען צו דער לעבנס־אַרבעט און אַלע באַציאונגען צווישן די וואָס נעמען אַנטייל אין אָט דער אַרבעט זיין עכטע און אָריגינעלע, דאָס הייסט, נישט קיין אָנגענומענע, נאָר אוממיטלבאַרע.

און אָט די זאַך, וואָס איז אין פלוג אַזוי נאַטירלעך און פשוט, איז ביי די אומשטענדן פון אונזער צייט, שוין גאַרנישט איינפאַך און לייכט צום פאַרווירקלעכן. דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ גרויסע אַרבעט פון באַפרייונג — אַ נאַציאָנאַלע און פערזענלעכע גלייכצייטיק — פונעם גייסטיקן איינפלוס פון אַנדערע, און פונעם פאַרגליווערט־ווערן אין זיך אַליין, פון דער צווייטער זייט. און עס איז אַ סך גרעסער און שווערער פון יעדער אַרבעט צו באַפרייען דעם קערפּער.

די פרייע ביי אונז, למשל, זיינען געוואוינט צו האַלטן אונזערע אָרטאָדאָקסן, און באַזונדערס די רבנים, פאַר קלעריקאַלן וואָס שטרעבן צו מאַכט מיטן כוח פון דער רעליגיע, אַזוי ווי די קלעריקאַלן ביי אַנדערע פעלקער. אָבער דער אמת איז, אַז צווישן אונזערע אָרטאָדאָקסן און די קלעריקאַלן ביי אַנדערע פעלקער, איז כלל נישט פאַראַן קיין שום ענלעכקייט, שוין צוליבן פשוטן טעם, וואָס אונזער רעליגיע פאַרטיילט נישט קיין מאַכט איינעם איבערן אַנדערן. און אויב אין די לעצטע דורות האָבן זיך צו אַ טייל פון אונזערע רבנים צוגעקלעפּט קלעריקאַלע מידות, האָט זיך דאָך אויך צו אַ טייל פון אונזערע פרייע צוגעקלעפּט אָט דידאָזיקע מידה פון שטרעבונג צו מאַכט, הגם, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין אַן אַנדער פאָרם, ווי למשל אין דער פאָרם פון דער שטרעבונג צו מאַכט מיטן כוח פון אויפקלערונג אָדער מיטן כוח פון פּראָלעטאַריאַט א. דגל.

אונזערע אָרטאָדאָקסן, פון דער צווייטער זייט, זיינען געוואוינט, לויט דעם וואָס איז געווען אָנגענומען אין די פריערדיקע דורות, צו האַלטן די פרייע פאַר משומדים להכעיס אָדער פאַר ביי־ווילליקע משומדים, יעדנפאַלס משומדים אָדער ווידערשפּעניקע א. דגל. און זיי זעען נישט, אַז דאָ, אינעם גאַנצן תוהו ובוהו פון דער אפּיקורסות און נעגאַציע און דעם לעבן אויפן חשבון פון די וועלטן פון אַנדערע, און בכלל אויפן חשבון פון אַ באַגרעניצטער וועלט, פייניקט זיך און ראַנגלט זיך דער גייסט פונם מענטש אין זיין שטרעבונג צו באַנייאונג, צו נייע לעבנס־פאָרמען און אויך צו נייע פאָרמען פון געדאַנק, פון געפיל און פון שאַפן.

אויך זיי, די אָרטאָדאָקסן בכבודם ובעצמם, האָבן נישט אויסגעמיטן אָט דעמדאָזיקן גייסט־געראַנגל. נישט נאָר זייערע זין פאַרלאָזן זיי, נאָר זיי אַליין שטייען נישט אויף איין אָרט. נאָר אַ בלינדער, אָדער דער וואָס פאַר־

מאכט בכוונה זיינע אויגן, וועט נישט זען, אז די היינטיקע אָרטאָדאָקסן זיינען נישט די אָרטאָדאָקסן פון נעכטן.

די וועלט שטייט נישט אויף איין אָרט. נישט נאָר די נידעריקע וועלט, די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, נאָר אויך די העכערע וועלטן שטרעבן צו באַנייאונג. און די העכערע וועלטן ענדיקן זיך נישט אין דער ספערע פון תפארת, ווי עס איז גוזר דער מעכאַנישער וועלט־באַנעם. דאָס איז א באַשרענקטקייט, וואָס די מענטשלעכע נשמה קען עס נישט פאַרטראָגן. די־ דאָזיקע באַשרענקטקייט פאַרמינערט דעם מענטשנס געשטאַלט, פאַרטושט און צעברעקלט זיין מענטשלעכע צורה, זיין צלם אלוהים און שאַפט א תוהו ובוהו אין זיין וועלט.

דעם מענטשנס נשמה שטרעבט צו העכערעס פון דעם. דעם מענטשנס נשמה ראַנגלט זיך ווי א פויגל אין קלאַטקע שטרעבנדיק צו העכערער פריי־ הייט, צו אומענדלעכקייט. און ווער נאָך ווי די אָרטאָדאָקסן, וואָס רעדן אין נאָמען פון דער רעליגיע, אין נאָמען פונם העכסטן, וואָלטן געדאַרפט — קודם כל — שטרעבן דערצו, אז זיי זאָלן וויסן און מאכן דעם חשבון פון דער לאַגע פונם היינטיקן מענטש, אויב זיי האָבן א ווילן און א קראַפט צו באַיינפלוסן אונזער נאַציאָנאַלן גייסט מיט א העכערער שפע?

אָבער אונזערע אָרטאָדאָקסן זיינען שלעכטע חשבון־מאכער, אויב זיי טראַכטן, אז די פרייע וועלן זען עפּעס אַן העכער ליכט אָדער עפּעס א פאַר־ באָרגן ליכט אינם טומל וואָס די אָרטאָדאָקסן הויבן אויף קעגן זיי צוליב דעם וואָס זיי היטן נישט אָפּ די מצוות. „לא ברעש ה׳״. און אויך נישט אין אָט יענער „קדושה״, וואָס וויל אָפּנעמען ביי דער פרוי דאָס מענטשלעכע רעכט. די קדושה פון „קדושים תהיו כי קדוש אני ה׳ אלהיכם״ — ווייסן און פילן מיר אַלע, יעדער ייד־מיט־גייסט, אָרטאָדאָקס ווי פריי, גלויביק ווי אומגלויביק. אָבער אָט די קדושה האָט אונז גע־ געבן אַזעלכע פרויען ווי דבורה הנביאה, וואָס איז געווען א שופט ביי יידן.

אין סך הכל: די אויפגאַבע פון דער אספת הנבחרים איז, לייגן דעם יסוד נישט נאָר פאַר דער אָרגאַניזאַציע פונם נאַציאָנאַלן קערפּער, פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות וועלכע שאַפן דאָס ממשותדיקע לעבן פון פאָלק, נאָר אויך פאַר דער אָרגאַניזאַציע פונם נאַציאָנאַלן גייסט, פון די העכערע כוחות וועלכע שאַפן דאָס העכערע נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע לעבן פון פאָלק, וואָס אָן איר — אָן אָט דער העכערער אָרגאַניזאַציע — איז די גאַנצע אָרגאַניזאַציע ווי א קערפּער אָן אַ נשמה.

אָבער דער הויפּט־תנאי דערצו איז, פולע באַפרייאונג פון יעטוועדן פרעמדן איינפלוס און פון יעטוועדער פאַרגליווערונג סיי פון אונזער ארבעט

פאַרן ארץ־ישראל־אויפבוי און פאַר דער שאַפונג פון דער עקאָנאָמישער באַזע, און סיי פון אונזער ארבעט פאַר דער אויפלעבונג פון פאָלק.

וועלן מיר זיך האַלטן דערביי, אַלע, פריי ווי אָרטאָדאָקס, „לינק" ווי „רעכט"? וועלן מיר זיך באַפרייען?

ארום די תקנות פון מושב עובדים

די לעבנס־פאָרמען פון ישוב, אזוי־ווי אַלע עקזיסטירנדע לעבנס־פאָרמען, שטיצן זיך אויף דעם מגושמדיקן פּריוואַטן אינטערעס, אויפן פּריוואַט־אייגנטום, אויף דער פּריוואַט־איניציאַטיוו, וואָס קאָנצענטרירט זיך אינגאַנצן אין דעם מאַטעריעלן איינפונדעווען־זיך פון פּרט, און פונדאַנען — דאָס יאָגעניש נאָך רייכטום, וואָס אין אים ליגט עס דער בעסטער טעם און דער גרעסטער גליק פונם מענטשלעכן לעבן...

א נייע לעבנס־פאָרם, וואָס איז א רעזולטאַט פון דער שטרעבונג צו דער באַנייונג פון לעבן דאַרף זיין געבויט אויף אַנדערע, מער מענטשלעכע יסודות, וואָס אַנטהאַלטן אַן אַנדערן טעם און אַן אַנדער לעבנס־גליק, און דערין — אין אָט די מענטשלעכע יסודות — באַשטייט איר גאַנצער חידוש און עיקר. אַלע נייע איינריכטונגען זיינען א לאָגישער און לעבעדיקער רעזולטאַט פון זיי; אין אָט די נייע יסודות, און נאָר אין זיי — ליגט זייער כוח.

דער יסוד־פון־אַלע־יסודות — דאָס איז דאָס מענטשלעכע לעבן אין זיין גאַנצן פאַרנעם און טיפקייט. דער יחיד און דער כלל, דער יחיד און די געזעלשאַפט, באַטייליקן זיך אין א גלייכער מאָס אין זייער שאַפונג. דאָ איז פאַראַן א שטרעבונג צו א העכערער צופּאַסונג, וואָס וועט נישט דער־גרייכט ווערן דורך דער פאַרטושונג פון דער פּערזענלעכקייט פון יחיד און דער פאַרמינערונג פון איר געשטאַלט, נאָר להיפך, דורך דער שטאַר־קונג פון איר כוח, פון דעם העכערן באַוווּסטזיין און העכערער פרייהייט פון דער פריוואַטער פּערזענלעכקייט. דאָס פּערזענלעכע דאַרף אָננעמען א נייעם אינהאַלט, א מער ברייטערן און טיפערן. אויך די פּריוואַטע איני־ציאַטיוו ווערט נישט אָפּגעשאַפט, נאָר דערהויבט זיך און קאָנצענטרירט זיך ארום ענינים פון יענער העכערער וועלט, וואָס די פּערזענלעכקייט וועלכע שטרעבט צו א פול מענטשלעך לעבן שפּרייט זיך אויף זיי אויס.

די באַציאונגען צווישן די חברים פון מושב דאַרפן נישט זיין קיין האַנדלס־ און געלט־באַציאונגען, נאָר באַציאונגען פון קינדער פון איין

משפחה, וואָס זיינען אויסן נישט נאָר וווינען צוזאַמען — נאָר אויך צוזאַמענ־גיסן זייער לעבן אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס לעבן פון יעדן יחיד זאָל באַרייכערט ווערן דורכן שפע פונעם צוזאַמענגעגאָסענעם לעבן פון כלל.

עס דאַרף זיין אַן אַרבעט־איינטיילונג. עס דאַרפן זיין, למשל, ערד־אַרבעטער, בעלי־מלאכות, אַ לערער, אַ דאָקטאָר א. דגל., אָבער יעדער איינער דאַרף זען אין זיין פּראָפעסיע זיין לעבן, דעם טעם און אינהאַלט פון זיין לעבן דערין, וואָס ער, דורך זיין אַרבעט, דורך דער עצם שאַפונג פון זיין אייגענעם לעבן, וועט מיטהעלפן דער שאַפונג פונעם לעבן פון מושב בכלל; און אויף וויפל ער וועט פאַרברייטערן, פאַרטיפן און באַרייכערן זיין אייגענעם לעבן, אויף אַזויפיל וועט ער פאַרברייטערן, פאַרטיפן און באַרייכערן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון מושב בכלל.

דער ערד־אַרבעטער שטרעבט צום שאַפן דעם צומיינסט געזונטן שפּייז פאַרן קערפּער און פאַר דער נשמה קודם כל, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַר זיך, פאַר זיין משפחה און פאַר די חברים פון מושב. דערמיט, וואָס ער שטרעבט צו פאַרבעסערן די קוואַליטעט פון די תבואות, גרינס א. דגל., — עפנט זיך פאַר אים אַ ברייט פעלד פאַר חידושים און שאַפונג. דער שניידער זאָרגט פאַר באַקליידונג וואָס איז גינסטיק פאַרן געזונט און אַנטשפּרעכט די פיינסטע פאָדערונגען פונעם מענטשלעכן לעבן. און אויך דאָ איז פאַראַן פאַרן פעאיקן מענטש אַ ברייט געביט פאַר חידושים און שאַפונג, און דאָסזעלבע גילט אויך בנוגע דעם בוי־אַרבעטער, טישלער, דאָקטאָר, לערער א. אַז. וו.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָרט ווו דער מענטש זעט דעם טעם פון לעבן נישט אין דעם פּראָדוקט פון דער אַרבעט, נאָר אין דער עצם אַרבעט. דאָרט איז נישט נויטיק צו קעמפן אָדער צו פאַרפאַסן געזעצן קעגן דער עקספּלאָאַטאַציע פון פרעמדער אַרבעט, ווייל די עקספּלאָאַטאַציע איז במילא פאַרמיאוסט, אַזוי ווי מען דאַרף נישט קעמפן פאַר דער פרייהייט פון באָדן און פון די אינדוסטריע־געצייג פון זייער פאַרשקלאַפונג צו יחידים, ווייל דאָס מיינט דאָך פרייהייט פון דער אַרבעט אַליין.

בכלל דאַרפן די באַציאונגען דאָ זיין ברייטערע און טיפערע, מער לעבעדיקע, מער מענטשלעך־קאָסמישע ווי אינעם עקזיסטירענדן געזעל־שאַפטלעכן לעבן.

און אַזוי דאַרף מען באַהאַנדלען אויך די פראַגע פון דער קינדער־דערציאונג.

אין אונזער דור האָט מען כמעט ווי באַשלאָסן, אַז די קינדער־דער־ציאונג דאַרף אַריבער פונעם רשות פון די עלטערן אין רשות פון דער געזעל־שאַפט. די הויפּט־אַרגומענטן: ראשית, נישט אַלע עלטערן זיינען פעאיק צו זיין דערציער, און נישט אַלע האָבן גענוג צייט צו באַשעפטיקן זיך מיט

דער דערציאונג פון זייערע קינדער; שנית, מען דארף באפרייען די פרוי פון איר פארקנעכטונג צו דער היים און געבן איר א מעגלעכקייט אנטייל־צונעמען אינם געזעלשאפטלעכן לעבן צוזאמען מיטן מאן.

די שטרעבונגען פון אָט דער דערציאונג איז — אנטוויקלען אין די קינדער, קודם כל, דאָס געזעלשאפטלעכקייט און פון איר ארויס — די אינדיווידואַליטעט. דאָס מיינט בעצם, ווידער יענע שטרעבונג — אריינ־ברענגען, אין משפחה־לעבן, קודם כל, דעם געזעלשאפטלעכקייטס־גייסט אַנשטאָט אריינצוברענגען דעם משפחהדיקייט־גייסט אינם געזעלשאפטלעכן לעבן.

אויב אָבער מיר וועלן זיך צוקוקן נענטער, וועלן מיר לייכט זען, אז עס איז נישט אזוי פשוט. אויב די מערהייט עלטרן קענען נישט דערציען זייערע קינדער, אזוי ווי זיי קענען נישט זיך אליין דערציען, — דאן דארף דאָך זיין די פאָדערונג, נישט אז די דערציאונג זאָל ארויס פון די הענט פון די עלטערן און אריבער צו דער געזעלשאפט, נאָר להיפך: אז פון איצט אָן דארף עס זיין די פליכט פון יעדן יונגן בחור און מיידל צו לערנען א פרק אין הלכות קינדער־דערציאונג, אזוי ווי עס איז זייער פליכט אויסצולערנען זיך צו דערציען זיך אליין.

אויב מען זאָל זיך באציען צום לעבן מיט דער גאנצער נויטיקער ערנסטקייט, וועט קענען אָפּשאצן דעם וועזנטלעכן אנטייל פון די עלטערן — און באזונדערס פון דער מוטער — אין דער דערציאונג פון זייער קינד? און דעם אַנטייל פון קינד אין דער זעלבסטדערציאונג און קעגנזייטיקער דערציאונג פון זיינע עלטערן? צי קען מען טאקע דאָס אַלץ פארבייטן מיט א געזעלשאפטלעכער דערציונג? אָדער צי איז טאקי וויכ־טיקער די באטייליקונג פון דער פרוי אינם געזעלשאפטלעכן לעבן ווי איר ארבעט אין דער דערציאונג פון איר קינד, און ווי די ארבעט פון די עלטערן אויפן געביט פון זייער זעלבסטדערציאונג?

איך ענטפער נישט אויף די פראגעס. איך וויל נאָר אָנווייזן, אז די זאך איז גאָרנישט אזוי פשוט, אז עס איז דאָ פאראן אן אָרט פאר געדאנק און דענקען, אז עס איז דאָ פאראן אן אָרט פאר א גרינטלעכער גייסט־ארבעט פון די עלטערן.

*

דער מושב, ווי די קבוצה און ווי אלע אנדערע לעבנס־פאָרמען, איז איז נישט מער ווי איין פונקט, ווי איין ציגל אינם בנין פון נייעם ישוב.

אויב די באציאונגען צווישן מושב און מושב, צווישן קבוצה און קבוצה א.אז.וו. א.אז.וו. וועלן זיך נישט שטיצן אויף די יסודות, אויף

װעלכע עס שטיצט זיך דאָס לעבן אין מושב אָדער אין דער קבוצה, װעלן מיר אַ סך נישט באַנייען אָדער מיר װעלן בכלל נישט באַנייט װערן. נאָכ־מער: אויב די באַציאונגען פון מושב צום איבעריקן ישוב און די פון דער איבעריקער װעלט װעלן זיך נישט שטיצן אויף יענע יסודות, װעט נישט דערגרייכט װערן אַ סך, אָדער עס װעט גאָרנישט נישט דערגרייכט װערן. אויב עס װעט נישט זיין אין מושב אַ קערנדל פון גוטער השפעה אויף זיין סביבה, דאַן װעט די סביבה אויסאיבן אַ שלעכטע השפעה אויפן מושב. בכלל, אין אַלע זיינע פאַרבינדונגען און באַציאונגען מיט דער דרויסנדיקער װעלט, דאַרף דער מושב שטרעבן נישט נאָר צו זיין אייגענער טובה, נאָר אויך צו דער טובה פון די אַנדערע װאָס ער שטייט מיט זיי אין פאַרבינדונג.

בעצם װאָלט דאָך טאַקע דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן געדאַרפט זיך שטיצן אויף מענטשלעכע יסודות, אַזוי פאַרפּליכטעט דאָך די נאַטור: אויב איך שטרעב צו קולטיװירן פאַר דיר אַ גוטן װייץ, און דו מאַכסט פאַר מיר אַ גוטע מאַשין, און אונזער כוונה איז נישט אָפּנאַרן איינער דעם אַנדערן, איז דאָך עס באמת פאַר אונזער ביידנס טובה. און אויב דערװייל איז עס נישט אַזוי, דאַרף דער מושב זיך נישט לאָזן אָפּנאַרן, אָבער ער אַליין, פון זיין זייט, דאַרף אָנװענדן לגבי די אַנדערע דיזעלבע מאָסן, װאָס ער װענדעט אָן ביי זיך.

שפּאַצירן אויף די כבישים

שבת האָב איך אַנטיילגענומען אין אַ שפּאַציר אין די בערג, צוזאַמען מיט די שומרים* און מיט אַ טייל חברים פון דער „מחנה".

דערדאָזיקער שפּאַציר האָט אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעװענדעט מיין אויפמערקזאַמקייט פון דעם װאָס איך האָב טאַקע אַזוי געװאָלט עס אָפּ־װענדן, און האָט מיך באַהויכט מיט אַ נייעם גייסט. בכלל רוט אויף אָט די בערג אַ מין לויטערנדיקער גייסט. די טיפע טאָלן, די קוסטעס און פעלזן װאָס אויף די באַרג־רוקנס, װאָס זיינען געגליכן צו טיפע, מעכטיקע פּנים־שטריכן פון אַ ריז װאָס איז זיכער אין זיין כוח און גבורה, און אויך אין זיין גדלות און װילדער פּראַכט, — די צװיי איבער דיין קאָפּ אויסגעשטרעקטע פעלזן, — אָט דאָס גאַנצע ברייטע בילד, װאָס איז אַזוי דערהויבן מיט זיין װילדער בילדערישקייט; מיט זיין װוּנדערבאַרער איינזאַמקייט; מיט

* חברים פון „השומר הצעיר".

זיין איינגעהאַלטענעם שווייגן אינם סאַמע געהיימניש פֿון דער וועלט; מיט זיין קאָנצענטרירטער אַלטערטימלעכקייט, — איז פֿאַר דיר אַן אויסדרוק פֿון עפּעס, וואָס מען קען עס נישט תּופֿס זיין, אָבער וואָס דו דאַרפֿסט עס נישט תּופֿס זיין, ווייל עס דרינגט דיר אַריין אין די טיפֿענישן, אין סאַמע תּוך פֿון דיין נשמה, אַן אַ מעלדונג און אַ דערלויבניש, לעבט זיך דאָרט זיין פֿולן און פֿרייען לעבן און שיקט פֿון דאָרט געהיימניספֿולע טעלעגראַמעס צום געפֿיל און צום געדאַנק, צו דיין גאַנצן וועזן.

מיר זיינען אַרויף מיט אַ לאַנגן, פֿאַרדרייטן וועג, פֿאַרביי טיפֿע און פֿלאַכע טאָלן באַדעקט מיט זאַנגען און גראָז, פֿאַרביי איילבירטן־וועלדלעך. אַ לאַנגע־לאַנגע ריי פֿון יונגע בחורים און מיידלעך, אַלע ביי אין אָט דעם אָרט, די מערהייט פֿון זיי פֿול מיט שׂמחה און פֿרייד און לעבן — אַ שיינער לעבעדיקער קראַנץ קרעלן אויפֿן האַלדז פֿונם אַלטערטימלעכן שווייגנדיקן ריז. מיר זיינען אָנגעקומען צום דאָרף אוסופֿיה. דאָרט, ביים דאָרף, אויף אַ מיט גראָז באַדעקטער לאָנקע, האָבן מיר זיך צוגעזעצט און איבערגעביסן. די יונגע חבֿרה האָט געזונגען און אַ ביסל געשטיפֿט.

מיר האָבן זיך אומגעקערט מיט אַן אַנדער וועג, ריכטיקער, אַן אַ וועג, אין דער ריכטונג צום „גדוד״. מיט אַ ריי עטוואָס רואינירטע טעראַסן זיינען מיר אַראָפּגעגאַנגען אין אַ נישט־טיפֿן טאָל. מיר זיינען אַראָפּ — מיט שפּרונגען, מיט איבערהיפּן — און אויך, נאַטירלעך, נישט אַן זיך אויס־גליטשענדיק און אומפֿאַלענדיק. עס איז געווען אַ שווערער אַרונטערגאַנג, אָבער אַ ליבער און שפּאַספֿולער. פֿונדאָרט זיינען מיר ווידער אַרויף, פֿון דער צווייטער זייט טאָל, אויף עפּעס אַ טעראַסע, וואָס עס איז געווען אין איר אַ מין וועג. דאָרט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט ביז עס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַלע חבֿרים. דערווייל האָט מען אָנגעהויבן זינגען. עס זיינען געקומען די איבעריקע חבֿרים, געזונגען, זיך דערמוטיקט, און פֿונם זינגען אַריבער צום טאַנצן. דאָס אָרט איז געווען זייער שמאָל, און אויך נישט באַזונדערס גלאַט און גלייך, — פֿון איין זייט דער באַרג און פֿון דער צווייטער זייט דער טאָל. אָבער אַזאַ מצווה טאָר מען נישט פֿאַרזוימען. האָט מען זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער ריי און אַזוי געטאַנצט: געזונגען און געטאַנצט, געזונגען און געטאַנצט, און כ׳וועל נישט מאַכן קיין טעות אויב איך וועל זאָגן, אַז אין אָט דעם טאַנץ איז געווען מער טעם ווי אין די שענסטע טענץ אין די „העכסטע״ סאַלאָנען, מיט דער גאַנצער סאַלאָן־באַקוועמלעכקייט און פּראַכט און דעקאָראַציע זייערער.

מיר זיינען אַוועק. איך בין געגאַנגען אַ פּאָר טריט פֿאָרויס, פֿאַרטון און פֿאַרשלונגען, ווי ס׳שיינט, אין די דעמערונגען פֿונעם זיין, אין וועלט־באַטראַכטונגען, אין יענעם אורשטאָף וואָס פֿון אים וועבן זיך די געפֿילן

און געדאַנקען. כ׳האָב מיך אַ ווענד געטון הינטער זיך, כ׳האָב כלל נישט באמערקט ווי דאָס איז געשען — אלע האָבן זיך אויסגעזעצט רייענווייז אויפן באַרג־רוקן צום פאָטאָגראַפירן זיך. ווי א גרויסער זייל פון א לעבע־דיקער מאָזאַיק אָנגעשפּאַרט אויפן באַרג־רוקן. דאָס בילד איז געווען אזוי לעבעדיק און ליב, אז עס האָט ביי מיר כמעט ווי פארטושט דעם געפיל פון אינסטינקטיווער קעגנערשאַפט צום פאָטאָגראַפירן זיך, און איך בין כמעט געווען גרייט צו פאָטאָגראַפירן זיך מיט זיי; און פון דער צווייטער זייט, איז מיר ווי א שאָד געווען, אז אזא בילד ווערט נישט איינגעקריצט אין לעבעדיקן זכרון אין די הערצער, נאָר ווערט איבערגעגעבן צום פאָטאָגראַ־פיר־אַפּאַראַט, ווערנדיק פריער אליין קינסטלעך, ווייל דער פאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַט כאַפּט דאָך נישט אויף דאָס לעבעדיקע בילד אינם סאַמע לעבנס־שטראָם וואָס אין אים, נאָר בלויז יענעם מאָמענט, ווען דער פאָטאָגראַ־פירטער ווערט ווי פאַפּרוירן און פאַרגליווערט אין א געוויסן צושטאנד, וואָס אנטשפּרעכט דער פאָטאָגראַפיר־טעטיקייט.

און ווידער זיינען מיר געגאַנגען אין א לאַנגער לעבעדיקער ריי אין א טאָל, צווישן שווייגענדיקע בערג און פעלזן — — — אָוונט־צו זיינען מיר אָנגעקומען אין „גדוד”.

אין אָוונט, נאָכן אָוונט־ברויט, איז פאָרגעקומען א חברים־שמועס. דער שמועס איז פאָרגעקומען אין דרויסן. אינמיטן — א שייטערהויפן; אַרום, אין קרייז — יונגע בחורים און מיידלעך, און ארום זיי, אין א גרעסערן קרייז, — בערג, קוסטעס און פעלזן, געצעלטן און פעלדער, און איבער אלעם — דער הימל וואָס קוקט ארויס פונם גרעסטן קרייז, פונם אומענד־לעכקייטס־קרייז. דאָס אלץ — אין נאכט־שטילקייט,ביים שיין פון שייטער־הויפן וואָס שטרייכט אונטער די ארומיקע פינסטערניש; ביי די פיבערן פון לעבן וואָס זיינען אריינגעטון אינעם וועבן דעם טרוים פונם צוקונפטס־לעבן, — אזוי ווי זיי וואָלטן אויסגעדריקט עפּעס באזונדערעס וואָס קען נישט אנטפּלעקט ווערן ביים טאָג־שיין, ביים וואָכעדיקן לעבנס־גערויש. עפּעס וואָס איז אזוי נאָענט, וואָס באַרירט, ציט מיט, כמעט ממשותדיק; אזוי ווי אויך זיי וואָלט געקומען אנטיילנעמען אינם שמועס, טרוימען מיט די טרוימער, שטרעבן מיט די שטרעבנדיקע, זוכן מיט די זוכנדיקע, וועבן מיט די וועבנדיקע.

ט. בריוו און לעצטע נאטיצן

צו נ. ב.

דער געדאנק וועגן ארויסגעבן א זאמלבוך געווידמעט דעם געדאנק פון וועגעטאריאניזם, איז געוויס א שיינער געדאנק. נאָר זיין שיינקייט איז אָפּהענגיק, זעלבסטפארשטענלעך, פונם גייסט און אינהאלט פון דעם זאמלבוך און אויך פונעם גייסט פון זיינע לעזער.

דיעניקע, וואָס דער וועגעטאריאניזם איז פאר זיי מער פון סתם נישט־עסן פלייש, נויטיקן זיך באשטימט אין אן אלזייטיקער און טיפער אויפקלערונג פון זיין פראָבלעמאטיק און אויך אין אן אויסטויש פון מיינונגען און געפילן צווישן די חברים. עס זיינען פאראן א סך פראגן, א סך קשיות, וועלכע נויטיקן זיך אין באהאנדלונג און אויפקלערונג. דער וועגעטאריאַניזם, אויב מען זאָל זיך באציען צו אים מיט דער געהעריקער ערנסטקייט, איז דאָך איינער פון די עיקרדיקע הויפּט־מאָמענטן אין דער פארווירקלעכונג פון אַ נייער באציונג צום לעבן און צו דער וועלט בפועל ממש, אָט יענע נייע באציונג, וואָס מיר שטרעבן צו איר דורך אונזער ארבעט, דורך דערנענטערונג צו דער נאטור און דורך דעם אלעמען וואָס מיר טוען פאַר דער באנייונג פון לעבן.

דער עיקר איז, דעריבער, די ערנסטע, לעבעדיקע באציאונג צו דעם וועגעטאריאניזם, לכל הפחות פון די וועגעטאריאנער אליין. דערווייל איז די געוויינלעכע באציאונג אפילו צווישן די וועגעטאריאנער אליין נישט ווי צו א זאך פון אבסאָלוטער פליכט, פון א גרינטלעך־מענטשלעכער פאָדערונג, נאָר ווי צו עפעס א גייסטיקן לוקסוס אָדער צו עפעס א חסידישער מידה; עס פילט זיך עפעס נישט־נאטירלעכעס און במילא — אויך עפעס קאָמישעס.

מען קען אפילו זאָגן פשוט: „איך בין א וועגעטאַריאַנער, איך עס נישט קיין פלייש", אזוי ווי א מענטש זאָגט, למשל: „איך עס נישט קיין ציבעלע און קנאָבל" א. דגל. און אָפּט דוכט זיך אויס, אזוי ווי עס וואָלט געווען דערין עפעס א קלאנג פון א פוסטער גאווה אָדער נישט־נאטירלעכקייט.

אזוי איז טאקע, בעצם, אין גרונט גענומען, די געוויינטלעכע באַציִאונג צו אַלעם וואָס איז פאַרבונדן מיט דער גרינטלעכער באַנייונג פון לעבן (צי איז אַנדערש, צום ביישפּיל, די געוויינלעכע באַציאונג צו דער אַרבעט?); נאָר דאָ, אויפן געביט פון וועגעטאַריאַניזם, איז עס בולטער, די נייע באַציאונג איז קלאָרער און אָפענער.

די באַציונג צום וועגעטאַריאַניזם מיינט טאַקע, בעצם, אין לעצטן סך הכל, באַציאונג צו די בעלי חיים, דער עכטעסטער, אָפנסטער און קלאָרסטער פּרוּוו־שטיין פון אַלע אונזערע באַציאונגען צום לעבן און צו דער וועלט אזוי ווי זיי זיינען, אָן שום באַפאַרבונג און באַפּוצונג. דאָס איז אַ לויטערע באַציאונג צו די בעלי חיים אָן וועלכן עס איז חשבון פון באַקומען באַצאָלונג, אָן וועלכע־עס־איז אָפענע אָדער פאַרבאָרגענע מאָטיוון פון נוצן, פון כבוד א. דגל. דאָס באַווייזט אונז, ווי אין אַ קלאָרן שפּיגל, מיט אַ כמעט פּאַסבאַרער קלאָרקייט, דעם ווערט פון צדק, אמת און אַלע העכערע מידות, וואָס מיר האָבן אזוי ליב צו זען זיך אַליין, כאילו מיר זיינען זיך מוסר נפש פאַר זיי. צדק, אמת א.אז.וו. א.אז.וו. — און דאָס שחטען בעלי חיים און עסן זייער פלייש! און באמת וואָס־פאַרא גרונט־אונטערשיד, וואָס־פאַרא קאָסמיש־מענטשלעכער אונטערשיד איז פאַראַן צווישן עסן פלייש פון אַ בהמה און פלייש פון אַ מענטש? דער אונטערשיד באַשטייט נאָר דערין, וואָס דער מענטשן־פרעסער פאַרבאָט זיך אַליין דאָס עסן מענטשן פון זיין שבט (די מענטשן פון זייער אייגענעם שבט עסן אויך מענטשן־פרעסער נישט), און דער וואָס עסט פלייש פון בהמות פאַרבאָט זיך אַליין דאָס עסן דעם פלייש פון זיין מין, אָבער נישט מער. עס איז מיר קלאָר, אַז אַ קלוגער מענטשן־פרעסער וואָלט געקענט מבטל און צונישט־מאַכן די טענות פון יעדן איינעם, וואָס וואָלט זיך באַמיט אויפווייזן אים זיין פאַרברעכערישע טאַט, מיט דערזעלבער לאָגיק און מיט דיזעלבע באַווייזן פון לעבן מיט וועלכע קלוגע פלייש־עסער באַנוצן זיך אויף מבטל צו מאַכן און אויסלאַכן דעם וועגעטאַריאַניזם.

אויף וויפל דער ביטול פון וועגעטאַריאַניזם אַנטהאַלט אַ טיפן געפיל פון צדק, וואָס דרינגט אַרויס פון אַ טיפן געפיל צום לעבן בכלל, דאָס באַווייזט באַזונדערס איינע פון די צומיינסט אָנגענומענע טענות ביי די פלייש־עסער, אַ טענה וואָס זיי האַלטן פאַר די צומיינסט אַנטשיידנדיקע. זיי זאָגן: אויך די געוויקסן לעבן דאָך; הייסט עס, אַז אויך די וועגעטאַריאַנער טויטן און עסן אַ זאַך וואָס אַנטהאַלט אין זיך לעבן, וואָס זיינען זיי אויבּ אזוי מתקן?

אָבער די וואָס טענהן אזוי פאַרגעסן, אָדער זעען נישט, צוויי קלייניקייטן. ראשית, מיר אַליין לויט אונזער קערפּער קענען אורטיילן, אַז דער

אופן ווי־אזוי עס פילט דער געוויקס — אויב ער האָט אַ געפיל — איז אנדערש פונעם אופן ווי־אזוי עס פילט דער לעבעדיקער: ער פילט נישט קיין ווייטאָג ווי דער לעבעדיקער. אויך אונזער קערפּער האָט געוויקסן: די האָר, וואָס ווען מיר שערן זיי פילן מיר נישט קיין שום ווייטאָג. שנית, מיר זעען, אז דער געוויקס אליין גרייט־צו פון זיך זעלבסט ארויס, פּראָדוקטן פאַרן געברויך פון די בעלי חיים: דעם זיסן זאַפט פאַר די ווערים, וואָס העלפן זיין באַפרוכפּערונג, און די פרוכטן פאַר די וואָס זיי עסן, אויך מיטן צוועק פון באַפרוכפּערונג. די פרוכטן זיינען דאָך אלע באשטימט דורכן געוויקס אליין נאָר צו דעם צוועק, אז די לעבעדיקע זאָלן זיי עסן, כדי זייערע קערנער זאָלן אזוי ארום ווי־עס־איז פאלן אויף פארשידענע ערטער פון דער ערד. יעדנפאַלס, כל זמן מיר באַציען זיך מיט אזא בהמישער אכזריות צו בעלי חיים וואָס מיר זעען, אז זיי לעבן און פילן ממש אזוי־ווי מיר, איז עס דאָך אַ ביסל פּריצייטיק צו פאָדערן, אז אונזער רחמנות־געפיל זאָל דערגיין ביז צום געוויקס, וואָס מיר זעען אז ער לעבט נישט און פילט נישט ממש ווי מיר.

אָט אזא טענה קעגן וועגעטאַריאניזם פּאַרמאָגט, ביים היינטיקן צושטאנד פון דער לעבעדיקער מענטשלעכער השגה, אַ טראָפּן פון לייכטזין, אויב נישט פשוט צביעות. אויב דער מענטש וועט ווען־עס־איז דערגיין צו אַ מדרגה פון אזא לעבעדיקער השגה, אז ער וועט זען און פילן ביים געוויקס דאָסזעלבע וואָס מיר זעען און פילן ביים בעל חי דאַן, — אויסערדעם וואָס עס וועלן נאָך בלייבן פאַרן געברויך די פרוכטן א. דגל. וואָס דער געוויקס אליין גיט דעם מענטש צום עסן, — דאַרף מען האָפן, אז ער וועט געפינען א וועג ווי־אזוי צו שפייזן זיך אין אַ גרויסער מאָס, אויב נישט פולשטענדיק, פון דער טויטער נאַטור.

און בכלל, וואָס פאַראַ צדק און אמת און מענטשלעך געפיל איז פאַראַן ביי מענטשן אין באַצוג אויף די בעלי חיים? איך דאַרף נישט זוכן קיין ווייטע באַווייזן, גענוג זיך ארומקוקן נאָענט. ווער פון אונז, אפילו וועגעטאַריאַנער, וועט נישט שמייכלען אביסל, ווען דו וועסט אים אויפמערקזאַם מאַכן, אז אָט זיצט ער זיך אין שטוב אָדער אין שאָטן, עסט און טרינקט און שמועסט זיך סתם שעהן־לאנג, בעת זיין רייט אָדער ארבעטספי שטייט צוגעבונדן אָדער איינגעשפּאַנט אויף דער ברענענדיקער זון אָדער אויפן רעגן אָדער אין קעלט און דער אייזערנער צוים אין זיין מויל? אָדער ווען דו וועסט אים באַווייזן, מיט וואָס־פאַראַ אכזריות ער רויבט אוועק ביי די בינען זייער האָניק, וואָס זיי האָבן אזויפיל געהאָרעוועט אויף אים? אָדער זאָל אריינגיין אַ מענטש־מיט־געפיל אין שטאַל אריין אינמיטן נאכט, נאָך אַן ארבעטס־טאָג, וואָס אויך דאַן האָבן נישט די בהמות קיין באַוועגונגס־

פרייהייט, קיין שום נאַטירלעכע, פרייע, לעבעדיקע רו, און זיך צוהערן צו זייערע קרעכצן, — אפשר די טיפסטע קרעכצן פון די בהמות, — און זיך צוקוקן צו זייער פּנים, בליק, פאַרצווייפלטע באַוועגונגען אויך אויף אַ בהמישן אופן, — דאַן וועט ער אפשר קענען אורטיילן. און דאָס זיינען דאָך נישט מער ווי אייניקע קליינע און באַלערנדיקע ביישפּילן, אַז עס זיינען פאַראַן אַ סאַך מער און גרעסערע אכזריותדיקע מעשים. און ווער לייגט אַכט אויף דעם? ווער וועט נישט שמייכלען מיט איבעריקער פּקחות, ווען מען וועט אים אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם?

וואָס אַזוינס איז עס אַט די באַציונג צו בעלי חיים? איז עס נישט קיין פאַרטעמפּטקייט פון הארץ? איז עס נישט קיין מאַנגל אין לעבעדיקער פעאיקייט זיך איינצולעבן אין דער נשמה פונם לעבעדיקן?

קורץ: אויב מיר זאָלן זיך באַציען מיט דער געוויינטלעכער, אויבן־אָנגעצייכנטער באַציונג צום וועגעטאַריאַניזם, דאַן צווייפל איך, צי עס איז כדאי אָנצוהויבן אַרויסגעבן דעם צווייטן זאַמלבוך. איך האָב אַ חשש, אַז אַזוי אַרום וועט פונם צווייטן זאַמלבוך זיך טראָגן — מער אָדער ווייניקער — יענער גייסט, וואָס טראָגט זיך פון געוויסע צער־בעלי־חיים געזעלשאַפטן, וואָס די מערהייט מיטגלידער זייערע זיינען צעפּיעשטעטע דאַמען, וועלכע ווייסן נישט וואָס צו טון מיט זייער פרייער צייט; וואָס דער געיאָמער פון אַ פאַרווונדעטער קאַץ אָדער הונט ברענגט זיי צום חלשן, אָבער אַט די־דאָזיקע איבערגעטריבענע פילבאַרקייט שטערט זיי נישט צו עסן פלייש פון אַ געשחטנעם אָדער געהרגעטן בעל חי, אָדער צוזען דאָס בילד פון אַרויסטראָגן אַ טויט־אורטייל אויף אַ מענטש, אָדער פון אַרעסטירן אַן אָרימען בעל עגלה, דעם איינציקן שפּייזער פון אַ בידנער משפּחה, דערפאַר וואָס ער שלאָגט זיינע אַזוי ווי ער בידנע בהמה.

אָבער די ריכטיקע באַציונג איז גאָר כדאי אויפצוקלערן פאַר דיעניקע וואָס שטרעבן צו אַזאַ באַציונג. און אויב דערצו שטרעבן טאַקע די איניציאַטאָרן פון דעם זאַמלבוך — און מען דאַרף אָננעמען, אַז אַזוי איז עס — און אויב עס איז פאַראַן אַ קרייז לעזער וואָס דאָס איז פאַר זיי אַ לעבנס־באַדערפניש, — דאַן איז נישט פאַראַן קיין מער נוצלעכע זאַך ווי דאָס אַרויסגעבן אַזאַ זאַמלבוך; עס איז פאַראַן זייער פיל וואָס נויטיקט זיך אין אויפקלערונג, און די אויפקלערונג קען וואַרפן אַ ניי ליכט אויפן לעבן וואָס מיר שטרעבן צו אים.

בכלל איז אונז שווער איצט, ווען עס הערשן האַנדלס־באַציונגען צווישן מענטשן, באַציונגען וואָס שטיצן זיך אויפן פּריוואַטן — פּערזענלעכן, נאַציאָנאַלן, קלאַסן און געשלעכט־חשבון, — און נישט אויפן אַלגעמיינעם, מענטשלעך־קאָסמישן — אויסצומעסטן די גאַנצע טיפקייט פון דער באַ־

ניידונג וואָס שטעקט אין דער נייער באַציונג צו די בעלי חיים; אָבער אָט די טיפקייט דאַרף מען נעמען אין אַכט דאָרט, ווו מען האַלט ביים אויפֿ־קלערן די נייע געוווּנשענע באַציונג. דאָס איז עס וואָס דאַרף בעיקר שטיין פֿאַר די אויגן ביים רעדאַגירן דעם זאַמלבוך.

תרפ"א.

צו דגניה,

— — — איך האָב נישט געזאָגט, אַז די קבוצה נויטיקט זיך אין בעסערע מענטשן ווי דער מושב. איך האָב געזאָגט, אַז אין דער אָדער אַנדערער פֿאָרם זיינען די מענטשן דער עיקר — און נישט די פֿאָרם. און וואָס מער מען שטיצט זיך אויף דער פֿאָרם, אַלץ וויניקער לייגט מען אַכט אויף דער מענטשלעכער זייט. איך, נישט נאָר וואָס איך פֿאָדער נישט פֿאַר דער קבוצה קיין אויסדערוויילטע יחידי סגולה, נאָר להיפך, איך וואָלט ווען, אַז אין דער קבוצה זאָל אַריינטרעטן כל מיני מענטשן פֿון גאַס און זיי זאָלן דאָרט אויסוואַקסן אויפֿריכטיקע, חשובע מענטשן. און דאָס איז מעגלעך. דאָס וועזנטלעכע אינם געדאַנק פֿון דער קבוצה איז דאָך — איינ־אָרדנען דאָס קאָלעקטיווע לעבן מיטן כוח פֿון געמיינזאַמען געדאַנק, שטרעבן, גייסט און אַרבעט אַזוי, אַז די חברים זאָלן זיך שטיצן איינער אויפֿן צווייטן און באַווירקן איינער דעם צווייטן מיט זייערע פּאָזיטיווע זייטן. וואָלט עס אַזוי געווען, וואָלט מען טאַקי געקענט זען דערין דעם כוח פֿון דער קבוצה. דאַן וואָלטן די מענטשן געוואַקסן פֿון זיך אַליין און פֿון דעם כוח פֿון זייערע חברים. איין זאַך איז זיכער: דער כוח פֿונם פּאָזיטיוון אינעם מענטש, איז נישט קלענער פֿונם כוח פֿון נעגאַטיוון.

אין סך הכל: אויב איר שטרעבט צו דער קבוצה, אָדער צו אַן אַנדער פֿאָרם, דאַרפֿט איר נישט זען זי, ווי אַ מין פּאַס, וואָס איר ווערט אַריינגעלייגט אין איר, איינער אויפֿן צווייטן, ווי הערינג, און דערמיט זייט איר גוט איינגעאָרדנט. מענטשן זיינען נישט קיין הערינג, און מען קען זיי נישט איינאָרדנען אין אַ סטאַבילער פּאַס. אינם מענטשן איז פֿאַראַן באַוועגונג און לעבן און אַ גאַנצע וועלט. לייגט אַריין אין דער פֿאָרם דאָס לעבן און די וועלט, ריכטיקער געזאָגט, צעעפֿנט די פֿאָרם צו אַלע ספֿערעס פֿון לעבן און צו אַלע וועלטן, און דאַן וועט די פֿאָרם, ווי דאָס לעבן און די וועלט, האָבן אַ קיום.

די קבוצה, למשל, קען און דאַרף ווירקן פֿון צוויי זייטן. פֿון איין זייט, אַרבעט און נאַטור. דער מענטש דאַרף זיך באַנייען דורך דער אַרבעט און

דער נאַטור און זיך מיט זיי פאַרבינדן, מיט אַט דער ארבעט און דער נאַטור וואָס ער ארבעט אין זיי, וואָס ער באַנייט זיי, וואָס ער לעבט אין זיי. און פון דער צווייטער זייט — די משפחה׳דיקייט אין דער קבוצה. די קבוצה דאַרף ווירקן ווי א משפחה אין איר דערהויבנסטן היגזיכט, זי דאַרף דערציען אירע חברים מיטן כוח פון זייער קעגנזייטיקער פּאָזיטיווער השפעה, ווי עס ווערט פריער דערקלערט. דאָס וואָלט פאַרפליכטעט, קודם כל, די סטאַביל־קייט. עס איז דאָך נאַטירלעך, און אַזוי דאַרף עס זיין, אַז ווען עס גרינדעט זיך א קבוצה, זאָלן זיך אין איר צוזאַמענשליסן ווי־ווייט מעגלעך גייסטיק נאָענטע מענטשן; אָבער נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך פאַרייניקט און צוזאַ־מענגעשלאָסן — זיינען זיי שוין א משפחה, אַזוי ווי עס וואָלט שוין אויף זיי חל געווען די הייליקייט פון דער הייראַט. און אפילו ווען עס ווייזט זיך שפּעטער אַרויס, אַז עפּעס א חבר אָדער א חברה זיינען נישט אַזוי געוווּנשן, דאַרף מען זיי נישט דערווייטערן פון דער משפחה; ווייל די קבוצה דאַרף ווירקן אויף זיי צום־גוטן — ווירקן נישט מיט ווערטער און כוונות, נאָר דורך איר עצם עקזיסטענץ, אַזוי ווי עס ווירקט די נאַטור. און אויך יעדער איינציקער חבר דאַרף פילן זיין משפחה׳דיקע פאַרבונדנקייט מיט דער קבוצה, זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר איר א. אז. וו.

צפת, תרפ״א.

צו דגניה.

— — — איך וועל אָנהויבן מיט די רייד פון י., ווייל זי רעדט וועגן דער שענקייט און וועגן דער ברכה פון דער ארבעט, וואָס זי הויבט אָן צו פילן באַזונדערס איצט, און וועגן דער האַרמאָניע צווישן די ארבעטער וואָס באַשיינט יעדע שווערע ארבעט. עס איז נישט שווער מסכים זיין מיט איר דערין, הגם עס איז נויטיק גאָר א סאַך פּאָרזיכטיקייט ווען מען רעדט וועגן דעם.

די שענקייט און די ברכה פון דער ארבעט און די האַרמאָניע צווישן די ארבעטער זיינען זייער צאַרטע בלומען, וואָס ליידן פון יעטוועדער איבע־ריקער באַרירונג, וואָס נישט תמיד אנטשפּרעכט זיי דער לבוש פון ווערטער און נישט תמיד בלייבן זיי גאַנץ און לעבעדיק אין אַט דעם לבוש. זיי האָבן מורא פאַר דער וואָכעדיקייט פונעם לעבן, פאַר א שלעכט אויג, פינקטלע־כער — פאַר אַ שלעכט אויער, פאַר דער וואָכעדיקייט אין די נשמות. אָבער דאָס פּסלט זיי נישט און פאַרמינערט לחלוטין נישט זייער כוח, דאָרט ווו זיי זיינען פאַראַן; זייער כוח איז גרעסער פונם כוח פון דער וואָכעדיקייט, ווייל זיי זיינען דאָס לעבן אליין. דאָס וואָס עס איז נויטיק, איז בעצם,

א געוואוגנדער לעבנס־כוח. אָבער דאָס איז עס וואָס עס פעלט; מיר זיינען נישט געגוג לעבעדיק, איבעריבער זיינען מיר אזוי „קלוג״, אז אָד־און־ווי צו אַזאַ קלוגשאַפט!

לאָמיר זיך באַמיען לעבן, לעבן אויף אַזויפיל, אז די שענקייט און די ברכה פון דער אַרבעט און די האַרמאָניע צווישן די אַרבעטער זאָלן ווערן פאַר אונז א זאַך פון לעבן, וואָס אויך אונזערע רייד וועגן זיי זאָלן זיין — לעבן.

צפת, תרפ״א.

צו דגניה.

איך שרייב אייך דאָסמאָל, ווי איר זעט, פון שפּיטאָל.

עס איז א שפּיטאָל־שטימונג. און דאָך הערשט דאָ נישט קיין שטימונג פון טרויער, באַזונדערס נישט אין אָט דעם שיינעם הויז. עס קומט זיי א דאַנק די וואָס האָבן געבויט דאָס הויז, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען עס באַהויכן מיט אַזאַ פריידיק־דערקוויקנדער שטימונג! ווי גוט איז עס פאַר די קראַנקע און ווי נויטיק! דאָס איז א שטימונג פון א רוהיק־שטילן טרויער, אַזוי רוהיק־שטיל, אַזוי לויטער־ריין, ווי אַן אויסטון־זיך פון אַלע קליינלעכע ענינים און חשבונות פון לעבן, וואָס פאַרשיכּורן מיט זייער היציקייט, און זייער יאָגעניש נאָכן כלומרשטן, נאָכן כלומרשטן רייכטום, גוטס, שענקייט. דאָ איז עס דאָך סוף סוף אַזוי־ווי דער מענטש וואָלט געשטאַנען אויג־אויף־אויג קעגנאיבער דעם אוממיטלבאַרן לעבן און טויט, דאָס הייסט, דעם לעבן אַזוי־ווי עס איז אין סאַמע תוך, דעם לעבן פון דער אוניווערסאַלער נאַטור, דעם לעבן אָן איינשרענקענדיקע גרעניצן, אָן מטושטשדיקע לבושים, אָן דער אומרייניקייט פון דער פאַרוועלקונג. ווי נאָענט איז דער נשמה די גאַנצע וועלט און אַלץ וואָס אין איר, און ווי נאָענט איז דער מענטש, דער מענטש אָן פּירושים, דער מענטש, וואָס אויך היינט איז עס נישט קיין חרפה צו רופן אים צלם אלוהים! און וואָס־פאַראַ ים פון רחמים פאַרפלייצט די נשמה, אומבאַגרענעצט רחמנות צו אָט דעם וווּנדערלעכן און נעבעכדיקן באַשעפעניש — צום מענטש, וואָס קען נישט געפינען זיך אליין. צלם אלוהים — און אַזוי נעבעכדיק.

און אָט אין אזא שטימונג — א שטים פון דגניה.

— — — אין פלוג האָט דאָך דער לעצטער רעזולטאַט געדאַרפט אויפמאַכן די אויגן צום זען, אז נישט די קבוצה און נישט קיין שום אַנדער פאָרם קען דערפילן דאָס וואָס עס דאַרף דערפילן דער מענטש. אז דער יסוד פאַר אַלע באַציונגען צווישן מענטשן איז דאָך סוף סוף די באַציונג

פון מענטש צו זיך אליין, צום לעבן און צו דער וועלט אזוי ווי ער לעבט זיי. זאָל אָט די באַציונג זיין ברייטער און טיפער, מער מענטשלעך־קאָס־מישער — דאַן וועלן אויך אלע זיינע באַציונגען צו די מענטשן זיין מענטש־לעכערע. אַ קאָלעקטיווע לעבנס־פאָרם איז געווונשן און נוצלעך פאַרן מענטש, כדי אויסצוברייטערן און פאַרטיפן אָט די באַציונג דאָרט ווו זי איז פאַראַן, און דער עיקר דאָרט, ווו עס הערשט דער באַוווּסט־זיין, אז אין אָט דער ריכטונג דאַרף טאַקע גיין די שטרעבונג און אָנשטרענגונג. צי קען אָבער די קבוצה, אָדער יעדע אנדערע פאָרם, שאַפן אַזאַ באַציונג דאָרט ווו עס פעלט דער באַוווּסטזיין פון דער באַדערפניש אין איר; נאָכמער — דאָרט, ווו עס איז כמעט נישט פאַראַן דער באַוווּסטזיין, אז עס איז נויטיק אַזאַ באַציונג?

די קבוצה — אזוי ווי יעדע פאָרם וואָס איז אויסן צו באַנייען דאָס לעבן — פאַרפליכטעט, לייגט אַרויף אחריות, און קודם כל — די פליכט פון שטענדיקער, אומאויפהערלעכער וואַכזאַמקייט. דער חבר דאַרף תמיד זיין וואַכזאַם און זאָרגן אָן־אויפהער פאַר דער אויסבעסערונג פון דער אַלגעמיינער קבוצה־ווירטשאַפט; אָבער נאָכמער דאַרף ער תמיד זיין וואַכ־זאַם און זאָרגן אָן־אויפהער פאַר דער אויסבעסערונג פון זיין פּערזענלעכער, מענטשלעכער ווירטשאַפט. אָט דאָס פאַרגעסט מען, דאָס איז די הויפּט־שוועריקייט. די־דאָזיקע פּריוואַטע, מענטשלעכע ווירטשאַפט, אויסער דעם וואָס זי איז אַן אַ שיעור ברייטער, אומפאַסנדער, ווייל זי נעמט אַרום אַ עולם ומלואו, איז זי אויך צעטיילט אויף פּרטים און פּרטי פּרטים. דאָס לעבן איז צוזאַמענגעזעצט פון מינוטן, דערשיינונגען קליינע און קליינלעכע מעשים. און דקוא פון אָט די קליינינקייטן, קליין אין זייער מאָמענטאַלקייט און ווערט, באַשטייען טאַקע אלע באַציונגען צווישן מענטשן. „זיי אָפּגעהיט אין אַ קליינער ווי אין אַ גרויסער מצווה", — האָבן געזאָגט אונזערע חכמים, אָבער נאָכמער זאָגט דאָס לעבן: „זיי גרויס אין די קליינינקייטן ווי אין די גרויסע זאַכן". אָבער ווער הערט זיך־צו צו די און אַנדערע רייד פון לעבן? אָדער צי איז דען טאַקע אַלץ אָפּהענגיק נאָר פון צוהערן זיך?

יום כפור

איך פרעג מיך אליין און איך טראַכט, צי דאַרף מען נאָך עמיצן פרעגן: וואָס־אַזוינס איז פאַר אונז יום כפור, פאַר אונז וועלכע היטן נישט די געבאָטן פון דער רעליגיע?

דאָס פאָלק האָט געהאַט אַ באַזונדערן טאָג פון חשבון הנפש מיט

זיך אַליין אַלס פֿאָלק און מיט זײַנע קינדער, אַלס קינדער פֿון פֿאָלק, אַ טאָג פֿאַר אַ דורכזויכיקן ווידמען זיך צו די העכערע פֿאָדערונגען פֿונם מענטש־לעכן גײַסט. עס האָבן דאַן אויפֿגעהערט די פּריוואַטע ענינים און חשבונות (די תּפֿילות אָדער תּחינות וועגן פּרנסה זײַנען יום כּפּור און ראש השנה גאַנץ קנאַפּ) — און אויפֿן טאָג־אָרדנונג זײַנען אויפֿגעקומען די גרויסע ענינים און חשבונות: די נאַציאָנאַלע, מענטשלעכע, קאָסמישע. עס איז געפֿאַלן די מחיצה צווישן די יחידים און די באַגרעניצטקייט פֿון יעדן איינעם פֿון זיי אין זײַן פּערזענלעך־פּריוואַטער וועלט — אַלע יחידים פֿילן זיך ווי גלידער פֿון איין העכערן קערפּער, פֿון איין פֿאָלק, אַלס פּערזענ־לעכקייטן־קעמערלעך פֿון איין העכערער פּערזענלעכקייט, וואָס קומט מאַכן דעם חשבון מיט זיך אַליין, מיט איר לעבן און וועלט.

די פּריוואַטע פּערזענלעכקייטן, די יחידים, זײַנען געוואַקסן און זיך דערהויבן מיטן וווּקס פֿון דער העכערער פּערזענלעכקייט, אַזוי ווי די העכערע פּערזענלעכקייט איז געוואַקסן און זיך דערהויבן מיטן וווּקס פֿון די יחידים. און דאָס איז דער עיקר. דער יחיד אַלס יחיד קען מאַכן זײַן חשבון מיט זיך יעדן טאָג, אָדער אין דעם טאָג וואָס ער האַלט פֿאַר ריכטיק. דאָ — אַזוי ווי אין יעדן נאַציאָנאַלן ווערק, באַזונדערס אין יעדער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער אַרבעט — איז וויכטיק די מעכטיקייט, מיט וועלכער די פּרי־וואַטע פּערזענלעכקייט ווערט דורכגעדרונגען דורכן צוזאַמענגיסן־זיך פֿון די כּוחות; די ליכטיקייט וואָס גיסט זיך אויף איר אויס פֿונעם לעבנס־שפּע פֿון דער העכערער פּערזענלעכקייט; דאָ איז וויכטיק דער איידל־צאַרטער טאָן וואָס באַהויכט די פּערזענלעכע שטים דורך איר צוזאַמענגיסונג מיט דעם ים שטימען פֿון דעם העכערן, מענטשלעך־קאָסמישן כאָר.

איך פֿרעג מיך נישט וועגן דער אָפּשטאַמונג פֿון יום כּפּור, וועגן זײַן אַמאָליקער פֿאָרם. איך פֿרעג נישט, צי אויך הײַנט און אין די אונדז נאָענטע דורות האָט די מערהייט פֿון פֿאָלק טאַקע אַזוי פֿאַרשטאַנען דעם יום כּפּור. איך האָב פֿאַר מיר — אַ פֿאַקט און אַ מעגלעכקייט.

אַ פֿאַקט איז, אַז במשך פֿון אַ סך דורות איז געווען אַ טאָג, וואָס דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט עס געווידמעט פֿאַר תּשובה, תּפֿילה און אינערלעכן חשבון־הנפֿש. און עס איז באַשטאַנען די מעגלעכקייט, אַז אַלע מענטשן־מיט־ געפֿיל פֿון פֿאָלק זאָלן קענען מאַכן זייער חשבון, דעם העכערן חשבון. און איך פֿרעג: וואָס באַדײַט אַט דער טאָג פֿאַר אונדז, פֿאַר די וועלכע היטן נישט אָפּ די געבאָטן פֿון דער רעליגיע?

איך פֿרעג: איז טאַקי דער טאָג פֿאַר אונדז נישט מער ווי אַ זאַך פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, אַן איבערבלײַב פֿון אַמאָליקע צײַטן? צי נויטיקן מיר זיך טאַקי נישט אין אַזאַ טאָג, און דווקא אין אַ נאַציאָנאַלער פֿאָרם? און

אויב דער טאָג וועט אויפהערן זיין וואָס ער איז און וועט ווידער ווערן אַן איינפאַכער טאָג ווי אַלע טעג, — צי וועט עס נישט זיין אַ גרויסער נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער פאַרלוסט, אַ ירידה וואָס נאָך איר וועט נישט קומען קיין עליה פאַרן יידישן פאָלק און פאַר אונז אַלע, די קינדער פון יידישן פאָלק?

מיר האָבן באַקומען וואָס די עלטערן אונזערע האָבן אונז איבער־געגעבן, מיר האָבן געגלויבט אין דעם, זיך מוסר נפש געווען פאַר דעם, כל זמן מיר זיינען געווען פאַרשפּאַרט אין די מויערן, צעריסן און דער־ווייטערט פון דער וועלט מיט איר אָפּגרונט־טיפן וועזן, פונעם מענטש מיט זיין ברייט, טיף און רייך לעבן. און ווען עס זיינע געפאַלן די מויערן, ווען מיר האָבן פון נאָענט דערזען די וועלט און אַלץ וואָס אין איר; ווען מיר האָבן זיך באַקענט פון דער נאָענט מיטן מענטש און זיין לעבן; ווען מיר האָבן צוזאַמען דערמיט באַקומען דאָס וואָס אַנדערע האָבן אונז געגעבן — האָבן מיר דערזען, אַז דאָס און וואָס מיר האָבן באַקומען, שטימט נישט מיט דעם וואָס האָט זיך אַנטוויקלט און לעבט אין אונזער מוח און נשמה. צו האָבן מיר אָבער אַ סך נאָכגעפאָרשט און אַנאַליזירט, צי האָבן מיר זיך פאַרטיפט און פאַרטראַכט, וואָס האָט זיך באמת פאַרעלטערט און אַנט־שפּרעכט שוין מער נישט, וואָס איז באמת חרוב און פאַרפוילט און וואָס איז עס — אין גרונט גענומען — דאָס וואָס בלויז זיין פאָרם איז אָפּגע־מעקט און פסול געוואָרן און עס זוכט פאַר זיך אַ מער אויפגעקלערטע און אידעלע פאָרם, ווייל עס איז נאָך לעבעדיק און פריש און שטרעבט נאָך צו העכערער באַנייונג?

מיטן כוח פון דער רעליגיע האָבן מיר עקזיסטירט במשך פון אונזער לאַנגן גלות, און נישט נאָר עקזיסטירט — מיט איר כוח האָבן מיר געליטן, געליטן אַ סך, שטאַרק געליטן; און מיט איר כוח האָבן מיר אויך געלעבט, אַ סך און פיל געלעבט. צי איז עס מעגלעך, צי קען עס דער מענטש־לעכער שכל באַנעמען, אַז אַזאַ כוח איז אינגאַנצן נאָר איין געוועב פון פאַנטאַזיע און גייסטיקע פאַרקריפּלונג פון פּראָסטן פּרימיטיוון גייסט, און פאַרמאָגט נישט אין זיך קיין שום גרונט־קערן וואָס האָט אַ קיום? די אָנגע־נומענע מיינונג, אַז מיטן פאַרלוסט פון דעם בלינדן גלויבן איז פאַרלוירן געגאַנגען אויך דער יסוד פונעם גלויבן, פון דער רעליגיע — צי איז זי אין אַ געוויסער מאָס דורכגעפּרווט און עקזאַמינירט געוואָרן מיט פאַר־שטאַנד, צי שטיצט זי זיך אין אַ געוויסער מאָס אויף דער לאָגיק און אויף דער מענטשלעכער נשמה? — —

די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה

האָט די נשמה פון אַ פּריוואַטן מענטש אַ קיום נאָכן טויט פון זיין קערפּער, אָדער נישט? דידאָזיקע פראַגע האָט באַשעפטיקט, — מען מעג זאָגן — אַלע זוכענדיקע מענטשן.

ניטשע דריקט אויס דעם געדאַנק וועגן דעם אייביקן ווידערקער, אומגעפער אויף אַזאַ אופן: די מאַטעריע איז אַ בעל תכלית, ד. ה. אַלע כוחות פון דער מאַטעריע, הגם זיי זיינען פיל און גרויס, האָבן זיי דאָך אַ גרעניץ.

אַלע כוחות פון דער מאַטעריע וועלכע ווירקן אין דער נאַטור, שליסן זיך צוזאַמען אין פאַרשידענע צוזאַמענשליסונגען און אַנטפּלעקן זיך אין פאַרשיעדענע פאָרמען, וואָס מיר רופן זיי נאַטור־דערשיינונגען און דערונ־טער — דאָס נאַטור־לעבן אויף אַ געוויסן צייט־אָפּשניט. די קוואַנטיטעט פון דידאָזיקע צוזאַמענשליסונגען איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַזוי גרויס, אַז מיר קענען זי אפילו נישט משער זיין, אָדער אויסמאָלן אין אונזער מוח, אָבער סוף סוף האָט זי אַ גרעניץ, אַזוי־ווי די מאַטעריע־כוחות האָבן אויך א גרעניץ. און אין א געוויסער צייט, לאָמיר אָננעמען נאָך ביליאָנען ביליאָ־נען יאָרן, וועט זיך דידאָזיקע גרעניץ ענדיקן און אויך די צוזאַמענשלי־סונגען וועלן זיך ענדיקן און קיין נייע וועלן מער נישט זיין. דאַן וועלן זיך די כוחות ווידער אַמאָל צוזאַמענשליסן לויט זייערע ערשטע צוזאַמענשלי־סונגען, און אַזוי ווידער און ווידער. אַזוי־אַרום וועלן דיזעלבע צוזאַמענ־שליסונגען וואָס פון זיי באַשטייט דאָס נאַטור־לעבן אין אַ געוויסן צייט־אָפּשניט, זיך איבערחזרן נאָך ביליאָנען ביליאָנען יאָרן און די נאַטור וועט דאַן באַקומען דיזעלבע פאָרם ווי מיט ביליאָנען ביליאָנען יאָרן צוריק, און אַזוי ווידער און ווידער. אויף אַזאַ אופן וועלן, למשל, מיר, וועלכע לעבן היינט, ווידער לעבן נאָך ביליאָנען און ביליאָנען יאָרן אין דערזעלבער פאָרם און דאָס זעלבע לעבן וואָס מיר לעבן היינט. און אויך דיעניקע, וועלכע וועלן קומען נאָך אונז, און אויך די וועלכע זיינען געווען פאַר אונז — אַלע דורות און אַלע צייטן, פון אייביקייט ביז אייביקייט.

ניטשע זעט אין אָט דעם געדאַנק וועגן דער פערזענלעכקייט פון מענטש, אַ מין געדאַנק וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה. אויב איך וועל לעבן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אומענדלעך, בין איך דאָך אייביק. ווייל די אַלע ביליאָנען און ביליאָנען יאָרן פון דער צווישנצייט וואָס איך לעב נישט, איז דאָך ווי זיי וואָלטן נישט עקזיסטירט פאַר מיר; פאַר מיר עקזיסטירט דאָך נאָר די צייט אין וועלכער איך לעב, און דידאָזיקע צייט איז דאָך אייביק. ס'איז, אַזוי־אַרום, פאַראַן אַ זין צו לעבן. און עס ליגט אויף מיר עפּעס אַן אחריות, ווייל אויב איך לעב היינט אַ פאַרדאָרבן לעבן, וועל

איך דאָך ווידער און ווידער און אייביק לעבן דאָסזעלבע לעבן. און אזוי אויך אומגעקערט, אויב איך לעב היינט א שיין לעבן, וועל איך ווידער, אייביק לעבן א שיין לעבן.

אויף וויפל דערדאָזיקער געדאַנק אלס געדאַנק וועגן דער אומשטערב־לעכקייט פון דער נשמה איז ריכטיק, זאָל אורטיילן ווער עס וויל. ס'זיינען פאראַן מענטשן וועלכע האלטן אז עס איז א ריכטיקער געדאַנק. פאַר מיר, למשל, איז אומפארשטענדלעך. וואָס פארא באַציאונג איז פאראַן צווישן מיר וואָס איך לעב היינט, און צווישן דעם סוביעקט וואָס וועט לעבן אין מיין געשטאלט אין ביליאָנען און ביליאָנען יאָרן ארום; אָדער צווישן דעם איך פון היינט און דעם איך פון דאַן, נאָכדעם ווי איך וועל שוין נישט געדענקען גאָרנישט וועגן דעם, וואָס איך בין היינט און וואָס איך לעב היינט.

דער גאַנצער מהות פון „איך" באַשטייט דאָך אין דער אחדות פון באַוווּסטזיין אין אָרט און צייט, דאָס הייסט, אז דער „איך" דערקענט זיך אלס איין גאַנצעס אין אלע איברים פון זיין גוף און אלע כוחות פון זיין נשמה און אין אלע צייטן וואָס ער לעבט, אין אלע טעטיקייטן וואָס ער טוט און ווערט באַווירקט דורך זיי. און אויב די־דאָזיקע אחדות פון באַוווּסטזיין איז נישט פאראַן, וואָס־פארא „איך" איז דאָ פאראַן? אזוי־ווי איך וועל — לויטן געדאַנק וועגן דער אייביקער ווידערהאָלונג — לעבן אומצייליקע מאָל, האָב איך דאָך שוין אויך געלעבט אומצייליקע מאָל — וואָס־זשע ווייס איך וועגן יענעם לעבן וואָס איך האָב שוין געלעבט? וואָס געדענק איך, וואָס דערקען איך אין מיר פון דעם דאַמאָלסדיקן „איך"? און וואָס־פאַרא אונטערשיד איז מיר, וואָס איך לעב היינט, צווישן יענעם „איך" וועלכער האָט אמאָל געלעבט אין דער געשטאלט אין וועלכער איך לעב היינט, און צווישן וועלכן־עס־איז אנדערן „איך" פון יעדן איינעם פון די־ניקע, וואָס לעבן היינט צוזאַמען מיט מיר, צי פון די וועלכע האָבן געלעבט אָדער וועלן לעבן?

און דאָס זעלבע גילט אויך בנוגע דער צוקונפט. וואָס־פאַרא ווערט האָט פאַר מיר דער „איך" פון דער צוקונפט, וואָס איך, וועלכער לעבט היינט, ווייס וועגן אים גאָרנישט און פיל אין אים גאָרנישט, און אויך ער וועט נישט וויסן און נישט פילן גאָרנישט פון מיר? און וואָס פארא ווערט האָט פאַר מיר דאָס לעבן אין דער צוקונפט, וואָס איך, דער וואָס לעבט היינט, האָט נישט און וועט נישט האָבן קיין חלק אין אים?

און אויסערדעם וואָס פאַרא אחריות, וואָס פאַרא וועגן אויך קלענסטער רמז פון אחריות איז דאָ פאַראַן, אויב די געשטאלט פון מיין „איך" איז סטאַביל־אומפאַרענדערלעך פון אייביקייט ביז אייביקייט אינעם געוועב פון די צוזאַמענשליסונגען פון די מאַטעריע־כוחות?

דאָס אַלץ באַווייזט נאָר, אויף וויפל דער גלויבן אין דער אומשטערב־לעכקייט פון דער נשמה איז איינגעוואָרצלט אין דעם מענטשנס נשמה, — אַז אַפילו דעריעניקער וועלכער פאַרלייקנט, אין פלוג, יעדע גייסטיקייט, איז געצוווּנגען פונעם עצם מהות פון זיין נשמה זיך אומקערן צו דעם גלויבן און אים באַנייען אין דער אָדער אַן אַנדער פאָרם.

דער מענטש וואָס באַגרייפט די אייביקייט, די אומענדלעכקייט פון אָרט און צייט וואָס אינעם גאַנצן אַלוועלטלעכן לעבן; וואָס זעט אַז דער סוד פון דער עצם באַשאַפונג איז די אייביקייט, — דערגייט מיט אַ נאַטירלעכער לאָגישער און לעבעדיקער נויטווענדיקייט גלייכצייטיק צום געדאַנק, אַז אויך ער, דער פּריוואַטער מענטש, וואָס באַגרייפט דאָס אַלץ, וואָס ברענגט דאָס אַלץ צו אַ באַוווּסטזיניקער אַנטפּלעקונג, איז אַ טייל פון יענער אייבי־קייט, אַז אויך ער אַלס אַזעלכער איז אין אַ געוויסער הינזיכט אייביק. וואָלט אָבער דער מענטש פאַרשנדיק דאָס געווען פריי פון יעטוועדער פּער־זענלעכער כוונה, ווען ער וואָלט געשטרעבט צו באַגרייפן דעם אמת, די אייביקייט פון דער באַשאַפונג און פון אים גופא, — וואָלט דאָך די פראַגע געשטעלט געוואָרן אויף אַן אַנדער אופן, אויף אַ מער גרינדלעכן:

צי האָט זיין פּריוואַטע נשמה געהאַט אַ קיום פאַר זיין געבורט, איידער ער איז געקומען אויף דער וועלט אין אַ פּריוואַטער געשטאַלט? און דאַן וואָלט ער געזען קלאָר, אַז די אייביקייט הויבט זיך נישט אָן מיט צייט, אַז די אייביקייט וואָס ער זוכט זי, איז יענע אייביקייט, וועלכע האָט עקזיסטירט אין לעבן און אין דער באַשאַפונג איידער ער איז געבוירן גע־וואָרן און זי וועט עקזיסטירן אין לעבן און אין דער באַשאַפונג אויך נאָך זיין טויט; און אַז ער אין זיין פּריוואַטער געשטאַלט, איז נישט מער ווי איינע פון די כוואַליעס וועלכע שאַפן זי, אָט די דאָזיקע אייביקייט. און דאַן וואָלט ער געזוכט די אייביקייט נישט נאָך זיין טויט, נאָר אינעם עצם לעבן. דאַן וואָלט ער געזוכט דעם אייביקייטס־סוד וואָס אין דעם מאָמענט. דאַן וואָלט אפשר דאָס מענטשלעכע לעבן באַקומען אַן אַנדער אינהאַלט און אַן אַנדער פאָרם. דאַן וואָלט אפשר געווען כדאי צו לעבן, און עס וואָלט אפשר כדאי געווען אויך צו שטאַרבן.

איינע פון די אַנטפּלעקונגען פון דער פאַרבאָרגענער בענקשאַפט פון דער מענטשלעכער נשמה צו אייביקייט, איז די שטרעבונג פון דער מער־הייט מענטשן, און באַזונדערס פון דיעניקע, וואָס זייער איינפלוס אויפן לעבן איז אין אַ געוויסער מאָס געווען קענטיק, אַז זייער נאָמען זאָל בלייבן אין זכרון נאָך זייער טויט. איינער שטרעבט איבערלאָזן זיין אָנדענק אין די ביכער וואָס ער האָט געשריבן, דער אַנדערער — אין די קונסט־שאַפונגען וואָס ער האָט געשאַפן, דער דריטער — אין די וויסנשאַפטלעכע אַנטדע־

קונגעון וואָס ער האָט אנטדעקט, דער פערטער — אין מחשבות, געדאנקען און מיינונגען וואָס ער האָט געטראכט, דער פינפטער — אין מעשים און ווערק וואָס ער האָט אויפגעטון א. אז. וו. דער עיקר איז, אז דאָס אלץ זאָל זיין גענוג בולט און קענטיק און זאָל אייביק טראָגן אויף זיך דעם נאָמען פון זייער אייגנטימער. און זאָל זיין באוווסט פאר אלע מענטשן אין אלע דורות און צייטן, אז אין דער צייט און אויף דעם אָרט האָט געלעבט אָט דער מענטש, וואָס האָט פאַרפאַסט, געשאפן, אַנטדעקט, געדענקט, געמאכט און אויפגעטון דאָס און יענץ.

ווי קליינלעך דאָס איז! און ווי אויבערפלעכלעך! וויפל קען דער פריוואטער מענטש, און מעג ער זיין דער סאמע גרעסטער צווישן די גרעסטע, בלייבן אין זכרון פון די דורות אלס פריוואט־באקאנטער, קענטיקער און בולטער מענטש? אממערסטען אייניקע דורות, אָדער עטלעכע הונדערטער יאָרן. נאָכדעם בלייבט נאָר דער נאָמען, וואָס ס'איז מער פאר קיינעם קיין נפקא מינה נישט, צי דער אָדער יענער מענטש האָט אזוי געהייסן, וואָס איז בעצם נאָר ווי אן אבסטראקטער נאָמען פון אן אבסטראקטער פערזענלעכקייט; און ענדלעך, ווען עס גייען פארביי טויזענטער יאָרן, ווערט אויך דער נאָמען פארטושט און מען הויבט אָן צווייפלען, צי עס האָט בכלל ווען־עס־איז געלעבט אזא מענטש, און אפשר איז זיין שאפונג נאָר א געזעלשאפטלעך־פאָלקסטימלעך ווערק. ווער ווייס היינט, ווער עס זיינען געווען האָמער, בודא, משה רבנו א. אז. וו.? ווער קען זיי אונז אויסמאָלן אין זייער פריוואטער, לעבעדיקער, ממשותדיקער און נישט־אַבסטראקטער געשטאלט? צי צווייפלט מען נישט אין זייער עצם עקזיסטענץ? און אפילו זינט דער צייט ווען מען שרייבט פינקטלעכע געשיכטע, ווער קען אונז אויסמאָלן, וואָס ס'וועט זיין אין דער הינזיכט נאָך צענדליקער טויזנטער יאָרן און מער? ווער וועט נאָך הונדערטער טויזענטער יאָרן, נאָך א מיליאָן יאָרן, דערמאָנען די נעמען פון קאָפערניק, שפינאָזע, קאַנט, טאָלסטאָי א. דגל.? און וואָס־פארא באדייטונג האָט די צאָל יאָרן קעגנאיבער דער אייביקייט? עס איז דאָך ווייניקער ווי א טראָפּן אין ים.

דאָ אנטפלעקט זיך ווידער יענער הויפּט־פונקט פון אָט דער שטרעבונג צו אייביקייט, וואָס איז פריער אויפגעקלערט געוואָרן. די פריוואטע פערזענלעכקייט איז נישט מער ווי א פאַריבערגייענדיקע כוואַליע איבעם אייביקייטס־ים פון לעבן און פון דער באשאפונג. אייביק איז אין דער פריוואטער פערזענלעכקייט נאָר דער געהיימער, לעבעדיקער רושם וואָס זי לאָזט איבער אין לעבן, אויף וויפל זי העלפט־מיט שטארקן דעם באנייענדיקן און שאפנדיקן גייסט וואָס אין לעבן. דאָס וואָס זי לאָזט איבער אין לעבן נאָך איר טויט וועט קענען ווירקן אין לעבן, נאָר אויף אזויפיל אויף וויפל

עס האָט נישט באַוויזן ווירקן בעת איר לעבן, אויף וויפל עס האָט נישט באַוויזן אויפגענומען צו ווערן אין די מוחות און הערצער, אָדער אויף וויפל עס האָט נישט באַוויזן זיך צו אַנטפּלעקן. עס איז ענלעך אויף דעם וואָס לאָזט איבער נאָך זיך אַ שוואַנגערדיקע פרוי, וועלכע געבוירט ערשט נאָך זיין טויט, אָדער — אין אַ סך אַ ברייטערע מאָס — אויף יענע ווייטע שטערנס, וואָס זייער ליכט דערגייט צו דער ערד ערשט נאָכדעם, ווי זיי זיינען פאַרלאָשן געוואָרן און זיינען שוין מער נישט דאָס, וואָס זיי זיינען געווען און וואָס אויך דאָס דאָזיקע ליכט זייערס וועט סוף סוף — אין אַ געוויסן טאָג — פאַרשווונדן ווערן.

לעצטע באַטראַכטונגען

— — — דאָס וועזנטלעכע אינעם „משוגענעם איש הרוח״, אַזוי־ווי מיר זעען אים אין אַלע זיינע פאַרשידענע פאָרמען זינט די אַמאָליקע צייטן ביז היינט, באַשטייט דערין, — וואָס ער קען נישט משלים זיין מיט דעם עקזיסטירנדן לעבן, ער קען נישט אָפּווענדן זיין אויפמערק־זאַמקייט פון אים, אָפּנאַרן זיך אויף זיין חשבון, און ער האָט נישט קיין אויסוועג דערפון נישט אין פּאָעזיע און געזאַנג, נישט אין וויסנשאַפט און ליטעראַטור, נישט אין קונסט און אין די פאַרבאַרגענישן פון זיין אייגענעם אויסגעשליפענעם און אויסגעצאַצקעטן, אָדער, פּשוט, באַגרעניצטן „איך״, און אפילו נישט אין דער רעליגיע. דאָס לעבן זוכט ער און נישט דאָס אַנטלויפן פון לעבן. אַ מענטשלעך לעבן, אַ לעבן בצלם אלוהים, אַ לעבן ביז צו אומענדלעכקייט. און דעריבער, אין זיין אורצייטיקער פאָרם, זייענדיק נאַיוו, פול מיט לעבן, אַ נאַטור־קינד — פאָדערט ער מיט דער גאַנצער אַנטשידנקייט, ער פאָדערט אין נאָמען פון גאָט און זיינע רייד זיינען דורכגעדרונגען מיט קראַפט, מיט לעבנס־טיפקייט, פלאַקער־פייער שלאָגט פון אים. ער מאַכט אַלץ אָפּהענגיק פונם ווילן פון מענטש: וועט דער מענטש וועלן, וועט ער זיין גוט און זיין לעבן גוט.

אַזוי איז עס געווען אַזוי־לאַנג ווי דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט אויף זיין אייגענעם באָדן אין זיין לאַנד; די מענטשן זיינען געווען לעבע־דיק, גאַנץ מיט גאָט און מענטש, מיטן לעבן און מיט דער וועלט. אַנדערש אָבער איז עס זינט מיר זיינען אויסגעריסן געוואָרן פון אונזער באָדן, זינט מיר זיינען אויסגעוואָרצלט און פאַרוועלקט געוואָרן, לעבנס־אָרים און גייסט־קליין. באַזונדערס האָט עס זיך געענדערט אין די לעצטע דורות, זינט

עס האַלט אין אויסטריקענען אָט יענער באַגרעניצטער קוואַל פון זעלבסט־שטענדיקן לעבן, וואָס האָט זיך נאָך אויפגעהיט צווישן די מויערן, — און מיר אַלע בכלל, צוזאַמען מיט אַלע מענטשן, האָבן דערוואָרבן מער חכמה און וויסן אויפן חשבון פון גייסט און לעבן.

היינט איז שוין דער „משוגענער מענטש פון גייסט" נישט מער גייסט־שטאַרק, תקיפותדיק אין זיין מיינונג, פול מיט לעבנס־קראַפט און העכערן פייער, ווי זיינע אַמאָליקע אבות. ער איז פול מיט פאַרביטערונג און ווייטאָג אין אַנבליק פון דעם אַלעם, וואָס ער זעט אין לויף פון זיין לעבנסוועג, פול מיט ספקות, צי איז בכלל פאַראַן אַ תיקון פאַר אָט יענער תוהו־ובוהו־וועלט וואָס הייסט מענטשלעך לעבן, פאַר אָט יענער משונה־דיקער בריה וואָס הייסט מענטש, און דער עיקר, צי איז נאָך פאַראַן ביי די מענטשן אַ ווילן צו אויסבעסערונג.

מיט איין זאַך, אָבער, איז ער ענלעך צו זיינע אַמאָליקע אבות — דער־מיט, וואָס ער קען נישט משלים זיין מיט דער ווירקלעכקייט, וואָס ער קען נישט אָפּוועגדן זיין אויפמערקזאַמקייט פונם לעבן, וואָס ער האָט נישט קיין באַהעלטניש פונם לעבן, נישט אין פּאָעזיע און געזאַנג, נישט אין ליטעראַטור און קונסט און נישט אין די פאַרבאָרגענישן פון זיין באַש־רענקטן „איך". וואָס טויג מיר גייסט־שיינקייט אָדער גייסט־איידלקייט, מיינע אייגענע נשמה־דערהויבנקייט — לעבן! אַ פול און גאַנץ לעבן, אַ גרויס, העכער לעבן, חיי עולם! דאָס לעבן דאַרף זאָגן שירה, דער מענטש דאַרף זיין אַ לעבעדיקע שאַפונג, פונם לעבן טאָר מען נישט אָפּוועגדן די אויפמערקזאַמקייט אויף קיין איין מינוט. וואָס־דען זיינען די ליטעראַטור — די שיינע ליטעראַטור, די קונסט א.אז.וו. אויב נישט קיין מיטלען אויף אָפּצוּוועגדן די אויפמערקזאַמקייט פון לעבן, אויף אַנטלויפן פון לעבן אין אַ וועלט פון שיינקייט, פּאָעזיע און שאַפונג? מען טאָר נישט אַנטלויפן. מען טאָר זיך נישט אויסבאַהאַלטן — אָדער לעבן אָדער טויט, טויט ממש! אַ דריטע זאַך איז נישט פאַראַן.

דערין באַשטייט דער טראַגישער גורל פונם היינטצייטיקן „משוגענעם מענטש פון גייסט": ער פאַרמאָגט נישט מער ווי זיינע אבות יענעם פעסטן באָדן אונטער זיינע פיס, יענעם אַבסאָלוטן בטחון, אַז דאָס לעבן און אויך דער מענטש נישט נאָר וואָס זיי דאַרפן, נאָר זיי קענען און זיינען מחוייב צו זיין פולקאָם; די פאָדערונג פון זיין נשמה איז אָבער נישט ווייניקער אַנטשידן און עקשנותדיק ווי זי איז געווען ביי יענע. און אפשר צוליב דעם כסדרדיקן צוזאַמענשטויסן זיך און רייבונגען מיט ספקות, סתירות, גלייכגילטיקייט און צופּאַסונגס־לייכטקייט פון דער גרעסטער מערהייט און פון אירע פירער, שרייבער, דיכטער, קינסטלער, — איז זי נאָכמער צוגע־

שפיצט געוואָרן ביז צו א מין „אידעע פיקס". אויך אין די טיפעניש פון זיין נשמה לעבט די אַבסאָלוטע אוממיטלבארע זיכערקייט, וואָס הערט זיך נישט צו צו קיין שום פילאָזאָפיע, אז אלץ איז אָפּהענגיק פון מענטשנס ווילן. אָבער זעענדיק די מערהייט מענטשן דערוועקט זיך ביי אים דער ספק, צי קען די מערהייט מענטשן וועלן, אָדער צי איז זי בכלל געניגט צו וועלן דאָס, וואָס זי דארף וועלן. זיין גאנצער בנין שטיצט זיך אויף א ספק: אפשר קען מען אויסבעסערן, אפשר האָט זיך נאָכנישט פארענדיקט די שאפונג פונעם מענטש און ער דארף נאָך גובר זיין זיך ווייטער, אין א מער דערהויבענער ריכטונג. אַן אנדער יסוד פון אָט דעם „אפשר" האָט ער נישט, אָבער אין אים, אין אָט דעם „אפשר", האלט ער זיך ווי אין א רעטונגס־אנקער און פאר אים איז ער זיך מוסר נפש. — — —

און נאָך אייניקע ווערטער וועגן נעקראָלאָגן, הספדים א. אז. וו. מענטשן וואָס ווילן באַערן דעם וואָס וועט שוין מער נישט קומען צוריק, דארפן זיי דאָך נעמען אין אכט, אז דער וואָס איז אוועק עקזיסטירט שוין נישט. דאָס אלץ וואָס איז געווען „ער" איז אריבער צום שאַץ־הויז, צום אוניווערסאלן שאפונגס־הויז און האָט זיך צעגויפגעגאסן אין אים, לויט אזעלכע פארבינדונגען און באציונגען, וואָס די ביים־לעבן־געבליבענע קענען זיי נישט באַגרייפן. זיי שטייען פאר אן אוניווערסאלן סוד, און זיי דאַרפן זיך באַציען צו אים ווי צו אן אוניווערסאלן סוד. און אויב זיי ווילן אים באערן, דאַן איז נישט פאַראַן פאר אים קיין אנדער כבוד, ווי נאָר דורך שווייגן. זאָל זיך יעדער איינער מתייחד זיין אין זיין ווינקל, אין דער פארבאָרגעניש פון זיין נשמה, זאָל ער זיך פאַרטראַכטן אָדער וויינען שטי־לערהייט אויפן גורל פון דעם וואָס איז אוועק, און אויפן גורל פון מענטש בכלל. איז עס נישט גענוג?

אזוי האָב איך געהאנדלט, איך האָב באהערט יעדן וואָס איז אוועק מיט שווייגן. און איך וואָלט וועלן אז אזוי זאָל מען זיך נוהג זיין מיט מיר. די וואָס ווילן מיך באהערן — זאָלן עס טון דורך שווייגן. און לכל הפחות איין יאָר זאָלן זיי גאָרנישט רעדן און שרייבן וועגן מיר.

וועגן די זאַכן וואָס איך האָב געשריבן דאַרף מען רעדן, נאָר אויב און אויף וויפל עס איז נאָך פארבליבן אין זיי א לעבעדיקער ווערט, דאָס הייסט נישט אַ ליטערארישער אָדער פובליציסטישער ווערט, נאָר אַ לעבע־דיקער ווערט פאַרן לעבן וואָס באנייט זיך.